STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01919

ALE VERK

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלע ווערק

י. ל. פּרץ.

י. ל. פּרץ.

אדם וחוה

פֿערלאַג „פּראָגרעס".

ווארשא, תר"ע.

אלע ווערק
י. ל. פרץ
פיערטער באַנד

Тип. „Универсалъ“, Варшава, Лешно 31
1 9 1 2 г.

I-טער טייל

אינהאלט:

I-טער טהייל

דער פֿעטער שכנא און די מוהמע ואכנע . . . 9
מענדעל ברייינע'ם 19
עלענד 27
א כעם פֿון א יודינע 37
אז מען זאגט משוגע גלויב 44
האשה מרת חנה 55

II-טער טהייל

וואם הייםט נשמה ? 101
וועגום און שולמית 117
אין פאסט-וואגאן 124
די אלמנה 144
התונה געהאט 147
קלאץ געשוכטען 172
נאך קבורה 184
צוזאמען 190

III-טער טהייל

דער חעלמער מלמד 197
אהן מזל 202
פֿון וועג אראב 208
אין קעלער שטוב 211
מוסר 220
פֿאר דער טהיר 227
אין סקווער 232
שוועסטער. 239

IV-טער טהייל

ער און זי 247
א ליעבע 250
געה נישט מיט מיר 258
דער שטראהל 262
עס זענען קיין וואונדער געשעהן 276

V-טער טהייל

אמאל איז געווען.

דער זווג 293
פדיון שבויים 301
לבנה, פערל און אלטווארג 306
צוריק און דער אלטער היים 311
טרויער 318

I

דער פעטער שבנא

און

די מוהמע יאחנע

(אײן אויסגעפלוידערטע מעשה, נאר פאר דאס אײן אמת'ע מעשה).

מײן פעטער האט געהײסען שבנא און די מוהמע יאחנע.

צי איז דאס געװעזען אנגעגרײט אמישנע פון דער השגחה פרטית, איך זאל מיך נישט דארפען קװעלען, בײם אויסזוכען א גראם צו זײערע נעמען, אויב איך װעל זײ װעלען בעזינגען? אדער עס איז אזוי געװארען על פי מקרה? דאס װײס איך נישט! אמת דאס מוז מען זאגען: די השגחה פרטית זאל מיך אין זינן האבען, און שטענדיג מיך פערזארגען מיט גראמען, װאלט איך קײנמאל קײן פראזע נישט געשריבען; שטענדיג גראם — שטראם... עס װאלט דערפון קײן „לעטניק״ נישט ארויסגעקומען, דער עולם װיל דוקא נישט קײן גראמען, נאר פראזע און דוקא פשוט „כדבר איש אל רעהו״, דאס הײסט: עס זאל נישט זײן װאס צו פערשטעהן.. װײל לעזען האט מען ליעב, דאס האט מען שוין בירושה... נאר עפּיס װיסען איז נישט כדאי... פון דעסטװעגען — כבוד איז כבוד!

נאר לאמיר צוריק געהן צו'ם פעטער שבנא און דער מוהמע יאחנע.

נישט מיט די נעמען אַליין זענען זיי געווען ווי געפּאַסט! זיי האָבען געהאַט אַפילו איין וואוקס, איין דיק, גלייכע נעז מיט אויגען!

איך בין אייך אַפילו נישט מחויב צו זאָגען, פון וואַנען איך ווייס עס. אַ שרייבער האָט דאָס רעכט צו וויסען אַלץ, אַפילו, וואָס עמיץ האָט אונטערן נאָגעל, בפרט אין מח און האַרץ... דער מנהג איז זאָגאַר, אַז ער דערצעהלט אַפילו דאָס, וואָס מען טאָר גאָר נישט אויסזאָגען... זענען אָבער אויף דער וועלט פערהאַנען אַזוי פיעל נאַרישע און שלעכטע פּראַוועס, אַזוי פיעל אידיאָטישע, קראַטישע מנהגים, אַז עס איז אַ חרפּה און אַ בושה, אַנ'אָרענטליכער מענש זאָל זיך פעררופען אויף אַ פּראַווע אָדער פערטהיידיגען זיך מיט אַ מנהג.

דעריבער מוז איך אייך זאָגען, אַז זיי זענעןביידע צוזאַמען געשטאַנען ביי מיין חופּה! און, ווייל איך האָב חתונה געהאַט צו דרייצעהן יאָהר, און, ווייל איך האָב דעם חזן מיט דעם רב מיט טאַטע־מאַמע געקענט, די כלה איז געווען פערשלייערט און קיין יונגען זענען ביי דער חופּה נישט געוועזען, ווייל עס איז געוועזען אַ גרויסע רעווייע אונטער דער שטאָדט — האָב איך מיך פערקוקט אויפ'ן פעטער שכנא מיט דער מוהמע יאַחנע, וואָס זענען מיר געשטאַנען פונקט געגענאיבער, — און דערזעהן, אַז זיי האָבען ביידע פונקט גלייכע אויגען; קליינע, לויפענדיגע, גלייך זיי וואָלטען שטענדיג געזוכט אַנ'אָרט, צו בעהאַלטען זיך פאַר פחד אָדער פאַר בושה. עס האָט מיר אַזוי קאָמיש אויסגעזעהן, אַז איך האָב מיך אונטער דער חופּה צולאַכט, און דער טאַטע, עליו השלום, האָט אַרויפגעלעגט אַ פינגער אויפ'ן נאָז, נאָך וועלכען עס פלעגט שטענדיג קומען אַנ'אויערן־דרעהעניש אָדער עפּיס ערגערס...

מיין מערכה איז געוועזען, וואָס דער מסדר קדושין האָט אָנגעהויבען זיין שפּרוך.

ביי דער גילדענער יויך איז מיר איינגעפאַלען, אַז איך האָב אַ גרייטען אָנהויב צו'ן אַ שיר:

מיין פעטער שכנא,
מיין מוהמע יאַחנע,

און איך קען אַזאַ שיר אַוועק שיקען אין דער וואַרשויער צייטונג אַריין, פון וועלכער איך האָב בסוד סודות געוואוסט.

איך וואָלט עס בעסער געשריבען אויף לשון הקודש:

דודי שבנא
דודתי יאַחנאָ,

נאָר דעמאָלט זענען נאָך די „הנצנים" נישט געווען...

אַז זיי האָבען ביידע אַקוראַט איין גרוים, בין איך אויף זיבער גע־וואָהר געוואָרען ערשט דעם צווייטען טאָג.

מעשה שהיה כך היה: ביי'ן טאַטען אין דירה איז זעהר ענג גע־ווען. איך האָב, ברוך השם געהאַט אַ זיידען, טאַטע־מאַמע און זיבען שוועסטער און ברידער; און געבליבען בין איך דאָך ביי'ם טאַטען אויף קעסט! מיין טאַטע האָט געהאַט זיין אייגען הויז! מיט 10 רובל אייגענס און 290 רובל געבאָרגטע אויף וואָכער, האָט ער אָבגעקויפט ביי אַ מיעשציאַן אַ שטוב מיט אַ חזיר־שטעלכעל. פון שטוב איז געבליבען שטוב; פון חזיר־שטעלכעל האָט מען געמאַכט אַ האַלץ־קאַמער. אַז מען האָט מיך אויס נאָר נישט אַרויס געגעבען האָט מען געהאַט אַ קורצען ישוב, אַז דאָס האָלץ קען פראַנק און פריי ליגען אויפ'ן הויף, בפרט אַז נישט שטענדיג איז האָלץ געווען — מעהרסטענטהיילס דרענג־לעך און טהייל מאָל — גאָר נישט... סיי ווי סיי וועט עס נישט געפרוירען ווערען, און טריקענען אין באַק־אויווען איז לייכט, און, אַז אויב מען וועט נאָר אַרויסנעמען דאָס האָלץ, קענען שטעהן אין קעמער'ל צוויי בע־טען, מען וועט קענען דורכגעהן אויך. און צוויי בעטען איז לכל הדעות גענוג פאַר אַ פאָר פאָלק.

דעם פלאַן האָט אויפגעגעבען דער שדכן; וואָרום דער טאַטע האָט זיך איינגעשפּאַרט, „יענער" זאָל אָבגעבען פריהער די קעסט, דערווייל וועט ער אויסצאָהלען די 290 רובל חוב פאַר'ן הייזעל און וועט זיין בכח צו־צושטעלען אַ שטיבעל.

און גלאַט, ווי האַלט מען קינדער, וואו עס זענען חזרים געשטאַנען?

דער מאַמען האָט עס ווייניגער געאַרט.

— באַ — האָט זי געזאָגט — זעהסט דו שוין! דריי יאָהר קעסט אי־בערקומען! אויך אַנ'עסק!

און עס איז אַזוי געבליבען.

דעם צווייטען טאָג האָט מיין אשתי חוה'לה באין אופן נישט געוואָלט אַרויסקריכען פון חזיר־שטעלכעל אויף דער ליכטיגער שיין. אַרויסגעהענדיג דאַווענען, האָב איך אַנ'אויג געוואָרפען אויף איהר בעט, געזעהן די קאָלדרע מיט די קישען, נאָר אָהן אַ פּיצעל פנים.

און געגלוסט האָט זיך מיר שטאַרק צו זעהן, ווי מײַן אשתי חוה'־לע זעהט אויס, חאָטש נאָך נעכטען בײַ דער גילדענער יויך איז עס מיר נישט אײַנגעפאַלען; מיר איז די גרויסע רעוויע געלעגען אין קאָפּ. רופען זי, האָט זיך מיר עפּיס נישט געלעגט אויף דער צונג: „חוה" איז צו פּיעל פאַן־בראַט, „ווײַב" איז צו גראָב... יעדערער דאַרף וויסען? וואָס?

דעם אמת זאָגענדיג, געפעלט מיר נישט עד היום דער מנהג בײַ די דײַטשען. מאַן און ווײַב זאָלען שטענדיג שפּאַצירען צוזאַמען און דוקא אונטער די הענד, עס זאָל חס ושלום קיינער קיין טעות נישט האָבען, יעדערער זאָל וויסען כּהויה, ווער — מיט וועמען — ווייס איך דאָרט! און זײַ לאַכען נאָך פון אונזער כּיור אין בית־המדרש, וואָס מען וואַשט זיך די הענד בּריש גלי...

נאָר איך פאָהר שוין אַראָב אין א זײַט; איך האָב זי חשק צו רופען, און ווייס נישט, ווי אַזוי. „הער נור — זי!" האָט מיר אויך פון האַלז נישט געוואָלט אַרויס; אַזוי רעדט מען צו א דיענסט, נישט צו א ווײַב.

איך בּין געשטאַנען און געשטאַנען און געקלערט, בּיז דער טאַטע האָט אַרײַן געשריגען: געהסט?

איך האָב געחאַפּט א ציטער און בּין אַרויס מיט גאָר נישט.

לויט דעם עגול, וואָס די קאָלדרע האָט בּולט געמאַכט אין דער הויך, האָב איך דאָך פערשטאַנען, אַז מײַן אשתי חוה'לע האָט זיך אײַנ־געצויגען ווי א קנויל, איבערגעדעקט זיך און ליגט מיט'ן פּנים אין קישען אַרײַן.

עס פאַלט מיר אײַן אויפ'ן וועג אין בית־המדרש אַרײַן, אַז זי מוז בּענקען אַהײם; בּאַלד נאָך דער וויעטשערע זענען מײַן שווער און שווי־גער און איהר טאַטע־מאַמע אַוועק געפאָהרען.

ער איז געוועזען א שמש אין א נאָהנט שטעדטעל און צו מאָרגענס איז דאָרט פּונקט געווען א גבירה'שע חתונה; זי האָט געהאַט א שטעלעכעל מיט בּענדלעך און קנעפּלעך. און „קוים דרעהט זי אַוועק דעם קאָפּ, שטעלען זי די שנירען בּדיל הדל"...

בּײַם אַוועקפאָהרען האָט זיך מײַן אשתי חוה'לע צעוויינט אויף א קול. דער פאָטער דער רגזן האָט א געשריי געטהון: סמאַרק! די מוטער האָט איהר צוגעזאָגט צו שיקען א מתנה, דאַכט זיך מיר — א פּאָר עהלען שליסעלבּורגער געדרוקטען ציץ...

און מען האָט זי קוים איינגענומען.

איצונד בּעְנגט זי אַודאי — טראַכט איך — אַהיים; און האָב אויף איהר שטאַרק רחמנות.

דאָס רחמנות האָט מיך בּיים גאַנצען דאַוונען נישט אָבגעלאָזט. איך האָב געוואָלט ווי אַם געשווינדסטען אַהיים לויפען. זעהן צי אשתי חוה'לע וויינט שוין נישט; איך האָב אָבער געמוזט וואַרטען אויפ'ן טאַטען.

אין דער טהיר, האָט אונז די מאַמע בּעגעגענט מיט אַ רגזון:

— אַ שעהנע פּריצה האָט „עטץ" מיר איינגעהאַנדעלט! ווי געפעלט זי דיר? זי וויל דאָך נישט אַרויס פון בּעט! אָט מוז איך איהר צוטראָגען קאַווע אין בּעט אַריין!

מיין מאַמע האָט ליעב געהאַט „אמת" ווי דאָס לעבען, נאָר דעם „אמת!" פלעגט זי פון מיר פערלאַנגען, אַז איך בּין אַהיים געקומען מיט אַ צודראַפּעט פּנים אָדער אַ צוריסען היטעל... צום טאַטען פלעגט זי האָבען אייביג פאַלשע פּרעטענסיעס. וואָרום משדך זיין זיך מיט ר' יאָקעלע־יענטע־בריינעס (אַזוי האָט מיין שווער געהייסען) האָט זי דער עיקר געוואָלט. דער טאַטע האָט נאָך געהאַלטען בּיי'ן אַ ישוב און זי האָט געהייסען „צו־שלאָגען". „אַנ'עק זאָל זיין!" האָט זי געוואָלט... און אַ בּעשטענדיגע שוואַכקייט האָט זי געהאַט צו זאָגען „קאַווע" אויף ציקאָריע.

איך, נאַטירליך בּין נישט אַריין געגאַנגען אַהין, דער טאַטע אויך נישט, חאָטש אשתי חוה'לע האָט נישט געוואָלט די קאַווע טרינקען, שפּעטער זענען געקומען דער פעטער שכנא און די מוהמע יאַחנע, און, אַז מען האָט זיי דערצעהלט, דאָס די „שנור וויל נישט אויפשטעהן", זענען זיי בּיידע גלייך אַריין אַהין. און — ווייל די טהיר איז געווען אַ נידריגע, ווי עס פּאַסט פאַר אַ חזיר־שטעלכעל — האָבען זיי זיך בּיידע אָנגעשלאָגען מיט די נעז אָן דער אויבערשטער לייסט, און איך האָב אַליין געזעהן מיט מיינע אויגען, אַז בּיידע האָבען בּעקומען די צייכען אַקוראַט אויף איין אָרט, — אויף די שפּיץ נאָז...

האָט איהר דעם בּעסטען בּעווייז, אַז מיין פעטער שכנא און מיין מוהמע יאַחנע האָבען געהאַט איין גרוים.

אַזוי זענען אויך זיי זיך עהנליך געוועזען, ווי שוועסטער און בּרודער!

מען דערצעהלט אַזאַ מעשה:

מיין מוהמע יאַחנע קומט אַרויס פון האָצעפּלאָץ און האָט נאָר אַהער

חתונה געהאַט צום פעטער. ווען דאָס איז געוועזען ווייס איך נישט נאָר די מעשה איז אַנ'אמת.

דעמאָלט איז ביי אונז געוועזען אַ בורמישטש אַ צורר יהודים, וואָס האָט זיך איינגעשפאַרט, אַז מען זאָל נישט חתונה מאַכען אָהן אַקטען. מען זאָל וועלען מאַכען אַקטען, וואָלט מען שוין געמוזט וואַרטען ביז 17—18 יאָהר, ווי דער דין איז. און אַ יוד, וואָס קינדעלט און קינדעלט, זאָל וועלען וואַרטען מיט'ן בכור ביז 18 יאָהר. וואָלט ער שוין קיין נחת אינם מוזיניקעל נישט דערלעבט! נאָך אַ ברית דאַרף מען זיך נישט אַברוהען, אָבער נאָך חתונה מאַכען אַ קינד, מוז מען שוין וואַרטען אַ שעהנע פאָר יאָהר, איידער מען קומט צוריק צו די כחות אויף אַ נייע חתונה...

קורץ פון דער זאַך — דער ימח־שמו'ניק האָט דאָך דאָס נישט געוואוסט, פלעגט ער שיקען רופען די געקומענע חתנים און כלות, פרעגען, מכלומרשט, אויף פעסער און אין איינוועגס חוקר ודורש זיין, צי עס איז נישט געוועזען אַ שטילע חופה. איהר פערשטעהט אַנ'עסק?

מן הסתם איז ער נישט געוואָהר געוואָרען.

די חתונה־געהאַטע קינדער האָבען געקוועטשט מיט די דאַרע פלייצעלעך אויף: „איני יודע". און צוריק געשמועסט, ווער האָט פערשטאַנען פויליש? און אַז דער „פאָליציי", וואָס האָט געקענט יודיש, האָט איבערגעפרעגט, האָט מען איהם געענטפערט: ווער? ווען? וואָס? האַ! ווייס איך!

און גאָר נישט.

נאָר דאָס איז רעכט — אַ חתן... שיקען די כלה צום בורמישטש איז דאָך נישט קיין שטייגער! פלעגט מען נעמען יונגלעך, בעהאַלטען די פאה'ליך אונטער די אויערלעך, אָנטהון אין קליידלעך און אַהין שיקען אויפ'ן אָרט פון די כלות! פאַר „לא תלבש אשה שמלת גבר", האָט מען קיין מורא נישט געהאַט, ווייל עס איז דאָך נישט, חס ושלום, לשם עבירה.

איינמאָל האָט מען שיער נישט געפלאַצט פאַר געלעכטער: עפּיס אַ כלה איז אַזוי געפעלען געוואָרען דעם בורמישטש, אַז ער האָט זיך, מחילה, צושפרייט די וואָנסעס און דערלאַנגט איהר אַ קוש אין שטערן אַריין און געשענקט נאָך אַ קאַרמעלקע!

אַז עס איז געקומען דער גורל אויף דער מוהמען, איז געבליבען,

אַז דער חתן אַליין זאָל זיך פערשטעלען פאַר דער כלה. אַז דער בורמישטש וועט איהם נישט דערקענען, איז מען זיכער געוועזען, ווייל מיין פעטער שבנא פלעגט זיך נישט ווייזען אין גאַס אַריין מיט אַלע יונגלעך צוגלייך; ער איז געוועזען, לא עליכם, נישט קיין געזונדטער און איז שטענדיג געזעסען און געלערנט. פון וואַנען זאָל ער איהם קענען?

דער בורמישטש האָט איהם לאַנג נישט געהאַלטען. ער האָט איהם — „געלויבט איז זיין ליבער נאָמען!" תוך כדי דבור געהייסען אַרויסוואַרפען: „וואָן, דאָס פאַסקודסטוואָ"... „טאַקי זכות אָבות — פלעגט די באָבע זאָגען — איז געשעהן, וואָרום דער פעטער שבנא איז נישט איבעריג קלוג און ווער ווייסט, וואָס ער וואָלט אויסגעפּלאַפּעלט!"

אַז ער איז צוריק אַהיים געגאַנגען, האָבען אַלע געשריגען אין גאַס, אַז ער איז „די כלה אויס'ן אויג!" טאַקי — „כהויה". אין שטוב, איידער ער האָט צייט געהאַט זיך איבערצוטהון, האָט דער מחותן — אַ פערטראַכטער יוד געוועזען! — אַ טעות געהאַט און דערלאַנגט איהם אַ מתנת יד: „יאַחנע! פאַר וואָס ווישט דו דיר נישט אָב די נאָז?!"

דערנאָך האָט זיך געטראָפען אַזאַ מעשה:

אַז עס איז אַרויסגעקומען די גזרה פון די בערד, האָט די ערשטע קויל געטראָפען מיין פעטער שבנא. ער איז געגאַנגען אין מאַגיסטראַט אַריין צאָהלען אַ פּאָדאַטעק, האָט מען איהם געכאַפּט און צורעכט געמאַכט באָרד און פּאות. אַז ער איז אַראָב אין גאַס אַריין, איז געוואָרען אַ געשריי: פּה אחד, אַז יאַחנע איז משוגע געוואָרען, און האָט זיך פערשטעלט פאַר'ן פעטער שבנא!

ער האָט פאַר שרעק און בושה צוזאַמען, געמאַכט פלטה אויס דער שטאָדט אַרויס.

יונגען און ווייבער יאָגען איהם נאָך: ער אויפ'ן פעלד, זיי אויפ'ן פעלד; ער אין וואַלד אַריין, זיי אין וואַלד אַריין, ביז ער איז זיי פערלוירען געוואָרען צווישען די בוימער.

אַז זיי זענען צוריק אין שטאָדט אַריין, און געטראָפען די אמת'ע מוהמע יאַחנע — וואָס קלערט איהר? — מען האָט איהר אין מיטען גאַס אָבגעריסען די קאָפּקע. ווען נישט די פּאָליציי, וואָס איז איהר געקומען צו הילף, וואָלט פון איהר קיין שריד ופליט נישט געבליבען.

ביידע זענען קראַנק געוואָרען פאַר שרעק און בושה. און אַז מ'ענער און

ווייבער זענען געקומען מבקר חולה זיין, האבען זיי נישט געוואוסט, צו וועלכען בעט צוצוגעהן. אונטער די איבערבעטען, האט מען נישט דער־קענט, וואו עס ליעגט שכנא און וואו יאחנע.

נאר דאס אלץ זענען אלטע זאכען... היינט איז זיי שוין לייכט צו דערקענען: דער פעטער שכנא האט א באָרד ביז אין גארטעל, און חאטש די מוהמע יאחנע וויל איהם נאכמאכען און עס שפּראָצען איהר עטליכע הערלעך פון דער גאמבע, קען זי זיך גארנישט פערגלייכען מיט זיין בעזעם, מיט וועלכען מען האט געקענט אויסקעהרען א בית המדרש.

הכלל — זיי זענען זיך זעהר עהנליך געווידען. אויב דער בורמישטש מיט זיין גוי'ישען געשמאק האט געזאגט אויף איהם פאסקודסטווא, וואלט ער דאס אייגענע געזאגט אויף איהר. פאר מיר וויטער, זענען זיי ביידע שעהן געוועזען; נאר דאס געהט אייך נישט אן. איך וועל דעריבער נאר רעדען פון זייער עהנליכקייט, איהר מוזט וויסען, אז זיי האבען געהאט אפילו א גלייך קול! אז זיי זענען אריין צו דער כלה, האב איך געהערט צוויי גלייכע גראָבע קולות און איין ווייגענדיגען קול, וואס האט זיך ערשט שפּעטער אנגערופען.

— חוה'לע! — האב איך געהערט — וואס איז דאס פאר א א שטייגער?

— חוה'לע! טהוסט אן עגמת נפש שווער און שוויגער!

— קינד און קייט וועט אוים דיר לאַכען?

— ווי הייסט? פאר וואס?

— ווער טהוט אזוי:

— געסט וועלען קומען?

— צאצקע מיינע, נחת מיינס, הער עלטערע קרובים, זיי ווילען נאר דיין גוטס!

— ביזט דאך שוין נישט קיין קינד!... א מענש!

אזוי האבען ביידע געשיט מיט שאלות, עצות און געבעט און איך האב קיין איינציג מאל נישט דערקענט, ווער עס רעדט: דער פעטער שכנא צי די מוהמע יאחנע!

דערנאך ערשט האט זיך אנגערופען א ווייגענדיג דין קול, א ביסעל א געדעמפּטס פון אונטער דער קאלדרע:

— איך שעהם מיך!

נאר דאס געהער אויך נישט צו דער זאך.

און אַ לעבען צווישען זיי איז געווען ווי אונטער דער זון. האָט די מוהמע יאַחנע געזאָגט: באָם, האָט ער „ליתר תוקף ועוז" געזאָגט: בים־באָם! האָט דער פעטער שבנא געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף „יאָ", האָט די מוהמע יאַכנע געזאָגט: אַודאי יאָ! ווי דען?

אויף ברית'ן און חתונות פלעגען זיי זיך איבערוואַרפען מיט די אויגען פון איין טיש צום צווייטען, און גאַנץ אָפט עצות געבען:

— שבנא, חאַפּ אַ מיטעל־שטיקעל!

— יאַחנע, ווילסט אַ ביסעל חריין?

ביי מיין עלטערנס ברית, אַז די מוהמע יאַחנע איז נישט געווען בקו הבריאה, האָט דער פעטער שבנא געגעסען אָהן אַפּעטיט, און האָט אַהיים געטראָגען דער מוהמע יאַחנען אַ האַלב שאָק מאַקאַראָנען.

ביים צווייטען האָט זיך געטראָפען פערקעהרט: דער פעטער שבנא איז געווען ניט אין גאַנצען, און זי האָט אַהיים געטראָגען אַ קעפּעל פון אַ צוויי־פונטיג העכטעל...

און איינס איז פאַר'ן אַנדערן געווען די לעצטע אינסטאַנץ.

דער פעטער שבנא, אַז מען האָט איהם שוין גאָר איבערגעשפּאַרט, אַז ער האָט שוין קיין וואָרט אין מויל נישט געהאַט, פלעגט דאָך בלייבען ביי דעם זייניגען; „מיין יאַחנע זאָגט אָבער אַזוי!" איז געווען זיין לעצטע תשובה, געגען דעם העלפט שוין קיין שכל און קיין יושר.

די מוה..ע יאַחנע ווייטער, פלעגט אָנהויבען יעדען זאַץ: „מיין שבנא זאָגט"... אָדער — „שבנא מיינער קלערט" און וואָס איהר שבנא האָט געזאָגט און געקלערט, אויף דעם איז געווען מויערן צו שטעלען...

מיט איין וואָרט — עס איז געווען אַ לעבען ווי אונטער דער זון.

איך פלעג אָבשיקען מיין אשתי חוה'לע צו דער מוהמע יאַחנע אויף דער לערן, זי זאָל זעהן ווי אַזוי מען דאַרף בעהאַנדלען אַ מאַן; זי ווייטער פלעגט מיך אָפּשיקען צום פעטער שבנא, זעהן ווי אַ מאַן בעהאַנדעלט אַ ווייב.

כל זמן דער פעטער שבנא און די מוהמע יאַחנע זענען געזונד געווען, פלעגען זיי אָפט אַריינקומען און שלום מאַכען צווישען מיר און אשתי חוה'לע. דערנאָך, אַז זיי זענען שוואַך און עלטער געוואָרען, פלעגען מיר אַלע מאָל אַהין געהן דין־תורה'ס האָבען, און דאָס האָט אונטערגעהאַלטען אונזער שלום בית!...

אַ והא ראיה, אַ פּאָר יאָהר נאָך זייער פטירה (אין איין וואָך זענען

זיי געשטאָרבען!) האָט אונזער „שלום־בית" איין מאָל פאַר אַלע מאָל געפּלאַצט...

איך האָב מיר מיט אשתי חוה'לע גע'גט; זי האָט צוגענומען צוויי און איך צוויי קינדער... זי האָט חתונה געהאַט, איך האָב חתונה געהאַט; מיר וואוהנען אין פערשידענע שטעדט... עס געהט אונז ביידע נישט ווי אַמבעסטען... נאָר דאָס איז נישט אייער געשעפט.

דער עיקר איז, אַז דער פעטער שבנא מיט דער מוהמע יאחנע, ליגען זיך בערוהט אין קבר.

און — הערט אַ מעשה — ביידע מצבות האָבען זיך אויסגעדרעהט און צוגעבויגען איינס צום צווייטען.

פון צווישען די קברים איז אַרויסגעוואַקסען אַ בוים, און האָט די מצבות מיט די צווייגען אַרומגענומען, אַרומגעוויקעלט, גלייך ער וואָלט זיי געוואָלט פעסטער צוזאַמענשליסען...

און מיט דער צייט זענען אָבגעריבען געוואָרען ביידע מצבות. שוין נישט צום איבערלעזען.

דער פּנקס פון חברה־קדישה איז פערברענט געוואָרען ביי דער דריטער שׂרפה, און קיינער געדענקט נישט, ווער עס ליגט רעכטס און ווער לינקס, דער פעטער שבנא, צי די מוהמע יאחנע? —

איך און מיין געוועזענע אשתי חוה'לע, וועל'ן מיר נישט ליגען אויף איין בית־הקברות... נאָר דאָס איז שוין ווייטער נישט אייער דאגה...

II.

מענדיל ברײנעם.

מענדיל ברײנעם (קײן פאמיליען־נאמען איז נאך דעמאלט נישט געוועזען), איז געוועזען אַ יושב אהל, דאס הייסט: אַ שטיק שעהנער יוד; קײן גרויסער למדן נישט, נאר — תהלים פאר'ן דאַווענען, עין־יעקב נאכ'ן דאַווענען, און בײַ נאַכט — אַ פרק משניות. — ער פלעגט גאַנץ אָפט אַ הײם נעהמען אַנ'אורח, יעדען פריה מאָרגען אַרײַנוואַרפען אין מאיר בעל הנס, האַלטען מפטיר יונה, האָבען אַ גרוים חלק אין דער קאָנסאָרציע פון פתיחות, און דערצו פלעגט ער גלאַט זײַן אַ מתעסק במצות: אַ מגיד איז געקומען, מען דאַרף אַרומגעהן צוזאַמענעמען פאַר אָרעמע לײַט, אויף מצות, אויף האָלץ און קאַרטאָפעל; מען דאַרף ערובין, עמיצען אַנ'אהל שטעלען ובדומה — טהוט ר' מענדיל ברײַנעם אָן די ברײטע תבונה, נעמט דעם גראָבען שטעקען מיט דער מעשענער גאַלקע און געהט מיט'ן רב, מיט'ן דאָזאָרצע אָדער אַזוי מיט אַ שעהנעם בעל־בית. ער האַלט זיך פאַר אַ מצוה אַלײן צו טראָגען די פושקע, חאָטשי הינטען געהט נאָך דער שמש.

ווינטער האָט ער קײן מינוט צײַט נישט געהאַט: תהלים זאָגען, דאַוונען, עין־יעקב לערנען, אָנבײַסען, אַ נדבה מאַכען, מנחה־מעריב, אַ פרק משניות און וויעטשערע — און קריאת־שמע לײענען, שלאָפען, חצות, ווײַטער שלאָפען... עס איז איהם פון טאָג קײן מאָל קײן רעשט נישט געבליבען. פאַר דאָס זומער־צײַט פלעגט איהם בלײַבען אַ נאָך־וואַרעמעס, אַ גרויסער נאָך־וואַרעמעס, ער פלעגט איהם אויך פערברענגען אין בית־המדרש, נאָר רעדען שוין פון וועלט־זאַכען, פון נײַע המצאות, פון פאָליטיק...

מענדיל ברײַנעם איז נישט קלוג געוועזען. אין חדר פלעגט מען איהם רופען מענדיל שוטה; אַז ער האָט חתונה געהאַט, איז די אָפיניע ווײַבער געוואָרען און ער פלעגט שוין הײסען: „מענדיל תם". ערשט דערנאָך, אַז

ער איז אַראָב פון קעסט, געוואָרען אַ בעל־בית פאַר זיך און בריינע, זיין ווייב, האָט זיך געמאַכט אַ שפּייז־געוועלב און געלעזט „שטיקער גאָלד", — האָט מען איהם געקרוינט אויף „מענדיל בריינעס". און וויל מענדיל בריינעס איז קיינעם אין וועג אַריין נישט געגאַנגען, קיינעם אַ שלעכט וואָרט נישט געזאָגט, און בית־המדרש און קהל האָט געהאַט פון איהם, האָט קיינער נישט דערמאָהנט וואָס אַ מאָל איז געוועזען, האָט קיינער הויך נישט געלאַכט, אַז ער פלעגט צווישען אַלע פינף ווערטער זאָגען: אָבער וואָהר איך בין קיין נאַר נישט? אַ־יאָ איך בין קלוג?

— אמת, איך בין קיין נאַר נישט! זאָגט אַ מאָל ר' מענדילע, און פון דעסטוועגען פערשטעה איך נישט, ווי אַזוי מען אַרבייט אויס אַזאַ דין און געלעכערט שטרוי אין די שעניקעס אַריין! איך האָב אַ מישנע אַרויסגעשלעפּט אַ ודאי פערציג שטרוי, איינס נאָכ'ן אַנדערן, אַלע זענען הויל, — אַלע חלולים. איך האָב געוואָלט פרעגען מיין בריינען, זי איז שוין אָבער געוועזען אין געוועלב.

און איידער עמיץ האָט צייט געהאַט צו לאַכען, האָט ער זיך שוין אַליין געענטפערט:

— דאָס שטרוי מוזען אַ ודאי די פויערן ברענגען פון ענגלאַנד!

פון ענגלאַנד האָט מענדיל בריינעס אַ סך געהערט און געהאַלטען טאַקי עולם ומלאה.

עס איז געוועזען נאָך דער סעוואַסטאָפּאָלער קריעג; דאָס גאַנצע בית־המדרש האָט נאָך געקלונגען מיט ענגלישע המצאות. די מעשות האָבען דערצעהלט אויסגעדיענטע זעלנער, וואָס האָבען עס אַליין געזעהן מיט אייגענע אויגען.

טאַקי גבורות הבורא, דערצעהלט נאָך אַ בית־המדרש בעל־הבית: למשל אַנ'האַרמאַט! וואָס טויג, רבותים, אַנ'האַרמאַט? די האַרמאַט שיסט אויס אַ קויל; נו וואָס איז? דאַרף מען דאָך ערשט פועל'ן, אַז דער שונא זאָל וועלען שטעהן אונטער'ן חלול! און דער שונא איז דוקא גאָר קיין נאַר נישט, ער לאָזט זיך נישט אָנרעדען צו אַזוינע זאַכען. אַ מאָל נאַרט ער גאָר אָב, ער שטעהט, דו שיסט און ער גנב'ט זיך אַוועק! עס האָט געהאַלטען ביי כלה כל הקיצין! די ממזרים, די ענגלענדער, האָבען דאָך אָבער געהערט די מעשה פון צפרדע של מצרים, האָבען זיי זי נאָך געמאַכט! זיי האָבען ממציא געוועזען אַזאַ גרויסע האַרמאַט, וואָס שיסט אַרויס פון זיך, נישט קוילען, נאָר גאַנצע האַרמאַטען.

און יעדע פון די האַרמאַטען, אַז זי פאַלט אַראָב. גיט זי אַ טראַסק אין דער ערד, צופּלאַצט, און עס שפּרינגען פון איהר אַרויס צעהן נײַע האַרמאַטען, און די האַרמאַטען ערשט שיסען מיט קוילען!! נו געה היט דיך פאַר דעם! צונד קענט איהר פערשטעהן וואָס פאַר אַ מין שחיטה דאָס האָט אָנגעמאַכט!

און איהר מײַנט כשוף? חלילה, אַ פּראָסטע ספּרענזינע!

און אַז מען האָט געפרעגט: פאַר וואָס נאָך דער קריג האָט זיך מלכות־רוסיא ניט נאָכגעמאַכט אַזוינע האַרמאַטען, האָט מען געוואוסט צו ענטפערן, אַז באַלד נאָך דער מלחמה זענען זיך די מלכיות'ן צוזאַמען־געגאַנגען, און, כדי מען זאָל נישט חרוב מאַכען די וועלט, האָט מען געמאַכט מיט „זײַער בחרם” אַז מען זאָל שוין מעהר נישט שיסען נישט מיט פּלאַכטעס קאָכעדיגער הירזש און נישט מיט אַזוינע האַרמאַטען.

פון דעמאָלט אָן האָט מענדיל ברײַנעס געהאַלטען עולם ומלואה פון ענגעלאַנד, און וואָס ער האָט עפּיס געזעהן, און זײַן שכל האָט נישט געקענט משיג זײַן, איז אַלץ געוועזען פון ענגעלאַנד. אַז דער זײַגער קומט אַרויס פון ענגלאַנד, פון דעם איז נישט געוועזען וואָס צו קלערען, נאָר די ערשטע ספּרענזינע האָט אויך געמוזט מאַכען אַ ענגלישער שמיעד! און ער האָט גערעדט מיט גרויס התלהבות פון ענגעלאַנד, פון איהרע חכמים, פון איהרע קאָוואַלעס:

— זיי מוזען דאָרט זײַן שעהנע חכמים!

מענדיל ברײַנעס וואָלט געוואָלט לעבען אין ענגעלאַנד, נאָר שטאַרבען, איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר, אין ארץ ישראל. ערשטענס פאַר פרומקייט; צווייטענס גלאַט, האָט ער בטבע זעהר ליעב געהאַט מנוחה, און ווען ער פלעגט זיך דערמאָהנען אין גלגול מחילות, האָט ער אויף דרײַ טאָג פערלוירען דעם אַפּעטיט. און ווײַל ער האָט פאַרט נישט אויפגעהערט צו עסען, האָט ער געהאַט זעקס טאָג בויכוועהטאָג! מחיה האָט ער זיך געוועזען, אַז ער איז געוואָהר געוואָרען פון אַזיכערן מענש, אַז ארץ ישראל איז ווײַטער ווי ענגעלאַנד.

— גוט, טראַכט ער. און קלערט שוין פון דעמאָלט אָן אויפ'ן רעכטען אמת צו פאָהרען קײַן ארץ ישראל, וואָרום „דער וועג מוז דאָך געהן דורך ענגעלאַנד!”

ער וואָלט שוין לאַנג פערקויפט דאָס געוועלבעל מיט'ן כלי־בית און געפאָהרען, ווען נישט ברײַנע.

ברײַנע האָט גאַנץ ערהרליך געהאַלטען איהר מענדילען. זי האָט זיך געוואונשען צו זײַן זײַן פוסבענקעלע אין גן־עדן; זי האָט איהם געקעכעלט און געשטאָפּט, געאַרבײַט ווי אײן אײזעל, מפרנס צו זײַן צו שוכען און צו קלײדען מענדילען מיט די 4 קינדער: דרײַ מײדלעך און אײן יונגעל. איהר גאַנצער עולם הזה איז געוועזען, אַז זי האָט געזעהן פון געװעלב אַרוים איהר מענדילען געהן מיט דער צדקה־פּושקע אין דער ליניקער און מיט׳ן שטעקען מיט דער מעשענער סקיפּקע אין דער רעכטער האַנד! זי האָט פערקויפט בחצי חנם איהר שטאָדט אין עזרת נשים, ווײַל די פענסטער געהען אין שוהל אַרײַן, און בעצאָהלט „ממון קרח” פאַר אַ שטאָדט נעבען בית המדרש פענסטער, זי זאָל זעהן ווי מענדילע איז עולה לתורה און מאַכט די זיסע ברכה. עס האָט איהר געקוואָלען דאָס האַרץ, ווען מענדילע האָט אונטערגעזאָגט דעם חזן, „האשה ברײַנע בת מורנו”... און מנדר געװען פאַר איהר געזונד ח״י פעמים ח״י; זי איז געװען גליקליך, אַז זי פלעגט שבת און יום־טוב געהן מיט איהם דאַװענען צוזאַמען; און אַז זײ האָבען זיך צושײדט בײַ די צװײערלײַ טרעפּ, פלעגט זי בלײַבען שטעהן אויפ׳ן ערשטען שטאַפּעל און איבערדרעהען זיך און זעהן ווי איהר מענדילע הויבט די פּיסלעך אויף די מענערישע טרעפּ. נאָכ׳ן דאַװענען האָט זי איהם אָבגעוואַרט בײַ דער שוועל, און אַז זי האָט איהם דערזעהן, און זי האָט דערהערט זײַן „גוט שבת”, איז זי רויט געוואָרען, גלײַך ווי זי וואָלט ערשט פון אונטער דער חופּה אַפּער. פון דעסטװעגען האָט זי געוואוסט, אַז מענדילע איז נישט קלוג אין די „װעלט נאַרעשקײַטען”, אַז ער איז נאַר אַ חכם אין די קלײנע אותיות, אַ מוח אין בית־המדרש, אָבער אַזוי, אין עולם הזה זאַכען, גאַר לא!... דאָס איז שוין איהר זאַך!

— נײן, מענדילע, — זאָגט זי איהם געלאַסען, — מען פאָהרט נישט אַזוי, מען פערקויפט נישט קײן מחיה! אפשר שפּעטער, אַז מיר וועלען חתונה מאַכען אַלע קינדער, אָבגעבען קעסט, דערלעבען חאָטש אַנ׳אײניקעל, און אפשר אַנ׳אוראײניקעל, דעמאָלט, זעהסט דו, מהיכי־תיתי, איבערגעבען די קינדער די מחיה...

און מענדיל האָט געוואוסט, אַז ברײַנע איז אין וועלט זאַכען אַ „ווילדע חכמה” און האָט געוואַרט! וואָרום נאָך ירושלים און ענגלאַנד, איז איהם ברײַנע געװען פערבאַקען אין האַרץ.

ער האָט דערוויַיל נישט אַלע קינדער חתונה געמאַכט, און ער קוקט אײן מאָל אַהײם זעהר טרויעריג:

— זעהסט דו ברײַנע, מאַכט ער, אַ פּאָוויעסטקע צו׳ם בית־דין של מעלה! ער ווײַזט איהר אַ גראָהע האָר אין דער באָרד.

ברײַנע טרײַסט איהם:

— רעד נישט קײן נאַרישקײַטען, מענדילע, דו ביזט נישט קלאָר אין אױעלבע זאַכען... מײַן מאַמע, עליו השלום, איז גראָה געוואָרען צו 50 יאָהר, און דיר צו לענגערע יאָהר...

— א ו נ ז צו לענגערע יאָהר, פערבעסערט מענדיל.

— און אונז צו לענגערע יאָהר׳ האָט ער נאָך געלעבט אַ ודאי אַ יאָהר דרײַסיג!

— הײַנט אָבער שוואַכע דורות, נישט די פּערצײַטיגע כּוחות! זאָגט מענדילע און לאָזט אַראָב די אויגען.

ברײַנע האָט איהם אויסגערעדט דאָס עגמת נפש און איהם אָנגעהויבען בעסער צו קעכלען: נעמט בײַם קצב נאָך אַ האַלב פונט פלײַש צום וואַרמעס...

— אײַ, ברײַנטשע, זאָגט דער קצב, איהר האָט אודאי מחותנים צום טיש, זאָל אײַך זײַן צו מזל!

— נײַן, ענטפערט ברײַנע... הײַנטיגע שוואַכע דורות...

און בײַם עסען לעגט זי אַלע מאָל צו מענדילען נאָך אַ שטיקעל, נאָך אַ פּיצעל... „עס דאָס, דאָס איז אַ מחיה", און האָט, קוקענדיג אויף מענדילען אין זינען געהאַט: זאָל איהם זײַן צו געזונד... הײַנטיגע שוואַכע דורות!...

זי האָט מיקלאָמפּערשט „געחאַפּט אַ זעמעל אין געוועלב, געוואַשען זיך בײַ דער שכנה", אַ מאָל — האָט איהר אַ קרובה געקאָכט אַ נײַע מאָדע קילישע און איהר געבראַכט אַ פּאָר לעפעל צו פערזוכען; אַ מאָל איז זי געוועזען אויף אַ ברית, חאָטש זי האָט פערגעסען ווי די יולדת הײַסט, — אַבי זי איז נישט הונגעריג געווען בײַם עסען און נאָר געבעטען זיך:

— עס, מענדילע, עס, וואָס גלײַכסט דו דיך צו מיר? תורה תתיש כּח!

— מתיש כּח, מײַנסט דו ברײַנע.

— זאָל זײַן מתיש כּח... אָדער װי אין פּרק שטעהט: אם אין תּורה אין קמח, אַז מען לערנט, מוז מען עסען!

מענדיל שמײַכעלט אױפ'ן נײַעם גרײַז.

— אָבער איך, װאָס טהו איך? איך געה אַ גאַנצען טאָג לעדיג, אָדער זיץ איבערן פײַער־טאָפּ. קומט אַרײַן אַ קונה מעסט איך אָב אַ קװאָרט באָבעלעך, ציִ קאַשע, ציִ מעהל, נישט — נישט! דעריבער דאַרף איך װעניגער עסען.

און מענדיל גלױבט אין דער געהאַפּטער זעמעל, אין דער קיליִשע, אינ'ם ברית, חאָטש ער האָט תּחנון געזאָגט. אַ קשיא אױף אַ מעשה, אַ ודאי בײַ אַ מנין... ער דאַרף טאַקי — גלױבט ער — מעהר עסען, אַ קאַטאָװעס — יעדען טאָג צװײ יום תּהלים, אַ פּרק משניות, עטליכע בלאַט עין יעקב, הײַנט'זשע — דאַװנען, פּושקע טראָגען, שטעקען שלעפּען, ער װײסט?...

און ער איז שטאַרק צופריעדען. װאָס זײַן כּשר'ע ברײַנע האָט אַזאַ רוהיג לעבען, װאָס זי זיצט לעדיג אין געװעלבעל איבערן פײַער־טאָפּף, פערלעגט די הענד און װאַרט אױפ'ן קונה, קומט ער — קומט ער, נישט — נישט! זעהר גלײַך! זאָל זי חאָטש נישט אַזױ פיעל אַרבײַטען װי ער, זאָל זי זיך חאָטש אױסרוהען די בײנער. און מענדילע שטאָפּט אין זיך אַרײַן װאָס אַ מאָל מעהר, אַבי ער זאָל האָבען כּח מאריך ימים צו זײַן, ער זאָל דערלעבען צו זעהן ענגעלאַנד און צו שטאַרבען דערנאָך אין ירושלים.

אַ חוץ פון ברײַנען האָט מענדילע נאָך נחת פון קינדער: אײן עלטערן זוהן האָט ער חתונה געמאַכט אין דער פרעמד; ער עסט שױן קעסט בײַם שװער! געלױבט איז גאָט, זײַט ער האָט חתונה געהאַט איז נאָך פון איהם קײַן בריעף נישט געװען, אַ סימן עס געהט איהם גוט, אַז ער איז בקו הבריאה. װער עס קומט צו פאָהרען, ברענגט אַ גרוס... נאָך איהם געהט אַ חתן־בּחור — אַ חדר יונגעל. ברײַנע בעשטעלט מלמדים, צאָהלט שכר־למוד, זעהט — ער זאָל לערנען מיט זײַנם גלײַכען. ער פאַר דאָס פערהערט איהם אַלע שבת.... נאָר פאַר'ן עסען האָט מענדילע פײַנט צו פערהערען. נאָכ'ן עסען איז בעסער, מעהר רחבות. דעריבער דרימעלט ער טאַקי באַלד אײַן, און חאַפּט זיך ערשט אױף בײַ'ם מלמד'ס לחיים, גיט דעם זוהן אַ קניפּ אין בעקעל און שױן!

ער האָט נאָך דרײַ טעכטער, יונגע קינדער, צייכען מיידלעך, גאָר וואהלע קינדער אַלע. דרך־ארץ'דיגע קינדער, שטילע קינדער. שטענדיג רײַנע, אָבגעוואַשענע, אַ מחיה!... ער זעהט אַפילו נישט, ווען מען וואַשט זיי, ווען מען קעמט זיי, ווען בריינע לאַטעט און פערריכט! ער קען כמעט נישט פערשטעהן ווי אַזוי דאָס ווערד קלוג און פיין געבוירען!...

— טאַקי מ י י נ ע קינדער! טראַכט ער זיך מיט גאוה, אין מ י ר אַרײַן געראָטהען! ער דאַנקט און לויבט זיין ליעבען נאָמען דערפאַר, וואָס בריינע האָט אַזאַ רוהיג לעבען, נישט ווי אַנדערע מאַמעס; וואָס די קינדער דרעהען איהר נישט אָב דעם קאָפּ! און ווי די קינדער פאָלגען! ער הייסט זיך, למשל, ברענגען אַ טרונק וואַסער (בריינע האָט אַ טבע אַלץ וואָס ער זאָגט, איבער צו זאָגען) און קוים חזר'ט זי איבער: ברענגט דעם טאַטען וואַסער, לויפט דאָס קינד שוין און ברענגט; אַ מחיה אַזוינע קינדער! ער קומט אין שטוב אַרײַן און בריינע זאָגט נאָר: דער טאַטע געהט — איז שוין שטיל!

געלויבט איז גאָט מען רעדט שוין דעם צ ו ו י י ט ע ן זוהן אַ שדוך, און אַ גוטען שדוך. בריינע וויל טאַקי פאָהרען אָנקוקען די כלה. חגאות צייט וועט זי עס טהון, אַזוי האָט זי איהם געזאָגט. און ווייל ער איז געוואָהר געוואָרען, אַז צום מחותן פאָהרט מען נ י ש ט דורך ענגעלאַנד, איז ער א י ה ר מוחל דעם כבוד, זאָל זי זיך אַ ביסעל איבערפאָהרען. פאַר וואָס נישט? זי פאָהרט אין גאַנצען פיער מאָל אין יאָהר נאָך סחורה, אויך קומט זי צוריק מיעד און מאַט פון לויפען, בעקוקען, דינגען... זאָל זי א י י ן מ א ל חאָטש פאָהרען און קומען מיט נחת, זאָל די וועלט זעהן, וואָס פאַר אַ ווייב ער האָט! ער אַליין וועט זיך וויזען אויף די תנאים! אַפילו ביי דער חופה איז אויך גענוג! דעם ע ר ש ט ע ן זוהנ'ס כלה האָט זי אויך אָנגעקוקט; זי איז שוין מזל'דיג צו אַזעלכע זאַכען... ער וועט זיך נאָך געניג אָנפאָהרען...

עס זענען ווייטער אַוועק געגאַנגען אַ פּאָר יאָהר. אַז גאָט בענשט, בענשט ער מיט אַלעם, אַפילו מיט מנוחה — דער צווייטער זוהן האָט אויך חתונה געהאַט, און גוט חתונה געהאַט, ער עסט שוין אויך קעסט.

מענדילע האָט אַפילו גאַנץ ווייניג געוואוסט ווער און וואָס; עס איז איהם איבערגעגאַנגען כמעט ווי אין אַ חלום. ער האָט אַפילו קיין איינציגען טאָג קיין יום־תהלים נישט פערפעהלט... עס האָט איהם דער קאָפּ

ניִשט וועה געטהון, אויסער איִן דער פריִה, נאָך דער גרויסער נאַכט, פון וועניִגער שלאָפען!

און מענדיִלע פרעהט זיִך. — נאָך איִן גאַנצען דריַי מיַידלעך חתונה צו מאַכען, (ביַי בריַינען געהט עס געשוויִנד), און דערנאָך: שוין! איִבער־העָן, אָנפּאַקען מיִט ענגליִש שטרוי און וויאָ!

נאָר עפּיִס פיִהלט ער, אַז די פּיִס זענען איִהם ניִשט בקו הבריאה, אַז פון אַ קורצע צייַט איִז איִהם דער אָטהעם שווער. נאָר בריַינע לאָזט אַלע מאָהל מעהר; זי איִז איִהם מבטיח, אַז ער וועט נאָך אַלץ דער־לעבען!

. . . .

איינמאָל זיִצט ער איִן בית־המדרש ביַי'ם עין יעקב און דערהערט אַ געשריַי; עס דאַכט זיִך איִהם — זיַין טאָכטער; נאָר ניַין, וויִ קומט זי אויפ'ן שוהל־הויף? און אַ כלה־מיַידעל וויינט ניִשט... עפּיִס לויפט מען אויף די טרעפּ, מען שריַיט: טאַטע! טאַטע! פאָרט איִהר קול; עס איִז אָבער דאָך ניִשט מעגליִך!

ער וויִל איִבערקלערען, נעמט אַרויס אַ שמעק טאַבאַק, נאָר איידער ער האָט איִהם אַריַינגעזעצט איִן די נאָזלעכער, האָט איִהם שוין די טאָכטער געריִסען ביַי די לאַצען:

— טאַטע! די מאַמע איִז אַוועקגעפאַלען, געוואַלד!

און איידער ר' מענדיִלע איִז צו זיִך געקומען און אַהיים געלאָפען, איִז שוין בריַינע געלעגען מוידט!

איִן איין טאָג איִז מענדיִלע באמת גריַיז־גראָה געוואָרען, דער אָטהעם טאַקי שווער און די פּיִס טאַקי געשוואָלען... ער האָט זיִך ניִשט גע־אַזוינע קיִנדער, ביַי אַזאַ וואוילטאָג!...

און בריַינע, אַזוי ווי מען האָט זי ניִשט אַרויסגעזעהן ביַים לעבען, האָט מען זי קוים אָנגעזעהן אויף דער מטה... אַזאַ דאַרעניִש!...

III.

עלענד.

סענדער האט געהאט זעקס ווייבער און וויל דאס זיבענטע!

דאס ערשטע ווייב זיינס געדענקט ער קוים. זיין פאטער עליו השלום, ר' פתחיה, האט איהם א מאל א היים געבּרענגט א זייגער'ל, דערנאך האט מען איהם אנגעטהון א פוטער מיט א שטריימעל, דערנאך האט ער געגעסען א גאלדענע יויך!.. ער קען זיך ניט דערמאהנען, ווי דאס ווייבעל האט אויסגעזעהן; ער געדענקט א קלייד מיט א זילבערנעם פאס, א שטערנטיכעל, א פאר אויריננגלעך, קיין פנים נישט; זי האט דאך געמוזט האבען א פנים!

פאר דאס געדענקט ער, אז פאר דער חתונה, א חדש, העכסטענס צוויי, איז ער געווארען בר מצוה. דעמאלט האט דער פאטער, א בעלזער חסיד, גענומען ביי איהם פאר'ן גאנצען עולם האנד־תקיעת־כף, אז ער וועט זיך ניט אויסלערנען קיין פרעמדע מנהגים ביים שווער אין הויז, ניט געהן אין שווערס דרך, ניט ווערען קיין קאצקער, קיין מאל ניט עובר זיין זמן קריאת שמע, און יאהר ביי יאהר עולה רגל זיין קיין בעלז.

דער שטעדטישער רב, אויך א בעלזער, האט איהם געגעבען א קניפּ אין בעקעל פאר דער דרשה. דערביי האט ער איהם געזאגט, אז תורה אליין איז נישט מציל מדינו של גיהנום, א והא ראיה דער גאון, ער איז דאך געווען א למדן מופלג, טאקי א גאון, און איז היינט פארט אין א קליינע מדרגה... ער זיצט אין פעדערהויז פון גן עדן איבער א ש"ס גמרא און לערנט, און דאס הארץ טהוט איהם וועה זעהענדיג, ווי פראסטע

מענשען, וואָס קענען קוים עברי, שפּרינגען איבער'ן אַריבער גלייך אין גן עדן; וואָרום באמת, זאָגט ער! דער עיקר איז כונה און אמונה... אמונה, זאָגט ער, אין זיין ליעבען נאָמען, און נאָך מעהר — אמונה אין דעם יוד וואָס...

וואָס... געדענקט ער שוין נישט, נאָר עס איז אויסגעקומען, אַז עס איז שוין גלייכער צו עסען טרפות ונבלות איידער צו פאַהרען קיין קאָצק. גלייכער צו זיין אַ כלב, אַנ'אַפּיקורס, איידער דעם בעלזער און גאָט ברוך הוא להכעים, טאָג אויף טאָג עובר צו זיין זמן קריאת שמע, און אַזוי ווייטער...

און באַלד נאָך דער חתונה האָט זיך אָנגעהויבען דאָס גיהנום!...

ער איז שיער נישט געשטאָרבען פאַר הונגער, ער פלעגט אָבדאַוונען אַכט אין דער פריה און עסען געהט מען צוויי ביי נאַכט, ווען ער איז שוין געלעגען און געשנאָרכט ערגיץ אויף אַ באַנק...

ער האָט אָנגעהויבען גנב'נען עסען, אויסטרינקען, מיט דער הילף פון אַ שטרוי, די מילך, אַרויסחאַפּען פליייש פון טאָפּ; גנב'נען געלד און קויפען עסען. דער שווער האָט אָנגעהויבען פאַטשען, די שוויגער — צו שאָקלען איבער איהם מיט אַ קאָציובע, מיט'ן בעזעם, מיט וואָס זי האָט געקריגען אין דער האַנד אַריין, ביז ער האָט זיך איין מאָל מישב געווען און איז ביי נאַכט אַנטלאָפען...

מען האָט איהם געחאַפּט.

— דו שייגאַץ, שרייט דער שווער, אַ ווייב געהט צו קינד אַנטלויפט מען.

ער האָט זיך קוים געגלויבט! סטייטש?

צום דריטען טאָג איז דאָס ווייבעל, נעביך געשטאָרבען, אין קינפּעט. עס האָט איהם שטאַרק וועה געטהון; דאָך איידער ער האָט צייט געהאַט זיך אויסצווויינען, האָט איהם דער שווער אַראָבגעחאַפּט דעם ספּאָדעק, אויסגעטהון דאָס זייגער'ל, אָבגעצויגען די יופּיצע און געגעבען אַ טאָלעץ אַרויס, אַז ער האָט אַוש די צייהן געקליבען.

ער געדענקט שוין ניט אפילו ווי אַזוי ער איז אַהיים געקומען. בעהילפיג זענען איהם געווען בעלזער חסידים. דעמאָלט איז ער אַלט געווען 14 יאָהר. געזעסען איז ער שוין ביז 16. אין די צוויי יאָהר האָט דער פאָטער פערלאָזט אַלע געשעפטען (ער איז געווען אַ תבואה מעקלער) און

אַלץ געהאַט דין תּורות מיט׳ן מחותן. געלעבט האָט מען פון דער מאַמעס שטעל. דער פאָטער האָט זיך געריכט פונ׳ם „קאָצקער חזיר״ אַלע האָר אויסצורייסען! און האָט אַלע מאָל געמוסען אויף הוצאות, אויף אַנדערע טוענים, אַנדערע רבנים, פלעגט שטענדיג אַהיים צו קומען מלא כעס, און אַרייַנוואַרפען סענדער׳ן 14 פעטש:

— אַזא נבלה ווי דו — לאָזט זיך אַרויסוואַרפען! אַז די מאַמע האָט זיך אָנגענומען, איז געוואָרען ערשט חשך. סענדער האָט גאָט געדאַנקט, אַז ער איז נאָך אַ מאָל געשטאַנען אונטער דער חופּה. איידער מען האָט געבּרענגט די כלה, האָט ער מיט׳ן גאַנצען האַרץ מתפּלל געווען, דער שדוך זאָל שוין עולה יפה זיין. געוואוסט האָט ער, אַז דער נייער מחותן איז שוין אַ בעלזער אַז ער וועט שוין ניט דאַרפען גנב׳נען און חאַפּען פון די טעפּ. נאָר, „רבונו של עולם״, זאָל זי ניט שטאַרבען אין קינפּעט, זאָל זי שוין בעסער זיין אַנ׳עקרה.

ער ווייסט, אַז ווען ניט וואָס יענע איז געשטאָרבען, וואָלט ער פאָרט אויסגעהאַלטען די צוויי יאָהר קעסט! דערנאָך וואָלט געוועזען קעסט ביים טאַטען. אַלע מכות וואָלטען זיך אויסגעהיילט... ער וואָלט ניט אַהיים געפאָהרען נאַקעט און בּלויז, ווינטער אין גרעסטען פראָסט...

אַז ער האָט זיך דערמאַהנט אין דער קעלט, האָט ער אונטער דער חופּה אָנגעהויבען אינערליך שטאַרק צו וויינען. ער האָט ניט געהערט, ווי מען האָט איהם בעוואָרפען מיט שניי, געשטאָכען מיט שפּיל־קעס, ווי די כּלי־זמר האָבען געשפּיעלט, ווי מען האָט מיט דער כלה אַרום איהם זיבען רעדלעך געמאַכט, ווי דער חזן האָט געזונגען... און אַז מען האָט איהם מקרא געווען דעם „הרי את״, האָט ער אין האַרץ אויס־געשריגען:

— רבונו של עולם בעסער, אַנ׳עקרה!

און ער האָט עס געבעטען אין אַ בייזער שעה.

געוועזען איז זי אפילו, דערצעהלט ער, אַ חנ׳ודיג ווייבעל, אַ גאָר נישט־קשה־דיג ווייבעל! אַ בריה, אַ גוטע... זי איז איהם געקראָכען אונ־טער די נעגעל. און אַ לוסטיגע יודענע, קיין שמועגער, נישט קיין, ווי

דופט מען עס, נישט קיין טשמאַי, נאָר פערקעהרט! אַ לאַך, אַ שטיף ביי דער וויעטשערע — דעם שווער האָט עס אַפילו אַ מאָל געאַרט.

— נאָר איך, דערצעהלט ער, איך האָב באמת שטאַרק הנאה געהאַט דערפון. טאַקי, עס איז ליכטיגער געוואָרען אין שטוב! איהר ווייכט נישט, אַ גוט ווייב איז פרעהליך, נאָר וואָס קומט אַרויס — אַן עקרה! און אפשר וואָלט איך מיך מיט איהר פאָרט נישט געג'גט; אַ קשיא אויף אַ מעשה, אַז מע'קניפּט זיך צו עמיצען צו, איז שווער זיך אָבצורייסען, און צוגעקניפּט בין איך געוועזן, אמת, נישט צו איהר, זעהסט דו, אַ יודענע איז אַ יודענע, נאָר צו דער שמחה! צו דעם שמייכעלע, פון וועלכען עס פלעגט מיר וואַרעם ווערען אין אַלע אברים... אָבער ערשטענס האָט מיך די מאַמע בעשיט מיט ביטערע בריעף, זי וויל אַן אייניקעל! צום שלים-מזל בין איך געוועזן אַ בן יחיד; די מאַמע, עליה השלום, האָט קיין אַנדערע אייניקלעך נישט געקענט האָבען! עס איז איהר ממש געגאַנגען אין לעבען. יעדער בריעף איז אויסגעווייקט מיט טרערען. דער טאַטע האָט פאַר כעס גאָר אויפגעהערט צו שרייבען; ער האָט מיך גאָר פאַרמסר'ט פאַר'ן רבי'ן... אין דער לעצטער צייט איז זי גאָר אַנדערש געוואָרען, פערלוירען די שמחה, עפּים די אויגען האָבען איהר אָנגעהויבען רויט צו ווערען, און וואָס זי האָט מיך אָנגעקוקט, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ בעטש... זי האָט, אַ פּנים, מורא געהאַט פאַר אַ גט!

געוואהנט האָבען מיר צוזאַמען מיט'ן שווער. דער נדן איז נאָך געווען איינגעלעגט, דער שווער האָט מורא געהאַט אַרויסצוגעבען דאָס שלישית; איך האָב איהם נישט וואָס פאַראיבעל צו האָבען: אָהן קינדער רייסט זיך עס ווי אַ פאָדעם... געלעבט האָט מען פון פראָצענט. געזעסען צוזאַמען אין איין שטוב; עס איז אַפילו נישט מעגליך געווען אַ וואָרט צו רעדען... און זי האָט מיך נאָר אָנגעקוקט און געקאַפּעט מיט טרערען. עס איז אויף איהר רחמנא לצלן, אַן איבערקעהרעניש געקומען... אַ העלפט איז פון איהר, רחמנא לצלן, געבליבען, און די געבליבענע העלפט איז, זאָל גאָט שומר ומציל זיין, גרין און געל און איינגעשרומפען... פון דעסטוועגען האָב איך געהאַט שטאַרק רחמנות, שטאַרק רחמנות... עס האָט מיך געשניטען ביים האַרץ...

טרערען קומען איהם אין די אַלטע אויגען אַריין.

„נאָר וואָס האָב איך געזאָלט טהון! דער רבי האָט גוזר געווען!

דער שווער איז בעשטאַנען (אמת, ער האָט דעם גאַנצען נדן צוגענומען), דער טאַטע איז געקומען ... מען האָט מיך אָבגעגט",

„איך בין שוין דעמאָלט געווען קרוב לשלשים, אַ זיבען, אַכט און צוואַנציג יאָהר, און בין צוריק געפאָהרען צום טאַטען..."

דער מסחר דערווייל איז געפאַלען, קיין געלד איז נישט געווען, און אונזער סענדער ווערט אַ מלמד.

אַ מלמד קאָן נישט זיין אָהן אַ רבי'צין.

6 יאָהר איז ער געווען מלמד, און 3 ווייבער האָט ער געהאַט אין די זעקס יאָהר: איינע האָט איהם געגט, צוויי האָט ער געגט; איינע איז גלאַט געווען רחמנא לצלן אַ שלים=מזלניצע, ער האָט זיך אין גאַנצען גענאַרט: מען האָט איהם איינגערעדט, אַז זי איז אַן'אלמנה, צום סוף איז זי געווען דאָס פירטע מאָל אַ גרושה, ער איז געווען איהר פינפטער מאַן, אַ קלייניגקייט! מען האָט געזאָגט, אַז זי האָט איין קינד, געברענגט האָט זי פינף! נאָך אַ מערכה וואָס די רעשט האָט זיך ביי איהר ניט געהאַלטען, וואָרום געהאַט האָט זי מיט יעדען מאַן דריי און אפשר פיער. —

און „עס איז זי שווער געווען, דערצעהלט ער, צו גט'ן! אַזאַ שלים=מזל, אַזאַ מחוסר דעה, אַז עס איז כמעט ניט מעגליך געווען, ניט מיט איהר צו לעבען, ניט צו געבען איהר אַ גט.

„וואָס קלערט איהר, איך בין גוט אַריין אין דער בלאָטע! אַ יודענע דאַכט זיך, וואָס איז דער חילוק? וואָס איז? עולם הזה דאַרף איך? באמת אַ מלמד, ווער האָט צייט דערצו? נאָר אַ גולם, רחמנא לצלן! מען מוז מיט איהר קאָמאַנדירען: שטעה אויף, שטעהט זי אויף, טהו דיך אָן — פאָלגט זי. לעג אָן אַ פייער, קאָך דאָס און דאָס ... איז זי אַלץ מקיים, נאָר אַליין — גאָר ניט. אַז איך האָב פערגעסען איהר צו זאָגען וואָס צו טהון, האָט זי זיך אַליין קיינמאָל ניט דערמאָהנט! וואָס קלערט איהר? איך האָב דורך איהר דאָס מעמד פערלוירען. איך האָב געמוזט געהן אויפ'ן טאָרג, קויפען עסען, אָנטהון די קינדער; ניט מיינע, פרעמדע קינדער! איך האָב נאָך אַזאַ גולם ניט געזעהן! זי האָט גאָר קיין נשמה ניט געהאַט. רחמנא לצלן, אַז מען האָט זי געדאַרפט דערמאַהנען צו עסען! אַ רוח אין פייטעל שדבנ'ס טאַטענס טאַטען אַריין! דאָס האָט ער מיר די מציאה אָנגעהאָנגען. — באשר — זי האָט געהאַט 250 רו"כ פון די מאַנען וואָס

האָבען זי געֶ'גט, יעדערער האָט זיך ממש אויסגעטהון ביז צום העמד! און ווייטער דאָס אייגענע, דאָס געלד איז געלעגען איינגעלעגט ביי אַ פעטער און ער האָט קוים געגעבען דרייצעהן פּראָצענט.

איך האָב געמיינט — עס איז מיין עק. רעד צו איהר, ענטפערט זי ניט; זי ווייסט גאָר ניט וואָס מען רעדט צו איהר! און אַ טבע האָט זי געהאַט אַז זי האָט ניט געקענט ליידען איהרע אייגענע קינדער. וואָס איינס איז צו איהר צוגעגאַנגען, אַ טראַך, אַ זעץ, אַ קניפּ. די קולות זענען געגאַנגען עד לב השמים... איך האָב איהר אַ מאָל פאַר כעס געוואָרפען אַ לייכטער, עס טהוט מיר עד היום באַנג. באמת, וואָס איז זי שולדיג געווען? רחמנא לצלן, עס האָט עפּיס געמוזט זיין אַ קרענק אַזוינע, מען איז מיט איהר אויסגעפאָהרען צו אַלע רביים, און קיינער האָט איהר ניט געקענט העלפען".

און סענדער האָט דאָס פערשטאַנען על פי דרך הטבע: אַ דאָקטאָר, להבדיל, קען אויסהיילען אַ קראַנקען פוס, אָבער, אַז עס איז גאָר קיין פוס ניט דאָ? לאָמט מען טאַקי ביז אין טויט אַריין. אַ רבי! להבדיל, היילט אַ קראַנקע נשמה; אָבער גאָט זאָל היטען, אַז מען האָט איהר, כביכול פערגעסען אַריין צו בלאָזען די נשמה, קען קיין גוטער יוד ניט העלפען, בלייבט מען אַ חיה, אַ בהמה ביז אין טויט אַריין.

„און איידער איך בין איהרער פטור געוואָרען! אַ סך רבנים האָבען זי גאָר ניט געוואָלט צולאָזען צו אַ גט. באשר — זי האָט ניט קיין שכל צו ווערען אַ גט. הערסט אַ מעשה! זי זאָל האָבען שכל, וואָלט זי זיך דאָך נאָך געעלטערט מיט'ן ערשטען מאַן! און אַז איך האָב שוין יאָ אַזאַ רב געקריגען, וואָס איז בעשטאַנען, האָט געדויערט פון פסח ביז סוכות, איידער מען האָט זי אויסגעלערענט וואָס זי זאָל זאָגען.

און זי וואָלט באמת ניט געקענט, ווען ניט די רבי'צין, דעם רב'ס ווייב. אַזאַ ווייב אַ חכמה, איז טאַקי אַ קרוין פאַר'ן מאַן, אַ מחיה. זי איז געפאַלען אויפ'ן שכל, האָט זיך איהר געשטעלט קעגען איבער, געשאָקעלט מיט'ן קלוגען קאָפּ אויף יאָ, איז געווען יאָ"!

פאַר דעם האָבען איהם שוין אָבגעֶ'גט די אַנדערע צוויי: איינער איז ניט געפעלען זיין קאַלטאַנעוואַטע באָרד; זי האָט, זאָגט זי, פיינד אַ קאָלטאָן.

„און וואָס זאָל איך טהון, אז איך האָב א קאָלטאָן? איך ווייז איהר ווי איך לעג יעדער אַרויסגעפאַלענע האָר אין דער גמרא אַריין, איך גיב איהר צו פערשטעהן, אז א באָרד איז א דבר שבקדושה; אז יודען שווערען ביי דער באָרד ווי בנקיטת חפץ; זי זאָגט אָבער, אז מיין באָרד נודזיעט זי, אז זי קען ניט עסען, אז זי גיט צוריק יעדען ביסען!

— נו וואָס טהוט מען מיט א באָרד? פרעג איך זי.

— שלאָג דיר, שרייט זי, מיט איהר קאָפּ אין דער וואַנד, אָדער גיט מיר.

און איך האָב מיך איינגעשפּאַרט: באין אופן! עס איז מיר אין איהר נישט געגאַנגען... עס איז מיר פשוט נמאס ומאוס געוואָרען דאָס גט'ן מיט'ן חתונה האָבען. ווער האָט צייט און קאָפּ דערצו? איידער איך האָב געקריגען תלמידים, איידער וואָס, גייט ווייטער גט זיך, האָב חתונה און פערליער פון דאָס נייעס דאָס מלמדות! און צום שלים-מזל איז אין שטעדטעל געווען א טייך אָהן א נאָמען, מוז מען זיך פּאָהרען גט'ן. א שעהן עסק! און די בעלי בתים זוכען נאָר א תירוץ אָבצורייסען פון מלמדות. זי וויל אָבער א גט און איך שריי: געוואַלד, וואַרט מיר א יאָהר, א זמן, — זי וויל ניט הערען און געדענקען, א גט און א גט!

איך האָב מיך מישב געווען און דער אַרורה ניט געענטפערט; איך זיץ און לער'ן... שטעלט זי זיך איבער די תלמידים און שרייט: א גט! א גט! הויבט גאָר אָן צו וואַרפען אין דר'ערד די אַנדערטהאַלבען טעלער!

מיין מערכה איז נאָך געווען, וואָס זי האָט זיך גע'מיאוסט צו מיר צוצוגעהן, אַזוגסט וואָלט זי מיר נישט איינמאָל די באָרד אויסגעריסען! עס איז געווען א ווילדע חיה, א קצב'ס א טאָכטער, אַנ'אַלמנה נאָך א שניידער! פערשטעהט איהר דעם יחוס!

איך האָב קוים געפּועלט ביי די בעלי-בתים, זיי זאָלען מיך לאָזען קנעלען אין בית המדרש, קומט זי אין בית המדרש און שרייט אין מקום קדוש: א גט! א גט! טהו עפּיס!

זי לאָזט שבת אין שטיבעל ניט אויסנעמען!

די צווייטע וואָך האָב איך שוין געקנעלט ביי די בעלי-בתים אין דער היים, עס איז געבליבען — א וואָך אום א וואָך. די בעלי-בתים האָבען

שוין אויף מיר רחמנות געהאַט, פון שטיבעל האָט מען זי שוין אַ פּאָר מאָל אַרויסגעוואָרפען. וואָס קומט אָבער אַרוים, אַז זי האָט זיך מישב געווען און אויפגעהערט צו קאָכען, צו וואַשען גרעט! אויסצוקעהרען די שטוב און צו געהן טהרה... וואָס קלעהרט איהר, זי האָט מיך דערדליבעט, איך האָב איהר געמוזט געבען גט!

די צווייטע וואָס האָט מיך געגט, איז עפּיס געווען גאָר אַ נייע מאָדע שלים-מזל. איך האָב שוין אַ גליק צו ווייבער! רחמנא לצלן, אַלע בלאָטעס טשעפּען זיך צו מיר! מענשען האָבען מזל צו אַלעם, אפילו צו ווייבער. ביי לייטען איז דאָ ווייבער ווי גאָלד! נאָר איך נעביך! וואָס זאָל איך אייך זאָגען, דאָס איז געווען אַזוינס, וואָס די וועלט פערמאָגט עס ניט. און אַלץ פּייטעל שדכן! די ערד זאָל איהם אַרויסוואַרפען, עס איז נאָך אַזאַ פושע ישראל ניט געווען! און ער — גאָר נישט, דער פושע ישראל!... וואָס בין איך, זאָגט ער, שולדיג? איך זעה אַ ווייבעל, רעד איך איהר אַ שדוך! איך ווייס וואָס ביי איהר אין הארץ איז? פון וואַנען זאָל איך וויסען אַז זי וועט נאַראָווען? מיר געפעלט דיין באָרד! און ער האָט מיך ווייטער אַריינגעפיהרט אין אַ צרה. וואָס פרעגט איהר, ער האָט מיר געגעבען אַ שטומע! רחמנא לצלן, ממש אַ שטומע. די ערשטע פּאָר טאָג האָב איך מיך מחיה געווען; באמת אַ יודענע אָהן לשון, אויף אַלע צדיקים געזאָגט, פאַר וואָס ניט, כצפיחת בדבש! אַ ווייב האָסט דו און קיין איינציגע קללה, אַ קליינינקייט! זי איז אָבער אויך געווען פון גע-מיינעם שטייגער, פון בעלי מלאכות, און איך בין איהר אויך ניט געפעלען; איהר הערט אַ מעשה! נו נו! הויבט זי אָן איבער מיר צו בלאָזען שופר, אַזאַ קול האָט זי געהאַט — זי האָט זיך אויסגעריסען דעם האַלז! וואָס איהר איז ניט געפעלען, ווייס איך ניט עד היום, נאָר זי האָט גע-בלאָזען שופר, געדראַפּעט, געקאָפּעט, געפּאַטשט, ביז זי האָט מיך אָב-גע'גט!...

עס איז ניט געווען אַזוי געשווינד ווי מען זאָגט; זי האָט איין מאָל פּאַר בעס געקריגען דאָס חולי נופל אין מיטען שטוב, יאָ יאָ!

איינע נאָר איז מיר געשטאָרבען. דער איינגענער קעלבאַסניק פּייטעל פערקויפט מיר אַ צוקראָכען מלבוש — אַ סוחאָטניצע: אפילו אַ ניש'קשה'דיג פון אַ ווייבעל, כ'לעבען... נאָר געשפּיגען האָט זי מיט בלוט און דאַר געווען... ווייס איך...

זי האט, נעביך, ניט געהאט קיין פרעטענסיע. א פשוט עהרליך ווייבעל, אנ'אמת'ע אשה צנועה, ווי א ווייב דארף צו זיין, נאר די קרענק האט זי נעביך אויפגעגעסען; ווי איך זאג אייך: א צוקראכען מלבוש! זי איז אפילו ניט מעוברת געווארען און איז איינגעשלאפען ווי א הוהן. איך האב געמיינט איך פערגעה פאר צרות! וואס דאס האט מיך אבגעקאסט, — א הון! און וואס? גאר ניט! כמעט גאר ניט! איך האב שוין אזא מזל! זי איז געוועז א גברא קטילא, און באלד אין דער שבעה, — פייטעל איז דא! דער שטן, ימח שמו!

— איך האב געוואוסט, זאגט ער, איך האב געטראכט, זאגט ער, קיין ווייב וועט ער נישט האבען, נאר ירושה, זאגט ער, וועט ער נעמען... אצונד וועסט דו ערשט חתונה האבען ווי א מענש.

— 50 טאהלער איז קיין קלייניגקייט! וואס דען, זאגט ער, האסט דו געמיינט? א שעהן ווייבעל. 50 טאהלער, אהן קינדער, און אהן א פעהלער? הע, פאר וואס קומט דיר דאס? באשר, — האסט שעהן גע־דרשנט?

אין הארץ האב איך איהם געשאלטען. נאר ע"פ שכל האב איך פערשטאנען, אז ער איז גערעכט; איך בין פערנארט געוועז אין דעם מענש! איך בין געוועז מלמד און ער וואלט מיך ווייטער געפיהרט אין חדר אריין!

ווי דער אמת איז, בין איך שוין, אט א פנים, פאר צרות אזוי דערשלאגען געוועז, אז איך בין ממש אהן שכל געבליבען. און פייטעל האט מיר ווייטער געדולט מיין קאפ מיט א ירושה, מיט א זיכערע ירושה, און שוין הונדערט טאהלער... ער וואלט מיך זיכער איבערגעדייבערט, ער האט שוין אזא כח געהאט יעדען איבערצודייבער'ן, נאר די מערכה איז געוועזן, אז ער אליין איז געשטארבען.

פון דעסטוועגען, זאגט סענדער, איך בין דאך א יוד אנ'אכציגער, פון דעסטוועגען, ווען עס טרעפט זיך מיר א גוטער שדוך, וואלט איך נאך א מאל געפרובט חתונה האבען! היינט איז אבער אלץ אין דר'ערד! עס איז קיין רעכטע יורענע און קיין רעכטער שדכן ניט דא... איהר מיינט, יונגע לייט, אז אנ'אלטען מאן איז גוט צו זיין אליין, גאר אליין, גאר גאר אליין, ווי א, ווי א ווערסט למשל אין מיטען וועג?... געהט שוין

געהט... און אָהן אַ קינד! איך ווינש אײַך קײַן יודען ניט, קײַן שונא אַפילו אויך ניט...

און דער גרײַז־גראָהער קאָלטאָן האָט אָנגעהויבען ציטער'ן און די ברוינע־בלאָהע ליפּען האָבען געציטערט, די ברילען זענען פערגאַנגען און ער האָט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנד, ווי איינער רעדט: פער־פאַלען! —

IV.

אַ כּעס פון אַ יודענע.

דאָס קליינע שטיבעל איז פערחושכט ווי אין איהם דער דלות, אויף וועלכען עס ווײנען אַלע פיער וועגד... אינ'ם אָבגעריסענעם סופיט שטעקט אַ האַקען — אַ יתום נאָך אַ געוועזענעם הענגעל-לײַכטער. דער גרויסער, אָבגעשײַלטער אויווען איז „אַרומגעגאַרטעלט בײַ די לענדען" מיט אַ גראָבען זאַק, שטעהט איבערגעבויגען אין אַ זײַט, און קוקט אַריבער צו זײַן פינסטערן שכן — צו'ם לעדיגען שוואַרצען קוימען, אויף וועלכען עס ליעגט אַן'איבערגעדרעהטער טאָפּ מיט אַן'אָנגעברענטען ראַנד, און אין אַ זײַט, אַן„עליו-השלום", אַ צערבראָכענער לעפּעל. דער בלעכענער גבור האָט געהאַט אַן'עהרליכען טויט: ער איז געפאַלען אין דער מלחמה מיט אויסגעדאַרטער, אײַנגעשפּאַרטער, נעכטיגער קאַשע!

דאָס שטיבעל איז איבערגעפּולט מיט כּלים; עס שטעהט אַ הימעלבעט, פערהאָנגען מיט צוריסענע פאָרהענגלעך... דורך די לעכער קוקט אַרויס דאָס בעטגעוואַנד. אָהן ציכלעך, מיט רויטע פערפערטע אויגען. עס שטעהט אַ וויעגעל, פון וועלכען עס שײַנט אַרויס אַ גרויס געלבליך קעפּעל פון אַ שלאָפענדיג קינד... עס שטעהט אַ קאַסטען, בעשלאָגען מיט בלעך, מיט אַן'אָפענעם הענגעל-שלאָס, — עס מוז שוין דאָרט קײַן גרויס עשירות נישט זײַן, — עס שטעהט נאָך אַ טיש מיט דרײַ בענקלעך; דאָס הילצערנע מעבעל איז אַמאָל רויט געפאַרבט געוועזען, הײַנט איז טונקעל ברודיג... רעכענט נאָך צו: אַ שאַף, אַ פאָמיעס-שאַף, אַ פאַס וואַסער, אַ קאָציובע מיט אַ לאָפּאַטע, וועט איהר פערשטעהן, אַז מען קען שוין, אין שטיבעל פון ד' על ד', קײַן שפּילקע נישט אַרײַנוואַרפען...

און דאָך זענען דאָ: אַנ'ער און אַ זי.

זי — אַ יודענע אין די מיטעלע יאָהרען — זיצט אויפ'ן קאַסטען, וואָס פילט אוים דעם אָרט צווישען הימעל-בעט און דער וויגע.

זי האָט אין דער רעכטער האַנד דאָס איינציגע, קליינע, פערגרינטע פענסטער; לינקס — דעם טיש. זי אַרבייט אַ זאַק, שאָקעלט צו דאָס וויגעל מיט'ן פוס און הערט זיך איין, ווי ער לערנט ביים טיש. און ער לערנט מיט אַ זינגענדיג-וואָלאַכיש-וויינענדיג קול. ער לערנט און בעוועגט זיך אומרוהיג, אָבגעריסען און נערוועז. טהייל ווערטער שלינגט ער, טהייל ציהט ער, טהייל האַפט ער, טהייל היפּערט ער איבער; טהייל אַקצענטירט ער און דריקט אוים מיט ליעבשאַפט, טהייל שיט ער גלייכגילטיג אַרוים, ווי אַרבעס פון אַ זאַק; דערביי רוהט ער נישט אַ רגע: דאָ האַפּט ער אַרוים פון קעשענע איין אַ מאָל רויט און גאַנץ געוועזענע פאַטשיילע, ווישט זיך די נאָז, דעם שוויים פון פּנים און שטערן, באַלד לאָזט ער זי אַראָב אויף דער שוים און האַפּט זיך קרייזלען די פאות, צופּען דאָס שפּיציגע, ערטערווייס קוים גראָהליכע, בערדעל... אָט, בעהאַלט ער אַנ'אויסגעצופּטע האָר אין ספר אַריין און הויבט זיך אָן פאַטשען אויף דער קניע, די הענד דערפּיהלען דערווייל די פאַטשיילע, האַפּען זי און וואַרפען אַ שפּיץ אין מויל אַריין; ער בייסט, וואַרפט איבער איין פוס אויפ'ן צווייטען און טוישט אַלע מינוט די פּנים.

ביי דער גאַנצער צייט קנייטשט זיך איהם זיין בלאַסער שטערן אין דער לענג און אין דער ברייט, עס קנייטשט זיך אוים אַ קמץ איבער דער נאָז. די לאַנגע ברעמען ווערען, אונטער דער איבערגעלעגטער הויט פון שטערן, כמעט פערלוירען. דערווייל גיט איהם — דאַכט זיך — עפּיס אַ שטאָך אין דער ברוסט; האַפּט ער און דערלאַנגט זיך מיט דער רעכטער האַנד אויף דער לינקער זייט אַנ„על-חטא"... ראַפּטום פערלעגט ער דעם קאָפּ לינקס, דריקט צו מיט אַ פינגער די לינקע זייט נאָז, מאַכט מיט דער רעכטער זייט אַ קינסטליכע פאָנטאַנע, וואַרפט איבער דעם קאָפּ רעכטס, די פאָנטאַנע שפּריצט פון דער לינקער זייט נאָז!... אין מיט'ן האַפּט ער אַ שמעק-טאַבאַק, צוהוידערט זיך בעסער, דאָס קול קלינגט, דאָס בענקעל קנאַקט, עס רודערט דער טיש!

דאָס קינד וועקט זיך נישט! עס איז געוואָהנט צו דער מוזיק.

און זי, דאָס יונגערהייט איינגעשרומפּענע ווייב, זיצט און שעפּט נחת פון מאַן. זי לאָזט פון איהם קיין אויג נישט אַראָב; איהר אויער

פערליערט קיין איינציגען טאָן פון זיין מויל... אמאל זיפצט זי: ער זאָל אַזוי — טראַכט זי — טוּגען צו ד ע ר וועלט ווי צו י ע נ ע ר, וואָלט איהר דאָ אויך וואהל און ליכטיג געוועזען... דאָ אויך...

— „מאַ! — טרייסט זי זיך — ווער שמועסט פון אַ כבוד! נישט יעדער איז זוכה צו ביידע טישען״.

זי הערט זיך איין... איהר איינגעשרומפּען פּנים ענדערט זיך, דאס אויך וואס אַ מאָל; זי איז אויך נערוועז:

ערשט איז דערויף אויסגעגאָסען געוועזען אַ ווילדע הנאה; אַזוי פיעל נחת האָט זי פון זיין תורה געשעפּט... דערמאַהנט זי זיך, אַז היינט איז דאָך שוין דאָנערשטאג, אַז עס איז דאָך קיין דריטער אויף שבת נישט דאָ, און דאס גן־עדן ליכט אויפ'ן פּנים, ווערט וואס אמאָל טונקלער און טונקלער, ביז דער שמייכעל פערשווינדט פון גאַנצען פּנים... דערנאָך ווארפט זי אַ בליק דורכ'ן פערגרינגטען פענסטער, קוקט אויף דער זון — עס מוז שוין זיין שפּעט און עס איז נאָך אין שטוב קיין לעפעל וואַרעם־וואַסער נישט דאָ, — און די שפּיזלעך בלייבען איהר שטעהן אין דער האַנד, אַ טונקעלער שאָטען האָט שוין דאס פּנים בעדעקט. זי ווארפט אַנ'אויג אויפ'ן קינד; עס שלאָפט שוין אומרוהיג, עס וועט זיך באַלד אויפחאַפּען, עס איז פאַר'ן קראַנקען קינד קיין טראָפּען מילך נישט דאָ — און פון שאָטען איז שוין אַ וואָלקען געוואָרען, די שפּיזלעך הויבען אָן אין דער האַנד צו ציטערן, צו ווארפען זיך...

און אַז זי דערמאַהנט זיך נאָך, אַז, אויסער דעם, געהט צו פּסח... אַז די אויערינגלעך מיט די בענש־לייכטער זענען פערזעצט, דער קאַסטען — לעער, דער הענגעל־לייכטער — פערקויפט, — הויבען אָן די שפּיז־לעך גאָר מערדעריש צו טאַנצען! דער וואָלקען אויפ'ן פּנים ווערט טונקעל־בלאָה, אָנגעלאָדען... אין די קליינע, גראָהע אויגען, וואס מען זעהט קוים אַרוים פון אונטערן טיכעל אויפ'ן קאָפּ, בעווייזען זיך — בליצען:

ער — זיצט נאָך אַלץ און לערנט; ער בעמערקט נישט, אַז עס מאַכט זיך אַ געוויטער, אַז עס ווערט אַלע מאָל געפעהרליכער... אַז זי לאָזט אַרוים דעם זאָק מיט די שפּיזלעך פון דער האַנד און הויבט אָן קנאַ־קען די אויסגעדאַרטע פינגער, אַז זי קנייטשט איין דעם שטערן פאַר ווער־טאָג, איין אויג ווערט צוגעמאַכט, און דאס צווייטע קוקט אויף איהם, מעסער־שפּיציג אויפ'ן מאַן, דעם למדן, אַז עס וואָלט איהם, ווען ער זאָל

עס זעהן, קהל געוואָרען אין אַלע אברים; דאָך ער זעהט נישט, ווי איהרע בלאָהע ליפּען ציטערן, ווי די גאָמבע ציטערט, ווי עס קלאַפּט אַ האַצאָהן אָן אַ צאָהן... ווי זי האַלט זיך איין מיט אַלע כּוחות, נישט אויסצובּרעכען... ווי דער דונער רייסט זיך און רייסט, און עס דאַרף נאָר אַ קלייניגקייט, ער זאָל אַרויס פון מויל.

דאָס קלייניגקייט האָט זיך געטראָפען:

ער לערנט און זאָגט! „שמע מיניה — — — תלת..." און טייטשט זיך אויס בנעימות: „איז דאָך פון דאַנען געדרונגען..." ער וויל זאָגען: דריי — נאָר דאָס וואָרט „געדרונגען" איז שוין גענוג געוועזען... אין דעם וואָרט האָט זיך אָנגעחאַפּט דאָס פערביטערטע האַרץ, דאָס איז געוועזען דער פונק צום פולווער!

איהר שטאַרקער ווילען פּלאַצט. דאָס אומגליקליכע וואָרט האָט געעפענט אַלע פערהאַמערטע טויערן, אויפגעהאַקט אַלע ריגלען... אויסער זיך איז זי צוגעשפּרונגען צום מאַן מיט פּיאַנע אין מויל, מיט נעגעל אין פּנים אַריין.

— געדרונגען, זאָגסט דו, געדרונגען? אוי! אַ דרינגעניש זאָל אויף דיר קומען, רבונו של עולם! — — האָט זי אויסגעשריען פון אַ הייזעריג קול פאַר כּעס — אַ דרינגעניש, רבונו של עולם! יאָ! יאָ! האָט זי ווייטער מיט אַ שלאַנגען־קול געסיטשעט: פאַר פּסח... דאָנערשטאָג... ס'קינד קראַנק... קיין טראָפּען מילך! האַ!

עס פערפעהלט איהר אָטהעם, די איינגעפאַלענע ברוסט שלאָגט פּאַליעס, פון די אויגען יאָגען בליצען.

ער בלייבט ווי פערשטיינערט. בלייך איז ער אויפגעשפּרונגען פון בענקעל, אָהן אָטהעם פאַר שרעק, און האָט זיך הינטערוויילכטס גערוקט צו דער טהיר.

זיי שטעהען איינס געגען אַנדערן און קוקען זיך אָן; ער מיט גלעזערנע אויגען פאַר שרעק, זי — מיט ברענענדיגע — פאַר כּעס... ער בעמערקט דאָך באַלד, אַז זי האָט פאַר כּעס קיין שליטה נישט, נישט איבער דער צונג, נישט איבער די הענד. די אויגען ווערען איהם אַלע מאָל קלענער; ער חאַפּט אַנ'עק פּאַטשיילע אין מויל אַריין, רוקט זיך נאָך אַביסעל אָב, אָטהמעט טיעפער אָב און מורמעלט:

— הער, דו, אשה... ווייסט דו, וואָס איז? בטול תורה, נישט לאָזען דיין מאַן לערנען, האַ? אַלץ פּרנסה, האַ?! און ווער גיט דעם

פוינגלעָ! אַלץ נישט גלויבען אין גאָט! אַלץ יצר־הרע, אַלץ נאָר די וועלט... נאַרישעָ אשה... מרשעת! נישט לאָזען לערנען א מאַן... דערפאַר קומט גיהנם..."

אַז זי ענטפערט נישט, ווערט ער שטאַרקער ביי זיך! איהר פּנים ווערט בלייכער און בלייכער, זי ציטערט אַלע מאָל מעהר, און וואָס מעהר זי ציטערט און ווערט בלייכער — פעסטער און ראַשער ווערט זיין קול:

— „גיהנם! פייער! הענגען אויף דער צונג! אַרבע מיתות בית־דין!"

זי שווייגט, דאָס פּנים איהר'ס איז שוין ווי אַ קרייד.

ער פיהלט, אַז ער טהוט נישט גלייך, אַז ער דאַרף זי נישט אַזוי קרענקען, אַז ער רעדט נישט עהרליך; נאָר אַיינהאַלטען קען ער זיך שוין נישט, אַלעס שלעכטע וואָס ער האָט ביז אַהער אין זיך געהאַט, שיטען זיך איהם אַרויס, ער קען זיי נישט איינהאַלטען.

— „ווייסט וואָס טייטש? — געהט זיין קול איבער ווי אין אַ בייזען דונער: סקילה — דאָס הייסט: וואַרפען אין גרוב אַריין און פערשיטען מיט שטיינער! שרפה — פיהרט ער ווייטער און וואונדערט זיך אַליין אויף זיין העזה — שרפה, דאָס הייסט: אַריינגיסען אין די געדערעם אַ לעפעל הייס־קאָכענדיג־זידענדיג בליי! הרג איז בסיף... דאָס הייסט: מען האַקט אָב דעם קאָפּ מיט אַ שווערד... אָט אַזוי! און ער מאַכט אַ בעוועגונג מיט דער האַנד אַרום האַלז. הייַנט — חנק... ווערגען... הערסט — ווערגען! פערשטעהסט — בטול תורה! אַלץ פאַר בטול תורה!

דאָס האַרץ טהוט איהם שוין וועה פאַר רחמנות אויף זיין קרבן, נאָר עס איז איהם דאָס ערשטע מאָל, ער זאָל אַזוי גובר זיין... עס פער'שכור'ט איהם! אַזאַ נאַרישע יודענע! ער האָט ביז אַהער גאָר נישט געוואוסט, אַז מען קען זי אַזוי איבערשרעקען.

— אָט דאָס איז בטול תורה! שרייַט ער ענדליך אויס. ער האַקט דאָך אָב, זי קען דאָך צו זיך קומען און חאַפּען אַ בעזים! ער שפּרינגט צוריק צו צום טיש, פערמאַכט די גמרא און לויפט אַרויס...

— „אין בית המדרש אַריין געה איך!" שרייַט ער איהר צו, שוין מיט אַ ווייבערער שטימע און פערמאַכט נאָך זיך די טהיר.

דאָס געשריי מיט'ן קלאַפּ פון דער טהיר, האָט אויפגעוועקט דאָס קרענקליכע קינד. עס הויבט לאַנגזאַם אויף די שווערע ברעמען, דאָס

וועקסען-געל פּנים פערקרימט זיך, און עס הויבּט אָן צו פּײַפען אונטער'ן געשוואָלענעם נעוועל. נאָר זי שטעהט אַלץ אויף איהר אָרט, אויסער זיך, ווי פערשטײנערט און הערט נישט דעם קינד'ס קול.

— האַ! רײַסט זיך איהר ענדליך אַ הײזעריג קול פון דער פערענגטער ברוסט אַרויס — אַזוי — נישט די וועלט, נישט יענע וועלט... הענגען — זאָגט ער — ווער — זאָגט ער — הײסע סמאָלע — בלײַ — זאָגט ער! בטול תורה!

— גאָר נישט... מיר גאָר נישט... העשעט איהר אין צוריסענעם האַרץ: דאָ הונגער... אָהן אַ קלײד... אָהן בענש-לײַכטער... אַלץ נישט... דאָס קינד הונגעריג... קײן טראָפּען מילך... און דאָרט — הענגען... הענגען אויף דער צונג... בטול תורה — זאָגט ער. —

— הענגען... האַ! האַ! האַ! — ווײַבּט זיך ראַפּטום אויס איהר פערצווײפעלט קול... הענגען, יאָ. נאָר דאָ! — באַלד! אַלץ אײנס! נאָך וואָס וואַרטען?

דאָס קינד הויבּט אָן העכער צו װײנען, נאָר זי הערט אַלץ נישט.

— אַ שטריק! אַ שטריק! שרײַט זי אויסער זיך, און זוכט מיט פערבלאָנזיעטע אויגען אַ שטריק אין אַלע ווינקעלעך.

— אַ שטריק וואו נעמט מען! זאָל ער שוין מײן געבּײן דאָ נישט טרעפען! לאָ-מיך חאָטש דאָס גיהנם פּטור ווערען! זאָל ער וויסען! זאָל ער זײן אַ מאַמע! זאָל ער! אַ כּפּרה בּין איך! אַ מלאך המות! אַנ'עק! אַנ'עק זאָל זײן! אַ שטריק!

און דאָס לעצטע וואָרט רײַסט זיך איהר פון האַלז אַרויס ווי אַ רוף אויף הילף בּײַ אַ שׂרפה.

זי דערמאַהנט זיך, אַז עס ליעגט ערגיץ אַ שטריק... יאָ, אונטער'ן אויוון... מען האָט געזאָלט אויפ'ן ווינטער דעם אויוון איבּער-בּינדען, ער מוז נאָך דאָרט ליעגען...

זי לויפט צו און געפינט דעם שטריק: אַ פרײד — זי האָט געפונען דעם אוצר! זי וואַרפט אַנ'אויג אויפ'ן סופית — דער האַקען זיצט... זי דאַרף נאָר אויפ'ן טיש אַרויף. —

זי שפּרינגט אַרויף —

נור פון דער הויך דערזעהט זי, אַז דאָס דערשראָקענע, פער'חלש'טע קינד איז אויפגעזעצט, עס בּויגט זיך איבּערן וויגעל; עס וויל אַרויס: אַט, אַט, פאַלט עס אַרויס...

— מאַמע! האָט דאָס קינד קוים אויסגעריסען פון שוואַכען העלזעל. עס האַפּט זי אַן אַנייער כעס. — זי וואַרפט אַוועק דעם שטריק, שפּרינגט אַראָב פון טיש, לויפט צו צום קינד, און וואַרפט איהם דאָס קעפּעל אויפ'ן קישען צוריק. שרייענדיג:

— ממזר! אַפילו הענגען לאָזט עס מיך נישט! אפילו נישט הענגען בשלום! עס וויל שוין ציהען... ציהען וויל עס... אָ! סם וועסט דו ציהען פון דער ברוסט! סם!

— נאַ, פרעסער, נאַ! — שרייט זי אויס אין איין אָטהעם, און שטופּט דעם קינד די אויסגעדאַרטע ברוסט אין מויל אַריין:

— נאַ, ציה, בייס!...

V.

„אַז מֶען זָאגְט „מְשׁוּגָע״—גְלוֹיבּ!״

איהר פרעגט אויף משה יוסעלעס? וועגען אַ שדוך פרעגט איהר? אדרבה! ווען דען זאלט איהר פרעגען, אז נישט מיך? מיין חבר געוועזען, ווי דען! איך האב אפילו זעהר גוט זיין פאטער, דעם בין, געקאנט; לסוף ימיו ביי אונז דיין געוועזען. אַ ודאי ער זאל מיר עס מוחל זיין, אַ מתנגד געווען, נאר אַנ'אייזערנער מוח! אַזוינער מעג זיין אַ מתנגד, אַז אַ מענש איז אַליין ביים צאַפּען!

אוים קבלה האט ער אפילו חוזק געמאכט, נאר איך גלויב איהם זעהר! אַ פערציייטיגער יוד, האט ער אונז, יונגע ליט! געוואלט אבסטראשען!

צו קיין גוטען יוד איז ער טאקי נישט געפאהרען, נאר ער איז אַליין געווען אַ גוטער יוד.

זיין זיצען און לערנען! מיט אַ נאס האנדטוך אַרומגעוויקעלט דעם קאפּ (אַ ניט, זאגט ער, וועט איהם דער מוח פּלאַטצען), מיט איין פוס אונטער זיך... און פון אונטער די לאַנגע, בייזע ברעמען, האט זיך טאקי ממש פייער געשיט! וואס קלערט איהר, אויב משה ר' יוסעלעס איז אַ מיוחס? איינגעטונקט אין יחוס! נאר גלאט, ער אַליין איז קיין ליט נישט! עס טהוט מיר דאס הארץ וועה, נאר וואס אמת איז אמת — אַ פלוט איז ער, אין מוח פעהלט עפּיס!

יונגעלווייז אויך אַנ'אייזערנער מוח געוועזען; זונטאג האט ער שוין געקאנט דעם שעור אויסוועניג! באלד זונטאג!

נאר משוגע! זיינע תנועות, זיינע הויות. און אויך אַזוינע לאַנגע

ברעמען, און ברענענדיגע אויגען, ווי דער פאָטער, עליו השלום. נאָר
דער פאָטער איז געווען מיושב און ער — משוגע. אַ יונג מאַכט זיך אַ
מאָדע צו קוקען אין הימעל אַרײַן! עס געהט, למשל, דורך — אַ וואָל־
קען, זעהט ער אין'עם אַ געשטאָרבענעם פעטער, אַ כהן גדול, אַ צאַפּ...
וואָס איהר ווילט נאָר אַלײן, זעהט ער אין דער חמאַרע! איז דער הימעל
לויטער, זאָגט ער, אַז עס איז אַ ראש־השנה'דיג פּרוכת!

ווינטער פליעגט ער אָבליעגען גאַנצע טעג אין פענסטער און אַרויס־
קוקען אויפ'ן שנײ. בריליאַנטען, זאָגט ער, זעהט ער אין שנײ! ווי, עס
איז דען נאָכצודערצעהלען? איך וועל אײַך לאַנג נישט ברײַען, נאָר די
מעשה איז אַזוי געווען:

מיר האָבען בײדע אין אײן וואָך חתונה געהאַט; איך בין געפאָהרען
צום שווער קעסט עסען, און ער האָט זיך געזוכט אַ מעמד.

בײַם שווער, ווי דער שטײַגער איז, האָב איך גאָר אָן משה'לען
פערגעסען; אין שטעדטעל דאָרט איז געווען אַ מחלוקת, האָב איך מיך
שטאַרק אַרײַנגעלאָזט...

דער נאָך האָב איך מײַנע צרות געהאַט! אַ קינד איז מיר, לא
עליכם, געשטאָרבען, און מיט איהר האָב איך אויך נישט גוט געלעבט;
אַ הין — אַ הער, מיר האָבען זיך גע'גט, און מען הויבט מיר אָן צו רעדען
שדוכים פון דער היים!

איך לאָז איבער דאָרט די קינדער; זי וויל נישט, האָב'מיר אַ דין
תורה; דער רב פּסק'ט זי זאָל זײ האַלטען ביז צו דרײַ יאָהר; קום איך
אַ היים, געה אין בית המדרש אַרײַן און טרעף משה'לען:

„וואָס מאַכסט דו גוטס?"

— אַזוי... ענטפערט ער.

„האָסט שוין עפּיס קלײנוואַרג?"

— נײן, מאַכט ער.

„פאַר וואָס?"

— איך ווײס, פאַר וואָס?

„און וואָס טהוסט דו דערצו?"

— גאָר נישט!

איהר הערט אַ תשובה!

„פאָהרסט ערגיץ?"

— מײַן טאַטע איז אויך נישט געפאָהרען.

איהר הערט אַנ'עסק! אַז דער טאַטע איז ניט געפאָהרען, פאָהרט ער אויך נישט! ווי הייסט? „איך האָב, זאָגט ער, אַ צוואָה!". איך גלויב נישט מײַנע אייגענע אויערן! אַז עס געהט וועגען קינדער, פאָהרען קריסטען צום רבי'ן!

בײַ מײַנעם, זאָל לעבען, האָב איך געזעהן איבער דער צײַט, איך זאָל קײַן גוזמא נישט זאָגען, איבער צוואַנציג געגאָלטע בערד... איינער האָט דעם רבין אַנידערגעלעגט 50 זילבערנע טהאָלער! עס האָט איהם אַפילו געהאָלפען ווי אַ טויטען באַנקעס! וואָרום טאַקי, העלף אַזוינעם, וואָס איז אײַנגעטונקט אין עבודה־זרה; נאָר — ער האָט זײַנם געטהון! און דער — גאָר נישט! מען זאָגט, עס פאָהרט נישט אַ גראָבער יונג, אַ טרעגער, אַ שוסטער — אָבער ער, משה'לע? ! וואָס איז, ער ווייסט נישט, אַז גאָט, ברוך הוא, איז אַ מאָל אַמישנע גוזר, דער צדיק זאָל האָבען וואָס מבטל צו זײַן? וואָרום אַז נישט, טאַקי, וואָס פאַר אַ וועלט וואָלט זיך געפיהרט? אַלץ על פי דין... שטענדיג גלײַך ווי אַ ווירע? נאָר, גאָה, טענה מיט'ן! —

דערווײַל האָט זיך מיר דער קאָפּ פערדרעהט; איך בין געשטאַנען אין אַ סך שדוכים אויפ'ן אָרט, און געמאַכט האָט זיך, אַז איך האָב חתונה געהאַט פון דער פּרעמד...

וואָס קלעהרט איהר? מען האָט מיך אָבגענאַרט, אַז עס איז מיר אַ חרפה און אַ בושה געוועזען אויסצוזאָגען; אַ היין און אַ הער, איך קום צו פאָהרען — מײַן משה'לע איז שוין אַנ'אַלמן צום מזל! און דאָ הויבט זיך אָן אַ נײַער שגעון! ער לאָזט זיך קײַן שדוך נישט רעדען...

על פי דין מעג מען רעדען אַ שדוך אין דער שבעה, וויל ער טהון לפנים משורת הדין! דערנאָך וויל ער איבערוואַרטען שלשים; דערנאָך איז איהם די ספירה נישט מזל'דיג; דערנאָך פאַלט איהם אײַן צו וואַרטען אַ גאַנץ יאָהר! און נאָך דעם אַלעם, אַז איך האָב שוין קוים דערלעבט און דאָס יאָהר איז אַריבער, זאָגט ער ערשט, אַז ער אײַלט זיך נישט! אַנ'אַנדערער, זעהסט, אַז דו קענסט זיך בעגעהן אָהן אַ ווײַב, מהיכי תיתי, האָב חתונה, נעהם אַ פּאָר גילדען נדן און פאָהר ערגיץ אַוועק און ווער אַ פּרוש!

נײן, דאָס װיל ער נישט, דאָס דאַרף ער נישט — ער האָט גלאַט צײַט! ער װיל זיך פּשוט מישב זײַן!

װאָס קלערט איהר, ער האָט אָבגעלעבט אַ פּאָר יאָהר טאַקי, נישט פּאַר אײַך געדאַכט, װי אַ כּלב אין דרויסען! װאָרום טאַקי באמת, װאָס איז װערטה אַ מענש אָהן אַ שטיקעל יודענע? אָהן אַ ביסעל װאַרעמס, אָהן אַ געקאָכטע קאַרטאָפּעל? מיט הערינג האָט ער זיך געשפּײַזט; געזעסען און געקנעלט און געגעסען הערינג! אַ שעהן לעבען?

אָט, קוקט מיך אָן, װאָס פּאַר אַ פּנים איך האָב! און װי לאַנג איז, אַז מײַן דריט װײַב איז נפטר געװאָרען? אפשר אַ האַלב יאָהר!

נו? תהו ובהו אין אַלע װינקעלעך: אָהן אַ העמד אויף שבת, די מחיה אין שענק איז אין דער ערד! קײַן גאַנצע פּאָר פּלודערן נישט! און ער זיצט און קנעלט, און גאָר נישט!

איהר קאָנט פערשטעהן אַ לעבען? אין דער פריה אַ ציבעלע מיט ברויט, מיטאָג אַ שטיקעל הערינג, בײַ נאַכט די רעשט פונם הערינג, װאַשען — װאַשט מען זיך מיט אַ קװאָרט בײַם פּלומפּ אויפ'ן הויף, מען װישט זיך אָב אָן די פּאָלעס, און מען קײַעט הערינג מיט ברויט! װאָס קלערט איהר, אַ שעהן פּנים האָט ער געהאַט, צו גרונד איז ער געגאַנגען! קײַן אויגען האָט מען ניט געזעהן, נאָר צװײ שװאַרצע לעכער אין קאָפּ! אײַנגעבויגען — כּפול שמונה, און אַ הולך, אַז גאָט זאָל זיך מרחם זײַן!

ער האָט זיך אַרומגעדרעהט װי אַ שאָטען, װי אַ מת, רחמנא לצלן, און האָט דעם גאַנצען קאָפּ פערלוירען; אײַנמאָל, שבת, לויפט ער אין בית המדרש אַרײַן מיט טלית און תפילין אונטערן אָרעם! אַ מענש געהט דורך דער גאַס, זעהט שטרײַמלעך, אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, פערמאַכטע געװעלבער און גאָר נישט, ער לויפט מיט טלית ותפילין!

— משה'לע! שרײַט מען איהם נאָך — ער הערט נישט! און דאָ איז שבת, מען טאָר קײַן גרויסען שפּרײַז נישט מאַכען, און גלאַט — מען צולעגט זיך פאַר געלעכטער! אַ מערכה, װאָס אַ שנײַדער-יונג האָט איהם נאָכגעװאָרפען אַ שטײן, געטראָפען אין פּלײצע אַרײַן און ער איז אומגעפאַלען...

אין אַ װאונדערליכע זאַך: כּל זמן ער לערנט, לערנט ער, איז ער

כּאחד האדם, נישט צו דערקענען; ער דערהיצט זיך רעדט, חורט איבּער — און דערבּיי איז ער פאַרט משוגע. מען האָט דערזעהן, אַז ער איז אַזוי פערטיפט אין לערנען, אַז ער פערגעסט אַ מאָל אַ קינד אַ קלאַפּ צו געבּען; דעם קאַנטשיג האָט ער שוין לאַנג ערגיץ פערוואָרפען! און, וואָס קלערט איהר, די קינדער האָבּען אַ גן עדן אין חדר!

מען וואָלט איהם צוגענומען דאָס מעמד, לערנט ער אָבּער אַזוי וואהל, אַז די קינדער קענען אָהן אַ קניפּ, אָהן אַ ריהר; אַזאַ כח האָט ער שוין געהאַט. פאַר דאָס, קוים פערמאַכט ער די גמרא, ווערט ער אויס מענש, נישט צו גאָט, נישט צו לייט. ער פערגעסט צו עסען, צו שלאָפען, צו דאַוונען אפילו; אַ מערכה, וואָס ער האָט אַ מזל געהאַט צו די קינדער, דאָס לעבּען האָבּען זיי איהם ליעב געהאַט, זיי האָבּען זיך פאַר'ן מקריב געוועזען! אַלץ דערמאַהנט און דערלאַנגט.

„רבּי, וואַשט אייך” — זאָגט איהם אַ תלמיד, וואַשט ער זיך. „רבּי עסט!” דאָס נישט: „עסען — זאָגט ער — וועט ער נישט; ער וויל וואַרטען, ער האָט פיינד אַליין צו עסען!” טאָמער ווייסט איהר אויף וועמען ער וויל וואַרטען? ער וואַרט און זיצט אַזוי מיט'ן עק פון הערינג אין דער האַנד און שאָקעלט זיך און קוקט אין דער טהיר אַריין, גלייך אליהו הנביא דאַרף אַריינקומען

פּלוצלונג דערמאַהנט ער זיך, אַ פּנים, אַז אליהו הנביא קומט נאָר צום סדר, הויבּט ער אָן צו עסען און צו וויינען צוזאַמען. „וואָס וויינט איהר, רבּי?” פרעגען איהם די דערשראָקענע קינדער — ענטפערט ער נישט. דרעהט זיך איבּער צו דער וואַנד, און די קינדער הערען, אַז ער וויינט! טהייל מאָל געהט ער צו צו דער קליידער־שאַנק, וואָס איז איהם פון ווירהטשאַפט געבּליעבּען, עפענט זי אויף, שטעלט זיך אַנידער און קוקט, און קוקט, גלייך ער וואָלט דאָ דער גרויסער גביר געוועזען, און שטעהט און קלערט, וואָס פאַר אַ קאַפּאָטע ער זאָל אָנטהון, אַן'אַטלאַסענע אָדער אַ זיידענע; מיט־ אָדער אָהן־סטראָקעס! און דאָ, שווער איך אייך בּנאמנות, איז אין שאַנק, אויסער איהרע עטליכע שמאַטעס, וואָס קיינער האָט צומאָל נישט געוואָלט אָבּקויפען, קיין לעק נישט געוועזען!

אין שטעדטעל, בּאמת, האָט יעדערער זיינס אין זינן, יעדערער האָט מיט זיך צו טהון. איך האָבּ יאָ אויפ'ן רחמנות געהאַט, בּין איך פונקט דעמאָלט צום ערשטען מאָל אַנ'אַלמן געוואָרען!

איך האָב אײך שוין דערמאַהנט, אַז מיט'ן צווייטען ווײַב האָב איך מיך גאָר אָבגעגעבען, אָבער גאָר אין גאַנצען! זי האָט, לא עליכם, געקרענקט און געקרענקט ביז זי איז, נישט פאַר אײך געדאַכט, גע-טאָרבען, און איך האָב ווײַטער געמוזט זיך אַרומקוקען וועגען אַ שדוך און חתונה האָבען. וואָרום, באמת! האָב איך שוין געהאַט ווי מען זאָגט „מײַנע, איהרע און אונזערע" קינדער. און וואָס קען אַ מאַנספּערשוין טהון מיט קינדער, אדרבא, וואָס? זײַגען וועל איך זיי? אײַנשלעפען? וואַשען און קאָרמען? עס איז מיר אַודאי ביטער געוועזען ווי די גאַל, און האָב צו משה'לען קײַן צײַט נישט געהאַט! נאָר קײַן שלימזל, ברוך השם, בין איך נישט, איך האָב געזעהן ווי צו טהון און האָב חתונה געהאַט צום דריטען מאָל, טאַקי מיט דעם דריטען ווײַב, וואָס איז, לא עליכם, נישט פאַר אײך געדאַכט, נישט פאַר קײַן שום יוד געדאַכט ערשט נישט לאַנג געשטאָרבען. זי איז אַפילו אַ בריה אַ יודענע געוועזען צו דער שענק ווי געוואונשען, און דוקא נישט געקינדעלט!

וואָס טהוט גאָט? פּע-קיהלט זי ייַ — אין מיטען זומער, אין חדש תמוז! — אין מקוה ... קריגט אַ לונגען-אָנצינדונג, קאָסט אָב אַ מטמו'ן מיט געלד, און שטאַרבט אַוועק! הכלל, וואו האַלט איך? יאָ, מיט'ן דריטען ווײַב האָב איך דעמאָלט חתונה געהאַט און קוים האָט זי איבער-גענומען די שענק, און איך האָב געזעהן, אַז איך האָב מיך אויף וועמען צו פערלאָזען, האָב איך מיך באַלד גענומען משה'לען פערזאָרגען!

„דו מוסט חתונה האָבען" — זאָג איך — „דײַן טויט וועט זײַן און חתונה האָבען מוסט דו!"

ער הערט מיך ווי'ן רב! אַזוי, טראַכט איך, וואַרט! איך האָב אָבגעשטעלט מיט די בעלי בתים, מען האָט איהם מכלומר'שט דאָס חדר צוגומען! אײנמאָל פאַר אַלע מאָל — אַ מלמד מוז האָבען אַ ווײַב! מײַן משה'ל — גאָר נישט; אָהן תלמידים איז אָהן תלמידים!

ער געהט זיך אַרוים אונטער דער שטאָדט שפּאַציערען, וואַלגערט זיך אַרום אויפ'ן לאָנקע בײַם טײַך... נישט זײַן זאַך! ווערט ער הונגעריג, קומט ער אין שטאָדט אַרײַן און חאַפּט ערגיץ אַ שטיקעל ברויט, וואַשט זיך, עסט און בענשט, און געהט אַוועק. איך מײַן שוין, אַז עס וועט דערפון גאָר נישט זײַן, נאָר צום דריטען טאָג, משה'לע איז דאָ אין בית המדרש! ער וויל שוין חתונה האָבען! אפשר מײַנט איהר, ער איז צום

שכל געקומען? ער האט א ישוב געהאט אז א מענש אהן א ווייב איז קיי און שפיי? חס ושלום! נאכ'ן קנעלען בענקט ער! די קינדער פעהלען איהם!

נו, לאז זיין פון קאזאק, אבי צום לעבען! ער גיט האנד־תקיעת־כף, אז ער וועט חתונה האבען, מיך מאכט מען פאר אנ'עומד, איך זאל איהם אויסזוכען א שדוך, און ער קריגט צוריק די תלמידים!

און וואס קלערט איהר, אז איך האב גענומען די זאך אין דער האנד אריין, האט א ודאי געברענט אונטער די פינגער! נאר איך קען נישט זאגען — א גאט־זאך איז עס אויך געוועזען! פונקט מאכט זיך איהם א וואהלער שדוך! פריהער האט מען איהם אפילו מיר אנגעשלאגען, נאר א שדכן, א ימח שמוניק, האט מיר דעם קאפ פערדרעהט. שטעלט אייך פאר, א יודענע, א שמאלץ־גרוב, אנגעזאפט מיט עשירות: א בעל הלואה'ניצע, אנ'אלמנה, אויף משכנות פלעגט זי לייהען, און א בריה נפלאה געוועזען; אויפ'ן קאפ דאס גאנצע געשעפט געפיהרט, און קיין איינציג מאל אויף איהר היזק, אויף דער האר זיך נישט טועה געוועזען. און זי האט'ן דוקא געוואלט, אזא מזל האט ער שוין געהאט! איך קלער איהם צוזאמען צו מאכען אויף מלבושים, חאטש א שטריימעל קויפען... א טלית קטן; שיקט זי זאגען, אז זי וויל נישט, זי גיט א פינפאונצוואנציגער, און מען האט איהם מלביש ומנעיל געוועזען כיד המלך... פון אלעם גוטען: א שטריימעל, שיך און זאקען, צוויי טליתים קטנים, צוויי צי דריי פאר פלודערן... מען האט קיין שהיות נישט געמאכט, באלד א חופה געשטעלט און מיין משה'לע שיינט אונטער דער חופה ווי א שררה, נאר וואס דאס משוגענע פנים רוהט נישט א רגע, גלייך ער וואלט וועהען געהאט, די ליפען ציטערן ווי ביי'ם אבשפרעכען אנ'עין הרע, און די אויגען ברענען עפים נישט היימליך... אמת משוגע! נאר באלד האט זיך גאר געמאכט א נייער שגעון!

ערשטענס וויל נישט די יודענע, ער זאל קנעלען. זי פערדיענט אפשר 10 רובעל א וואך, וואס טויג עס איהר? וואס דארף זי עס? זיטץ און לערן און שמעלץ זיך אין מילך און פוטער! וויל ער נישט! ער מוז קנעלען, ער איז שוין געוואהנט צו די קינדער, ער קען אהן זיי נישט לעבען! וועסט האבען דיינע אייגענע קינדער! ניין, דערווייל מוז ער האבען א מעמד.

נו, אַ שעהנע כּפּרה, האלט זיך בּײַ דעם מעמד; ווערט ער אָבער אויפס נײַ פערטראַכט, הערט ממש אויף צו רעדען, אויסער בּײַם לערנען מיט די קינדער... און אַזוי האָט ער נישט מעהר ווי צוויי ווערטער אין מויל: ס'איז נישט דאָס! וואָס „נישט דאָס", ווער „נישט דאָס", ווייסט מען נישט.

די יודענע, נעבּיך, האָט זיך דאָס לעבּען געשטרעקט, טאַקי מקריב געוועזען פאַר'ן; געקאָכט און דערלאַנגט דאָס שענסטע און דאָס בּעסטע און ער הויבּט אַדע מאָל אויף די אויגען, קוקט אויף איהר, גלײַך ער וואָלט זי דאָס ערשטע מאָל דערזעהן, חאַפּט אַ שווערען אָטהעם און זיפצט: נישט דאָס! ס'איז גאָר נישט דאָס!

ער פערזיצט זיך אַ מאָל בּײַ נאַכט אין בית המדרש, נישט ער דאַוונט, נישט ער לערנט, נאָר גלאַט, ער זיצט אַזוי איבּערן שטענדער אָדער שפּרײַזט אַרום פון איין וואַנד צו דער צווייטע. דער לעצטער, וואָס געהט אַרויס, קריגט אויפ'ן רחמנות, רופט איהם מיט: „משה געהסט?" ער ענטפערט נישט, „פאַר וואָס געהסט דו נישט אַהיים?" ער שווייגט. מען חאַפּט איהם אָן בּײַם אַקסעל און שאָקעלט מיט'ן, חאַפּט ער זיך אויף ווי פון דער היהנער-פּלעט און זאָגט: „ס'איז גאָר נישט דאָס!"

שלעכט! דאָס ווייבּעל, נעבּיך, האָט מיר דעם קאָפּ פערוויינט, וואָרען טאַקי, איך האָבּ דאָך זי אַרײַנגעפיהרט, איך בּין דאָך דער ערב-קבלן געוועזען...

און עס שנײַדט מיך טאַקי בּײַם האַרץ; אַ יודענע נעבּיך, אַזוי פיעל הוצאות געמאַכט, אַזוי פיעל גאָלד אָבּגעקאָסט און איינגעהאַנדעלט זיך אַ „גאָר נישט דאָס"! מילא, וואָס קען איך העלפען? איך גיבּ איהר אַן עצה. ער זאָל איהם פערנאַרען צום רבּי'ן... מען מאַכט אַ פּלאַן אויף ראש-השנה, וואָרען טאַקי, ראש-השנה איז גרעסער דער עולם, — טאַקי אַ וועלט קומט אויף ראש-השנה! — האָבּ מיר אַ קימא לן, אַז דער כח פון צדיק איז אויך גרעסער, נאָר פאַר ראש-השנה טרעפט זיך אַזאַ מעשה! איינמאָל, אָבענד צײַט, זאָגט איהם דאָס ווייבּעל פאַר דער וועטשערע, ער זאָל אַרויסגעהן פערמאַכען די לאָדען. וואָרען טאַקי, זי וויל נישט עסען צוזאַמען בּײַ אָפענע פענסטער; זי נעמט די שרויף אין דער האַנד אַרײַן, ער געהט אַרויס, אויפ'ן וועג זיפצט ער: „ס'איז נישט דאָס!" ער שפּאַרט אונטער דעם לאָדען, זי פערשרויפט, נאָר קומען — קומט ער שוין נישט אַרײַן; ער איז נעלם געוואָרען.

וואָס קלערט איהר, עס האָט זיך געטהון אין שטעדטעל! מען האָט געהערט: אַ משוגענער, איז ער זיך אין דער קעלט געגאַנגען באָדען און איז ערטרונקען געוואָרען, אָדער ער איז אַזוי אַרויסגעגאַנגען אונטער דער שטאָדט און האָט פערבלאָנדזיעט, אַ דאגה אויף אַ משוגענעם! מען האָט געדונגען פויערן, געזוכט אין טײַך, אין דער געגענד, קײַן זכר פון אַ מענש: אויף אַנטלויפען איז נישט צו רעכענען, וואָרען טאַקי עס טרעפט זיך, אַ מענש אַנטלויפט פון אַ ווײַב, מהיכי תיתי, נישט איינער אַנטלויפט, נאָר — אַ מענש, עסט אָב וועטשערע, נעהמט מיט אַ קאַפּאָטע! ווער לאָזט עס שטעהן אַ שיסעל קליסקעלעך מיט ביבערלעך און לויפט אַוועק אין אַנ'אַלטער, וואָכעדיגער תבונה?! און עס איז אַ האַרצרײַסענדיג רחמנות אויף דער עגונה נעביך! עס האָט זי וועניג געקאָסט? אַ לײַטישע חתונה, מלבושים, רח"ש... און פאַר וואָס? פאַר ווען? פיער וואָכען געלעבט מיט אַ מאַן! און וואָס פאַר אַ לעבען! אומשטײַנס נעזאָגט — אַ לעבען! מען קאָן נישט זאָגען, ער האָט איהר אפילו קײַן שלעכט וואָרט נישט גערעדט, נאָר קײַן גוטס אויך נישט, אַלץ די משוגענע ווערטער: „ס'איז נישט דאָס!". עס איז איהר, נעביך, אַזוי אויך טאָג אויף טאָג דער מאַמעס מילך אײַנגעפאַלען, דאַרף זי נאָך ווערען אַנ'עגונה!

וואָס טהוט מען? מען שרײַבט צו רביים; עס העלפט נישט! האָט מען געפרעגט אַ שאלה, צי מען מעג שרײַבען אויפ'ן „מגיד"...

איינער האָט יאָ געהייסען, דער צווייטער — נישט געהייסען; מילא, מתיר צו זײַן אַנ'עגונה, האָט מען יאָ געשריבען, נאָר לעבען זאָל ער אַזוי, דער „מגיד", ווי ער ווייסט עפּיס! און פון וואַנען זאָל ער וויסען? אַז די רביים האָבען נישט געוואוסט!

גאָר נישט, ווי אין וואַסער אַרײַן!

דאַכט זיך, שוין פערפאַלען? ניין! פאַלט פּלוצלונג ווי פון הימעל אַראָב אַ שליח מיוחד מיט אַ גט! אפשר מיינט איהר פון ווײַט? ניין, דוקא פון 5 וויערסט אונטער דער שטאָדט, פון פיצשעווקי!

נו, האָט גאָר געקענט עמיצען אײַנפאַלען, אַז אַ משוגענער וועט אַנטלויפען אין גאַנצען אויף פינף וויערסט? עס איז גאָר קיינעם אויף דער מחשבה נישט געקומען, אַזוי נאָהנט צו זוכען! בײַ'ם גט שיקט ער איהר נאָך צו אַ חרם־קוויטעל אויף 200 גילדען פאַר איהרע הוצאות.

אויסצאָהלען, שרײַבט ער. וועט ער אַ גילדען אַ וואָך, און איז איהר משעבד דערויף אַלע זײַנע נכסים! דעם ערשטען גילדען האָט איהר דער שליח געבּרענגט!

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום איז ער אַליין געקומען און האָט זיך ווײַטער אויסגעזוכט אַ מלמדות.

— משוגענער — פרעג איך איהם, — נאָך וואָס ביזט דו געקומען, האָסט ניט געקענט דאָרטען קנעלען?

— איך האָב געבּענקט! זאָגט ער.

— צו וועמען?

— צום היגען בית עלמין! זאָגט ער. און ער זאָגט עס אַזוי ערנסט, אַז אַ גרויל געהט דורך די בּיינער! איהר האָט געהערט, אַ מענש זאָל בּענקען צום בית הקברות? ער בּענקט! און ער זאָגט קיין שקר ניט!

נאָך מעריב געהט ער נאַכט אויף נאַכט אַרוים אונטער דער שטאָדט און דרעהט זיך אַרום בית עלמין! אַ כהן איז ער, אַרײַנגעהן טאָר ער ניט, דרעהט ער זיך אַרום צוים און קוקט פון ווײַטען אויף די מצבות!

וואָס פאַר אַ שווארץ יאָהר, קלער איך, איז דאָס? צי איז עס ניט אַ מאָל אַ סגולה אויף קינדער? צי איז ער ניט אַ מקובל געוואָרען? אפשר גאָר אַ כשוף-מאַכער.

וואָס זאָל איך אײַך זאָגען, עס זענען מיר שוין געקומען הוריות אין קאָפּ אַרײַן. אַ קשיא אויף אַ מעשה! אָדער ער איז אַ בּעהאַלטענער צדיק, אָדער ער האָט פערקויפט די נשמה אין גיהנום אַרײַן. ווײַס איך? קליינער-הייט האָב איך געהערט, אַז אויב מען ציהט אַ ליכט מיט חלב פון אַ נפל'ע אויף אַ פאָדעם פון אַ ציצה — ווערט מען אַ רואה ואינו נראה — און גלויבּט מיר, ווען איך ווײַס ניט, אַז ער איז אַ כהן, וואָלט איך זיכער געמיינט, אַז ער האָט זיך מתחבר געווען מיט אַ חברה גנבים און זוכט אַ נפל'ע אונטערן צוים! גנבה'נען, פערשטעהט זיך, וועט משה ר' יוסעלעס ניט, אָבער ליכט צושטעלען, אפשר יאָ... אַ דאגה — וואָס טהוט ניט אַ יוד צוליעב פּרנסה?!

עס איז אָבער ניט! ער קוקט שוין וואָכענלאַנג און קוקט, און גאָר ניט: מען הערט ניט, און מען זעהט ניט! און געה פערשטעה?

פערשטעהט איהר שוין, וואס מען מיינט „שגעון?" אז מען זאגט „משוגע" — גלויב!

אזוי, אזוי, רב קרוב, משה'ל איז מיין חבר, איך האב'ן ליעב דאס לעבען... נאר משוגע, נעבעך, איז ער... חתונה מאכען, איז איהם שווער, זעהר שווער... מילא, איך זאג אייך נישט „ניין"... איהר ווילט דאך אוודאי עפּיס פערדינען, טהוט ווי איהר פערשטעהט...

זעהט איהר, אויב איהר האט פון מיינעט וועגען א שדוך...

VI.

הָאִשָּׁה מָרַת חַנָּה.

(אַ פֶּעקִיל בְּרִיעף)

א) צוויי בריעף, וואָס חנה האָט בעקומען פון איהר ברודער מנחם מענדיל, און איין בריעף פון איהר שוואָגערין חוה גיטל, בסך הכל דריי בריעף.

עֶרְשְׁטֶער בְּרִיעף.

החיים והשלום לאחותי הצנועה מרת חנה תחיה.

דיין בריעף האָב איך ערהאַלטען. וואָס קלערסטו איך האָב געענוג טרערען פאַרגאָסען און אַ גאַנצע נאַכט געזיפצט און געקרעכצט; וואָס קומט מיר אָבער אַרויס גאָט אין הימעל איז מיין עדות, אַז איך בין דיר נישט אימשטאַנד צו העלפען. און וואָס דו שרייבסט וועגען דער ירושה, מוז איך דיר, ליעבע שוועסטער, זאָגען, אַז דאָס איז גאָר קיין ווערטער נישט! נאָכ'ן יודישען דת האָסטו קיין שום טענה־ומענה אויף דער ירושה; פרעג דיין מאַן, ער איז דאָך אַ יוד אַ למדן, וועט ער דיר אויך זאָגען דאָס אייגענע. און דו דאַרפסט גאָר נישט פרעגען דעם מאַן, ער זאָל דיר ערשט זאָגען; אַזאַ אשה כשרה ווי דו! עפענט אויף דאָס דייטש־חומש און זעהט, אַז צלפחד'ס טעכטער האָבען בעקומען ירושה, נאָר וויַיל עס זענען קיין

בנים־זכרים נישט געווען. אָבער, קוים זענען דאָ בנים־זכרים, בעקומען די טעכטער קיין ירושה נישט. און קיין שטר חצי זכר האָסט דו נישט. איי, וואָס דו זאָגסט, אַז דער טאַטע, עליו־השלום, האָט דיר דעם גאַנצען נדן נישט געסלוק'ט, איז אַוודאי קיין טענה נישט. וואָרען, צוריק געשמועסט, ווער קריגט דעם גאַנצען נדן? מיר האָט מען, ווייסט דו, אויך אָבגעריסען, און איך האָב, חלילה, קיין טענה נישט צו קיינעם. — און, בכלל, איז דער שכל מחייב, אַז אויב דער טאַטע, עליו השלום, האָט נישט געהאַלטען זיין התחייבות, האָט דאָס צווייטע צד אויך אַזוי געטהון, און מען איז דערויף בעשטאַנען; די צדדים האָבען איינער דעם צווייטען מוחל געווען, ווי ביי אונז יודען דער מנהג איז. און איך האָב נישט געוואָלט שטעלען אויף מיין דעה, און איבערגעשמועסט די זאַך מיט אונזער רב און מיט די דיינים, און אַלע זאָגען פה־אחד, אַז עס איז אַזוי.

און, בנוגע צו דער טענה, וואָס דו שרייבסט, אַז דו האָסט נאָר אַ האַלב יאָהר געגעסען קעסט, נישט אַ גאַנץ יאָהר, — פון דעם ווייס איך שוין גאָר נישט! לא פקדני אבא — דערפון האָט מיר דער טאַטע עליו השלום, נישט געזאָגט. און ווייסען ווייסט דו, אַז איך בין דאַמאָלס געווען אַ פרוש, בין געזעסען ביי דער גאַנצער צייט ביי'ם רבי'ן, זאָל לעבען, און געלערנט... און חוה גיטל מיינע דערצעהלט, אַז עס איז אַזוי געוועזען: עס איז געוואָרען אַ שטיקעל מחלוקת צווישען אייך וועגען די מאַמע, עליה־השלום'ס, שטאָדט אין דער ווייבערישער שול, און איהר האָט אייך אַרומגעריסען ביי די קעפּ, און דער טאַטע, עליו־השלום, האָט דערפון גרויס צער געהאַט און גרויס עגמת־נפש; און איינמאָל שבת־צונאַכט'ס, האָסטו געחאַפּט דאָס פּעקעל מיט'ן מאַן און ביסט מיט'ן אַוועק אין זיין שטעדטעל אַריין, — אויב אַזוי, ווער איז אייך שולדיג? אויף וועמען שרייסט דו? ווער האָט אייך געהייסען אַנטלויפען? אַז מען דאַרף עסען קעסט, עסט מען...

נאָר — איך מיין נישט, חס־ושלום, דיר אָנצוטהון עגמת־נפש. איך וויל דיר נאָר אויסווייזען, ווי ווייט אומגערעכט דו ביסט; אָבער יאָ גערעכט, נישט גערעכט, מען דאַרף זיך פיהרען לפנים משורת־הדין, בפרט קעגען אַנ'איינגענע שוועסטער. נאָר וואָס העלפט עס? וויל יאָ, וויל נישט, אַז מען קען נישט! דאַרפסט וויסען, שוועסטער־לעבען, אַז דער פאָטער אונזערער, זכרונו־לברכה, האָט פאַר דער פטירה געמאַכט אַ צוואָה,

ער האָט אַוועקגעגעבן דאָס גרויסע ש"ס דעם גרויסן בית־המדרש! דאָס קליינע ש"ס — דעם קליינעם בית־המדרש, די משניות'ן מיט די עשרים־וארבע'ס האָט ער געהייסן שיקן אין שטיבל אַרײַן, וואו ער, עליו־השלום, האָט געדאַווענט... קבורה געלד, נישט אויסגערעדט זאָל עס זײַן, האָט געקאָסט צוויי הונדערט גילדען, מיר ליד האָב איך אויך צוגעצאָלט אַ פֿופֿציק גילדען, וואָס רעד איך, מער, אַ סך מער ווי פֿופֿציק גילדען! דעם טאַטן, עליו השלום'ס, מלבושים האָב איך אויך צוטהיילט אָרעמע לײַט, חוץ דער זײַדענע קאַפּאָטע, וואָס איך האָב, לויט צוואָה, איבערגעלאָזט פֿאַר מײַן משה'לע, שיחיה, ער זאָל אין איהר גיין אין אַ מזל'דיגע שעה, צו דער חופה, במהרה בימינו, אמן. וואָס דען בלײַבט בסך הכל?

עס בלײַבט נישט מער, נאָר דאָס הײַזעל, נו, קיין שרפֿ"ט איז עס נישט ווערטה. דער דאַך איז, לא עליכם, אַ חולה־נופל; אויף אַ האָר הענגט ער. דער וואָט הײַסט אַראָבנעהמען די אַלטע פֿײַער מויער, און אין גאַנצען איז עס בחזקת סכּנה.

נישט מער, שוועסטער לעבען, דו מיינסט, איך האָב פּרנסה! אַז דער טאַטע, עליו־השלום, איז נפטר געוואָרען און איך בין אַראָב פֿון קעסט, האָב איך פֿערדונגען די דרײַ שטובען ליִנקס גרונם דעם סוחר, מען רופֿט איהם גרונם צאַפּ (דו מוזט איהם אַדאי געדענקען און דאָס ווײַב זײַנס — זלאַטע), מיט דעם געלד קוועהל איך מיך און בעצאָהל קוים פֿאַדימנע און אַנדערע פּאַדאַטקעס, וואָס וואַקסען פֿון טאָג צו טאָג. שולדיג בין איך בסך הכל פֿאַר אַ יאָהר אָנדערטהאַלבען מיט אַ שמיץ! דערווײַל טהו איך מיר עצות, גיב אַ טרונק בראָנפֿען, — קום שפּעטער, קום מאָרגען, כּנהוג, נאָר דער שטריק אויפ'ן האַלז וואַקסט, און וואָס דער סוף דערפֿון וועט זײַן, ווייסט איין רבונו של עולם.

איך בעוואָהן די דרײַ שטובען רעכטס אין איינעם מיט'ן אײַנפֿאָהר־הויז און מיט דער שענק; די צײַט דערווײַל איז זעהר שלעכט, די דערפֿער אַרום האָבען זיך פֿערשוואָרען, נישט צו טרינקען קיין בראָנפֿען. איז נאָך וועניג, האָט דער פּריץ געפּעכט אין די אַרומיגע דערפֿער שפּײַז־געוועלבלעך מיט טהיי־הײַזער, — וואָס זאָל איך דיר זאָגען? מען דאַרף רחמים! מען קוקט זיך די אויגען אויס, איידער מען דערזעהט אַ פֿויער!

און וואָס דו שרײַבסט, אַז ווער עס קומט זאָגט דיר, אַז איך האָב אייזערנע פּרנסה. — זײַ וויסען, אַז מענשען האָבען נאָר גרויסע אויגען. אײַ־

דער מען פערדינענט אַ דרייַער, איז קריעת ים־סוף, דערווייַל מוז מען בייַלע־סאָשען חתונה מאַכען, און איך ווער גראָה און אַלט דעריבער. די הוצאות זענען אין לשער, אויף חוב וויל מען נישט געבען, צו די מלבושים פעהלט נאָך אַ זייַדען אויבער־מלבוש, ואחרי ככלות־הכל, מוז חוה גיטל טייַנע, באַלד נאָך דער חתונה פאָהרען צו אַ דאָקטאָר. אַז שמואל רופא הייסט שוין פאָהרען, פערשטעהסט דו שוין, ווי עס האַלט, רחמנא ליצלן... איך האָב געפרעגט דעם רבי'ן, זאָל לעבען, הייסט ער, זאָל לעבען, אויך פאָהרען קיין וואַרשאָ. און דער הוסט ווערט שטאַרקער פון טאָג צו טאָג, — גלייַך מען וואָלט האָלץ געהאַקט!

און דאָס, וואָס דו ווילסט מיך איבערשרעקען, אַז אויב איך וועל דיר נישט באַלד ענטפערן ווי עס געהער צו זיין, וועסטו שרייַבען צו אונזער קרובה אין לובלין, און זי וועט געהן צו איהר אַדוואָקאַט, מען זאָל מיך איבערגעבען אין גוי'ישע הענד אַרייַן, — זיי וויסען, שוועסטער לעב, אַז דערפאַר האָב איך גאָר קיין פחד נישט! ערשטענס, פערשטעה איך, אַז עס איז גלאַט גערעדט, אַז אַזאַ כשר'ע צנועה, ווי מיין שוועסטער איז, ווייסט, וואָס אַ בית־דין איז, און וואָס אַ סאָנד, להבדיל, איז... אַזאַ שטות וועסט דו נישט טהון. אַ יודישע טאָכטער טהוט נישט אַזוי! און, דו זאָלסט אַפילו וועלען, האָסט דו דאָך אַ מאַן צו הונדערט און צוואַנציג יאָהר, און ער וועט אַזאַ עולה נישט דערלאָזען! ער וואָלט זיך שוין נישט געטאָרט ווייַזען בייַ'ם רבי'ן זייַנעם, אַפילו נישט אין שטיבעל אַרייַן קומען!

אויסער דעם, ראָטה איך דיר, זאָלסט, חס ושלום, נישט אַרויסוואַרפען קיין געלד אויף אַדוואָקאַטען; אַיין עס לא היה זענען זיי די אַדוואָקאַטען, נאָר גיב און גיב און הערסט דו אויף צו געבען, ווייסט ער שוין נישט ווער דו ביסט.

און דערמאַהנען מוז איך דיר נאָך די טאָמאַשאָווער מעשה, וואָס דער טאַטע, עליו־השלום, פלעגט דערצעהלען. אפשר האָסט דו זי פערגעסען, וועל איך דיר נאָך אַ מאָל דערצעהלען. אַ מאָל איז דאָרט נפטר געוואָרען אַ בעל־הבית; איז די טאָכטער זייַנע, אַ גרושה, געלאָפען צו'ם אַסעסאָר, ער זאָל איהר אויסטהיילען אַ חלק ירושה, ווי עס איז בדיניהם. דערווייַל, אַזוי ווי זי איז געשטאַנען און גערעדט מיט'ן אַסעסאָר, איז בייַ איהר אין שטוב אַראָבגעפאַלען אַ קויל פון קוימען... אין דער רגע האָט זיך אונטער־

געצונדען די שטוב, און עס איז איהר, נישט פאַר אונז געדאַכט, נישט פאַר קיין שום יוד געדאַכט, אַ קינד פערברענט געוואָרען!

און איך ראָטה דיר, שוועסטער חנה, זאָלסט זעהן חרטה האָבען און תשובה טהון אויף דעם, וואָס דו האָסט געשריבען. אין אָדם נתפס על צערו, דאָס הייסט, ווי מענשען זאָגען — צרות נעהמען דעם שכל צו; נאָר אַ קטרוג קען, חס־ושלום, זיין דערפון, און דו דאַרפסט עפּיס אויף זיך נעהמען, חאָטש אַ תענית איבער אַ טאָג!

איך פון מיין צד בין דיר מוחל מיט'ן גאַנצען הארץ. און, אַז דו וועסט קומען, אם ירצה השם, אויף מיין טאָכטערס חתונה, וועט אַלץ ווערען אויסגעהיילט, וועסט דו זיך מיט אונז משמח זיין אין אַ מזל'דיגע שעה. נאָר זעה, למען השם, נישט צו דערמאַהנען פון פראָצעסען, חס־ושלום! —

און דער עיקר פערדריסט מיך אויף בעלך, נר"ו, המופלג, וואָס שרייבט גאָר נישט פון זיין געזונד. אויב ער איז אויף מיר אין כעס, זינדיגט ער, און ער דאַרף דאָך וויסען, אַז כל הכועס וכו'. חוץ דעם, האָט זיך אַרויסגעלאָזט אַ קול אין אונזער שטעדטעל, אַז ימים נוראים איז ער נישט געוועזען ביי'ם רבי'ן און האָט געדאַוועט גאָר אין בית־המדרש. נאָך זאָגט מען, אַז ער וויל אַוועקלעגען דאָס לערנען און זיך צו עפּיס צושלאָגען. אַ נהגה מגיע כפו, זאָגט ער, ווייל ער זיין. וואָס פאַר אַ צער איך האָב דערפון, קענסט דו משער זיין. וואָרען „תורה מה תהיה עליה"? ווער וועט זיצען און לערנען, אַז נישט אַזוינע טהייערע קעפּ ווי ער?!

ער דאַרף וויסען, אַז דער טאַטע, עליו־השלום, האָט זיך מיט'ן משדך געוועזען נישט אויף דעם תנאי! און בפרט היינטיגע צייטען, ווען די אומות־העולם נעהמען זיך צום מסחר און די עסקים פאַ־ען פון טאָג צו טאָג, איז אַ ודאי אַ יושר, נשים זאָלען האַנדלען, און די מענער זאָלען טאַקי יושב ועוסק בתורה זיין, און דער רבונו של עולם וועט זיך אפשר טאַקי מרחם זיין... זאָל ער זיך בעסער אַרויסנעמען אַ כתב־רבנות, זאָל ער ווערען שוחט. מלמד, — וואָס ער וויל, נאָר נישט קיין סוחר, חס־ושלום... איך זאָל נאָר וויסען, אַז ער וועט מיר נישט אָברעדען מיין קינד פון מיין רבי'ן, וואָלט איך איהם מיין משה'לען געשיקט אויף לערנען מיט קעסט!

זעה, אַז דיין מאַן זאָל אַוועקלעגען די נאַרישקייטען, דו מאַך דיר

אַ געווועלבעל, אַ שטעל... און זכות אָבות, הן פון דיין צד, הן פון בעלך בר"ו'ס צד, וועט איך בודאי ביישטעהן.

און פעריאָג, ראָטה איך דיר, די מרה־שחורה, מיט וועלכער דיין בריעף איז אויסגעוויקט, אַז עס שניידט ביים האַרץ. אַ בשר ודם אָהן בטחון, איז ערגער ווי אַ בהמה, רחמנא ליצלן. ער דרעהט זיך אַרום אויף דער וועלט, ווי אַ יתום אָהן אַ טאַטען; אַ גאָט, ברוך הוא, אין הימעל האָבען מיר, פערלאָזען פערלאָזט ער נישט.

אַז דער מענש פאַלט אַריין אין מרה־שחורה, איז אַ סימן, אַז ער האָט, חס ושלום, קיין אמונה, קיין בטחון נישט, און דאָס איז נישט ווייט פון ערגערע זאַכען, רחמנא ליצלן! וואָס איך וויל אַפילו איבער מיין מויל נישט ברענגען!

גם שרייב מיר, אַחותי חנה, ווי עס שטעהט ביי אייך מיט אַרבעס? אונזערע צוויי גרויסע סוחרים, דו געדענקסט דאָך זיי, דער לאָמער יוחנן און יונה סגי־נהור, האָבען אויפגעהויבען דעם מקח, און דער פּריז אונזערער האָט נישט אויף זריעה... אפשר וועט זיך, אם ירצה השם, מאַכען אַ שטיקעל עסק... עס איז אפשר מן השמים, איך זאָל האָבען צושטייער צו חתונה־הוצאות. דיין טובה פערלאַנג איך, חס־ושלום, נישט אומזיסט; זאָל זיך נאָר עפּיס מאַכען, שיק איך אייך אויף הוצאות, זאָלסט קומען עם בעלך המופלג, שיחיה, אויף סאָשע־ביילא, שתחיה'ס, חתונה, איך וועל נאָך פאַר דיר אַ מתנה געבען — דרשה געשאַנק מצד הכלה!

חוה גיטל, שתחיה, גריסט דיך גאָר פריינדליך. אַליין שרייבט זי נישט, ווייל עס איז היינט ביי אונז יריד; זענען געקומען צוויי סוחרים פון די זאַמושציער אַכל'ער און ווילען דוקא געפילטע פיש. די כלה, שתחיה, איז געגאַנגען צום שניידער אָנמעסטען אַ מלבוש, און מיך האָט מען דאָ אַליין איבערגעלאָזט פאַר אַ שומר ביי'ם קוימען.

און זעה, למען השם, אחותי חנה, נישט צוצולאָזען זיך צום האַרץ, אַוועקטרייבען די מרה־שחורה און לעבען מיט בטחון. ווער עס שפּייזט אַ ווערמיל אויף דער ערד און אַ פויגעלע אין נעסט, וועט דיך אויך נישט פערלאָזען.

גריס בעלך, וכו'

פון מיר אחיך — מנחם מענדיל.

צווייטער בריעף •

החיים והשלום לאחותי מרת חנה תחית •

איך האָב דיין צווייטען בריעף דערהאַלטען. ער איז געוועזען דורכגעווייקט פון טרערען, און פול זלזולים געגען מיר, זוגתי חוה גיטל, שתחיה, און אפילו בתי הכלה, בילא־סאָשע, שתחיה, און איך האָב דערפון פיעל שפיכות דמים געהאַט, וואָרום פאַר וואָס? אחותי חנה, דו זאָגסט, אַז איך בין, חס ושלום, אַ גזלן, אַז איך האָב דיך געטראָפען, חס ושלום, אין וואַלד, און איך האָב דיך גע'הרג'עט, חס־ושלום; אַז דורך מיר און זוגתי חוה גיטל, שתחיה, ביזט דו פערוואָגעלט געוואָרען פון דער היים, אַז מיין טאָכטער ביילא סאָשע איז, ביי דיר אין די אויגען, אַ חצופה, וויל זי מאַכט זיך זיידענע מלבושים... מה אומר ומה אדבר, אַז איך מוז הערען און שווייגען, וויל איך ווייס, אַז דיר איז אַזוי שלעכט... אַז ניט דו רעדסט, נאָר דיין שווער געמיטה רעדט...

די זאַך איז אָבער נישט אַזוי. איך בין, חס־ושלום, קיין רוצח נישט! און זאָל קומען איינער פון גאַס, און זאָגען, אַז די קאַפּאָטע, וואָס איך טראָג אויפ'ן לייב, איז זיינע, און ער וויל האָבען אַ דין־תורה, רעד איך מיט איהם נישט דאָס אַנדערע וואָרט, און געה מיט'ן צום רב. און אם ירצה השם, אַז דו וועסט קומען אויף בילא־סאָשע'ס חתונה, האָב איך מיט דיר אַ דין תורה, בפירוש אַ דין־תורה, פון קיין פשר האַלט איך נישט!

און זעה אַליין! בנוגע צו די קעסט, וואָס דו האָסט נישט דערעסען, ביסט דו דאָך אַליין מודה אין דיין בריעף, אַז די סבה איז געוועזען אַ מחלוקת צווישען דיר און זוגתי, תחיה. וועד עס האָט אָנגעהויבען איז נישט מיין זאַך. איך זעה נאָר, אַז בעלך איז, קיין עין הרע, אַ גרויסער גולם, שהלך אחרי אשתו... איהר זענט, זאָגט מען, אין אַ מוצאי־שבת אַנטלאָפען, לייטען־געלעכטער אָנגעמאַכט. דער טאַטע, עליו השלום, האָט געהאַט דערפון גרויס שבירת־הלב און קצור־ימים, (אַזוי האָט ער בפירוש געזאָגט; שכנים האָבען געהערט!) און דו לעגסט אַלץ אַרויף אויף חוה גיטל תחיה! מאַכסט איהר גלאַט אַ בלבול!

נאָר! מאי דהוה הוה — דער טאַטע עליו־השלום איז שוין אויפ'ן עולם־אמת! אוים קעסט, אוים טענות! שרייַ חי־וקים געגען גאָט, ברוך הוא!

און זייַ וויסען, אַז בתי הכלה בייַלא־סאָשע, איז גאָר, חלילה, קיין חצופה נישט! זי איז נעביך גאָר נישט שולדיג! צו די זייַדענע מלבושים גוט מיך דער מחותן, דער תקיף. איינמאָל האָט זי אַפילו געוויינט, אַז זי שטעלט אונז בדלות. וואָס זאָל מען אָבער טהון, אַז אין די תנאים שטעהט בפירוש „בגדי משי וסאַמעט", און ער טרעט נישט אָב פון די תנאים. אַז נישט, זאָגט ער, איז אוים, צעררייַסט ער די תנאים! און מעהר פעהלט מיר נישט, נאָר בתי, תחיה, זאָל, חס־ושלום. פערזיצען!

און זייַ וויסען, אַז דער נדן איז אויך נאָך נישט גע'סלוק'ט אין גאַנצען במזומנים. צוגעזאָגט האָב איך זעקס, געגעבען דרייַ; אויף נאָך שתי מאות האָב איך געמוזט געבען אַ־אַקט אויפ'ן הויז. ווייסט דו דאָך, אַז דאָס הויז איז אויפ'ן טאַטענס, עליו־השלום'ס נאָמען, — קאָסט ווייַטער געלד, איידער מען קען פערשרייַבען, וד"ל... אויף דער רעשט האָב איך געגעבען אַ זאָלאַ־וועקסעל אויף סטעמפּעל, וליתר תוקף־ועוז — נאָך אַ חרם־קוויטעל. און צונד בין איך ערשט אין דער קלעם, אַז דער רבונו־של עולם זאָל זיך מרחם זייַן.

נאָר רעד מיט אַ יודענע! נישט אומזיסט האָבען אונזערע חכמים געזאָגט: „נשים דעתן קלות" און מענשען זאָגען: לאַנגע האָר — מייַדעל־וויַז מייַן איך, און קורצער שכל... איך שרייַב דעריבער בעזונדער לבעלך, שיחיה; ער איז אַ מאַנסביל, אַ בן תורה, אַ מופלג בתורה, און ער וועט וויסען, אַז אַ בשר־ודם טאָר זיך נישט אַרויפלעגען אויף איין אַנדערן בשר־ודם, וואָרום: וכשל עוזר ונפל עזור, — אַ בשר־ודם קען קוים זיך אַליין דערטראָגען... אַ מענש מוז האָבען בטחון.

און איך בין בטוח, אַז גאָט וועט דיך, חס־ושלום, נישט פערלאָזען; ער פערלאָזט נישט קיין שוואַכע פליעג! נאָר פון רבונו של עולם קענסטו געהאָלפען ווערען, צו'ן איהם זאָלסט דו מתפלל זייַן, און איך פון מייַן צד, אַז איך וועל, אם ירצה השם, זייַן בייַ איהם, זאָל לעבען, וועל איך אָנגעבען פון דייַנעטוועגען אַ קוויטעל מיט אַ בעזונדערן פדיון: 2 צו 3 מאָל חי — און עס מוז פועלן!

און בנוגע צום אַרבעס, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. איידער

וואָס, אײדער װען, האָט זיך גבריאל דער פּאַבּטער אַראָבגעבּרענגט פון אײער געגענד עטליכע פוהרען אַרבּעס. פערדינט האָט ער אַ מטמון! ער מאַכט שוין חתונה אַ זוהן און ניט שוין נדן... וואָס קלערסט דו, אַז גאָט וויל, פּעהלט דיר אויף אַ מאַרקע, פערשפּעטיגט זיך דײן תשובה אויף מײן בּריעף, און גבריאל ווערט דער חכם!

און וואָס דו שרײבּסט, אַז דאָס קינד דײנס איז נישט בּקו־הבּריאה, זאָל טאַקי דער רופא חולים העלפען; אין סכּנת־נפשות, גלויבּ נישט; נאָר אָהן מרה־שחורה! איך האָבּ געטהון מײנס. איך בּין אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה, געגאַנגען אין גרויסען בּית־המדרש אַרײן, אַרײנגעוואָרפען אין מאיר בּעל הנס, אויפגעשריבּען אויף דער מזרח וואַנד „לרפואה־שלמה" מיט גרויסע אותיות. און, אויבּ עס וועט זײן אם ירצה השם, אַ לעזונג, וועל איך נאָך שיקען ליכט אין שוהל אַרײן. דעם רבּי'ן זאָל לעבּען וויל איך אויך מודיע זײן. און נישט דערמאַהנען, אַז בּעלך איז נישט זײן חסיד, און דו ווײסט, אַז בּײ איהם, זאָל לעבּען, בּין איך אַ בּן בּית...

פון מיר, אחיך

מנחם מענדיל.

עיקר שכחתי. מירל־פיגא, דעם דינ'ס טאָכטער איז, לא עליכם, געווען מקשה לילד, האָט מען אַראָבגעבּרענגט אַ דאָקטאָר פון טאָמאַשאָוו און דער מאַן איז תיכּף אוועקגעלאָפען צום רבּי'ן, זאָל לעבּען. צי דער דאָקטאָר האָט קאַליע געמאַכט, צי וואָס, נאָר אַז דער מאַן איז געקומען, האָט ער זי שוין געטראָפען אויף דער מטה. ער האָט איהר געמאַכט נאָר אַ שעהנעם הספּד. צונד רעדט מען איהם שדוכים, איך וועל מיך אויך אַרײנלעגען אין דער זאַך. עס איז אַ מצוה אַזאַ שעהנעם יונגען מאַן אַ טובה צו טהון. אַגבּ, טאָמער בּעשערט השם יתבּרך אַ רײכען שדוך וועל איך נישט צולעגען.

אחיך הנ"ל.

זוגתי חוה גיטל, שתחי', לאָזט דיך גריסען גאָר פרײנדליך. וכן בּתי הכּלה שתחיה. מיט גאָטס הילף וועסט דו, אם ירצה השם, די טעג בּעקומען אַ חתונה־בּריוועל. עס זאָל אונז אַלע זײן צו מזל און צו בּרכה.

מנחם מענדיל הנ"ל.

ניסתי האהובה, המיוחסת והצנועה, האשה הכשרה הלא היא מרת חנה תתיה.

ראשית בין איך דיר מודיע, ליעבע שוועסטער און שוועגערין, אַז מהיום והלאה, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבען, וועל איך אָבנעמען דיינע בריעף, נישט מיין בעל־בכי, און אַשפה וועל איך פון זיי מאַכען! צווייטענס, ליעבע שוועגערין, איז דאָס פון דיין זייט, צווישען אונז גערעדט, אַ גרויסע חוצפה, וואָס דו האָסט זיך אָן אונז אָנגעחאַפּט און דוקא פאַר אַ חתונה, און מאַכסט אונז די טעג פינסטער ווי די נעכט, און ווילסט נאָך אָנמאַכען אַ שוואַרץ־פינסטער לעבען צווישען מאַן און ווייב. דו מוזט, אַ פנים, מיינען, ליעבע שוועגערין, אַז דו ביזט נאָך ביים שווער, זכרונו לברכה, אויף קעסט, אַז דו ביסט אַ פערצויגענע בת־יחידה, אָהן שום דרך ארץ; און אַז מען גיעט דיר נישט דעם טעלער׳ל פון הימעל, ווילסטו אַלעמען אויסשטעכען די אויגען, די וועלט אומברענגען, און די קולות. דיינע געהען עד לב־השמים. איך געדענק נאָך דיין טופּען מיט די פיסלעך, דיין זעצען מיט די פויסטען אין טיש אַריין, בשעת, ווען דער תם דיינער שטעלט זיך אין אַ ווינקעל אַריין שאָקעלט מיט׳ן שאָפּענעם קעפּעל, אַז די פאות וואַרפען זיך איהם, ווי די לולבים; דער שווער, זאָל ער מיר עס דאָרט מוחל זיין, זאָגט דאָך אַ ודאי, אַז די בת־יחידה איז גערעכט.

טהייערע שוועגערין חנה! עס איז שוין צייט זיך אויפצוחאַפּען פון שלאָף, צו פערגעסען די פוסטע חלומות, און צו זעהן אויף וואָס פאַר אַ וויעלט מען איז. דער שווער, זכרונו־לברכה, איז שוין לאַנג אויפ׳ן עולם אמת; נישט דאָ קיין קעסט, אויסגערונען! אַ בת־יחידה קענסט דו נאָר זיין ביי דיין אייגענעם מאַן, נישט ביי קיין אַנדערן, און איך ווייז דיר צוויי מאָל פינף פינגער!

און דעם בריעף־טרעגער האָב איך זהיר והזהר אָנגעזאָגט, ער זאָל דיינע בריעף אָבגעבען מיר צו דער האַנד, נישט מיין כשר בהמה׳לע. זיי ווייסען, ליעבע שוועגערין, אַז די גאַנצע וועלט בלאָזט אויף די נעגעל פון דיין שגעון! ווער עס הערט, זאָגט נישט אַנדערש, נאָר אַ דבוק, רחמנא־ליצלן! סעריל די נגידה האָט מיר בפירוש געזאָגט, אַז דו ביזט ווערטה, מען זאָל דיך קורע־כדג זיין! און איך קען גאָר נישט פערשטעהן, וואָס דו ווילסט האָבען פון מיר! נישט איך חוה גיטל האָב, חס ושלום, געשריבען

די תורה; נישט איך, חוה גיטל, בין, חס ושלום, אַראָב מיט דונער און בליטצען אויפ'ן באַרג סיני, אַוועקצוגזלן פון דיר דעם דין פון ירושה; און אַז דער שווער דיינער, זאָל מיר עס דאָרט מוחל זיין, איז געווען אַזאַ בטלן, ווי דיין מאַן דער תם, און אַז מען האָט דיר נישט געגעבען קיין שטר חצי זכר, בין איך שולדיג? און דער רבונו של עולם איז נישט, חס ושלום, אין מיין רשות; די שליסעל פון שערי רחמים, ליגען נישט ביי מיר, — עס איז דאָ צו וועמען צו שרייען! האָסט נישט קיין סדור, קיין מחזורים, קיין תחנות? דאַווען, בעט רחמים! און אויב דאָס קינד דיינס איז טאַקי חולה מסוכן, איז דאָרט אויך דאָ אַנ'אָרון קודש אַיינצורייסען, קברים צו מעסטען, און מאיר בעל־נס אויף צדקה פעהלט אויך נישט! דו ווייסט אָבער נישט מעהר, נאָר — חוה גיטל; חוה גיטל און וויעדער חוה גיטל! פעהלט דיר פרנסה, ווער איז שולדיג? חוה גיטל! גיסט דו צו איהר אויס דיין ביטער האַרץ; איז דיר קראַנק דאָס קינד, ווער איז שולדיג? מסתמא חוה גיטל, און פערדרייסט מיר דעם קאָפּ! און איך, איין גאָט אין הימעל ווייסט דעם אמת, בין חולה־מסוכן, איך פּאָכע מיט דער נשמה און ביי'ן אַ ליאַדע עגמת־נפש, יוער איך ממש אויס מענש. און אַז מיר חאַפּט אָן דער הוסט, איז טאַקי סכנות נפשות, מיין איך, אַז עס עקט זיך מיין וועלט. איך בין, ווי מען זאָגט: אַ פוס אין שטוב אַ פוס אין גרוב. און אַז די דאָקטוירים וועלען מיך נאָך הייסען פאָהרען קיין אויסלאַנד וואַסער טרינקען, בלייב איך אָן אַ העמד, חס ושלום; און אויף וועמענס הענד לאָז איך איבער די שטוב, די פרנסה, די זעקס קינדערלעך, וואָס?

דו ווייסט, דאַכט זיך, אַז אויף מיר שטעהט דאָס גאַנצע הויז, אַז אַלץ ליעגט אויף מיין קאָפּ, אַז ווי אחיך מנחם מענדיל גיט זיך נאָר אַ ריהר, איז באַלד אַ שאָדען; לעהמענע הענד האָט ער, דאָס שלים־מזל! אַ מענש זאָל נישט טויגען, נישט צו גאָט, נישט צו לייט; זאָל נישט אַריינטהון קיין האַנד אין קאַלט וואַסער אַריין, גאָר נישט! פעהלט מיר נאָך, עס זאָל קומען דער דאָקטאָר און זאָגען, אַז עס וואַקסט ביי מיר די מילץ אין דער ברייט, אַז די סכנה איז חס ושלום, זעהר גרויס, אַז איך ברויך גרויס רחמים! — קומסט דו און מאַכסט מיך פאַר אַ גליקליכע נגידה, איך זאָל דיר העלפען.

ליעבע שוועגערין, איך זאָג דיר בפירוש, אַז דו האָסט אַ האַרץ פון אַ טאָטער, נישט פון אַ יודישע טאָכטער; ביסט פשוט אַ מענש אָהן

רחמנות! שוין צייט, זאלסט גאר אין גאנצען אויפהערען מיט דיינע ליעב־הארציגע בריוועלעך! און זעה, למען השם, צו קומען אויף דער חתונה, וואס וועט זיין, אם ירצה השם, גאר קירצליך. ווען, ווייס איך נאך אליין נישט, וויל איך וויל עס נישט נעהמען אויף מיין אחריות, זאל מנחם מענדיל פאהרען צום צדיק, און אבשטעלען אויף זיין בעראטה, ווען די חתונה, זאל זיין אין א מזל'דיגע שעה, און איך וועל דיר שוין מודיע זיין. מתנות ברענגען דארפסט דו נישט. און, אז דו וועסט, אם ירצה השם, קומען עם בעלך המופלג, שיחיה, וועט איהר ביי מיר זיין פון די געהויבענע געסט, איך וועל אייך זעטצען אויבען אן; און די כלה בעט אייך אויך זעהר און זעהר, איהר זאלט קומען אויף דער חתונה, נאר איהר זאלט אייך לייטיש פיהרען, נישט חס ושלום, פארגעסען, וואו איהר זייט אויף דער וועלט, און נישט אנטהון קיין חרפות ובושות.

גריס בעלך, שיחיה, מיט'ן קינד לרפואה שלמה

פון מיר, דיין שוועגערין

חוה גיטל.

ב) פיער בריעף וואס חנה האט בעקומען פון מאן שמואל משה.

ערשטער בריעף

זוגתי האהובה מרת חנה תחיה.

ווען מיין בריעף, וועט קומען צו דיר אין דער האנד אריין, וועל איך, בעלך שמואל משה, שוין זיין אין מרחקים. און איך בעט ביי דיר סליחה ומחילה אויף דעם. איך בין אוועק פון דיר נישט מיט מיין גוטען ווילען, איך האב שוין לענגער נישט געקאנט אויסהאלטען; איך האב געזעהן בחוש, אז עס איז כלו כל הקיצין, אז עס איז שוין די צרות נישט צו דערטראגען; דעם נדן האבען מיר אופגעגעסען, די ירושה האט דיין ברודער דער גזלן, איינגעשלונגען, ער האט בענוצט די צייט, ווען די בריעף זענען צווישען אייך געגאנגען, און האט פערשריבען דאס הויז אויפ'ן

מחותן'ס נאָמען, — צושלאָגען זיך צו אַ שטיקעל עסק האָב איך נישט געקאָנט. נישט געהאַט מיט וואָס; איז מיר קיין אַנדערע עצה נישט גע־בליבען נאָר, אָדער זיך, חס ושלום צו הענגען, ווי משה דער שניידער האָט געטהון, אָדער אַנטלויפען קיין אַמעריקא — האָב איך אויסגעקליבען אַמעריקאַ; זאָל איך חאַטש יענע וועלט נישט פערליערען. און אין אַמע־ריקא וועל איך שוין נישט זיין קיין בטלן, קיין „כלי־יקר"; איך וועל מיט גאָטס הילף מיט'ן שוויים פון שטערן, מיט מיינע צעהן פינגער פערדינע־נען אויף אַ שטיקעל ברויט, ביז השם יתברך וועט זיך מרחם זיין און וועט אַריינשיקען די ברכה אין מיינע צעהן פינגער, און אפשר וועט ער נאָר בענשען דיין מסחר דאָרט מיט די ציבעלעס, און וועט אונז צוריק צוזאַמענפיהרען, אָדער מיך צו דיר אָדער דיך צו מיר! אמן, כן יהי רצון.

און איך בעט דיך זעהר, ליעבע, גוטע חנה, זאָלסט דיך נישט אַזוי מצער זיין, נישט אַזוי פיעל וויינען. דו ווייסט, אַז מיין גאַנצער מיין מיט'ן אוועקפאָהרען איז נאָר — פרנסה, נאָר דאָס שטיקעל ברויט! דו ביסט זוגתי חנה און איך בין דיין מאַן שמואל משה, און ביידע זענען מיר צוגעבונדען צום קינד, זאָל לעבען און געזונד זיין. ווען איך וואָלט געהאַט חאַטש אַ שטיקעל טרוקען ברויט, וואָלט איך עס, חס־ושלום, נישט גע־טהון... אפשר וועט זיך דערוויילע השם יתברך מרחם זיין, און, אַז דיין ברודער, דער גזלן, וועט דערהערען, אַז איך האָב דיך חס־ושלום געלאָזט אַנ'עגונה, וועט ער פאָרט אפשר רחמנות קריגען, דאָס שטיינערנע האַרץ וועט ווייכער ווערען, און ער וועט דיר גיכער אפשר שיקען עטליכע רובעל אויף פרנסה...

וואָס זאָל איך רעדען און וואָס זאָל איך זאָגען, מיין גאָלדענע חנה?! איך מוז דיר זאָגען, אַז די מחשבה אוועק צו פאָהרען, און דיך איבער צו־לאָזען מיט'ן קינד, איז מיר שוין אַ סך מאָל אַרויפגעקומען אויפ'ן זינען. איך האָב שוין לאַנג געזעהן, אַז איך האָב נישט קיין אַנדערע ברירה. טאָג אַזוי נאַכט האָב איך דערינגען געקלערט, אי ביים דאַוונען, אי ביים לערנען. איך האָב נאָר געוואַרט, דעם קינד, עס זאָל איהם זיין לרפואה שלמה, זאָל בעסער ווערען. אַז דעם קינד, זאָל לעבען, איז בעסער גע־וואָרען, האָב איך דאָך נישט געהאַט דאָס האַרץ דיר צו זאָגען, אַז איך וויל אוועק, וואו די אוינגען וועלען מיך טראָגען... איך האָב מורא געהאַט, אַז דו וועסט זאָגען, אַז דו ווילסט נישט, און איך וועל נישט קענען טהון

קענען דיין רצון. האָב איך אַלץ אין מיר געהאַלטען, אָבגעגעסען זיך אין דער שטיל דאָס הארץ. נאָר, אייערנעכטען, אַז דו האָסט אַ הייס געבּרענגט אַ פונט ברויט, און צוטהיילט פאַר מיר און פאַר'ן קינד, זאָל געזונד זיין, און געזאָגט, אַז דו האָסט שוין געגעסען ביי'ם שכן, און איך האָב דערקענט אָן דיין פּנים, וואָס האָט בעקומען אַלערליי קאָליערען, — ווייל דו קענסט בטבע נישט זאָגען קיין ליגען — אַז דו נאַרסט מיך, אַז דו האָסט אין דיין מויל נישט געהאַט, — האָב איך בשעת מעשה דערפיהלט, ווי ווייט איך זינדיג קענען דיר! עסענדיג פון ברויט, האָב איך געפיהלט, אַז איך עס פון דיר דאָס פליישׁ, חס־ושלום; און דערנאָך, ביים גלעזעל טהיי, אַז איך טרינק, אַז איך זויג אויס, חס־ושלום, דיין בלוט. עס האָבען זיך מיר מיט אַמאָל די אויגען געעפענט; איך האָב ערשט דערזעהן, וואָס פאַר אַ פושע־ישראל איך בין! און אויסזאָגען האָב איך פאָרט מורא געהאַט; בין איך ענטלאָפען אָהן דיין ידיעה. —

ביי יחיאל דעם מלוה האָב איך פאַרזעצט די אויבערשטע קאַפּאָטע מיט'ן טלית, נאָר, למען השם, דאָס זאָל קיינער נישט וויסען — און האָב גענומען אויף הוצאות. אַז עס וועט מיר פעהלען, זענען אומעטום דאָ יודען בני־רחמנים און מען וועט מיך, חלילה, נישט לאָזען פאַלען אין גאַס. וועל איך אָנקומען צו מתנת בשר־ודם! און אַ נדר האָב איך געטהון, אַז איך וועל, אם ירצה השם, שפּעטער, אַז זיין ליעבער נאָמען וועט זיך מרחם זיין, און איך וועל וואָס עס איז פאַרדיענען, וועל איך אַלץ אָבגעבען אויף צדקה, מיט רְוָחִים, — אם ירצה השם!

דאַרפסט פערשטעהן, מיין גאָלדענע חנה'לע, ווי מיר איז שווער און ביטער דאָס אַוועק־פאָהרען... אַז אונזער איינציג טהייער קינד, איז געבוירען געוואָרען, איז מיר אַ ודאי אין זינען נישט אַריינגעקומען, אַז איך וועל איהם מוזען איבערלאָזען, חאָטש אויף אַ צייט, אָהן אַ טאַטען...

די נאַכט, וואָס איך בין אַוועק, בין איך אָבגעשטאַנען, אַ ודאי אַ שעה אויפ'ן זייגער איבער דיין בעט; דו ביזט געשלאָפען. ביי דער שיין פון דער לבנה, האָב איך ערשט געזעהן, ווי דו זעהסט, נעבּיך, אויס! ווי דאָס קינד, נעבּיך, איז געל ווי אַ וואַקס... פאַר פּחד און גרויס רחמנות האָט מיר דאָס הארץ געשטיקט; איך האָב שיער נישט אַרויסגעלאָזט אַ געוויין; אויס מענש בין איך אַרויס פון שטוב. איך האָב אָנגעקלאַפּט ביי'ם בעקער, געקויפט אַ ברויט, שטילערהייט אַריינגע'גנב'עט זיך

אין שטוב און דיר איבערגעלאָזט. איך בין ווייטער געשטאַנען אַ ווײַלע און האָב קוים כח געהאַט אָבצורייסען די פּיס פון דער ערד... וואָס זאָל איך דיר זאָגען, חנה, אַ מענש שפּירט אַ מאָל אין איין רגע יסורים פון הונדערט יאָהר!

חנה'שי קרוין, איך ווייס גאַנץ גוט, אַז איך בין אַ גזלן, אַ רוצח, וואָס איך האָב דיר נישט געלאָזט קיין גט, על כל פּנים אויף אַ תנאי; אָבער גאָט אין הימעל איז מיין עדות, אַז איך האָב דערצו קיין כח נישט געהאַט, קיין האַרץ נישט געהאַט, מיר דאַכט זיך, אַז ווען איך וואָלט דיר איבערגעלאָזט אַ גט, וואָלט איך, חס ושלום, געשטאָרבען אונטערוועגס פאַר יסורים; מיר זענען דאָך אַ געטרייער, כשר'ער זווג; השם יתברך אַליין האָט אויפ'ן זווג מסכים געווען. און איך בין צו דיר אָנגעבונדען מיט'ן גאַנצען האַרץ: איין נשמה אין צוויי גופים. און איך ווייס נישט, ווי איך וועל לעבען אָהן דיר און אָהן דעם קינד, זאָל געזונד זיין, אַפילו איין מינוט. און טאָמער זאָגט דיר עמיצער, אַז איך האָב דיך געלאָזט, חס ושלום, אַן עגונה, גלויב נישט! דען איך שמואל משה, בין דיין מאַן, און וואָס איך האָב געטהון האָב איך געמוזט טהון, וואָרען וואָס טהוט נישט אַ מענש פאַר נויט...

חנה'שי קרוין, ווען איך וואָלט פאַר דיר געקאָנט אויפרייסען מיין האַרץ, דו זאָלסט זעהן, וואָס דאָרט טהוט זיך, וואָלט מיר אפשר אַ ביסעל גרינגער געוואָרען. — צונד, מיין כשר'ע נשמה, לייד איך גרויסע צרות! די טרערען גיסען זיך מיר פון די אויגען, אַז איך זעה נישט, וואָס איך שרייב און דאָס האַרץ קלעמט, און אין מוח דרעהט זיך ווי אַ מיהל... און עס קלאַפּט מיר אַ צאָהן אָן אַ צאָהן, און דער בעל עגלה, דער עם־הארץ, שטעהט איבער מיר און האַקט אין טיש אַריין און שרייט: פאָהרען, פאָהרען!

רבונו של עולם, האָב שוין אַ מאָל רחמנות אויף מיר, אויף מיין ווייב חנה, זאָל געזונד זיין, און אויפ'ן קינד, איך זאָל נאָך פון איהם אַ מאָל נחת דערלעבען.

פון מיר, דיין טרייער מאַן, וואָס שרייבט אויפ'ן וועג אין קרעטשמע,

י. ל. פרץ.

צווייטער בריעף.

אשתי היקרה והאהובה.

וואס זאל איך רעדען, וואס זאל איך זאגען; איך זעה בחוש, אז מן השמים האט מען מיך געהייסען פאהרען. אז דאס איז געוועזען א גאט-זאך. דאס האט ער מיר איינגעגעבען שכל, איך זאל אוועק קיין אמעריקא; אלץ וואס השם יתברך טהוט לאזט זיך אויס צום גוטען.

מיין ליעבע חנה! בשעת איך מאך צו די אויגען, דאכט זיך מיר, אז איך בין אין דער היים, און עס חלום'ט זיך מיר פון עק וועלט! ווארען באמת, ווער וואלט געגלויבט, אז אזא בטלן, אזא מענש אהן א צונג אין מויל ווי איך, — א מענש, וואס קען קוים א צורת מטבע, זאל פאהרען מיט דער באהן, לאזען זיך אויף א שיף איבער'ן ים און קומען בשלום קיין אמעריקא! אצבע אלהים! — גאט'ס השגחה איז עס... זיין ווילען נאר האט גובר געוועזען, אז איך האב געקאנט איבערלאזען דיך מיט'ן קינד, זאל לעבען. השם יתברך זאל געבען, מיר זאלען נאך זוכה זיין איהם מגדל צו זיין, לתורה לחופה ולמעשים טובים!

חנה'לע קרוין! איך האב מיך פריהער אנגעזעהן גרויס וואונדער אויף דער יבשה. דאס איז אבער גאר נישט געגען דעם, וואס איך האב געזעהן אויפ'ן ים. אויפ'ן ים, האב איך פערגעסען אלץ וואס איך האב פריהער געזעהן אויף דער יבשה, און צונד, ביי די וואונדער אין אמעריקא, פערגעס איך ווייטער דעם ים!

און אויף דער שיף האב איך, אין דער התחלה, גרויס צער און עגמת נפש געהאט; טאקי אין לשער. נאר דאס אלץ איז אויך געוועזען לטובה, און איך גלויב, אז איך האב דאס אלץ איבערגעלעבט אין דיין זכות און אין זכות פון אונזער איינציג קינד!

חנה'לע, דו מוזט אודאי געדענקען לייב חזן, וואס איז א מאל, מיט עטליכע יאהר צוריק, געקומען צו אונז אין שטעדטעל אריין, און האט ביי אונז געדאוועגט ימים נוראים. מוצאי יום כפור, געדענק איך, האסט דו מיר געזאגט, אז, צייט דו לעבסט, האסט דו נאך אזא דאווענען נישט געהערט. איך געדענק נאך אפילו דאס לשון, ווי דו האסט מיר געזאגט: לייב חזן צושרייט זיך ווי א לייב און צוויינט זיך ווי א קינד...

אויף מאָרגען, איז געוואָרען עפּיס אַ מחלוקת אין שטעדטעל. מען האָט לייב חזן נישט אין זינען געהאַט, נישט רעכט בעצאָהלט; און ער איז, נעביך, אַרומגעגאַנגען אין די הייזער... געדענקסט מיט אַ קליין מיידעלע, גנענדיל האָט זי געהייסען. זי האָט נאָכגעזונגען דעם פאָטערס נגונים מיט איהר קינדיש קול'עכיל... אַז זיי זענען אַריינגעקומען צו אונז, האָסט דו אויף איהר גרויס רחמנות בעקומען, האָסט זי גענומען צו זיך אויף דער שויס, געקושט אין קאָפּ, האָסט איהר עפּיס געשענקט, איך געדענק שוין נישט וואָס, און האָסט זיך נאָך צוויינט פאַר רחמנות אויף דער אָרעמער יתומה אָהן אַ מאַמען... דיך וואונדערט אפשר, וואָס איך געדענק אַזוי אַלץ?

זיי וויסען, חנה'לע קרוין, אַז איך געדענק אַלע דיינע זיסע רעד, אַלע דיינע תנועות, וואָס האָבען טויזענד חן געהאַט; שטענדיג שטעהסט דו מיר פאַר די אויגען! פאָהרענדיג אויפ'ן ים, האָט זיך מיר אויך וואָס אַ מאָל געדאַכט, אַז דו שטעהסט נעבען מיר, דאָס קינד האַלט זיך אָן דיין פאַרטוך, און איך הער דיין קול און דעם קינד'ס קול, און עס קלינגט מיר אין די אויערן מיט אַזאַ זיסקייט, וואָס איז גאָר נישט צו בעשרייבען. —

און צוגדערט האָב איך מיך מיט דעם אייגענעם לייב חזן אויפ'ן וועג געטראָפען. נישט צו זינדיגען מיט די רעד, איז דער לייב חזן גאָר אין גאַנצען אַראָב פון וועג! גאָר, גאָר...

אויף דער שיף האָט ער נישט שטאַרק געקוקט, יאָ כשר נישט כשר; טרינקען טרינקט ער ווי נישט קיין יוד... איבער דער גאַנצער צייט האָב איך איהם נישט געזעהן אין טלית און תפלין... אָדער ער זאָל בענשען נאָכ'ן עסען... געהן געהט ער אַרום גאַנצע טעג אָהן אַ היטעל... און לא די, וואָס ער אַליין איז אַזוי, פיהרט ער נאָך די טאָכטער אין זיינע דרכים... די דעמעלדיגע גנענדיל וועט היינט אַלט זיין אַ יאָהר זיעבצעהן, וואָלסט דו זעהן — אַ פּאָרטרעט! און ער הייסט זי, זי זאָל זינגען און טאַנצען פאַר די פּאַסאַזירען פון שיף, און זי זינגט אויף כמה וכמה לשונות, רחמנא ליצלן. לייט הערען און פּאַטשען מיט די הענד פאַר נחת, און שרייען, דאָס גוטע־יאָהר ווייסט זיי וואָס! און עס געהט צו אויסגעלאַסען און פערשייט, אַז — חלשות!

צום אַלעם ערשטען, וואָס זאָל איך לייקענען, האָב איך מיך מיט זיי זעהר דערפרעהט. פאָרט, טראַכט איך, היימישע מענשען, איך וועל שוין נישט אַרומגעהן אַזוי עלענד, אַזוי איינער אַליין. האָב איך דערנאָך

אָפּער געהאַט גרויס שברות הלב ; איך האָב נישט געקאָנט צוזעהן זיין התנהגות מיט דער טאָכטער. און טהייל מאָל האָט מיך געשניטען אין האַרץ, ווי אַ יוד אַ בעל־תפלה, וואָס פלעגט שטעהן פאַר'ן עמוד, זיין אַ שליח פון כנסת־ישראל פאַר'ן רבונו של עולם, רעדט גאָר פשוט נבול־פּה, אַז די גאַל קעהרט זיך איבער. און אַ קול האָט ער, איז עס דורכגעבּרענט פון בראָנפּען...

איז דאָך גוט, נעהמען זיי זיך נאָך צו מיר און ווילען מיך מאַכען פאַר אַ ליַיט! חוזק מאַכען זיי פון מיר אויף דער שיף! מען הערט נישט מעהר נאָר: בטלן, שוטה... ער צופּט מיר די פּאות, זי רייסט די ציצית פון טלית־קטן און די גאַנצע שיף האָט מיט מיר צו טהון!

און וואָס פערדריסט זיי? וואָס איך בין אַזוי אָבגעהיטען פון טרפות, וואָס איך וויל בעסער פאַסטען, איידער עסען פת עכו"ם.

דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב מיך פיינט צו קריגען, רוק איך זיך אָב אָן אַ זייט, בעהאַלט מיך אין אַ ווינקעלע; און וויין מיר אויס דאָס האַרץ אין דער שטיל...

דער עולם געפינט מיך אָבער און מאַכט פון מיר לייטען־געלעכטער.

איך האָב געמיינט, עס איז מיין עק!

ערשט צונד, אין אַמעריקאַ, זעה איך, אַז דאָס אַלץ איז געווען אַ גאָט־זאַך!

אַז דאָס האָט מיר גאָט, מיט זיין גרויס חסד, אָנגעגרייט לייב חזן מיט דער טאָכטער אין אַמעריקאַ, ווי ער האָט אָנגעגרייט יוסף'ן פאַר זיינע ברידער אין מצרים.

וואָרען, וואָס וואָלט איך אָהן זיי געטהון! אַ מענש אָהן לשון, אָהן אַ מלאכה, נישט וויסענדיג, וואו אַ טהיר עפענט זיך!

און לייב חזן איז דאָ אַ גאַנצער בן בית. ענגליש רעדט ער ווי אַ וואַסער. תיכף, אַזוי ווי איך בין נאָר געקומען, האָט ער מיך אַריינגעפיהרט אין אַ ציגאַרען־פאַבריק, און — איך אַרבייט און פערדינען שוין!

דערווייל וואהנען מיר אפילו אין איין דירה. וואָרען, פרעג מיך בחרם, ווי אַזוי מען געהט דאָ דינגען אַ דירה!

אויך זענען זיי, — טאַקי גאָט'ס חסד, בנוגע צו מיר, גאָר אַנ־דערש געוואָרען.

גנענדיל מאַכט שוין נישט חוזק אויס מיינע באָרד און פּאות, און האַלט זיך פון מיר פון וויַיטענס, ווי עס פּאַסט פאַר אַ יודישע טאָכטער.

זי קאָכט פאַר אונז, און דאָס איז זעהר וויכטיג, הגם קיין פליישׁ עס איך נישט, נאָר אייער, און טהיי טרינק איך אָהן מילך. וואַשׁען וואַשט זי אויך.

פון דעם איז זיך באמת אַ מוסר אַרויסצולערנען, אז טאַקי וואָס דער רבונו של עולם טהוט, טהוט ער צום גוטען.

און וויסט, ווי אַזוי עס האָט זיך אַלץ איבערגעדרעהט צום גוטען? גאָר פשוט: אין דיין זכות!

נאָך אויף דער שיף, אז איך האָב געזעהן, אז איך וועל עס פון זיי נישט אויסהאַלטען, האָב איך מיר געמאַכט אַ הארץ און בין צוגעגאַנגען צו גנענדלען, און געזאָגט איהר, אז איך בין דיין מאַן. איך האָב זי דער־מאַהנט דעם נאָך יום־כפור, ווען זיי זענען ביי אונז אין שטוב געוועזען, ווי אַזוי דו האָסט זי מקרב געוועזען, גענומען אויף דער שוים, און אַזוי ווייטער...

תיכף ומיד איז זי אַנדערש געוואָרען. זי האָט אויף מיר רחמנות געקריגען, די אויגען זענען איהר מיט טרעהרען פערלאָפען. זי איז באַלד צוגעלאָפען צום פאָטער און האָט מיט איהם איבערגעשמועסט די זאַך, און באַלד איז געוואָרען אַ שלום.

תיכף האָבען זיי געבעטען דעם שיפס־קאַפּיטאַן, ער זאָל מיך הייסען בעסער בעהאַנדלען. און אַזוי איז געווען!

איך האָב אָנגעהויבען צו בעקומען ברויט, וויפיעל מיין הארץ האָט געגלוסט, און טהיי, וויפיעל איך האָב געוואָלט. די שיפס לייט, האָבען מיך אויפגעהערט צו פייניגען, איך האָב אָנגעהויבען אָבצוּעסטעמען.

דאַרפסט דו פערשטעהן, וואָס פאַר אַ חשובה די גנענדיל איז געווען ביי די לייט! און עס איז קיין וואונדער נישט; ערשטענס, איז ביי זיי דער עיקר אַ יפת תאר; פאַר אַ יפת תאר וואָלטען זיי אין ים אַריין גע־שפּרונגען. צווייטענס, איז גנענדיל זעהר אַ גוטע בטבע, און האָט חן ביי לייט, דעם זיבענטען חן!

אַצונד, מיין גאָלדען ווייבעלע, וועל איך דיר אָנזאָגען אַ בשורה טובה:

לייב חזן זאָגט מיר צו, אז איך וועל פערדינען, לכל הפּחות, ביז צעהן דאָלאַר אַ וואָך.

איך רעכען זיך אַזוי צו פיהרען: אַ העלפט, — פינף דאָלאַר, וועל איך דיר שיקען, און פינף וועל איך מיר בעהאַלטען. דערפון וועל איך

לעבען, און וועל מיר נאך אנזאמלען צו קויפען ש"ס; משניות'לעך האב איך מיטגענומען. עס איז ביי מיר געבליבען, איך זאל יעדע וואך לערנען, לכל הפחות, צעהן בלאט גמרא. קיין טלית וועל איך דערווייל נישט קויפען, ווייל איך דאווען לעת עתה אין לייב חזן'ס טלית... ווארען לייב חזן האט מיטגענומען א טלית!

צו וואס, אפילו, ווייס איך נישט. ווארען דאווענען, דאווענט ער נישט א ווארט!

איך רעד מיר איין אז דאס איז אויך מן השמים; מען האט'ן געהייסען פיהרען פאר מיינעטוועגען א טלית.

און אפשר רעכענט ער צו דאווענען דא ימים נוראים פאר'ן עמוד? עס געהט צו ימים-נוראים! איך ווייס? אין אמעריקא איז אלץ מעגליך! דא איז א פארקעהרטע וועלט!

און דער עיקר — איין דאלאר וועל איך בעהאלטען, און זאמלען, מיט השם יתברך'ס הילף, פאר דיר מיט'ן קינד אויף הוצאות, איהר זאלט דא ביידע קומען אהער. ווארען איך זעה בחוש, אז עס איז, השם יתברך'ס רצון, איך זאל שוין בלייבען דא אין אמעריקא. און דער רבונו של עולם ווייס בעסער וואס עס איז גוט פאר א מענש.

ווייסט, וואס איך וועל דיר נאך זאגען? אז אצונד בין איך שוין נישט מעהר אין כעס אויף דיין ברודער דעם גזלן; ווייטער דאס איינענע: איך זאג, אז דאס איז אויך מן השמים! אנדערש קען גאר נישט מעגליך זיין, א מענש זאל האבען אזא גזל'ניש הארץ קעגען איין איינענע שוועסטער.

נאר דאס אלץ האט מען געפיהרט, איך זאל אנטלויפען קיין אמעריקא, און דיך אהער נעהמען. און, אז גאט וועט מיר העלפען, איך וועל קומען צו עפים געלד, וועל איך איהם נאך, דעם ברודער דיינעם, אויך בעהילפיג זיין. ער איז א קבצן, זאג איך דיר, איך זעה דאך: וואס ביי אונז הייסט א גביר, הייסט דא, אין אמעריקא — א שלעפער!

איך ענדיג דעם בריעף, איך מאך דאס מאל בקיצור, הגם, איך האב נאך א סך, א סך צו שרייבען. ווייל איך האב מורא, לייב חזן מיט גנענדלען זאלען נישט אריינקומען צו מיר אין שטוב; איך וויל נישט, זיי זאלען זעהן, וואס איך שרייב דיר. און איך בעט דיך זעהר, דו זאלסט

אָדם וחוה.

מײַנע בריעף נישט ווײַזען קײַן שום בן אדם! וואָס דאַרף אַ פרעמדער וויסען, וואָס בײַ אונז קומט פאָר?

און איך האַלז און קוש דאָס קינד. זאָל לעבען! גיב איהם אויף מײַן חשבון צעהן טויזענד הײַסע קוש, — הערסט?

פון מיר דײַן מאַן

שמואל משה.

דער דריטער בריעף.

אשתי האהובה!

איך געדענק, דאָס ערשטע מאָל, אַז יוחנן שוסטער איז אַוועק פון אונז קײַן אַמעריקאַ, האָט מען אָנגעהויבען שטאַרק וועגען אַמעריקאַ צו שמועסען; ווי אַזוי מען פיהרט זיך דאָרט, ווי עס געהט צו.

מען האָט געפרעגט, אויב מען געהט דאָרט נישט אויפ׳ן קאָפּ. און, אמת איז, אַז דאָ איז אַ פערקעהרטע וועלט! קײַן שום סדר; בלוים קולות מיט געוואַלדען, ווי בײַ אונז אין קצב׳ישען מנין!

שטעל דיר פאָר, אַז בײַ אונז, למשל, זאָל קומען פלטיאל דער וואַטענמאַכער און יוסיל דער גאַרבער, און זאָגען, אַז דער רב אונזערער איז נישט קײַן למדן; ווײַס איך, אַז ער איז נישט בקי אין גטין וקדושין; אָדער גאָר, אַז זײַ געפעלט נישט דער ראש הקהל! הכלל — זײַ ווילען איין אַנדערן רב, צי איין אַנדערן ראש הקהל! נו, נו, וואָלט מען זיך נישט געהאַלטען בײַ די זײַטען?

און דאָ, אין אַמעריקאַ, האָבען אַרבײַטער, ציגאַרען-שנײַדער, אַזוינע ווי איך, אין אַלעם אַ דעה! — זײַ מאַכען מיט בײַ דער קלפי, מישען זיך בײַ די בוררים, און טרעף וואָס זײַ קלויבען אוים? — אַ פרעזידענט!

און וואָס מײַנסט דו, איז אַ פרעזידענט?

אַ פרעזידענט איז, נישט מעהר נישט וועניגער, ווי אַ ראש וראשון איבער דער גאַנצער מדינה! און, ווי איך האָב דאָ געהערט, איז אַמעריקאַ צעהן מאָל אַזוי גרוים ווי גאַנץ אייראָפּאַ! פערשטעהסט אַנ׳עסק? היינט שטעל דיר פאָר מײַן שרעק, אַז איך זיץ מיר אַזוי נעכטען בײַ נאַכט

אין שטוב, האָב אין זין די היים, און מיט אַ מאָל עפֿענט זיך די טהיר, און עס קומען אַריין צוויי אַרבייטאָרער, וואָס שטעהען מיט מיר ביי איין מאַשין, און — אַחינו בני ישראל! און זיי לעגען מיר פאַר צוויי נעמען, איך געדענק שוין אַפילו נישט וואָס פאַר אַ נעמען, און זאָגען מיר, אַז איך בין אויך אַנ'אַרבייטער, און מוז זעהן, מען זאָל אויסקלויבען אַ פרעזידענט, וואָס זאָל זיין גוט פאַר אונזער קלאַס.

און זיי דערצעהלען מיר, אַז איין פרעזידענט האַלט פאַר די רייכע לייט, און טרעט מיט די פיס די אַלע, וואָס לעבען פון זייערע צעהן פינגער; און דער צווייטער, טאַקי דער וואָס זיי ווילען אויסקלויבען, איז גאָר אַ דימענט; ער האַלט שטאָל און אייזען פאַר אַרבייטער, און די גראָבע רייכער רודף'ט ער מיט אַ שרעקליכער שנאה! און נאָך אַזעלכע נאַרישקייטען, וואָס איך האָב שוין גאָר נישט פערשטאַנען.

אין האַרץ האָב איך זעהר געלאַכט, נאָר פון שלום וועגען, — עס פאַסט דאָך נישט, מבייש צו זיין קיין מענשען, — האָב איך זיי געטהון די טובה און צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפ אויף יאָ!

אגב, האָב איך טאַקי געוואָלט, זיי זאָלען וואָס גיכער אַרויס פון שטוב, איך זאָל מיך שוין קענען זעצען שרייבען צו דיר דעם בריעף. נו, זאָג אַליין איז דאָס נישט אַ משוגעת?

נאָך זייערע רייד נאָך, קומט אויס, אַז עס וועט ווערען פרעזידענט דער, וואָס זיי ווילען, וועל איך פערדינען צעהן דאָלאַר, און, חס ושלום, ווערט איין אַנדערער פרעזידענט, וועל איך פערדינען נאָר ניין, און אפשר אַכט!

און לייב חזן זאָגט, אַז ער פערשטעהט די פאָליטיק! אַז אין דעם שטעקט אַ שכל! און, אַז איך וועל דאָ זיין, זאָגט ער, אַ לענגערע צייט, וועל איך קריגען אַ ידיעה אין פאָליטיק. מילא, זאָל זיין אַזוי שאָקעל איך איהם אויך צו מיט'ן קאָפ, טראַכט איך מיר: נכנס יין יצא שטות — האָט גענומען אַ איבריגען טראָפּען, רעדט ער פון וועג! האָט ער מיר אָבער געשוואָרען, אַז בשעת קלפי, לעבט ער דערפון און עס בלייבט איהם נאָך וועלכער גראָשען אויף שפּעטער; פערשטעה איך טאַקי נישט, ווי אַזוי!

נאָר אַלע נאַרישקייטען אַוועקגעלעגט: נישט אונזער זאַך! זאָל זיין דער, זאָל זיין יענער פרעזידענט, פון דעם וועט אונזער מזל נישט אויפשיינען.

די מעשה איז: אַז גאַנץ אָפט פאַל איך אַריין אין אַ מרה שחורה, און די טרעהרען קאַפּען מיר פון די אויגען אויף די ציגאַרען־בלעטער, וואָס איך שנייד; און ביי נאַכט שלאָפט זיך נישט, ווי עס דאַרף צו זיין!

טהייל מאָל הויבט מיר אָן קלינגען אין די אויערן; גאַנצע טעג האָב איך קאָפּ־ווערטאָג... און צו דעם אַלעם איז קיין בעסערע רפואה נישט דאָ, נאָר צו נעהמען פּאַפּיער, טינט און פעדער, און צו שרייבען אַ בריוועלע צו מיין גאָלדענער חנה.

מיין טהייערע ווייבעלע! איך קען פון דיר קיין זאַך נישט האַלטען בסוד. איך מוז דיר אַלץ דערצעהלען: איך לערן נאָך דערווייל משניות; קיין ש"ס האָב איך נאָך נישט געקויפט! און ווייסט דו פאַר וואָס? ווייל איך האָב געמוזט מאַכען גאָר אַנ'אַנדער הוצאה.

זיי וויסען, מיין גאָלדענע חנה, אַז אומעטום איז איין וועלט. הגם מען שרייט דאָ אַלץ אין איינעם: פרייהייט, פרייהייט, איז דאָס אַלץ ווערטה אַ ציבעלע! מען האָט דאָ אויך פיינד אַ יוד! דאָ איז מען אפשר נאָך מעהר מבזה דעם צלם־אלהים פון אַ יוד! הינד, וואָס זאָלען אַרומלויפען אין די גאַסען, זאָלען בילען און רייסען יודישע פּאָלעס איז נישט דאָ, אָבער קיין לאָביסעס פעהלען דאָ אויך נישט. קוים דערזעהען זיי אַ קאַפּאָטע, ווערט אַ געשריי: דזשיו, דזשיו! אויף זייער לשון איז עס פּונקט דאָס איינענע, וואָס ביי אונז „זשיד". און זיי וואַרפען נאָך שטיינער און בלאָטע; בלאָטע פעהלט דאָ אויך נישט, ברוך השם! וואָס האָב איך געזאָלט מאַכען? האָב איך געטהון דאָס זעלבע, וואָס אַלע יודען טהוען דאָ. איך האָב אַרונטער געמאַכט די פּאות אונטער די אויערן, האָב מיר געקויפט, אויף אויסצאָהלען ראַטעס־ווייז (אַזאַ מנהג איז דאָ), דייטשעשע בגדים. — האָסט דו אַנ'עק פון געלד! און אויך דו, חנה'לי. אַז דו וועסט, אם ירצה השם, קומען, וועסט דו דיר אויך מאַכען אַנדערע קליידער; וואָרום אַ מנהג איז מבטל אַ דין, און דאָ איז מען זיך אַזוי נוהג!

און וואָס דו שרייבסט, אַז גנענדיל געפעלט דיר נישט, פערשטעה איך נישט פאַר וואָס? וואָס דו האָסט דאָ צו איהר? אויך בין איך נישט מחויב די וועלט מחזיר למוטב צו זיין. חוץ דעם, בין איך זיכער, אַז זי טהוט דאָס אַלץ דער ביטערער פרנסה צוליעב! בטבע איז זי אַזאַ כשר'ע נשמה, ווי אַלע יודישע טעכטער. אַ גאַנצע טאָג, אַז איך מיט לייב חזן זענען מיר אין פאַבריק, קאָכט זי און וואַשט און קעהרט די שטוב. אָבענד־

ציַיט, געהט זי ערשט, צוזאַמען מיט'ן פאָטער, אין זייערע ערטער, וואו זי זינגט און שפּילט, און טאַנצט, פאַר'ן עולם. איך זיטץ מיר אין דער היים, לערן תורה און שרייַב צו דיר. געגען האַלבער נאַכט קומען זיי, טרינקען מיר צוזאַמען טהיי און מען געהט שלאָפען.

און דאָס, וואָס דו שרייַבסט, אַז דיר דאַכט זיך, אַז גנענדיל האָט דאָס געמוזט צוגנב'נען דעם לעפעל, וואָס האָט אונז דעמאָלט געפעהלט, דאָס איז שוין גאָר קיין ווערטער ניִשט!

גנענדיל איז אפשר ניִשט אַזוי פרום אין אמונה זאַכען. אָבער אַזוי, אַ פרעמדענס, חס־ושלום, וועט זי ניִשט ריהרען! און, חלילה וחלילה, זי זאָל זיך דערפון ניִשט דערוויסען! זי בעהאַנדעלט מיר ממש ווי אַנ'אייגען קינד; פרעגט מיך אַלע מאָל, צי איך ברויך ניִשט אַ ווייַס העמד, צי וויל איך ניִשט נאָך אַ גלאָז טהיי!

און באמת איז זי אַ וואויל קינד. אַלץ וואָס זי פערדינענט, גיט זי אַוועק דעם פאָטער. הייַנט וואָלסט זעהן, ווי זי האַלט איהם בכבוד, הגם ער איז עס ניִשט ווערטה! חאָטש ער קומט אַ מאָל אַ היים פרעהליך, גאָר פרעהליך און רעדט פאַר פייַער, פאַר וואַסער!

אויך האָט מיר לייב חזן בפירוש געזאָגט, אַז ער זאַמעלט איהר נדן, און קומט ער צום ערשטען טויזענדטער, זוכט ער איהר אויס אַ חתן, און פיהרט זי אונטער דער חופה כדת משה וישראל! און זי וועט זיך שוין ניִשט רייַסען דעם האַלז פאַר אַ פרעמדען עולם! איך ווייס ניִשט, צי ער מיינט עס ערנסט, נאָר — הלואי! זאָל איהם גאָט העלפען, ער זאָל עס דערגרייכען; זאָל זי אַוועקוואַרפען די מיאוסע פרנסה.

גנענדיל, איז אפילו דערבייַ געוועזען, און זי האָט זיך געררויטעלט פאַר בושה, ווי עס פּאַסט פאַר אַנ'אמת יודישע טאָכטער; אַ פּנים, זי איז אויך מסכים.

בעט איך דיך דעריבער זעהר, מייַן ליעבע חנה'לע, דו זאָלסט זיך דערוויַיטערן פון לשון הרע און רכילות. דאָס איז גאָר קיין מנהג ניִשט, קיין יושר ניִשט; דאָס פּאַסט פאַר קלייַנשטעדטעלדיגע ווייַבער. און דו, גאָלדענע חנה'שי, דאַרפסט קומען אין אַמעריקא. דאָ זענען די ווייַבער

גאָר אַנדערש; געזעצטער ערנסטער און — פערנומענע מענשען ווי ד מאַנסבילען.

און, צוריק געשמועסט, איז דיין שמואל משה קיין שניידער נישט, קיין שוסטער נישט, ער זאָל אַוועקוואַרפען אַ ווייב פאַר אַנ'אַנדערע וועגען. דו טאָרסט עס גאָר נישט טראַכטען! דאָס איז פאַר מיר גלאַט אַ חלול הכבוד! און זיי וויסען, אַז דיינע רעד שטעכען מיר ווי מיט מעסער; און לייב חזן מיט דער טאָכטער זאָלען זיך דאָס דערוויסען, וואָל־טען זיי מיך פערלאָסט. איך וואָלט געבליבען איינער אַליין ווי אין אַ מדבר. עס וואָלט אַ פאַל געוועזען אומצוקומען, וואָרום דאָס לשון קען איך נאָך נישט, קוים איינציגע ווערטער, און וויים נאָך נישט, וואו אוים און וואו איין.

און צונדערט בעט איך דיך, און בעט דיך זעהר, מיין ליבע חנה, זאָלסט נעהמען דאָס קינד ביים הענדטעל, און זאָלסט מיט'ן הענדטעל איבער־געהן אויפ'ן פאַפיר, ער זאָל מיר עפּיס צושרייבען; לאָמיך פון איהם זעהן כאָטש אַ צורת אות! רבונו של עולם, וויפיעל מאָל שטעל איך מיך אַוועק אין אַ זייט, איינער אַליין אין אַ ווינקעלע, און וויין מיך גאַנץ גוט אוים! און אויף וואָס וויין איך? אויף דעם, וואָס איך בין נישט זוכה צו לערנען מיט מיין קינד תורה! האָב איך וועניג האַרצוועהטאָג דערפון, קומען נאָך די בריעף דיינע, און שיטען מיר זאַלץ אויף די וואונדען. אָט, היינט האָט מיך לייב חזן געבעטען, און גענענדיל, דאָ הייסט זי סאָפיאַ, האָט אויך צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, איך זאָל געהן מיט זיי, הערען ווי זי זינגט, און זעהן ווי זי טאַנצט, און איך האָב נישט געוואָלט; האָט לייב חזן ווייטער געזאָגט: נאַרישער חסיד, זי האָט פערצויגען מיט'ן נעזעל; נאָר מיין דאגה! איך וועל מיר געהן אין מיין דרך און וועל נישט אַראָב אויף אַ האָר!

בלייב געזונד, דו און אונזער קינד, ווי עס ווינשט דיר, דיין מאַן

שמואל משה.

זעה למען השם, די זאַך וועגען די קליידער זאָל בלייבען בסוד. עס זאָל דערפון, ביי אונז אין שטעדטעל, קיין ילוד איש נישט וויסען, איך וואָלט מיך געשעמט די אויגען אויפצוהויבען.

בעלך שמואל משה הנ"ל.

פיערטער בריעף.

אל אשתי הצנועה מרת חנה תחיה.

אין צעהן בריעף, האב איך גנענדיל'ס נאמען נישט געבּרענגט איבערן מויל, איך האב אפילו, דעם פאטער איהרען, לייב חזן, נישט דערמאהנט. מיט גרויס מיה האב איך מיר געדונגען אנ'אנדערע דירה, ביי א היעגען שוחט און האב זיי שוין כמה וואכען נישט געזעהן. און דו הערסט נאך אלץ נישט אויף צו שרייבען גנענדיל און גנענדיל, און סאפיע און סאפיע! און וואס ווילסט דו פון איהר? וואס? איך זאל אזוי געזונד זיין מיר ביידע זאלען אזוי געזונד זיין, אויך זאלען מיר אזוי זוכה זיין צו זעהן זיך, צוזאמען מיט'ן קינד, אין-פריידען, ווי איך האב אליין געזעהן, ווי סאפיע איז אריינגעקומען צום פאטער אין פאבריק, און עס איז צו איהר צוגעגאנגען דער דירעקטאר אליין, און האט אנגעהויבען מיט איהר צו רעדען, חנ'-דלעך צו מאבען; און, הגם איך האב נישט פערשטאנען, וואס ער רעדט צו איהר, ווייס איך דאך, אז ער האט געמיינט נישט קיין מצות און מעשים טובים, און האט זי נאך געוואלט אנגעהמען ביי א באק. נו, וואס קלערסט דו? איך בין נבהל ונשתומם געווארען, אזא פאטש האט זי איהם דערלאנגט איבער דער האנד! און, האסט נאך געוואלט זעהן, מיט וואס פאר א גאוה זי האט זיך פון איהם איבער-געדרעהט און אוועקגעגאנגען. איך האב מיך פשוט מחיה געוועזען...

זעהסט דו דאך בחוש, אז נאך אלע זאכען איז גנענדיל א כשר קינד, און דו ביסט אויף איהר מוציא לעז בחנם. דו שרייבסט, אז זי וויל מיך אריינחאפען ווי א פיש אין א נעטץ אריין און נאך אזעלכע נארישקייטען, — שווערען קען איך דיר, יום-כפור ביי א ספר תורה, אז עס איז שקר. און דאס דיר צוליעב דערווייטער איך מיך פון איהר, מייד זי אויס ווי וויט מעגליך איז. טרעפט מען זיך, ענטפער איך איהר אויף הונדערטער ווערטער מיט א שאקעל מיט'ן קאפ. און ווייטער דאס זעלבע: באמונה שלי, אז דו ביסט זי חושד גאר אומזיסט; דו זינדיגסט, חס ושלום, פאר גאט! נאר דאס איז נאך גאר נישט, איך וואלט עס, ווי אלע מאל, פערשוויגען, איז אבער דערפון ארויסגעקומען א מעשה, וואס — גאט זאל שומר ומציל זיין! איך וואלט בעסער געוואלט, די ערד זאל מיך איינשלינגען, איידער אזא בושה!

ביי דער אַרבייט איז מיר איינמאָל, יענע וואָך, נישט גוט געוואָרען; עפּיס האָט מיר אָנגעהויבען צו שווינדלען פאַר די אויגען. איך האָב אָנגעהויבען חלש'ען. אַז איך בין צו מיר געקומען, בין איך שוין געלעגען ביי מיר אין שטוב אויפ'ן בעט. ביים בעט איז געשטאַנען אַ דאָקטאָר. געזאָגט האָט ער, אַז עס איז אַ פיבער, — אַזוי רופט מען דאָ קדחת. אָבגעלעגען בין איך אַ טאָג צעהן. און איבער דער גאַנצער צייט איז לייב חזן נישט אָבגעטרעטען פון מיין בעט, און האָט מיך געראַטעוועט ווי אַן'אייגען קינד. שפּעטער בין איך געוואָהר געוואָרען, אַז, ווען איך בין געלעגען אין היץ, פלעגט סאָפיע אויך קומען מיך מבקר חולה זיין... און פּונקט דעמאָלט איז איינמאָל אָנגעקומען דיינס אַ קאַרטעל, אין וועלכען דו האָסט אויסגעגאָסען דיין ביטער האַרץ אויף דער אומשולדיגער סאָפיע... זיי האָבען אַ ודאי און אַ ודאי די קאַרטע געלייענט, וואָרום איך בין דאָך געלעגען אין דער היץ...

און, ווען דו האָסט געשריבען דיינע מיאוסע רעד, דיינע זלזולים, די בלבולים דיינע, האָבען זיי דאָ פאַר מיר כמעט דאָס לעבען געשטערט... גערופען דאָקטוירים, געבעט און איבערגעבעט, רפואות דערלאַנגט און עטליכע אייגענע חפצים פערזעצט, עס זאָל זיין מיט וואָס צו ראַטעווען. אַ פלאַש וויין אפילו האָבען זיי מיר געבראַכט. איך האָב זי אפילו נישט אָנגעריהרט מיט'ן מויל: אמת נסך! נאָר זיין מיין איז דאָך גוט געווען... אַחוץ דעם פלעגען זיי מיר דריי מאָל אין טאָג מעסטען מיט אַ גלעזערן רעהרל די היץ, אַזוי הייסען דאָ די דאָקטוירים... און ווער האָט מיר דאָס אַלץ דערצעהלט? טאַקי דער שוחט מיט'ן ווייב; זיי האָבען מיר דאָס אַלץ דערצעהלט. ווען נישט לייב חזן און סאָפיע, וואָלסט דו שוין היינט, חס ושלום, אַן'אַלמנה געווען! שרייבסט דו אין דער אייגענער צייט אַזוינע נאַרישע הבלים. פע, אַ חרפה און אַ שאַנד! איך חיים גאָר נישט, ווי דו ווערסט קענען קומען קיין אַמעריקא, ווי דו וועסט גאָר קענען זיין אין אַמעריקא!

איך האָף, מיין ליעבע חנה'לי, אַז דו וועסט אַוועקוואַרפען די נאַרישקייטען, און פון היינט מאָל אָן, וועסט דו מיר שוין דאָס לעבען מיט אַזוינע בריעף נישט פערביטערן.

אָפט שלאָף איך נישט ביי נאַכט. דאַכט זיך מיר דעמאָלט, אַז איך זעה בחוש, ווי דו זיצסט דאָרט ביים טיש און שרייבסט צו מיר אַ בריעף. דו שרייבסט און מעקסט, שרייבסט און מעקסט, און איך זעה דעם בריעף.

אָבער פון ווײַטען דערקען איך נישט די אותיות און איך האָב גרויס צער דערפון, וואָס איך קען דעם בריף פון דער ווײַטען נישט לייענען, און דו נעהמסט די פעדער, לעגסט זי דעם קינד אין הענדטעל אריין, — אויף דער שוים ארויף האָסט דו עס גענומען, — און פיהרסט מיט זיין הענדטעל!

און דו זעהסט, מיין ליעב ווייב, אז איך שיק דיר וואָך ביי וואָך פינף דאָלאר; אז איך קום אויס מיט אזוי ווייניג. און אין גאנצען האָב איך נישט מעהר, ווי דריי העמדער; וואָרום בעטען סאָפיאן, זי זאָל מיר קויפען, קען איך נישט. און די שוחט'קע איז א יולדת און געהט נאָך פון בעט נישט אראָב, און מאָרגען וועט זיין, אם ירצה השם, דער ברית מיט מזל...

יאָ... נישט דאָס אָבער מיין איך. דער עיקר איז — זיי א מענש, פאר זיך און פאר מיר, דיין מאַן,

שמואל משה.

א צושריפט אין דער זייט איבער דער גאנצער לענג פון בריעף:

די מינוט בעקום איך פון דיר ווידער א בריעף. אצונד מיין חנה'לי זאָג איך דיר שוין בפירוש און בפרוטרוט, אז דאָס איז א פשוט'ער שגעון, רחמנא ליצלן! טאקי, ווי מען זאָגט, מויל און אויערן אויפצושטעלען, אויף וואונדער צו לויפען! דו שרייבסט, אז דו קענסט דיר אויך לאָזען וואקסען צעפ און רעדען מיט פריצים, אז דו קענסט אויך זינגען און טאַנצען — און, אז דו וועסט צו פוס אוועקגעהן צום רבי'ן און אָבגעבען א קוויטעל, ער זאָל שיקען א מיתה משונה אויף מיר און אויף זיי — — —

וואָס שרייבסט דו? וואָס איז עס פאר דבורים?
רבונו של עולם, וואָס איז מיט דיר געוואָרען?

איך קלער און קלער, און ווייס שוין נישט וואָס צו קלערען! איך זאָג דיר מיין עצה: זאָלסט אוועקוואַרפען דיין לשון הרע, מיט'ן רכילות מיט די קללות! עס פאַסט נישט פאר דיר! און איך זאָג דיר, בלי נדר ובלי מסקנא, אז באַם דו וועסט מיר נישט גיך און באַלד שרייבען א בריעף, ווי א כשר יודיש ווייבעל דאַרף שרייבען, וועל איך דיר פשוט נישט ענטפערן; איך וועל שיקען א שליח מיוחד נאָכ'ן קינד אָהן

דיר... הערסט? אז נישט,.. וועל איך מיךווארפען אין ים אריין!...
עס איז א פאל, חס ושלום, משוגע צו ווערען!

דיין מאן, הנ"ל.

ג) צוויי בריעף, וואס חנה האט בעקומען פון
איהר קרובה פון לובלין אונ פון איהר ברודער.

צווייטער בריעף.

ידידתי, שארת בשרי, האשה הצנועה והחשובה, מרת חנה תחיה.

ליעבע חנה! דו ביזט געוועזען א גאנצער נאר און א האלבער נביא, אז דו האסט מיר געשיקט א צווייטען בריעף! ווארום דער ערשטער בריעף איז אריינגעפאלען מיין זולל וסובא אין דער האנד אריין; ער האט איהם אריינגעלעגט צו זיך אין קעשענע, און, ברוך השם, פערגעסען אבצוגעבען; אזוי איז זיין שטייגער, א חוץ פרעסען און זויפען ליעגט איהם גאר נישט אין זינען. נאר, אז איך האב בעקומען דעם צווייטען בריעף, איז מיר באלד איינגעפאלען, צו זוכען ביי איהם אין קעשענע. און, אז מען זוכט, געפינט מען.

חנה'לי קרוין! לעזענדיג דיינע צוויי ביטערע בריעף, האב איך געמיינט, אז מען שלאגט מיך מיט א האק אין קאפ אריין. פאר גרוים צער האב איך נישט געוואוסט, וואו איך בין אין דער וועלט. תיכף ומיד האב איך מיך אבער בערוהיגט, איך האב מיר אזוי געטראכט: למשל, ווען מיין משוגענער מאן וואלט געוואלט עוקר זיין קיין אמעריקא — נו? וואלט איך דאך מיר געמאכט סעודת פורים, געלאזט זיך כלי־זמר שפיעלען!

ווארום בערעכען: די גאנצע פרנסה מיינע איז, ווי דו ווייסט, פון פעסעל סמאלע. דארף איך, ברוך השם, נישט זיין לאסקע. במילא, קען איך גאר נישט פערטראגען זיינע תנועות און הויות, אז ער קומט צו מיר אין געוועלב אריין.

אַ יוּדענע, ענטפערט ער נישט, דער חסיד! נעהמט נישט אוים דער האַנד! און, זאָגט ער אַ מאָל אַ קונה, אַ מאַנסביל, אַ מקח, איז עס טאַקי אונטערן קרן! נעהמט ער געלד, נאַרט מען איהם אַריין פאַלשע און אָבגעריבענע מטבעות! טהוט ער מיר שוין די טובה, און נעהמט אַ שטיקעל קרייט אין האַנד אַריין, און מאַכט אַ חשבון! זאָל מען מיר אַזוי רעכענען מיינע זינד אויף יענער וועלט, ווי ער בערעכענט מיין סחורה!

און דאָס, וואָס דיין מאַן, האָט דיר נישט איבערגעלאָזט קיין גט, איז מיר גאָר קיין גרויס וואונדער נישט; וואָרום מיין מאַן דער משוגענער, לעקט ביי מיר נישט קיין האָניג, וויל מיר אויך קיין גט נישט געבען! און צו וואָס זאָל ער מיר געבען אַ גט? עס פעהלט איהם עפּים ביי מיר? ער האָט זיך זיין פיינע דירה, קומט ער אַ היים, איז גרייט אַ וואַרעמעס, דאָס בעט איז געבעט צו דער צייט, משבת לשבת — אַ וויים קלאָר העמד? פיעל מאָל איך בעט איהם מיט גוטען, ער זאָל געהן צו אַלדי רוחות, און ער — גאָר נישט! ער זאָל זיך עס אַ ריהר טהון! און אַז איך שילט איהם אָדער וואַרף איהם עפּים אין קאָפּ אַריין, רוקט ער זיך אָב אין אַ ווינקעל, מאַכט אַ רחמנות פּנים, נעהמט נאָך אַ מאָל מים אויף די עיגים; און איך נאַר קריג אויפ'ן רחמנות! גיב איהם נאָך עסען און טרינקען, און ער געהט זיך אַוועק!

און וואָס דו שרייבסט מיר וועגען דיין משפט, זיי וויסען, שוועסטער חנה, אַז איך האָב דאָ אַנ'אַדוואָקאַט גאָר אַ מפורסם, וואָרום, צו מיין בעז מזל, האָב איך אַלץ-אין-איינעם ספּראַוועס מיט די קעכינס די חצופות; הערסט דו, חנה'לי, אַזעלכע דינסטען, ווי מיר האָבען דאָ אין לובלין, איז אויף דער וועלט נישט דאָ! וואָס זאָל איך דיר זאָגען, פרעסערקעס און זויפערקעס, גנב'ענן מיט די אויגען, אַנטלויפען נאָך פאַר'ן קוואַרטעל און גיבען מיר נאָך אין סאָנד אַריין, איך זאָל זיי בעצאָהלען פאַר אַ קוואַרטעל! און אין סאָנד איז היינטיגע צייטען, רחמנא ליצלן, קיין הלוק נישט צווישען אַ דינסט און אַ בעל-הבית'טע, און איך מוז שטעהן מיט איהר אין איין שורה! איך טאָר אפילו אַ מויל נישט עפענען, אַ וואָרט נישט רעדען, וואָרום באַלד גיט דער סודיאַ אַ קלונג מיט'ן גלעקעל און פערשרייבט שטראָף ביז דריי רובעל. דעריבער געה איך טאַקי נישט אַליין אין סאָנד אַריין, און האָב מיר אויסגעזוכט אַ גוטען אַדוואָקאַט, אַ מויל — שוועבעל און פעך, און ער פיהרט מיר שוין אוים די זאַך, ווי עס געהער צו זיין.

ער האָט מיר אַליין געזאָגט, אַז דער סודיאַ האָט מיך שוין וויפיעל מאָל געוואָלט איינ׳ישב׳ען פאַר אַ בלבול, פאַר וואָס איך רײַס אַ דיענסט ביי די האָר, אָדער אַזוי פאַר אַ מתנת יד! קען ער אָבער נישט, וואָרום דער אַדוואָקאַט מײַנער האָט ביי זיך אַלע סאָנדאָווע ביכער, ווייסט אַלע, אָבער טאַקי אַלע זאַקאָנעס, און קלויבט אויס פאַר מײַנעטוועגען די בעסטע זאַקאָנעס, און שטיכט איהם דערמיט די אויגען אויס און ער בלײַבט זיצען ווי אַ גולם — וויל יאָ, וויל נישט, שרײַבען מוז ער: פטור, פטור!

און תיכף ומיד, — אַז איך האָב דײַן בריעף בעקומען, און האָב דעם פריהערדיגען געפונען בײַם בטלן מײַנעם אין קעשענע — בין איך געלאָפען צום אַדוואָקאַט, און ער האָט מיך אויפגענומען מיט גרוים כבוד, טאַקי ביי זיך אין פײַנעם קאַבינעט, און האָט מיר געבעטען זיטצען אויף די פּלושענער סאָפאַ.

איך האָב איהם דערצעהלט דײַן גאַנץ עסק, פון אַלף ביז תיו, טאַקי ביז אויף דער האָר; און ער האָט אַלסדינג געלאַסען אויסגעהערט, הגם דאָס פאָרצימער איז געווען פול און פול מיט מענשען. ער האָט אויסגעהערט און איז זיך אַרומגעגאַנגען אין זאַל אויף און אָב.

דערנאָך האָט ער אָבגעזיפצט, און געזאָגט, אַז לויט די זאַקאָנעס, האָט אַ טאָכטער דעם אייגענעם דין וואָס אַ זוהן, און קריגט אַ גלײַך חלק ירושה ווי ער. איז דאָך, דאַכט זיך, גוט? איז אָבער פאַרהאַן אַ שלעכטער פונקט, אַז אַ ווײַב קען נישט מאָהנען אין סאָנד, אָהן דעם מאַנס ידיעה. זי איז אין זײַן רשות און מוז האָבען זײַן פּלעניפּאָטענציע...

און אַז איך האָב איהם געזאָגט, אַז דו ביזט, לא עליכם אַנ׳ עגונה, אַז דער מאַן דײַנער האָט דיך אַוועקגעוואָרפען, און דו מעגסט, לויט מײַן שכל. טהון אַלץ וואָס דו ווילסט, האָט ער זיך מיר געשטעלט קעגענאיבער און געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אין דער ברייט, לא מיט אַנ׳אַלף — הײַסט עס!

און תיכף איז ער צוגעגאַנגען צו דער שאַנק, האָט זי געעפענט, און אַרויסגענומען אַ בוך, נאָך אַ בוך; אַרײַנגעקוקט און אַוועקגעלעגט, אַרײַנגעקוקט און אַוועקגעלעגט, און דורכגעוואָרפען אַזוי כמה וכמה ביכער, קלײַנע און גרויסע און נאָך גרעסערע; אײנער איז געווען אַ גראָבער, איך זאָל נישט זינדיגען מיט די רעד, ווי אַ דבר אחר, און דאָרט, אַ פּנים,

האָט ער געפונען, וואָס ער האָט געזוכט, וואָרום ער האָט געקוקט און געקוקט.

און דערנאָך זאָגט ער מיר, אַז אויב עס וועט פאַרבייַגעהן פינף יאָהר זייט דיין מאַן איז אַנטלאָפען, און דו וועסט ברענגען אַ פּאַפּיר פון וואָיט פון דיין שטאָדט, אַז אין די גאַנצע פינף יאָהר האָט זיך דיין מאַן נישט געוויזען, וועט ער, דער אַדוואָקאַט, איינגעבען פאַר דיר אַ פּראָזשבע אין סאָנד אַריין, און דער סאָנד וועט דיר געבען רשות צו פּראָצעסירען אָהן דעם מאַן.

אַזוי האָט ער אויסדריקליך געזאָגט, און איך גיב דיר איבער זיינע דבורים וואָרט ביי וואָרט.

איך האָב איהם געגעבען אַ רובעל, האָט ער זיך אפילו געקרימט, אַ פּנים, ווענִיג, נאָר גענומען האָט ער; זאָלסט דו מיר, חנה'שי קרוין, דעם רובעל, למען השם, באַלד אָבשיקען, וואָרום די פּרנסה איז זעהר געשלאָגען, און סמאָלע איז היינט גאָר קיין גאַנגבאַר אַרטיקעל נישט...

צונד צוריק צו דער זאַך:

עס קומט אוים אויף מיינע רעד! איך זאָג שוין דאָס אַלע מאָל, אַז די תורה הקדושה (זייערע זאַקאָנעס, להבדיל, אַ ודאי!) האָט אונז איבער־געגעבען אין גזל'נישע הענד אַריין. אַ מאַנסביל, אַ גולם, אַ לא יוצלח, מעג גט'ן דאָס ווייב ווען ער וויל; אַליין, צי דורך אַ שליח, און אַזאַ אשת חיל, למשל, ווי איך בין, קען נישט פּטור ווערען פון אַ מאַן אַ בטלן, בשום אופן וצד!

געהען מיר ביידע אויף אַ ברית, שטאָפּט מען איהם מיט פיש און פלייש, פון אַלעם גוטען, און איך — בעקום מילכיגע ציקאָריע!

זיצט ער אין סוכּה, מוז איך איהם אַריינשיקען דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, און פאַר זיך לאָזען די ביינער!

3 וואָכען, 9 טעג, און אַלע תעניתים האָב איך גלייך מיט איהם; שמחת תורה איז זיין!

ער געהט צו'ם רבּ, איהם גיט מען מעד מיט עפּעל! און וואָס וועט זיין דאָרטען, מ׳שטיינם געזאָגט — דער גן־עדן מיינער? איך וועל זיין דעם משוגענעס פוסענבענקעל, ער וועט זיך דאָרט זיצען אויף אַ פּאַ־טער־שטוהל, און איך וועל זיין, זיין פוסענבענקעל!

דאָ אויף דער וועלט איז ער לכל הפּחות אַ שוואַכער בשר ודם, האָט ער פאַר מיר מורא; אָבער וואָס אין גן־עדן וועט זיין, פרעג מיר

בחרם! און, זאָגען זאָג איך דיר אויסדריקליך, זאָל ער מיר דאָרט אַ שטוים טהון מיט'ן פוס, ווייסט דער אויבערשטער, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען!

און צוריק געשמועסט; וואָס טויג דיר אַ גט? גלויב מיר, אַלע הינד האָבען איין פנים! אַלע — נישט ווערטה אַ דרייער! ווייסט דאָך — מיין שוועסטער מרים האָט צעהן געהענדיגע יאָהר געליטען פון איהר מאַן, איידער זי האָט פון איהם אַרויסגעקריגען אַ גט; דערפאַר האָט זי איהם אַוועקגעגעבען דאָס געלד, די מלבושים, מיט איין וואָרט — הכל כאשר לכל. נו, דאַכט זיך, מזל און ברכה!

האָט זי וויַיטער חתונה, טוישט זי שופרות אויף קאַנע־ביינדלעך, אַ נייער בטלן צום קאָרמען! זי שרייט וויַיטער אַ גט; ער הערט זי ווי'ן רב און זי האָט שוין נישט מיט וואָס צו בעצאָהלען!

בקיצור, שוועסטער חנה, אונזער מוטער חוה האָט געזינדיגט און מיר ליידען פאַר איהרע זינד! און אייביג וועלען מיר אַזוי ליידען! דען — פאַר אַ מאַן קען מען אפילו אין קבר נישט ענטרינען. לעבדים ולשפחות האָט מען אונז פערקויפט, אַפילו אויף יענער וועלט אויך! — אַזוי איז געוועזען פערצייטענס, אַזוי איז היינט; און לעתיד לבוא וועט אויך אַזוי זיין, מען מוז ליידען! וואָרום וואָס זאָל מען טהון, אַז עס איז דעם רבונו של עולם'ס רצון אַזוי.

דעריבער, שוועסטער חנה, האָב בטחון אויף גאָט, ברוך הוא, פערבלייב געזונד און פערגעס דיין מאַן! אין אַמעריקאַ, איז ער אַוודאי אַרוים לתרבות רעה. אַזוי טהוען זיי שוין שטענדיג, ימח שמם, אַז זיי קומען קיין אַמעריקא!

אין דער התחלה שרייבען זיי צוקער־זיסע בריוועלעך, שיקען געלד; דערנאָך ווערט עס וואָס אַ מאָל ווייניגער; שרייבט מען און מען שיקט שוין געלד אַ מאָל אין אַ יאָהר, דערנאָך — איינמאָל אין אַ יובל... זיי ברויכען דאָרט נישט זייערע וויַיבער! זיי האָבען דאָרט, רחמנא ליצלן, אַנדערע, בעסערע, פלינקערע וויַיבער.

איך זאָל נישט זינדיגען מיט די רעד, ביי אונז אין לובלין איז אין דער יודישער גאַס, נישט דאָ קיין הויז אָהן אַ'עגונה! שרייב דריי פּאַי'ן, זאָג איך דיר, פערגעס! זאָל זיך דיר דאַכטען, אַז דו ביזט אַ'אַלמנה, חם ושלום, אָדער אַ גרושה!

זעה בעסער צו טהון אין דיינע ציבעלעס. זאָל דיר השם יתברך,

שיִקען הצלחה אין דיַין עסק, זאָלסט מצליח זיַין, וואו דו וועסט זיך נאָר קעהרען און ווענדען. ווי עס ווינשט דיר דיַין קרובה,
(די אונטערשריפט איז נישט צום איבערלעזען).

איך בעט דיך, למען השם, דו זאָלסט מיר וואָס צום געשווינדסטען אָבשיִקען דעם רובל, וואָרום מיַין מאַן, דער זולל וסובא, האָט שוין פּעראיבעל אויף מיר, צו וואָס איך האָב אויסגעלעגט דעם רובל.
(די זעלבע נישטלעזבאַרע אונטערשריפט).

צווייטער בריעף.

לאחותי הצנועה, הנגידה, החשובה מרת חנה תחיה.

ערשטענס מעלד איך דיר, טהייערע שוועסטער, אַז מיר זענען, ברוך השם, אַלע בקו־הבריאה, חוץ אשתי חוה'לע, תחיה, וואָס דער הוסט, לא עליכם, לאָסט זי נישט אָב אַ רגע, און תיכף, אם ירצה השם נאָך דער חתונה, וועט זי מוזען פאָהרען קיין וואַרשוי צו'ן אַ דאָקטאָר.

רצוף בזה, שיק איך איַין אַ חתונה־בריוועל. זאָלסט זעהן, למען השם, צו קומען אויף דער חתונה, און מקבל תענוג זיַין, נאָר, למען השם, בעט איך דיך, אַז זאָלסט מיר נישט שטערען דעם נחת פון בתי תחיה, און בעהאַלטען אַלע טענות ותביעות אויף נאָך דער חתונה.

קיַין כלה־מתנה ביסט דו נישט מחויב צו ברענגען. אויב עס געהט דיר וועגען דער בושה, וועט זיך נאָך, אם ירצה השם, געפינען עפּים אין שטוב פאַר דיר פאַר אַ מתנה; איך וועל דיר נישט קאַרגען. בלוט איז קיַין וואַסער נישט און אַ שוועסטער בלייבט שוועסטער.

און וואָס דו שרייַבסט, אַז דו האָסט קיַין מלבושים נישט, איז אויך נאַריש. קענסט דיר באָרגען אַ מלבוש, אָדער דאָרט, אָדער דאָ, אַז דו וועסט קומען.

און וואָס דו שרייַבסט, דו קענסט דיך נישט טרייסטען נאָכ'ן ילד וואָס איז נפטר געוואָרען, — זיי וויסען, שוועסטער לעבען, אַז — ה' נתן

וה׳ לקח. קינדער זענען אַ פקדון פון גאָט, ברוך הוא, און אַז ער וויל אָבנעהמען דאָס פקדון, טאָר מען אפילו נישט מהרהר זיין, נישט איבערקלערען, חס ושלום!

און וואָס דו שרייבסט, אַז דו האָסט מורא, דיין שמואל משה זאָל נישט געוואָהר ווערען, אַז דאָס קינד לעבט נישט און דורך דעם, זאָל ער זיך, חס־ושלום, פון דיר אין גאַנצען נישט אָברייסען, — איז אויך אַן׳אומזיםטער השד... גלויב מיר, שוועסטער חנה, אַז עס איז גאָר נאַריש. וואָרען — ממה נפשך: איז אמת, וואָס לייטען זאָגען, אַז שמואל משה איז געוואָרען אוים שמואל משה, חס ושלום, אַז ער איז אַוועק גאָר אין אַנדערע דרכים, — איז אַלץ איינס, צי דאָס קינד לעבט, צי ניין; נישט ער דאַרף דיך, נישט דו קענסט דיך האַלטען אָן איהם!

אויב ווייטער, ווי איך האָף צו זיין ליעבען נאָמען, דאָס אַלץ איז נישט געשטויגען, נישט געפלויגען, נאָר אַ בלבול פון בייזע מיילער, און, ווי איך גלויב באמונה שלמה, שמואל משה איז טאַקי שמואל משה, דער מופלג, דער פרומער יוד, האָסט דו נישט וואָס מורא צו האָבען! פערקעהרט, ביי האַלב הוצאה וועט איהם צונד לייכטער זיין דיך אַראָבצונעהמען אַהין, און איהר וועט לעבען בשלום ושלוה כנהוג בישראל...

און וואָס דו האָסט פון איהם אַזוי לאַנג קיין ידיעה נישט, — מה רעיש? עס איז דאָך, דאַכט זיך, מעבר לים! וויפיעל שיפען געהען אונטער, רחמנא ליצלן; וויפיעל בריעף־טרעגער קענען אומקומען אויף אַזאַ מהלך. און אפשר מוזען נאָך די שיפען דורכגעהן אויף דעם אָרט, וואו, דער ספר הברית שרייבט, אַז דאָס וואַסער שטעהט ווי אַ באַרג און עס איז טאַקי סכנת נפשות. דאַנק זיין ליעבען נאָמען, וואָס דיין שמואל משה איז בשלום אַריבער! דאָס פאָהרען למדינת הים האַלט איך טאַקי פאַר אַן׳עולה, עס איז אַ סימן פון ווייניג בטחון, וואָרען ווער עס האָט בטחון ווייסט, אַז וואו גאָט וויל, דאָ העלפט ער, און עס איז נישט כדאי איינצושטעלען דעם גוף מיט דער נשמה! וואָרען, לויט מענשען דערצעהלען, איז אַמעריקאַ פאַר דער נשמה אַ סך מסוכנ׳ער, ווי דער ים צום גוף. דאָס יודישקייט, זאָגט מען, גיט מען באַלד אָב אויף דער שיף, ווי דער ים גיט זיך נאָר אַ שאָקעל! באַלד עסט מען פת עכו״ם, מען קליידט זיך דייטש, וויבער טראָגען שייטלען! און יש אומרים — אַפילו אייגענע האָר. און, אַ והא ראיה, — מען זאָגט, אַז אין גאַנץ אַמעריקאַ איז קיין איינציגער גוטער יוד נישט דאָ. און איך ווייס טאַקי נישט, ווי אַזוי מען

לעבט דאָך, ווי אַזוי מען גיט זיך אַנ'עצה ביי פרנסה זאַכען, אָדער אַז מען ווערט, חס ושלום, קראַנק, צי וואָס אַ מענש קען זיך טרעפען! איך זאָג דיר, אַז ווער עס פאָהרט אין אַ טומאה אַריין איז טאַקי מתחייב בנפשו, גערט ער טאַקי ווי אַ נאַרישׁ פויגעלע אַליין אין דער נעץ אַריין! און בפרט אַ יוד אַ למדן. וואָרען, וואָס גרעסער דער מענש איז. איז גרעסער די סכנה, מעהר לאָקערט אויפ'ן, רחמנא ליצלן, די קליפה, און וויל איהם גובר זיין, צי מיט עשירות, צי מיט נשים יפות; די קליפה האָט שוין איהרע כלים צו דער אַרבייט..

דעריבער איז מיין עצה פאַר דיר, אַז כל זמן דו ווייסט נישט, וואָס דאָרטען טהוט זיך, פערגעס אָן דער זאַך! האָסט דו פרנסה פון די ציבעלעס, איז מה טוב; חס ושלום, — נישט, האָב איך פאַר דיר אַנ'אַנדערע עצה. אם ירצה השם, אַז דו וועסט קומען אויף דער חתונה, וועל איך שוין זעהן שלום צו מאַכען צווישען דיר און אשתי חוה'לע תחיה. פאָרט איין פלייש און בלוט. און בטבע, זיי ווייסען, איז זוגתי חוה גיטל זעהר אַ גוטע; זי וועט דיר בודאי מוחל זיין, און, אַז עס וועט זיין שלום ושלוה, און זי וועט פאָהרען באַלד, אם ירצה השם, נאָך דער חתונה, קיין וואַרשוי, — וועסט דו בלייבען בעל-הבית'טע. און אַז זי וועט, אם ירצה השם, בשלום און געזונד צוריק קומען, וועט זיך אויך נאָך געפינען פאַר דיר אַנ'אָרט ביים טיש, ווי אויך אין שטוב — אַ בעט צו שטעלען. עס זענען שלעכטע צייטען, נאָר אַ שוועסטער איז אַ שוועסטער, שניידט מען דינערע שטיקלעך הערינג.

נאָר אָהן דעם אַלעם האָבען מיר דאָך אַ גרויסען גאָט, ברוך הוא! ער זאָל נישט קענען שפייזען איין בשר ודם — אַ יודענע!

נאַרישקייטען!

און אויף דער חתונה זאָלסט דו, למען השם, קומען פריה, זאָלסט קענען חוה גיטלען אַביסעל צוהעלפען. אויף דעם איז מען אויך אַ שוועגערין! דו דאַרפסט זעהן, מען זאָל נישט מוזען, אין היינטיגע שלעכטע צייטען, צונעהמען נאָך אַ סאַרווער צי אַ קעכין... נאָר למען השם, פון דעם, וואָס איך שרייב דיר דאָ, דער עיקר וועגען איבערבלייבען ביי אונז אויף שפעטער, זאָל בלייבען ביי דיר בסוד, חוה גיטל זאָל נישט וויסען, אַז איך האָב אַזוינס געשריבען. דאָס דאַרף זיך אַליין מאַכען, פון זיך אַליין... דו ווייסט, אַז חוה גיטל האָט פיינד, מען זאָל איהר אין שטוב־זאַכען עצות געבען... און בטוח בין איך, אַז עס וועט זיך מאַכען. אַ

יודענע בלייבט אַ יודענע, חאָטש זי מיינט, אַז זי געהט אין ספּאָדיק! דעריבער טאַקי שרייב איך דעם בריעף, ווען זוגתי חיה גיטל איז נישט דאָ אין דער היים; זי איז אַרויסגעגאַנגען אָבשטעלען מיט'ן בדחן, מיט כלי־זמר. איך וויל איהר אַפילו נישט זאָגען, אַז איך האָב דיר געשיקט אַ חתונה־בריוועל; לאָז זי מיינען, אַז דו ביזט אַזוי גוט און פרום געוועזען, אַז דו ביסט אַליין געקומען!

און השם יתברך זאָל טרייסטען דיך מיט אַלע אבלי־ישראל, און לאָז אויסשפּרייטען די פליגעל פון רחמנות אויף אַלע עגונות, אָמן! כן יהי רצון!

אחותי חנה! ווי דו וועסט דיך מישב זיין, בלייבען דאָרט אָדער קומען צו אונז אויף שטענדיג, — למען השם, אויף דער חתונה זאָלסט דו קומען! דורכאויס קומען! און דו וועסט קיין חרטה, חס ושלום, נישט האָבען! עס וועט זיין, אם ירצה השם, אַ שעהנע חתונה. עס קען נאָך מעגליך זיין, אַז ער אַליין, זאָל מאריך ימים ושנים זיין, וועט קומען אויף דער חתונה. עס וועט מיך קאָסטען אַ מטמון, נאָר עס איז כדאי! פערשטעהסט דו, אַז אויף אַזאַ חתונה איז כדאי צו קומען!

פון מיר, אחיך,

מנחם מענדיל.

זוגתי חיה גיטל, איז בזו הרגע געקומען פון מאַרק, און זעה אַ סימן, אַז עס איז שוין אַזוי מן השמים בעשערט, — זי אַליין האָט מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף מיך פאַר איהר מיט'ן בריעף נישט צו בעהאַלטען, אַז זי האָט אויף דיר קיין פעראיבעל נישט. איהר עצה איז, זאָלסט פער־קויפען די ציבעלעס, מאַכען זיך אַ מלבוש, און קומען לייטען גלייך, ווי אַ טהייערע מחותנת'טע, אויף דער חתונה.

קיין מתנה, זאָגט זי אויך, דאַרף מען נישט. און האַנדלען מיט ציבעלעס קען מען, זאָגט זי, ביי אונז אויך.

איך זאָג דיר, אַז זוגתי חיה גיטל, איז אַ גוטע און אַ חכמה. און אַז דו וועסט נאָר נישט זיין איינגעשפּאַרט, וועט זיך אַלץ ענדיגען בכי טוב; וועסט, מיט גאָטס הילף, זעהן!

אחיך הנ"ל.

י. ל. פרץ.

א נישט געענדיגטער בריעף פון חנה'ן צום מאַן.

מזל טוב דיר, מיין טהייערער כשר'ער מאַן, מזל טוב דיר!

נאַ דיר, הער פון אונז ישועות ונחמות! גאָט זאָל געבען, איך זאָל פון דיר אויך הערען אַזוינע גוטע בשורות, אַזוינע ישועות ונחמות; אָמן, כן יהי רצון! מיר זענען דאָך, ווי דו האָסט געשריבען, אַ זווג אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט!

ערשטענס קום איך דיר, מיין טהייערער מאַן, צו מעלדען, אַז דער ברודער מיינער מנחם מעגדיל שיחיה ואשתו חוה גיטל שתחיה, זאָלען ביידע דערלעבען משיח'ס צייטען, האָבען מיר אַלצדינג מוחל געווען, און האָבען מיך אַראָבגעברענגט, אין אַ מזל'דיגע שעה, צו זייער טאָכטער אויף דער חתונה — אויף סאָשע ביילאָ'ס חתונה.

אַ חתונה איז געווען גאָר אַ שעהנע, שעהנער קען שוין נישט זיין! געלויבט איז השם יתברך, וואָס איך האָב זוכה געוועזען און דערלעבט צו זעהן אַזאַ חתונה! עס איז געווען מכל המינים פליישען, עוף און רינדפלייש; הייַנט — פישען, אַזוינע פיש און געפּילטע פיש, און נאָך אַלערליי מאכלים; אַ חוץ ווין, בראָנפען, הכל כאשר לכל...

און אַלץ איז געווען אַזוי געראָטען, אַזוי פיין! און איך אַליין האָב דאָס פלייש געקאָכט, די פיש געפילט, דעם צימעס געמאַכט, צום טיש געגרייט. און פריהער נאָך אַלץ אַליין איינגעקויפט!

איך בין, ברוך השם, די גאַנצע בעל הבית'טע געוועזען! די פאַרזערקע אויך; וואָרען, געקומען בין איך נישט צוליעב דעם נחת אַליין.

איך האָב מיין ביסעל ציבעלעס פערקויפט, געמאַכט מיר אַ שטיקעל מלבוש און געקומען, אויף מיינע קרובים'ס פערלאַנג, גאַנצע אַכט טאָג פאַר דער חתונה; וואָרען עס האָט נישט געהאַט ווער צו טהון, מחמת די כלה אַליין איז פערטהון געוועזען אין די מלבושים, זי האָט פערברענגט ביז צום חופּה-טאָג ביים שניידער, ביים שוסטער, אַפילו ביים גאָלדשמיד!...

און חוה גיטל, נעביך, די שוועגערין מיינע, — הוסט! און די מילץ, זאָגט מען, איז ביי איהר נישט ווי עס דאַרף צו זיין!

בין איך טאַקי געווען די גאַנצע מחותנת'טע, פאַר דער חתונה, און נאָך דער חתונה, נאָר נישט אויף דער חתונה. בשעת החתונה בין איך געווען זעהר מיעד און פערמאַטערט. בין איך מיר געזעסען אין

אַ ווינקעלע און געוויינט פאַר גרויס נחת, וואָס איך האָב זוכה געווען, חתונה צו מאַכען מיין ברודערס טאָכטער; אויך — וואָס זי האָט געהאַט אַזאַ לייטישע חתונה.

און אַפילו נאָך דער חתונה! האָבען זיי מיך אויך, חס ושלום, נישט באַלד אַרויסגעטריבען.

תיכף נאָך דער חתונה, איז די שוועגערין, זאָל געזונד און שטאַרק זיין, געפאָהרען קיין לובלין צו אַ דאָקטאָר, זיך אַנ'עצה צו האַלטען, צו וועלכען דאָקטאָר זי זאָל פאָהרען קיין וואַרשוי.

דערנאָך איז זי געפאָהרען קיין וואַרשוי, און איז אויסגעווען ביי אַלע גרויסע דאָקטוירים; פון דאָרט איז זי געפאָהרען ערגיץ אַנדערש, וואַסער טרינקען, — מינעראַל־וואַסער הייסט עס, — און איבער דער גאַנצער צייט, לערך זעכס חדשים, בין איך געווען די גאַנצע בעל הבית'טע אין שטוב. השם יתברך, זאָל עס זיי געדענקען און זאָל זיי דערפאַר בעלוינען!

קיין קעכין איז נישט געוועזען, האָב איך געקאָכט... און דערפון האָב איך פיעל נחת געשעפּט, ווי פון אַ ברונען!

ערשטענס, האָב איך קיין צייט נישט געהאַט צו קלערען און צו טראַכטען, און בין, חס ושלום! נישט משוגע געוואָרען אַפילו נישט אַריינגעפאַלען אין אַ מרה שחורה! און קיין צייט האָט נישט געקאָנט זיין, וואָרען די שפע, איז ביי מיין ברודער, ברוך השם, גרויס.

די שענק איז ברוך השם. פול; מען לעזט שטיקער גאָלד, הן פון יודען און הן פון גוים, להבדיל!

און מיין שוועגערינס, חוה גיטל תחיה'ס, געפּילטע פיש האָבען, ברוך השם, אַ נאָמען אויף דער וועלט, און אַנ'עולם זיצט, ברוך השם! עסט און טרינקט.

האָט זיך אַ מאָל פּאַסירט, אַז איך האָב פאַרט אָנגעהויבען עפּיס איבערצוקלערען, און האָב מיך גענואלט פערטראַכטען; איז אויף דעם געוועזען אונזער ביילאַ סאָשע, זאָל לעבען, זי האָט מיך באַלד דערמאַהנט! און אַנ'אויג האָט זי, קיין עין־הרע, אַ גוטס, באַלד דער־זעהט זי!

און אַזוי איז אַלץ געגאַנגען בדרך הישר...

פאַר גרויס נחת, וואָס איך בין דאָ די גאַנצע בעל הבית'טע, האָב

איך איינמאָל אַרויסגעוואָרפען אַ טראָפּען בלוט פון האַלז, איין טראָפּען ניִשט מעהר.

דאָס האָט ווייטער דערזעהן מנחם מענדיל, זאָל געזונד זיין, האָט ער מיר אָנגעזאָגט זהיר והזהר, איך זאָל מיך ניִשט מאַכען ווייסענדיג! וואָרען, ווערט מען, ח"ו, געוואָהר, וועט מען, חלילה, ווייכען זיין שטוב. יוסיל גאַסט־הייזער פון געגענאיבער וועט באַלד זאָגען שווינדזוכט און פּטור! אונזער זייט גאָס, וועט מיט גראָז פערוואַקסען ווערען!

ביילאַ סאָשע אָבער איז קליגער פאַר איהם. זי האָט באַלד פערשטאַנען, אַז עס איז ניִשט קיין שווינדזוכט. נאָר, אַז איך האָב געמוסט חאַפּען אַ שטיקעל פיש און איינשלינגען, און צוראַצט זיך דעם האַלז מיט אַ ביינדעל. און, כדי איך זאָל, חס ושלום, ניִשט דערשטיקט ווערען, האָט זי מיר דערלאַנגט אין די פּלייצעס: דאָס ביינדעל זאָל אַריין אָדער אַרויס און ניִשט בלייבען, חס ושלום, שטעקען אין האַלז. פאַר גרויס ליעבשאַפט, האָט זי מיר צו אַ שטאַרקען קלאַפּ געטהון, דאָס ביינדעל פון פיש איז אַ ודאי אַראָב, נאָר דערביי האָבען מיינע ביינער אַ ביסעל געליטען...

דאָס אַלץ איז איבערגעגאַנגען בשלום, און, חוה גיטל, זאָל געזונד זיין, איז צוריק געקומען פון וואַסער טרינקען.

געקומען איז זי, געלויבט השם יתברך, פריש און געזונד, אַ מחיה געוועזען צו קוקען! געלויכטען ווי די זון! היינט האָט זי אָנגעברענגט מתנות, — נאָר פיינע זאַכען; פאַר זיך, פאַר'ן מאַן, פאַר דער טאָכטער מיט'ן איידעם... טהייערע מתנות, נאָר מיר האָט זי קיין מתנה ניִשט געברענגט; איך בין, זאָגט זי, חס ושלום, קיין דיענסט ניִשט, מען זאָל מיר שענקען מתנות, מען צאָהלט מיר דען שכירות? איך בין דאָך געוועזען בעל הבית'טע!

חוה גיטל אַליין האָט כמה פעמים געזאָגט, אַז איך בין געוועזען די גאַנצע בעל הבית'טע, און האָב געטהון, וואָס מיין האַרץ האָט געגלוסט!

און קוים איז חוה גיטל געקומען, איז זי געוואָהר געוואָרען, אַז מנחם מענדיל איז איבער דער גאַנצער צייט, ניִשט געוועזען ביי'ם רבי'ן, האָט זי פערבראָכען די הענד, אַז די ביינער פון די פינגער האָבען געקנאַקט, און האָט מיך באַלד אַרויסגעשיקט אין מאַרק אַריין דינגען אַ פוהר.

נאָך דעם זעלבען טאָג איז מנחם מענדיל, זאָל געזונד זיין, טוועק־געפאָהרען אין א מזל'דיגער שעה צום צדיק.

און אויף מאָרגען האָט מיר חוה גיטל אַנ'עצה טובה געגעבען, איך זאָל צוזאַמען נעהמען מיינע זאַכען און געהן צו אַל'די גוטע יאָהר... וואָרען, ווי באַלד זי אַליין איז דאָ, און ביילאָ סאָשע העלפט איהר צו, בין איך דאָס פינפטע ראָד ביי'ם וואָגען, און וועל נאָך, חלילה, משוגע ווערען פון לעדיג געהן. זי האָט מיר געראָטען, ענטוועדער איך זאָל פאָהרען צוריק, פון וואַנען איך בין געקומען, אָדער דאָ בלייבען און טהון, וואָס מיין האַרץ וועט גלוסטען. זי זאָגט מיר, חלילה, קיין דעה נישט.

נאָך די זעלבע נאַכט, האָב איך שוין אין איהר שטוב נישט גענעכטיגט.

אַ שענע נאַכט איז געוועזן, האָב איך זיך דורכשפּאַציערט אין אלע גאַסען מיט'ן פּעקיל אונטערן אָרעם.

זעהסט דו דאָך, מיין טהייערער, כשר'ער מאַן, אַז מיר איז, ברוך השם גאַנץ גוט, אַז דו דאַרפסט מיר מעהר קיין געלד נישט שיקען, ווי דו פלעגסט אַמאָל שיקען. גיב בעסער דאָס געלד לייב חזן, ער זאָל דיר קויפען ש"ס, אָדער גנענדיל־סאָפיען, זי זאָל דיר לאָזען מאַכען העמדער, און זעה, למען השם, זי זאָל דיר אַליין די העמדער אָנמעסטען, און זעהן ווי זיי ליגען, די העמדער, — עס איז דאָך אַמעריקאַ.

זעהסט דו, מיין ליעבער. טהייערער מאַן, אַז איך בין שוין מעהר קיינעם נישט חושד אומזיסט. איך זאָג שוין נישט, אַז גנענדיל, לייב־חזנ'ס טאָכטער, האָט ביי מיר צוגע'גנב'עט אַ לעפעל, אָדער דעם מאַן, חס ושלום! און אויב איך האָב נישט, נישט דעם לעפעל, נישט קיין מאַן, ווייס איך, אַז זי איז בודאי גאָר נישט שולדיג. איך גלויב באמונה שלמה, אַז השם יתברך האָט דיך און מיך געוואָלט מזכה זיין, האָט ער דיר צוגעשיקט אויף דער שיף לייב חזן מיט דער טאָכטער, זיי זאָלען דיך פערזאָרגען; כהויה — אַלץ ווי דו האָסט מיר געשריבען. נאָר איין זאַך וועט נישט זיין ווי דו האָסט געזאָגט! זאָלסט אפילו אוים דער הויט שפּרינגען, וועסט דו נישט שיקען קיין שליח מיוחד נאָכ'ן קינד, זאָלסט עס צונעהמען פון מיר צו דיר קיין אַמעריקאַ. וואָרען דאָס קינד אונזערס איז, אין דיין זכות און זכות פון דיינע אָבות — לאַנג שוין נישט דאָ; מען האָט עס בעהאַלטען ערגיץ אויפ'ן בית־עולם, אין אַ קליין שטיבעלע אָהן אַ טהירל,

אָהן אַ פֿענסטער׳ל, — שרײַ חירוקים, וועסט דו ניִשט וויסען, וואו זײַנע בײנדעלעך ליעגען! קײן שום מצבה, קײן שום סימן, גאָר ניִשט! זוך דעם ווינד אויפ׳ן פעלד!

די אַספּרה האָט עס צוגענומען אונטער איהרע פֿליגעל...

און ווײַל דו ביזט דער גרויסער בעל־זכרון און געדענקסט אַלץ, וואָס איך האָב גערעדט, און אַלץ וואָס איך האָב געטהון, וועל איך דיר דערצעהלען אַ מעשה, אפשר וועסט דו זי אויך געדענקען! עס איז אַ מעשה מיט אַ שאַל, וואָס איך האָב ניִשט געוואוסט, וואָס מיט איהם צו טהון: צי זאָל איך איהם חאַפּען אויף מיר און אַרויסלויפען זוכען אַ דאָקטאָר צום קינד, אָדער איך זאָל פֿערשטאָפּען מיט דעם שאַל די צובראָכענע שויב, דער שנײ זאָל ניִשט אַרײַן צום קראַנקען קינד און שטוב אַרײַן, אָדער איך זאָל צודעקען מיט דעם שאַל דאָס הײזעריגע קינד, וואָס עס שטיקט זיך, נעבּיך, — און די קעלט איז גאָר גרויס, גאָר גרויס! אַ סך מאָל בין איך אַהין און צוריק געלאָפען: פון קינד צום פענסטער, צו דער טהיר, און צוריק פון טהיר צום פענסטער, צו דער וויעג... אַבי געלאָפען! דו ועסט שוין, מײַן געטרײַער מאַן, מײַן איך, די מינוט ניִשט פארגעסען, וואָרען, ווי דו מײַן טהײַערער מאַן זאָגסט, בין איך צוגעבונדען צו דיר, דו צו מיר און בײדע צום קינד, און צונד, אַז דאָס קינד איז ניִשט דאָ, קאָנען מיר בײדע שוין אויך נעלם ווערען. — נאָר, וואָס וועט גנענדיל זאָגען? דעם אמת זאָגענדיג, איז בײַ מיר געבליבען, איך זאָל זיך לאָזען וואַקסען לאַנגע האָר און אָנטהון זיך ווי מען טראָגט זיך אין אַמעריקאַ. אויך, ווײסט דו דאָך, אַז איך האָב אַ זיס קול, אַז איך פלעג נאָכזינגען אַלע תפלות, און אַצונד, אַז איך בין געווען בײַ׳ן ברודער מנחם מענדיל, זאָל געזונד זײַן אין גאַסט־הויז האָב איך נאָך געהערט פון שכור׳ע פויערים אַלערלײ שעהנע ליעדער, — האָב איך מיך דאָס אויך אויסגעלערנט, און איך זינג אודאי אַזוי גוט ווי גנענדיל, און אפשר בעסער פאַר איהר, און קען מעהר ליעדלעך פאַר איהר. און נעכטען בײַ נאַכט, אַז איך האָב געענעכטיגט אונטערן בלויען הימעל, איז נאָך צו מיר געקומען די מלכה שבא און האָט מיך אויסגעלערנט טאַנצען — און אַ גאַנצע נאַכט האָב איך אַרומגעטאַנצט מיט דער מלכה שבא קעגען דער לבנה.

און דו, מײַן ליבער שמואל משה, האָסט גאָר אַ מקח טעות געהאַט! וואָרען איך בין בעסער פֿאַר גנענדיל׳ן. וואָרען, איך געדענק גאַנץ גוט, אַז זי האָט געהאַט צווײ פּעפּערלעך, אײנעם אויפ׳ן לינקען אויער און אַ

צוויִיטען אויף דער רעכטער באַק, און — אַ נעזעל אַ ביִסעל אַ פּערדרעהטס. און איך, ווייסט דו דאָך, האָב אַ ריין לייב, אָהן אַ שום פּעפּער׳ל, חס ושלום. — דו האָסט געמיינט, אַז נאָר גנענדיל קען זינגען, און יעדען פרייטאג צו נאַכט׳ס טאַנצען, אַז זי אַליין קען זיך לאָזען וואקסען צעפּ, אַנדערע קענען גאָר נישט די תּורה! נאָר איך בין, חס ושלום, אויף דיר נישט אין כעס; האַלט דיך אָן איהר! מיר איז געגונג, אַז איך האָב דעם קינד׳ס קבר׳ל, איך געה אַהין, איך וועל מיר דאָרט אויסבויען אַ קליין שטיבעלע און זיצען דאָרט ביז האַלבער נאַכט, ביז דער האָהן וועט קרייען. דעם קינד וועל איך דערצעהלען זיס און שטיל פון זיין טאַטען שמואל משה׳ן, וועט ער שטאַרק הנאה האָבען! און, אַז דו וועסט אַליין קומען, אָדער שיקען אַ שליח מיוחד, נאָכ׳ן קינד, וועל איך אייך מיט די נעגעל די אויגען אויסקראַטצען, וואָרען דאָס קינד איז מיינס, נישט גנענדיל׳ס — ימח שמה וזכרה, זאָל זי ווערען מיט דיר אין איינעם — — —

דער בריעף איז קענטיג נישט קיין געענדיגטער; מען האָט איהם געפונען צוזאַמען מיט די אַנדערע בריעף אין קעשענע ביי דער משוגע׳נער חנה.

II-טער טהייל

I.

וואס הייסט „נשמה".

(א יוגענד־געשיכטע).

1.

איך געדענק ווי אין א חלום, אז עס האט זיך ביי אונז אין שטוב ארומגעדרעהט א קליין דאר יודעל מיט א שפיציג בערדעל, וואס פלעגט מיך אלע מאל ארומנעהמען און קושען.

דערנאך, געדענק איך, איז דאס אייגענע יודעל קראנק געלעגען אין בעט, ער האט זעהר געקרעכצט און די מאמע איז געשטאנען און געהאקט זיך אין קאפ אריין.

אמאל האב איך מיך אויף ביי נאכט און דערזעה א פולע שטוב מיט יודען; פון דרויסען הער איך א יעמערליך געוויין... איך האב מיך שטארק דערשראקען און אנגעהויבען שרייען.

עס איז צוגעקומען צו מיר איינער פון די יודען, ער האט מיך אנגע־טהון און אוועק־געפיהרט צו'ן א שכן שלאפען.

דעם אנדערן טאג האב איך די שטוב נישט דערקענט: אויף דער ערד איז געלעגען אנגעשיט שטרוי, דער שפיגעל אויף דער וואנד — איבערגעדרעהט, דער הענגעלייכטער פערהאנגען מיט א טישטוך, און די מאמע איז געזעסען אין די זאקען אויף אקליין בענקעלע אויף דער ערד...

אז זי האט מיך דערזעהן, האט זי ארויסגעלאזט א שרעקליך געוויין, און האט אנגעהויבען שרייען: „דער יתום, דער יתום!"...

אויפ'ן פענסטער, האט זיך געברענט א קאנעניק. דערנעבען איז גע־שטאנען א גלאז וואסער און געהאנגען א שמאטע...

מען האט מיר געזאגט, אז מיין טאטע איז געשטארבען; אז זיין נשמה וואשט זיך אינ'ם גלאז וואסער און ווישט זיך אב מיט דער ליי־וואנד... אז אויב איך וועל זאגען ערנסט קדיש, וועט זי פליהען גלייך אין הימעל אריין.

און מיר האט זיך פארגעשטעלט, אז די נשמה איז א פויגעלע...

2.

איינמאל האט מיך דער בעהעלפער אבגעפיהרט אהיים, נעבען אונז זענען דורכגעפלויגען גאנץ נידריג, עטליכע פויגעל.

— „נשמה'לעך פליהען, נשמה'לעך פליהען!" האב איך מיר צו־געזונגען.

דער בעהעלפער האט זיך אומגעקוקט.

— געה דו נאר, — מאכט ער צו מיר — דאס זענען פויגעל, פו אָס־טע פויגעל!

דערנאך האב איך געפרעגט די מאמען: ווי אזוי ווייסט מען דעם חלוק פון א נשמה ביז א פראסט פויגעלע?

3.

אז איך בין אלט געווארען פיערצעהן יאהר, האב איך שוין געלערנט גמרא מיט תוספות, מיט מהרש"א, און טאקי ביי „זרח קנייפ".

עד היום ווייס איך נישט, צי האט ער טאקי אזוי געהייסען, צי האבען עם איהם די תלמידים דעם צונאמען געגעבען, ווייל ער פלעגט קנייפען אהן רחמנות.

און ער פלעגט נישט ווארטען ביז מען וועט פערדינען א קניפ; ער פלעגט צאהלען פאראוס, „דערמאהן מיך, זאגט ער, וועל איך דיר אבשלאגען!"

דערצו איז ער געווען מוֹהל, געהאט אַ שפּיציגען פריעה־נאָגעל, און יעדער קניפּ האָט צוגעשלאָגען צום הארץ.

און ער פלעגט זאָגען: „ווײן נישט, ווײן נישט אומזיסט! איך קנײפּ דאָך נאָר דײן גוף! וואס שאַדט דיר! אַז די ווערעם אין קבר וועלען האָבען ווענינער צו עסען?"

און דער גוף, זאָגט זרח קנײפּ, איז טאַקי נאָר עפר ואפר. אַ והא ראיה: רײַב אײן האַנד אין דער אַנדערער וועסט דו זעהן!

און מיר האָבען געפּרובט און טאַקי געזעהן בחוש, אַז דער גוף איז עפר ואפר.

— און וואָס איז די נשמה? האָב איך געפרעגט.

— אַ ר ו ח נ י ו ת! האָט מיר דער רבי געענטפערט.

4.

זרח קנײפּ האָט פײַנד געהאַט שׂנאת מות זײַן ווײַב די רבי'צין; פאַר דאָס איז שפּרינצע, די בת יחידה זײַנע, געווען בײַ איהם אײן אויג אין קאָפּ.

מיר ווײַטער האָבען פײַנד געהאַט שפּרינצען, ווײַל זי פלעגט אונז צוצומסר'ן צום פאָטער, און — ליעב געהאַט די רבי'צין, וואָס פלעגט אונז פערקויפען אויף קרעדיט באָבעס מיט ארבעס און ניט איינמאָל מציל זײַן פון רבי'נס הענד.

דער גרעסטער חשוב בײַ דער רבי'צין בין איך געווען. איך פלעג קריגען דעם גרעסטען צולאָג, און ווען דער רבי האָט זיך גענומען צו מיר, פלעגט זי שרײַען: „רוצח, וואָס ווילסט דו פון יתום? זײַן טאַטענס נשמה וועט זיך אין דיר נוקם זײַן!"

דער רבי האָט מיך אָבגעלאָזט און די רבי'צין האָט געלעזט מײַן חלק.

אײנמאָל, געדענק איך, ווינטער בײַ נאַכט, בין איך אַ הײם געקומען פון חדר אַזוי צוקניפּען און פון פראָסט אַזוי דורכגענומען, אַז די גאַנצע הויט האָט אויף מיר געשטאַרט.

דעמאָלט האָב איך אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און

האָב יעמערליך געוויינט און געבעטען: „טאַטישי! זיי זיך נוקם אין זרח קנייפּ!... רבונו של עולם, וואָס וויל ער פון מיין נשמה האָבען?!"
אַז ער קנייפּט נאָר דעם גוף, האָב איך פערגעסען!
אין אָדם נתפס על צערו!

5.

דאָך אַז זרח קנייפּ האָט אַמאָל אין אַ „יומא דפּגרא" פּערמאַכט די גמרא און גענומען זיך צו דערצעהלען מעשיות, איז ער גאָר געוועזען אַן אַנדער מענש.

ער האָט אַראָבגעלעגט דעם ספּאָדעק, געבליבען זיצען אין די גרויסע פּעדערן (קיין יאַרמילקע האָט מען נישט אַרויסגעזעהן). ער האָט אויפגעקנעפּעלט די סטראָקעס. אויסגעגלייכט דעם שטערן. די ליפּען האָבען איהם געשמייכעלט, און דאָס קול איז אויך גאָר אַנדערש געוואָרען.

געלערנט האָט ער מיט'ן האַרטען, גראָבען, בעזען קול, מיט וועלכען ער פלעגט רעדען צו דער רבי'צין; מעשיות דערצעהלט — מיט דעם איי־גענעם ווייכען, דינעם, גוטען קול, מיט וועלכען ער פלעגט זיך ווענדען צו שפּרינצען, מיט „דער טהיירער נשמה".

און מיר פלעגען זיך ביי איהם שטענדיג בעטען ווי ביי אַ גזלן, ער זאָל אונז דערצעהלען אַ מעשה. מיר האָבען נישט געוואוסט, אַז זרח קנייפּ קען נישט מעהר ווי איין פּרק „איזהו נשך", מיט וועלכען ער הויבט אָן און לאָזט אויס דעם זמן, און מוז שטיקעווען מיט מעשיות, בפרט אַ ווינ־טער זמן, וואָס איז אָהן ימים טובים! מיר נאַראָנים פלעגען פאַר יעדער מעשה צאָהלען מיט באָגעס און מיט אַרבעס, און איינמאָל זיך צונויפגע־לעגט פאַר שפּרינצען אויף אַ רויטען באַרכענען שפּענצער.

פאַר דעם באַרכענען שפּענצער, האָט אונז זרח קנייפּ דערצעהלט, ווי אַזוי דער רבונו של עולם קלויבט אויס פון זיין אוצר אַ נשמה און בלאָזט זי אַריין אין אַ גוף.

און איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַז ביי'ם רבונו של עולם אין אוצר זענען אויסגעלעגט די נשמות, ווי די סחורה ביי מיין מאמע אין גע־

ווײַבער, אין אַלערלײַ שאַכטעל, רויטע, גרינע, ווײַסע, בלאָהע ... און אַרומגעבונדען מיט שטריקלעך.

6.

— און אַז נאָט, דערצעהלט דער רבי, קלויבט אויס אַ נשמה, און איז גוזר אויף איהר, זי זאָל אַראָבגעהן אויף דער זינדיגער וועלט, ציטערט זי און וויינט ...

דערנאָך קומט צו איהר אַ מלאך אין דער מאַמעס בויך אַרײַן, און לערנט מיט איהר אויס כל התורה כולה. נאָר אַז עס קומט די רעכטע צײַט, גיט איהר דער מלאך אַ שנעל אין דער נאָז און זי פערגעסט צוריק דאָס לערנען.

— דעריבער, זאָגט דער רבי, האָבען אַלע יודישע קינדער צושפּאָל־טענע אויבערשטע ליפּען ...

דעם אייגענעם טאָג פאַר נאַכט האָבען מיר זיך געגליטשט אונטער דער שטאָדט און איך האָב דערזעהן, אַז די שקצים: יאַנטעק, וואָיטעק און יאַשעק האָבען צושפּאָלטענע אויבערשטע ליפּען גלייך מיט אונז.

— יאַשעק! האָב איך מיר אײַנגעשטעלט דאָס לעבען און געפרעגט: „טי טאַקזשע מאַיעש דושאַ?"

— אַ טאָביע, פּשאַ דושאַ, צאָ דאָ טעגאָ? האָב איך געהאַט אַ קלאָרע תשובה.

7.

חוץ בײַ אַ מלמד, האָב איך מיך געלערנט בײַ אַ לעהרער שרײַבען.

דעם לעהרער האָט מען געהאַלטען אין שטאָדט פאַר אַ גרויסען אפיקורס און די שכנים האָבען זיך נישט גענוצט מיט זײַנע כלים.

ער איז געווען אַ אַלמן, און מען האָט נישט געגלויבט, אַז גיטעלע, זײַן טאָכטער, אַ מיידעל אין מײַנע יאָהרען, זאָל קענען גוט כשר מאַכען פלייש.

ער איז אָבער געווען אַ גרויסער מושלם, און מײַן מאַמע האָט גע־וואָלט, אַז איהר בן יחיד זאָל קאָנען שרײַבען.

— איך בעט אײַך זעהר, ר׳ לעהרער, האָט זי געזאָגט, איהר זאָלט מיט איהם נישט לערנען קיין שום אַפּיקורסישע זאַכען: קיין תנ״ך, קיין פּסוק, נאָר לערנט איהם אויס שרײַבען אַ יודיש בריוועל, פּשוט אַ „שלום לאהובי" בריוועל.

און פונדעסטוועגען ווייס איך נישט, צי דער לעהרער האָט געהאַל־טען וואָרט.

אַז איך האָב איהם דערצעהלט די שאלה מיט די צושפּאָלטענע ליפּען, איז ער אַרײַנגעפאַלען אין אַ שרעקליכען כעס; ער האָט זיך ראַפּטום אויפגעשטעלט, אַוועקגעקאַפּעט מיט׳ן פוס דאָס בענקעל און אָנגעהויבען אַרומשפּרייזען אין שטוב מיט אַ געשריי: „גראָבע יונגען, רוצחים, פלעדערמײַז!"...

ער האָט זיך פאַמעליך בערוהיגט, צוריק אַנידערגעזעצט, איבערגע־ווישט די פערלאָפענע ברילען און מיך צוגעצויגען צו זיך:

— גלויב נישט, מײַן קינד, האָט ער מיר געזאָגט, אין אַזוינע נאַ־רישע זאַכען! דו האָסט דיך גוט צוגעקוקט צו די שקצים אויף דער גליטש? ווי הייסען זיי?

איך האָב איהם געזאָגט די נעמען.

— נו, פרעגט ער מיך, צי האָט איינער פון זיי אַנדערע מאָדע אויגען? אַנדערע הענד און פיס, אָדער אַנדערע אֵברים ווי דו? צי לאַכען זיי ניט מיט דיר גלייך? און אַז זיי וויינען, גיסען זיך ביי זיי אַנדערע מאָדע טרעהרען ווי ביי דיר? פאַר וואָס זאָלען זיי נישט האָבען קיין נשמה גלייך מיט דיר? אַלע מענשען זענען גלייך. גלייכע קינדער, איין גאָט איז זייער טאַטע, איין ערד איז זייער לאַנד! אמת, אַז היינט האָבען זיך די פעלקער איינס דאָס אַנדערע פיינד, יעדעס פאָלק רעדט זיך איין, אַז ער איז די קרוין פון אַלע פעלקער, אַז נאָר איהם האָט גאָט אין זינען; נאָר מיר האָפען, אַז עס וועט קומען אַ בעסערע צייט, אַ בעסערע, ליכטיגערע צייט, ווען אַלע מענשען וועלען דערקענען איין גאָט, איין געזעטץ, ווען עס וועט מקוים ווערען אונזערע הייליגע נביאים׳ס ווערטער, אַז עס וועלען אויפ־הערען אַלע מלחמות, פערשוואונדען ווערען קנאה־שנאה, אַלע וועלען דינ־נען איין בורא עולם, און עס וועט זיין ווי דער פּסוק זאָגט: כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים!..

דעם פסוק האָב איך געדענקט פון׳ם „ויהי בנסוע” אין דאַווגען.

דער לעהרער האָט נאָך לאַנג גערעדט, נאָר איך האָב שוין װעניג וואָס פערשטאַנען; איך האָב נישט געקענט גלויבען, אַז אַ „גוי האָט אויך שכל”, אַז אַלע מענשען זענען גלייך! איך האָב געוואוסט, אַז דער לעהרער איז אַן׳אַפּיקורס; ער גלויבט נישט אפילו אין גלגול, האָטש איך האָב אַליין געזעהן, נאָך פראַדעל מופקרת׳ס טוידט, ווי עס האָט זיך אַרומגעדרעהט אַ שוואַרצער הונד אויפ׳ן דאַך פון הויז, וואו זי האָט געוואוינט.

אויך האָט ער זיך געשניטען די נעגעל נישט איבערגעהיפּערט, קיינמאָל נישט צוגעשניטען קיין עדות און אַזוי אַרויסגעוואָרפען דורכ׳ן פענסטער!

איך וואָלט שוין לאַנג אַנטלאָפען פון איהם, איך וואָלט אויסגעזאָגט דער מאַמען, אַז ער רעדט „על השם ועל משיחו” ווען נישט...

איהר טרעפט שוין אַ ודאי וואָס און וועמען איך מיין...

8.

נאָר דאָס איז מיר אין קאָפּ אַריין, אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען די אומות העולם וועלען קומען צו אונז לערנען תורה, און דאָס האָט בעדאַרפט צו זיין היינט-מאָרגען.

ביי אונז איז דעמאָלט געוועזען שוין אמת׳ע משיח׳ס צייטען: מען האָט געפונען דאַרויף אַ שטאַרקען רמז אין דניאל און אַ זיכערן לפ״ק; מען האָט געוויזען עפּיס אַ זוהר מיט אַ מדרש הנעלם, מען האָט אויך פון אויער צו אויער דערצעהלט, אַז דער קאָזעניצער האָט אויפגעהערט צו זאָגען תחנון. אויך איז געוועזען אַ קלאָרע ידיעה פון ארץ ישראל, אַז דאָס יאָהר האָט זיך ניט געוויזען קיין פוקס נעבען כותל מערבי.

און מען האָט זיך טאַקי געריכט אַלע טאָג אויף משיח בן יוסף׳ן. קהל האָט זיך געלאָזט קאָסטען און אַיינגעהאַלטען די פּאָדאַטקעס; אַז משיח וועט קומען, ווער וועט געדענקען אַזאַ קלייניגקייט צוריק צו מאָהנען!

דעם ערגסטען סוף האָבען געהאַט די ווייבער. נאָך פאַר אַ יאָהרען זענען אַיינגעפאַלען די טרעפּ פון מקוה. אַ צעהן מאָהל האָט מען ניט געלאָזט „אויסנעמען”. איידער מען האָט צוזאַמען גענומען געלד אויף נייע גע-

הילץ. נו, עס ליגט שוין, בה"ש, גרייט, עס איז אָבער פּאָרט אַ שאָד צו דינגען אַ בעל מלאכה, אַנ' עבירה די פּאָר קערבלעך!

און איך בין זיכער געװעזען, אַז אין אַ קורצער צייט װעט דער אײגענער יאַשעק, װאָס איז מיר נעכטען אונטערגעלאָפען אויף דער גליטש, בשעת איך האָב געמאַכט „אַ שוסטער", װאָס דורך איהם האָב איך שיער נישט האַלז און לייב צובראָכען; דער אייגענער װאָיטעק, װאָס װייזט מיר אַלע מאָל אַ חזיר=אויער, און דער אייגענער יאַנטעק, װאָס צעהלט אונז: ראַז, דװאַ, טשי — אַז אַלע דריי װעלען קומען צו מיר בקידה והשתחויה פרעגען אַ דין, למשל: פון מוקצה!

און איך רחמן בן רחמנים, װעל זיי נישט געדענקען זייער שלעכטס, װאָס זיי האָבען מיר געטהון; איך װעל זיי זאָגען. איך װעל זיי מקרב זיין און אויסזאָגען דעם סוד פון דער אייזערנער מיט דער פּאַפּיערענער בריק; אָנזאָגען זיי הזהר והזהר, אַז זיי זאָלען זיך נישט דערװעגען צוצוגעהן צו דער אייזערנער בריק. אַמבעסטען, האָב איך מיך געטראַכט, װאָלט געװען, זיי זאָלען זיך גאָר האַלטען פון דערװייטענס, אַבי זיי זאָלען ראַטעװען זייערע נשמות...

9.

ערב ראש השנה האָב איך געענדיגט „איזהו נשך" און האָב געפיהלט דעם טעם פון יציאת מצרים.

ר' יוזל, מיין נייער רבי, האָט מען מיר געזאָגט, קנייפּט נישט. אפילו שלאָגען, שלאָגט ער ניט אומזיסט. רבי יוזלען האָב איך אַלע מאָל געזעהן ביי'ם דאַװנען. ער איז געװעזען אַ הויכער יוד מיט גרויסע ברעמען, אַז מען האָט ביי איהם קיין אויג נישט אַרויסגעזעהן. ער פלעגט טראָגען אָפּען דעם קאַפּטען און פון אונטער דער לאַנגער צװיי=שפּיציגער װייסער באָרד, האָט פון ביידע זייטען אַרויסגעשטאַרט דער טלית קטן. געגאַנגען איז ער שטיל און שטיל האָט ער גערעדט, גלייך אַלץ װאָלט געװען אַ סוד. דערביי האָט ער גאַנץ לאַנגזאַם אַרויף און אַראָב געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אויפגעהויבען די ברעמען, צוזאַמענגעצויגען דעם שטערן, אַרויסגעשטעקט ביידע ליפּען מיט די װאָנסען און אַריינגעשטעקט ביידע

הענד אין גאַרטעל אַרײַן; יעדעס וואָרט האָט זיך געדאַכט, איז איינס פון די וויכטיגסטע זאַכען, אז די רעדן שטעהען טאַקי ברומו של עולם.

ר׳ יוזל איז אַ מאָל געװעזען אַ „משולח״ בײַ איינעם פון די גרויסע גוטע יודען. עד היום האָט ער פון רבי׳ים אין קאָמיסיאָן: פערשפּראָכענען בוימיל, מטבעות, קמעות און שמירה׳לעך; ער איז דער ערשטער אין שטאָדט אָבצושפּרעכען עין הרע׳ס, און אז דער רב איז נישט בקי הבריאה זאָגט ער פאַר איהם, שבת הגדול, ראש השנה, און מאַכט אַ מאָל אַ הספד. דער רב איז געװעזען אַן׳אַלטער שוואַכער יוד און רבי יוזל האָט זיך גערעכט „איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר״ זײַן אָרט צו פערטרעטען.

אַ חוץ דעם איז ר׳ יוזל געװעזען אַ בעריהמטער בעל־תקיעה, און אז ער פלעגט מאַכען די ברכה פאַר תקיעות, האָט טאַקי, ווי זאָגט מען, אַ פיש אין וואַסער געציטערט.

און איך בין געוואָרען מלא גאוה, אז איך וועל זײַן ר׳ יוזל׳ס תלמיד.

נאָך פאַר יום כפור האָב איך געהאַט די געלעגענהײַט צו רעדען מיט ר׳ יוזלען וועגען דער נשמה.

די נשמה איז געוואָרען בײַ מיר אַ מין אידעע פיקס, זי איז מיר נישט אַראָבגעגאַנגען קיין רגע פון די געדאַנקען. דאָס ערשטע האָט מיר ר׳ יוזל אַרויסגעשלאָגען פון קאָפּ דאָס חבר׳קײַט מיט די אומות העולם, און אַרײַנגעשלאָגען אין אַמביציע מיט „אתה בחרתנו״.

„נישט אומזיסט, האָט ער געזאָגט, לײַדען מיר גלות, בזוי בזיונות און אַזױנע מכות, וואָס שטעהען נישט אין דער תוכחה! מיר זאָלען גלײַך זײַן מיט די אומות העולם, וואָלטען מיר געהאַט עולם הזה גלײַך מיט זײַ. „דאָס קינד, וואָס דער טאַטע האָט ליעב — דאָס שמײַסט ער״, עס זאָל וועלען לערנען און אַרײַנקומען אין אַלע שערי בינה״...

— נאָר אפילו בײַ אונז יודען, זאָגט רבי יוזל, זענען נישט אַלע נשמות גלײַך: עס זענען דאָ גראָבע, פּראָסטע נשמות ווי זרח קנײַפּ למשל. דײַן לעהרער, דער אפיקורס, האָט אַ נשמה בבחינת קרח; עס זענען פאַראַנען נשמות גרויסע, גאָר גרויסע: טהײַל קומען אַרויס פון דער „חתירה״ פון אונטערן כסא הכבוד; עס זענען פאַראַנען גאָר, גאָר נשמות עליונות בבחינת קמח סולת.

איך האָב וועניג פערשטאַנען פון די בחינות און בפרט פון דער חתירה פון אונטערן כסא הכבוד; איך האָב נאָר געוואוסט וואָס מען מײַנט

קמח סולת, און האָב מיר פאָרגעשטעלט דעם חלוק פון נשמות, ווי צווישען ראַזאָווע-מעהל, קאָרן-מעהל, ווייצען-מעהל און מעהל וואָס מען נעמט לכבוד שבת אויף חלה. די גרעסטע נשמות מוזען זיין מיט זאפערן און ראָדזינקעס!

10.

— נאָר דער עיקר, זאָגט ר׳ יוזל זענען יסורים.

— קיין איינציגע נשמה ווערט נישט פערלוירען, אַלע מוזען צוריק-קומען צו דער מדרגה, אויף וועלכער זיי זענען געוועזען איידער זיי זענען אראָבגעקומען אויף דער וועלט, און געריינינט ווערען די נשמות נאָר דורך יסורים; דער בורא עולם מיט זיין גרויס רחמנות שיקט אויף אונז יסורים, מיר זאָלען זיך דערמאַהנען, אַז מיר זענען נאָר בשר ודם, אַ חרס הנשבר, אַ גאָר-נישט און אַז ער גיט נאָר אַ קוק אויף אונז, צופאַלען מיר און ווערען בטל כעפרא דארעא... נאָר אויף יענער וועלט רייניגט מען אויך די נשמות.

און ער האָט מיר דערצעהלט, וואָס מען טהוט אַלץ מיט די אָרעמע נשמות אין די שבעה מדורי גיהנם...

11.

צווישען די ימים טובים האָב איך געהאַט מעהר צייט אומצוקוקען זיך אין דער היים. פאַר סוכות איז געוועזען ביי אונז אַ וועש.

איינמאָל ביי נאַכט האָט זיך מיר געחלומ׳ט, אַז איך בין אויף יענער וועלט. איך זעה, ווי מלאכים שטעקען אַרויס די העמד פון הימעל און האַפּען אַרויף נשמה׳לעך, וואָס קומען צוריק פון דער וועלט. די מלאכים קלויבען זיי איבער: נאָר די ריינע, די ווייסע ווי שניי, פּליהען זיי ווי טויבען אַרויס פון די העמד, גלייך אין גן עדן אַריין. די ברודיגע — שיט מען אָן אַ באַרג, און דעם באַרג וואַרפט מען אַריין אין ים הקרח, וואו עס שטעהען שוואַרצע מלאכים, פּערשאַרצטע העמד און וואַשען זיי. נאָך דעם

קאָכט מען זיי ערשט איבער אין גרויסע, שווארצע טעפּ, ביי'ם פייער פונ'ם גיהנום.

און אַז מען דריקט אויס פון זיי דעם ברוד, און אַז מען פּרעסט זיי, הערט מען דאָס געוויין פון די נשמות מסוף העולם עד סופו.

צווישען דער ברודיגער וועש דערקען איך דעם לעהרערס נשמה; זי האָט געהאַט זיין לאַנגע נאָז, זיינע איינגעפאַלענע באַקען, זיין שפּיציג בערדעל און האָט געטראָגען זיינע גרויסע בלויע ברילען. מען האָט זי גע־וואַשען, און זי איז וואָס אַ מאָל שווארצער געוואָרען...

און אַ מלאך האָט אויסגערופען: „דאָס איז דעם לעהרערס, דעם אפּיקורס'ס נשמה!"... דערנאָך האָט דער איינגער מלאך צו מיר גע־זאָגט מיט כעס: אַז דו וועסט געהן אין זיינע דרכים, וועט דיין נשמה אויך זיין אַזוי ברודיג און מען וועט זי אַלע נאַכט אַזוי וואַשען, ביז זי וועט פערפאַלען ווערען אויף כּף־הקלע.

— איך וועל נישט געהן אין זיינע דרכים! האָב איך אַרויסגעשריען פון שלאָף.

די מאַמע האָט מיך אויפגעוועקט, אַראָבגענומען מיר די האַנד פון האַרץ.

— וואָס איז מיט דיר, תכשיט מיינער? האָט זי געפרעגט דער־שראָקען. דו שווימסט דאָך אַרום אין שווייס!

— פאו, פאו, פאו! האָט זי מיך אָבגעבלאָזען.

— מאַמע, איך בין געוועזען אויף יענער וועלט!...

אין דער פריה האָט מיך די מאַמע גאַנץ ערנסט געפרעגט, אויב איך האָב נישט דאָרט דעם טאַטען געזעהן? איך האָב געזאָגט: ניין!

— אַ שאַד, אַ שאַד! האָט זי בעדויערט, ער וואָלט דיר אַ ודאי עפּיס אָנגעזאָגט פון מיינעטוועגען.

12.

וואָס קומט אַרויס, אַז דער לעהרער מאַכט חוזק אפילו אויס חלומות! איהם צוליעב, נאָך מעהר גיטעלען צוליעב, האָב איך איהם געוואָלט ראַטעווען; איך האָב איהם דערצעהלט מיין גאַנצען חלום. ער

האָט אָבער געזאָגט, אַז אַ חלום איז אַ נאַר; ער מאַכט זיך נישט פון אַזוינע זאַכען.

ער וויל מיר ברענגען ראיות פון תנ"ך און פון דער גמרא, אַז חלומות זענען פלעווערס, שישקעס און וואַנצען; איך פערשטעק מיר אָבער די אויערן מיט די קליינע פינגער און וויל נישט הערען.

איך האָב געזעהן בעשיינפערליך, אַז ער איז פערפאַלען, אַז זיין גזר דין וועט זיין ביטער, אַז איך דאַרף איהם וויכען ווי אַנ'עפּוש, אַז ער וויל אומברענגען מיין נשמה — מיין יונגע נשמה!

וואָס קומט אָבער אַרוים? הונדערט מאָל האָב איך מיר צוגעזאָגט, אַז איך וועל אַלץ דערצעהלען דער מאַמען, און האָב קיין איינציג מאָל נישט געהאַלטען וואָרט.

אַ סך מאָל האָב איך שוין געהאַט אָפען דאָס מויל צו זאָגען — האָט זיך מיר אָבער אַלץ געדאַכט, אַז גיטעלע שטעהט הינטער דער מאַמעס פּלייצעס, פערשפּרייט צו מיר איהרע דראָבנע הענדטלעך, ווינקט צו מיר מיט די גרויסע אויגען: „ניין! בעט זי זיך, ניין! זאָג נישט!"

און דאָס געבעט אין איהרע אויגען איז שטאַרקער פאַר מיין פרומ־קייט. איך פיהל, אַז נישט נאָר אין פייער און וואַסער נאָר אין גיהנום אַריין וואָלט איך מיך פאַר איהר געוואָרפען.

און עס איז מיר דאָך געוועזען אַ גרויסע שאָד: די מאַמע און אַלע מיינע מלמדים האָבען געגלויבט באמונה שלמה, אַז פון מיר וועט אַ מאָל אַרויסוואַקסען עפּים גאָר אַ גרויסע זאַך...

13.

איך בין פטור געוואָרען זרח קנייפ מיט זיין פריעה־נאָגעל, עס איז מיר דאָך נישט בעסער געוואָרען.

איך בין שוין אַלט געוועזען זעכצעהן יאָהר. שדכנים האָבען שוין גע־ריסען ביי דער מאַמען די פּאָלעס און איך האָב נאָך געהאַט אַ קינדישע טבע אַראָבצוחאַפּען וואַכס מוצאי יום כפור פונ'ם שלחן און צו קנעטען אין חדר אונטערן טיש.

דער שמש פּלעגט מיר זיין דערפאַר אַ שונא אויפ'ן לעבען, און איך האָב געהאַט דערפאַר צרות אין חדר.

— וואו האלטסט דו? פרעגט ר׳ יוזל.

איך בין פערטראכט און לעג אויף דער גמרא די גאנצע האנד: אלע פינף פינגער מיט׳ן שטיק וואכס.

ר׳ יוזל איז בלאס געווארען פאר כעס. ער עפענט דאס שופלעדעל, נעמט ארויס א דין שטריקעל און בינדט מיר צוזאמעןביידע גראבע פינגער און אזוי שטייף, אז עס האט מיך אנגעכאפט ביי׳ם הארץ.

נישט דאס נאך האט ער געמיינט.

ער איז צוגעגאנגען צום בעזעם און האט גאנץ לאנגזאם אויסגעקליבען און ארויסגעריסען א ווייך דין ריטעל. מיט דעם ריטעל האט ער מיר געשמיסען איבער די צוזאמענגעבונדענע הענד... ווי לאנג? מיר האט זיך געדאכט, עס דויערט אייביג. און א וואונדערליכע זאך, איך האב די יסורים מקבל געווען באהבה; איך האב אין זין געהאט, אז דאס שיקט דער רבונו של עולם אויף מיר יסורים, איך זאל תשובה טהון און ניט מעהר געהן צום לעהרער.

אז די הענד זענען מיר שוין גוט געשוואלען געווארען און די הויט איז אנגעלאפען מיט אלערליי קאלירען, האט ר׳ יוזל אוועקגעלעגט דאס ריטעל און געזאגט: גענוג! מעהר וועסט דו שוין קיין וואכס ניט קנעטען!

איך האב פון דעסטוועגען ווייטער געקנעטען.

איך האב געהאט דאס גרעסטע פערגניגען דערפון, אז איך האב געמאכט פונ׳ם וואכס וואס איך וויל. איך האב געפיהלט, אז איך האב איבער עפים צו שאפען.

איך פלעג אויסקנעטען א קאפ פון א מענש, דערפון געמאכט א קאטץ אדער א מייזעל, דערנאך האב איך ארויסגעצויגען פון די זייטען פליגעל, געשפאלטען דעם קאפ אויף צווייען און עס איז ארויס א קרוין-אדלער. גאר דערנאך האב איך פון ביידע קעפ און ביידע פליגען געפלאכטען א קוילעטש אין פירען.

איך אליין בין אבער אויך געווען אזא שטיק וואכס... מיך האט געקנעטען ר׳ יוזל, דער לעהרער, די מאמע און ווער עס האט נאר געוואלט. גיטעלע האט מיך צוגאסען!...

14.

מען האָט מיך געקנעטען ווי וואַקס, נאָר מיר האָט עס וועה געטהון!

איך געדענק גאַנץ גוט, אַז עס האָט מיר וועה געטהון; נאָר פאַר וואָס? וואָס איז גראָד מיך אָנגעגאַנגען די נשמה?

מײַנע חברים האָבען פון מיר געלאַכט, זײ האָבען מיר אַ נאָמען גע־געבען „נשמה יונג", און ווי נאַריש דער נאָמען איז געוועזען, אַזוי פיעל צרות האָב איך פון איהם געהאַט.

איך בין פערטראַכט, איך קלער וואָס מײַן סוף וועט זײַן, ווען איך וועל שוין כח האָבען מיך אויסצורײַסען פון שטן'ס האַנד; איך רעכען מיך אָב מיט מײַן אייגענער נשמה, איך זאָג איהר מוסר, איך זידעל זי... ראַפּטים גיט מיר איינער אַ שנעל אין דער נאָז: „נשמה יונג"! — איך וויל פערגעסען אין מײַנע צרות, פערטיעף מיך אין אַ וועלט־קשיא, שפּאַן צוזאַמען אַ שווערען תוספות מיט אַ האַרבען רמב"ם, בראָק איין אַ „פּני יהושע" און מיש אוים מיט'ן „תומים"; איך בין שוין גאָר אויף אַנ'אַנ־דערער וועלט: אוים לעהרער, אוים גיטעלע, אוים נשמה.... עס הויבט זיך שוין אָן צוזאַמענצושרויפען אינ'ם מוח, אָט פאַל איך שוין אויף דער המצאה, דאָס רעכטע וואָרט ליגט מיר שוין אויף דער שפּיטץ צונג — ראַפּטים גיט מיר עמיץ אַ פײַף אין אויער אַרײַן: „נשמה יונג!"; עס הילכט, אין מוח פּלאַצט עפּיס, אוים רמב"ם, אוים תוספות, אוים פּני יהושע, אוים תומים... צוריק אויף דער ערד!

איך שטעה שמונה עשרה, איך האָב אַ פול האַרץ און פולע אויגען מיט געוויין. „רפאנו ה' ונרפא", בעט איך מיט גרוים כּוונה, און מײַן ניט חלילה דעם גוף, די נשמה מײַן איך: הײל, רבונו של עולם, הײל מײַן אָרעמע יונגע נשמה! „דאָס איז דער נשמה יונג" ווײַזט איינער אין מיטען אויף מיר — אוים כּוונה!

אַזוי האָב איך געליטען טאָג אַזוי נאַכט.

15.

גיטעלען האָט מען געהאַלטען פאַר אַ גרויסע חכמה: דער פאָטער פלעגט זי אַנדערש ניט רופען נאָר „חכמה מײַנע"; שכנות פלעגען זאָ־

געוואוינט זי איז קלוג ווי דער טאָג; ווען זי זאָל אַזוי פרום זײַן ווי קלוג זי איז, וואָלט געווען אַ פרײַער פּאַר איהר מאַמען אין גן עדן. מײַן מאַמע פלעגט זי אויך שטענדיג לויבען, אַז זי איז אַ גרויסע מחוכמת, וואָלט זי נאָר בעסער כשר געמאַכט פליייש, וואָלט זי זיך אַליין אַזא שנור געוואונשען.

און איינמאָל, אַז איך האָב ניט געטראָפען דעם לעהרער אין דער־הײם און גיטעלע איז אַליין געווען, איז מיר איינגעפאַלען, איך זאָל זיך מיט איהר אַנ׳עצה האַלטען איבער דער נשמה.

די פּיס האָבען אונטער מיר געציטערט, די הענד — געוואָרפען, דאָס הארץ — געצאַפּעלט, די אויגען האָב איך אַרײַנגעשטעקט אין דער ערד ווי אַ טרפה מעסער און האָב פּאָרט געפרעגט: מען זאָגט, גי־טעלע, אַז דו ביזט אַ קלוגע, זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס איז אַזוינס נשמה?

זי האָט געשמייכעלט און געענטפערט:

— אָסור, אויב איך ווייס!

נאָר פּלוצלינג איז זי טרויעריג געוואָרען, טרעהרען זענען איהר גע־קומען אין די אויגען אַרײַן.

— איך האָב מיך דערמאַהנט — זאָגט זי מיר — אַז ווען די מאַמע, עליה השלום, האָט געלעבט, האָט דער טאַטע שטענדיג געזאָגט, אַז זי איז זײַן נשמה... זיי האָבען זיך אַזוי ליעב געהאַט!...

איך ווייס ניט פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען, נאָר איך האָב זי אין דער איינענער רגע אָנגעחאַפּט בײַ דער האַנד און געציטערט, און געפרעגט:

— גיטעלע, דו וואָלסט געוואָלט זײַן מײַן נשמה?

און זי האָט מיר גאַנץ שטיל געענטפערט: יאָ!

16.

און וויפיעל גליקען האָב איך אַלץ געהאַט!

אַ גליק, וואָס גיטעלע איז געווען אַ בת יחידה, איך — אַ בן יחיד און ביידע יתומים, איז עס אונז לײַכטער געווען צו פועל׳ן; אַ גליק, וואָס דער לעהרער האָט צוזאַמען געלעגט אַ פּאָר הונדערט רובל נדן און

מײַן מאַמע האָט זײַ נעטהיג געדאַרפט אין געװעלבעל אַרײַן ; אַ גליק, װאָס איך האָב פלוצלונג בעקומען — און טאַקי גאָר אומזיסט — אַ שלעכטען שם, אַז איך װאַקס אַן׳אַפּיקורס און קײנער האָט מיך ניט געװאָלט אויפחאַפּען. און דאָס גרעסטע גליק איז געװעזען, װאָס איך בין געפאַלען אויף אַ שׂכל און האָב אונטערגעשיקט ציפּע די װאַטע מאַכערין, אַ שדכנטע, אַ מויל אויף שרויפען, און האָב איהר צוגעזאָגט גאָר בעזונדער צו געבען אַ סך געלד ! פון דעסטװעגען האָט נאָך אַלץ די מאַמע געװײנט איבער מיר : אוי, װען דײַן טאַטע זאָל אויפשטעהן פון קבר און זאָל זעהן מיט װעמען איך טהו, װאָלט ער דאָך נאָך אַ מאָל פון חרפּה געלעגט זיך אין קבר אַרײַן.

דעמאָלט בין איך געפאַלען נאָך אויף אַ שׂכל ; איך האָב װײַטער אין מיטען דער נאַכט אַנגעהויבען שרײַען, איך בין נאָך אַ מאָל געװעזען אויף יענער װעלט. נאָר דאָס מאָל שוין אָבגעגעבען דער מאַמען אַ גרוס, אַז דער טאַטע בעשטעהט אויפ׳ן שידוך.

און איך האָב געקריגען אַ נײַע נשמה.

II.

װָענוּס און שוּלַמִית.

אין קלויז אונטערן אויווען זענען געזעסען צוויי ישיבה־בחורים, חיים און זעליג. חיים האָט געלעזען הויך פון אַ געשריבען ביכעל, און זעליג הערט צו און פערריכט אַ שוך מיט אַ פראָסטער נאָדעל־פאָדעם.

„... און שעהן איז חנה געװען װי װענוּס...“

— זאָג מיר, זעליג, איך בעט דיך, װאָס מײנסטו מיט'ן װאָרט װ ע נ וּ ס? — האָט חיים אַ פרעג געטהון.

— װענוּס איז אַ מיטהאָלאָגישער גאָט — האָט איהם זעליג געענטפערט, שטעכענדיג אין שוך אַרײַן.

— װאָס איז אַזוינס מ י ט ה אָ ל אָ ג י ע?

— דאָס װײסט דו אויך נישט, חיים?... דו געדענקסט יענע װאָך איז געקומען צו פאָהרען אַ משונה'דיגע בריאה מיט אַ לאַנגען פאַרטוך און מיט אַ רויט מיצעל, און האָט פערקויפט בזיל־הזול לאַקרעץ־פלעצעל מיט נאָך אַנדערע זיסע זאַכען?

— אַהאַ!

— דאָס איז געװעזען אַ גרעק, און עס איז דאָ אַזאַ גאַנץ פאָלק, װאָס הײסט מיט'ן נאָמען „ג ר ע ק ע ן“.

— און אַלע פערקויפען לאַקרעץ־פלעצעל?

— געה, דו נאַר, זײ האָבען זײער אײגען לאַנד — „ג ר י כ ע נ־ל אַ נ ד“... די גרעקען זענען אײן אַלט פאָלק... זײ װערען דערמאַהנט אין תנ"ך. זײער לאַנד הײסט „א ר ץ י ו ן“, זײ אַלײן — „יְוָנִים“.

— װאָסער י ו ן? נישט פון דעם קומט אַרויס „איװאַן“?

— חס ושלום! י ו נ י ם זענען גאָר גרעקען — „מ ל כ ו ת יָ וָ ן“. אָט

די יונים זענען אַמאָל געווען זעהר אַ שטאַרק און אַ געבילדעט פאָלק... דו האָסט אַודאי געהערט: אַריסטו, סאָקראַט; זיי ווערען דאָך געבראַכט פון אונזערע חכמים, ווי פונ'ם רמב"ם... אַריסטו, למשל, האָט געגלויבט, אַז די וועלט איז אַ קדמון... דאָס אַלץ זענען גרעקען, נאָר די גרעקען, כאָטש זיי זענען געווען געבילדעט, געקאָנט מאָהלען, זעגען, שניצען און אַלע שעהנע מלאכות, זענען זיי פאָרט געווען פראָסטע געצען־דינער, האָבען זיי פראָסט געדינט עבודה זרה.

— או — וואַ!

— זעהסט דאָך! און אָט די מעשיות, די ספורים פון די געצען, פון די אָבגעטער, הייסט מיטהאָלאָגיע.

— אַהאַ! נו, און וואָס איז ווענוס?

— אין דער מיטהאָלאָגיע איז ווענוס די געטין פון שעהנקייט..

— וואָס הייסט געטין?

— פערשטעהסט דו: ביי זיי האָט יעדער פאַך, יעדע מלאכה אַ בעזונדער'ן גאָט. ווי, למשל, מען זאָגט ביי אונז, אַז יעדע אומה האָט איהר שר... למשל שניצעריי, פאָעזיע, שעהנהייט, געזונדהייט, גבורה...

— האָט דאָס אַלץ געטער? נאָר וואָס מיינט מען געטין? אַ קליינ געטיל?

— ניין, גאָט איז איין „ער", געטין איז אַ „זי".

— האַ? נקבות? זיי האָבען אַריינגעזעצט אין הימעל אַריין נקבות?

— ע, חיים, פאַרוואָס מענער יאָ און נקבות נישט?

— אמת; איך האָב אָבער געמיינט, זעליג, אַז געטער דאַרפען זיין נישט זכרים און נישט נקבות...

— דו מוזט וויסען, חיים, אַז די גרעקישע געטער זענען גלייך צו מענשען; דער חלוק איז נאָר דאָס, וואָס זיי לעבען אייביג. דערפאַר האָבען זיי גלייך ווי מענשען קינדער, ווייבער און פלגשים, נאָר שטאַרבען קענען זיי באין אופן נישט! אָט, למשל, דער העכסטער פון זיי, יופיטער אַליין, דער גרעסטער גאָט, וואָס האַלט דעם דונער אין דער האַנד און אַלע געטער ציטער'ן פאַר איהם אימת מות; ער אַליין איז פון דעסטוועגען אַ פאַנטאָפעל, אַ גאָר נישט ביי זיין ווייב יונאָנאַ, ווי אַ פראָסטער מלמד ביי דער רבי'צין. איך האָב דיר שוין אַמאָל דערצעהלט פון דעם פילוסוף סאָקראַטעס'עס ווייב, פון דער מרשעת קסאַנטיפע; זי איז

געוועזען אַ הונד געגען דער יונאָנאַ! היינט שטעל דיר פאָר, וואָס פאַר אַ צרות יופּיטער האָט געליטען; ער האָט זיך אַוודאי צעהן מאָל אין טאָג געוואונשען דעם טוידט... נאָר ניין, שטאַרבען קאָן ער נישט!

— הכלל — ווענוס?

— אָט ווענוס איז די געטין פון דעם שעהנקייט! צונד וועל איך דיר פאָרלעזען איהר געשיכטע.

זעליג האָט אַוועקגעלעגט דעם האַלב־פערריכטען שוך, אַרויסגעשלעפּט אַ בדודיג פּאַפּיר פון בוזעם און אָנגעהויבען לעזען:

— ווענוס, אַפראָדיטאַ, אַפּאָגענעאַ, פּאָנטאַגע־נעאַ, אַנדיאַמעטאַ...

— דאָס איז דייטש? איך פערשטעה דאָך נישט קיין וואָרט — האָט זיך חיים געוואונדערט.

— נאַרעלע, דאָס זענען די נעמען, וואָס ווענוס האָט געהאַט אין פערשידענע ערטער אין גריכענלאַנד און דערנאָך אין רוים.

זי האָט מעהר נעמען, ווי יתרו; וואָס טויגען מיר די נעמען. לייען די מעשה בעסער!

זעליג לעזט:

„אונטער די פערשידענע נעמען איז ווענוס געוועזען הייליג אין די פערשידענע שטעדט, אַלס געטין פון דער ליעבע".

— שוין נישט שעהנקייט?

— אַלץ איינס! „זי איז נישט געבאָרען געוואָרען פון אַ מאַמען, זי איז אַרויסגעשפּרונגען פון ים, זי איז אַ בילד שעהנע נקבה, זעהר אַ רייצענדע..."

— אַ רייצענדע? וואָס הייסט דאָס?

— דאָס הייסט זי האָט יעדען גערייצט, אויפגעקאָכט דאָס בלוט, וכדומה.

— אַהאַ!

— „זי האָט מען פאָרגעשטעלט גאַנץ אָדער האַלב נאַקעט..."

— פּע!

— „איהר מאַן איז געוועזען וואולקאַן..."

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מין חיה?

— אויך אַ גאָט, דער גאָט פון פייער... עהנליך צו אונזער

תובל־קין; ער האָט ערפונדען די מלאכה פון אייזען קאָווען, דאָס הייסט אויף דייטש די „שמידע־קונסט", פערשטעהסט?

— א ביסעל.

— „נאָר מיט איהם האָט זי קיין קינדער נישט געהאַט..."

— געטער גט'ן זיך נישט און האָבען חתונה אָהן חופה וקדושין. „דערפאַר אָבער האָט זי געהאַט קינדער מיט אַנדערע געטער און מיט מענשען אויך".

— ווי הייסט? גלאַט אַזוי, ממזרים הייסט עס?

— זיי־זשע נישט קיין שוטה, חיים! אז געטער זענען פטור פון חופה, קדושין און גט, איז ביי זיי נישט דאָ קיין ערוה און קיין ממזרים...

— יאָ, אַודאי, אַז מען וואַשט זיך נישט, דאַרף מען נישט בענ־שען; דו זאָגסט דאָך אָבער מיט מענשען אויך?...

— נו, וואָס זשע איז? הלמאי אונזערע בני־אלהים, וואָס זענען דערמאָהנט אין פסוק...

— נו, נו, לייען ווייטער.

„מיט מאַרסען האָט זי געהאַט צוויי קינדער..."

— ווי זאָגסט דו? מרס צי מרסנא?

— נישט מרס, נישט מרסנא, נאָר מיט מאַרס'ן, מיט'ן גאָט מאַרס, דאָס איז דער „איש מלחמה", דער גאָט פון מלחמות, דער קריעגסגאָט...

— „צוויי מיט באַקכוסען, מיט'ן גאָט, וואָס האָט צו שאַפען איבער וויין און אַנדערע משקאות".

— דאָס מוז זיין אַ מין לוט, אַ גוטער שכור!

— „צוויי מיט מערקור"...

— ווער איז דער?

— מערקור איז דער גאָט פון גנבים, סוחרים, משולחים!

— זעהר אַ געמיינער שדוך.

— מיט איינעם אַנכיזעס, אַ פּראָסטען בשר ודם, האָט זי זיך געטראָפען ערגיץ נעבען אַ טייך, זייענדיג פערשטעלט אין אַ פאַסטוש־קע; פון דער וויזיט איז געבאָרען געוואָרען אַ יונגעל... אַ מאָל האָט זיך איהר געטראָפען אַזאַ מעשה: עס האָט זי נאָכגעיאָגט אַ חברה

רוצחים — האָט זי זיך בעהאַלטען אין אַ היִיל און האָט גערופען הער־קולעס׳ן״.

— ווער איז דאָס?

— דאָס איז אַ שטאַרקער גאָט, נישט אַפילו אַ גאַנצער נאָר אַ האַלבער גאָט; איינער אַליין האָט ער אויסגערייניגט אין איין טאָג 36 פערד־שטאַלען...

— וויַיטער, וויַיטער, זעליג; עס הויבט שוין אָן צו נודען און קאַפויר צו געהן. כ׳לעבען.

— „הערקולעס איז געקומען אין דער היִיל אַריין, ער האָט אַריינ־געלאָזט די רוצחים איינציג־וויַיז, איינעם נאָכ׳ן אַנדערן, מען האָט זיי צורעכט געמאַכט״...

— פע, חלשות!

— „די ווענוס פלעגט זיך שטאַרק נוקם זיַין אין די, וואָס האָבען געלאַכט אוים דער ליבע. איינוואָהנער פון שטעדט האָט זי פערוואַנדעלט, דאָס היַיסט מגלגל געווען, אין אָקסען״.

— גענוג! — האָט חיים אויסגעשריִען, אויפשפּרינגענדיג, — עס קעהרט זיך די גאַל! ווענוס, אַ געטין, חאַ, חאַ, חאַ! געהאַט טויזענד מאַנען, גע׳הרג׳ט, געשטאָכען, געקוילעט — נאוף, זנות, רציחה, פע!

חיים האָט אויסגעשפּיִגען און זעליג איז אויפגעשטאַנען אין איין צאָרן.

— ע! — האָט זיך זעליג אָנגערופען בעליידיגט — דו וויַיסט וואָס דו רעדסט און וואָס דו שפּיַיסט... דו נעמסט אַ טהייַער, שעהן מלבוש, און טהוסט עס אָן אויף דער לינקער זיַיט, דרעהסט איבער דעם ספּאָרעק און מאַכסט אַ פּורים שפּיעל!... ווענוס איז נאָר אַ משל, אַזאַ מין אידעאַל, אויף אַזאַ־נ־אַרט, למשל, ווי אין שיר השירים שולמית...

— אַקוראַט, חאַ, חאַ, חאַ! שעמען מענסט דו דיך, זעליג! פּונקט גלייַך! שולמית אין שיר השירים איז אַ געזונדטע, אַ פרישע, אַ שטיק אייזען! די ברידער האָבען איהר געהייסען היטען זייערע וויַינגערטנער, האָט זי איהר וויַינגאָרטען נישט געהיט; דאָס פּנים איז איהר אָבגעברענט, נאָר זי איז נישט קיין ציגיַינערין; דער האַלז איז וויַיס ווי מירמעלשטיין; זי שמעקט מעהר, ווי אַלע פעלדער, וועלדער און גערטנער צוזאַמען. זי קוקט נישט אַראָב פאַר בושה און בלאָזט זיך נישט, ווי אַ אינדיק; זי קוקט

גלייך, זי האט זיך נישט וואס צו שעמען. זי האט אזוינע גוטע, ווארעמע הארציגע אויגען, ווי צוויי גוטע טויבען! און ליפען האט זי — צוויי דינע, רויטע פעדעם. און זי שנירט נישט דאס פיסקעל און מאכט נישט קיין מיאוסע הויות; זי רעדט גלייך, און האניג גיסט זיך איהר פון מויל!... אז דו זעהסט זי, קומט דיר קיין שלעכטער געדאנק נישט ארײַן אין קאפ; גאר פערקעהרט: דו פערלירסט גאר די געדאנקען. זי גיט אויף דיר א קוק מיט איין אויג, לאזט דו דײַנע אראב ווי א גנב; דײַן הארץ אין דיר הויבט אן ציטערן און צאפלען, ווי א געקוילעטער האהן. זי איז אײנפאך, ריין און ציכטיג, ווי ערשט געפאלענער שניי! אט קומט אן דער זומער, א נייע לעבען אויפ'ן פעלד און אינ'ם גארטען, די טורקעל-טויב הויבט אן צו ברומען, די בלומען הויבען אן שפראצען, דער פייגענבוים בליהט, די וויינטרויבען בלישטשען! אלץ ווערט אויפגעלעבט, אלץ האט זיך אויפגעחאפט צו נייעם לעבען און איהר הארץ האט ערפילט א נייע געפיהל! פלוצים איז דאס געפיהל געקומען און באלד מיט'ן גאנצען שרעקליכען כח! שטארקער ווי דער טוידט איז איהר ליעבע, טיעפער ווי דאס גיהנם איז איהר קנאה. און איהר ליעבע איז עביג, טייכען וועלען זי נישט פערפליסען, דער ים אליין וועט זי נישט פערלעשען... און ליעב האט זי נאר איינעם: א יונגען, שעהנעם פאסטוך; זי ווייסט נישט, אז דער פאסטוך טראגט א קרוין אויפ'ן קאפ, אז ער איז דער גרעסטער מלך אויף דער וועלט! זי איז פראסט, אפען און עהרליך, זי קאן נישט שפיעלען קיין ראמאן, קיין „טשיטשיבאבע", איהר טהוט וועה, וואס ער איז נישט איהר ברודער פון איין טאטען און פון איין מאמען, זי זאל איהם קענען קושען פראנק און פריי אין אלע גאסען! אט! דאס איז שולמית! דאס איז, ווי דו זעהסט, אן'אידעאל פון אנ'אמת'ער יודישע טאכטער, וואס האט א טאטען און א מאמען, נישט ווי דײַן ווענוס די אויסגעלאסענע.

— דו פערגעסט אבער איין זאך — האט איהם איבערגעשלאגען זעליג — דו פערגעסט, אז דאס אלץ, דאס הייסט די מיטהאלאגיע איז נאר משלים; דערונטער שטעקען פילאזאפישע און רעליגיעזע געדאנקען.

— אדרבא, פערקעהרט! גאר פערקעהרט די סברא! ווי פערקלײַדט מען הויכע געדאנקען אין נידריגע משלים? ווי פערבינדט מען בריליאנטען אין א ברודיגע שמאטע? און וואס הייסט? צי איז דען ביי אונז יודען שיר השירים נישט קיין משל? איז דען נישט שלמה דער רבונו של עולם אליין, דער מלך שהשלום שלו? און שולמית איז דען ניט די כנסת ישראל?

די רײנע, נאָר פֿערשוואַרצטע כנסת ישראל!! נאָר סודות אַ הין, סודות אַהער, שולמית איז טאַקי שולמית, און ווענוס, להבדיל אלף אַלפי אלפים הבדלות, איז אַזוינס, וואָס איז נישט ווערטה די רעד! הערסט דו, זעליג ימח שמה!!! מעק אוים איהר נאָמען פון דײַן ספר. און שרײַב — ווי הײסט דאָס מײדעל, וואָס דו בעשרײַבסט? חנה, דאַכט זיך?

— חנה.

— נו, שרײַב, אַז זי איז אַזוי שען געווען,. ווי... אָדער נײן שרײַב נישט! הערסט דו! זאָלסט דיך נישט דערוועגען, עס וואָלט געווען אַ העזה פון דיר; לאָז דײַן חנה מיט די פּיסלעך, ווי די שפּילקע־קעפּלעך גלײַך זײַן צו ווע‌מען דו ווילסט, צו מרים'ן מיט דער פויק, צו אביגיל'ן, צו רחב'ן, צו דלילה'ן, לאָז זײַן צו וועמען דו ווילסט אפילו צו אסתר המלכה; נאָר נישט צו שולמית, קײנע קען נישט גלײַך זײַן צו איהר, קײנע נישט, הערסט?!... —

III.

אין פּאָסט־וואָגען.

א.

ער האָט מיר אַלץ דערצעהלט אויף אַ מאָל, אין איין אָטהעם. אין איין מינוט כמעט, בּין איך געוואָהר געוואָרען, אַז ער איז חיים, יונה הרובּיעשויוערס איידעם, בּעריל קאָנסקיוואָלערס זוהן, און אַז דער לובּלינער גביר מעטערענשטיין, געהער איהם צו אַ פעטער פון דער מוטער, עליה השלום'ס צד. נאָר דער פעטער זיינער פיהרט שוין כמעט אַ גויִשׁ הויז; טרפות, ווייסט ער נישט אויבּ מע'עסט, נאָר אומגעוואַשען — האָט ער אַליין געזעהן...

עס איז עפּיס, זאָגט ער, אַנדערע מאָדנע בּרואים: לאַנגע האַנדטובּער ליגען אויף די טרעפּ, איידער מען געהט אַריין מוז מען געבּען אַ קלונג; אין שטוב זענען אויסגעשפּרייט געמאָלטע טישטוכער... מענשען זיצען ווי אין אַ תפיסה, געהען שטילערהייט ווי גנבים... בּכלל, זאָגט ער, איז בּיי זיי שטיל ווי רחמנא ליצלן צווישען טויב־שטומע...

זיין ווייבּ האָט אַזאַ מין משפּחה אין וואַרשא. נאָר צו זיי קומט ער נישט; גלאַט זיי זענען קבּצנים אויך — „וואָס טויגען זיי מיר? האַ?"...

בּיים לובּלינער פעטער איז נישט ווי גאָט האָט געבּאָטען, איז ער וועניגסטענס אַנ'עושר. נו, אַז מען רייבּט זיך נעבּען אַ פעטען, ווערט מען אויך פעט; וואו מען האַקט האָלץ פאַלען שפּענער, וואו עס איז אַ סעודה קען מען אָבּלעקען אַ בּיין... אָבּער דאָרט — קבּצנים!

ער ריכט זיך אַפילו מיט דער צייט צו קריגען אַ שטעלע בּיי'ם לובּלינער פעטער. די געשעפטען, זאָגט ער, זענען שלעכט. היינט האַנ־

דעלט ער מיט אייער, ער קויפט זיי אין די דערפער און שטעלט זיי אָב קיין לובלין. פון דאָרט גיהען זיי קיין לאָנדאָן... מען זאָגט, אַז דאָרט לעגט מען זיי אין קאַלך־אויווען אַריין און עס קומט פון זיי אַרויס היהנער... „עס מוז זיין ליגענד... די ענגלענדער מוזען גאַנץ איינפאַך ליעב האָבען אייער!”, נאָר סיי ווי סיי — דאָס געשעפט איז דערוויַיל דערשלאָגען...

אַלץ בעסער דאָך ווי תבואה! תבואה איז גאָר גע׳הרג׳ט. באַלד נאָך דער חתונה איז ער געוואָרען אַ תבואה־סוחר. ער איז געוועזען אַ לערן־קינד, האָט מען איהם צוגענומען אַ שותף אַן׳אַלטען סוחר... דער סוחר, האָט איהם אויסגעמאַכט דאָס אויער, פשט פשוט געפריצעוועט...

ב.

אינ׳ם פּאָסט־וואָגען איז פינסטער, איך האָב חיים׳ס פּנים נישט געזעהן, און, עד היום ווייס איך נישט, ווי אַזוי ער האָט אין מיר אַ יוד דערקענט... אַז ער איז איינגעשטיגען בין איך געזעסען אין ווינקעל און געדרימעלט, זיין קול האָט מיך ערשט אויפגעוועקט... פון שלאָף רעד איך נישט... אפשר האָב איך אַ י ו ד י ש ע ן ק ר ע כ ץ ג ע ג ע ב ע ן? אפשר האָט ער דערפיהלט, אַז מ יי ן קרעכץ און ז יי ן קרעכץ זענען איין קרעכץ?

ער האָט מיר אַפילו דערצעהלט, אַז זיין ווייב קומט אַרויס פון וואַרשאָ, אַז עד היום שמעקט איהר נישט קאָנסקיוואָליע...

— געבוירען, פערשטעהט איהר מיך, איז זי אין הרוביעשאָוו, נאָר ערצויגען געוואָרען איז זי אין וואַרשאָ: ביי דער טרפה׳נער משפחה דאָרט, אַ יתומה געוועזען...

אין וואַרשאָ האָט זי זיך אָנגעשמעקט מיט אַ נ ד ע ר ע זאַכען. זי איז אַ גרויסע בריה אין פוילישען, דייטשערישע אַדרעסען לייענט זי ווי אַ וואַסער. זי זאָגט אַפילו, אַז זי קען שפּיעלען, נישט אויף אַ פּיעדעל, נאָר עפּיס אויף אַן׳אַנדערע מאָדע כלי...

— און איהר ווער זענט? חאַפּט ער מיך פלוצלינג אָן ביי דער האַנד.

פון שלאָפען איז שוין נישט געוועזען וואָס צו רעדען, און אָנגעהויבען

בען אינטערעסירען האט ער מיך שוין אויך. עפּיס א מעשה, א קליינ־שטעדטעלדיגער יונגער מאן, א ווייבעל, אויפגעצויגען אין ווארשא, דאס קליינע שטעדטעל שמעקט איהר נישט... פון דעם קען עפּיס זיין, טראכט איך, מען דארף געוואהר ווערען א קוראט, עפּיס צולעגען, וועט זיין א ראמאן... וועל איך באמת צוּבראָקען א מין גזלן, א קאטארזניק, ארײַנהאקען א פאר באנקראטען און צורײַשען א פּיפּער־גאטער, וועל איך אויך זיין אינטערעסאנט.

איך בויג מיך צו, צו מײַן שכן און זאג איהם ווער איך בין.

— אזוי, זאגט ער, איהר זענט עס טאקי, איהר אליין... און זאגט מיר, איך בעט אייך, ווי נעמט עס א מענש צייט און קאפּ, זיך אויסצוקלערען מעשיות...

— איהר זעהט דאך!

— איך ווייס? האט איהר געמוזט א גרויסע ירושה קריגען און איהר לעבט פון פּראָצענט.

— חס ושלום, מײַנע עלטערן לעבען, ביז הונדערט און צוואנציג יאהר...

— האט איהר געמוזט אויף דער לאטעריע געווינען!

— אויך נישט...

— וואס דען?

איך האב איהם באמת נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן..:

— האט איהר פון דעם פּרנסה?

איך ענטפער אנ׳אמת יודישע תשובה: בע!

— און דאס איז אייער גאנצע פּרנסה, גאר אהן א צושפּרונג?

— דערווייל...

— א וואַ! וואס האט איהר, איך בעט אייך, דערפון?

— זעהר ווענינ!

— אויך טוידט?

— גע׳הרג׳עט...

— שלעכטע־צייטען, זיפצט מײַן שכן.

א פּאר מינוט איז שטיל געוועזען, מײַן שכן קען דאך לאנג נישט רוהען:

— זאגט מיר, איך בעט אייך, נאך וואס טויגען די מעשיות?

— איך מײַן נישט אייך, חלילה, — פערבעסערט ער זיך — חס

ושלום, אַ יוד דאַרף פּרנסה. צאַפּט ער פון דער וואַנד; דאָס איז ביי מיר גאָר קיין קשיא ניט... וואָס טהוט נישט אַ יוד פאַר פּרנסה? אָט, האָב איך נישט געקריגען קיין געלעגענהייט, פאָהר איך מיט דער פּאָסט, גאָט ווייסט אויב איך זיץ נישט אויף שעטנז. נאָר דעם עולם מיין איך, וואָס טויגען זיי די מעשיות? וואָס פאַר אַ תכלית שטעקט דערינען? וואָס שרייבט מען אין די ביכלעך?

ער וואַרט נישט אויף תשובה און ענטפערט זיך אַליין: —

— עס מוז גלאַט זיין אַזאַ מאָדע, אַ מין קרינאַלינע, אַ קשיא אויף ווייבער!

— און איהר, פרעג איך איהם, איהר האָט נאָך קיין מאָל נישט געלעזען די ביכלעך?

— א י י ך מעג איך דאָך זאָגען, איך האָב יאָ אפילו אַ שטיקעל ידיעה דערפון... אָט אַזוי גרויס...

ער האָט מיר אודאי אָבגעמאָסטען אַ שטיקעל אויפ'ן פינגער, אַ נאָגעל מיט אַ שטיקעל פלייש צו, נאָר עס איז פינסטער געוועזען.

— עס האָט אייך פאַרט אינטערעסירט?

— מ י ך? חס ושלום! אַלץ מיין ווייב! די מעשה דערפון, פערשטעהט איהר, איז אַזוי געוועזען: עס וועט זיין אַ יאָהר 5—6, טאַקי 6, אַ יאָהר נאָך דער חתונה — מיר האָבען נאָך קעסט געגעסען... האָט זיך עפּיס געמאַכט, אַז מיין אשה איז נישט געוועזען אין גאַנצען; נישט חלילה קראַנק, זי איז אַרומגעגאַנגען, נאָר אַזוי, נישט בקו הבריאה...

איינמאָל פרעג איך זי, וואָס איז איהר...

— איינגענטליך, חאַפּט ער זיך צוריק, ווייס איך נישט, נאָך וואָס איך דול אייך דעם קאָפּ מיט אַזוינע זאַכען...

— אדרבא, זאָג איך איהם, דערצעהלט ר' קרוב...

מיין שכן לאַכט:

— מען דאַרף שטרוי אין מצרים? א י ה ר דאַרפט מיינע מעשי'ות, איהר קענט אייך נישט א ו י ס ק ל ע ר ע ן אַליין?

— דערצעהלט ר' קרוב, דערצעהלט...

— איהר שרייבט, אַ פּנים, פאַר יענעם ליגענד, און פאַר זיך ווילט איהר אמת?

אז מען זאָל שרייבען אמת, פאַלט איהם גאָר נישט איין...
— נו, מאַכט ער, זאָל זיין אזוי..

ג.

— נו — דערצעהלט מיין שכן — עס איז קיין בושה נישט: אין אַ בעזונדער חדר האָבען מיר געוואוינט, אַ יונגער מאַן בין איך געוועזען, מעהר צוגעלאָזט צו אַזוינע זאַכען — פרעג איך זי, וואָס עס איז איהר, לאָזט זי אַרויס אַ געוויין...

איך האָב אויף איהר שטאַרק רחמנות געהאַט, אויסער דעם, וואָס זי איז, קיין עין הרע, בּיז הונדערט און צוואַנציג יאָהר, מיין ווייב — איז זי נאָך — אַ יתומה... און אין דער פרעמד, טאַקי עלענד!

— ווי הייסט עלענד? וואונדער איך מיך.

— מיין מאַמע, עליה השלום, איז, פערשטעהט איהר, נפטר געוואָרען, אַ יאָהר צוויי פאַר מיין חתונה, און מיין טאַטע, עליו השלום, האָט שוין קיין אַנדער ווייב נישט גענומען.

מיין מאַמע, זכותה יגן עלינו, איז געוועזען אַנ'אשה צנועה, און מיין טאַטע האָט זי נישט געקענט פערגעסען... נו, אַ יין יודענע אין שטוב... דער טאַטע אַליין, עליו השלום, האָט קיין מאָל קיין צייט נישט געהאַט... כמעט אַ גאַנצע וואָך אויף די דערפער געוועזען, ער האָט געהאַנדעלט מיט כל המינים, וואָס איהר ווילט נאָר — אייער, פוטער, שמאַלץ, חזיר-האָר, ליינוואַנד.

— און איהר?

איך בין געזעסען אין בהמ"ד און געלערנט... נו, אַ ווייבעל אַליין, האָב איך גערעכענט, האָט זי מורא... ווי קומט אָבער וויינען דערצו? „ניין" — זאָגט זי — „זי נודזשעט זיך"... נודזשעט זיך? וואָס הייסט דאָס?

געזעהן האָב איך, אַז זי געהט אַרום ווי איינער אין שלאָף. אַ מאָל רעדט מען צו איהר און זי הערט נישט, אַ מאָל פערטראַכט זי זיך און קוקט אויף דער וואַנד, און קוקט, און קוקט... אַ מאָל מאַכט זי מיט די ליפּען, און מע'הערט נישט איהר קול... נאָר וואָס הייסט נודזשען זיך? אַלץ ווייבערישע זאַכען. איין עס לא היה די נשים... אַ יוד, אַ מאַנסביל נודזשעט זיך נישט... אַ יוד האָט גאָר קיין צייט נישט זיך צו נודזשען, אַ

יוד איז הונגעריג אדער זאט; אדער אנ׳עסק, אדער אין בית המדרש, א ניט שלאפט ער... האט מען שוין גאר צייט רויכערט מען א לולקע-ציבוך — אבער נודזיען זיך?

— פערגעסט נישט, זאג איך איהם, א יודענע אהן תורה, אהן קהל׳שע זאכען, אהן תרי״ג מצות...

— דאס איז טאקי די מעשה; איך האב מיך טאקי באלד אנגע-הויבען שטויסען, אז נודזיען זיך איז א מין לעדיג-גייען, א מין בטלה וואס מע׳וועט שיעור משוגע דערביי. אונזערע רבותים האבען שוין דאס לאנג געזעהן ברוח הקדש... איהר קענט די קליינע אותיות? הבטלה מביאה לידי שעמום! על פי דין טאר קיין ווייבעל נישט געהן לעדיג, זאג איך איהר טאקי: טהו עפּים! זאגט זי, זי וויל „לעזען״!

„לעזען״ איז אויך ביי מיר געווען א משונה ווארט... געוואוסט, אפילו, האט מען שוין, אז ביי די, וואס לערנען זיך שרייבען, הייסט לער-נען „לעזען״, להבדיל, ביכלעך מיט צייטונג. איך האב אבער נאך דע-מאלט נישט געוואוסט, אז זי איז אזא מלומדת... זי פלעגט מיט מיר ווע-ניגער רעדען ווי איך מיט איהר! זי איז אפילו א הויכע יודענע, נאר פלעגען פלעגט זי האלטען דעם קאפ אראב, די ליפען פערביסען, גלייך זי קאן קיין צווי נישט צעהלען... זי איז בכלל געווען א שטילע... א שאף! און שטענדיג איז איהר אויפ׳ן פנים געווען אויסגעגאסען אזא מין פער-זארגעניש — גלייך עס וואלט איהר א שיף מיט זויער-מילך אונטערגעגאנגען... זי וויל — זאגט זי — לעזען. און וואס? פויליש, דייטש... זאל זיין עברי-טייטש, אבי לעזען...

און דא איז אין קאנסקיוואלע קיין זכר פון קיין ביכעל נישט דא! רחמנות האב איך אויף איהר, אבזאגען קען איך איהר נישט... זאג איך איהר צו, אז ווען איך וועל זיין ביי׳ם פעטער אין לובלין, וועל איך איהר ברענגען ביכלעך...

— און דו האסט גאר נישט? פרעגט זי.

— איך? חס ושלום!

— וואס דען טהוסט דו גאנצע טעג אין בית המדרש?

— איך לערן!

— איך וויל אויך לערנען, מאכט זי!

איך גיב איהר צו פערשטעהן, אז גמרא איז, להבדיל, קיין

מעשה־ביכעל נישט, אז זי איז נישט פיר ווייבער, אז עס איז גאר דא
א דעה אין דער גמרא, אז נקבות, טארען נישט לערנען, אז גמרא איז
לשון קודש...

עס האט אבער נישט געהאלפען! מע'זאל וויסען דערפון אין קאנס־
קיוואליע וואלט מען מיך פערשטיינערט, און זיי וואלטען גערעכט געווען!
איך וועל אייך נישט לאנג בריי'ען, איך וועל אייך דערצעהלען קורץ און
בקצור, זי האט אזוי לאנג מיך געבעטען, געוויינט, געחלשט; אזוי לאנג,
אזוי בריים, ביז זי האט געפועלט. איך פלעג מיך יעדע נאכט אנידער־
זעצען און פערטייטשען איהר א בלאט גמרא...

איך האב אבער פריהער געוואוסט דעם סוף...

— און דער סוף איז געוועזען?

— פרעגט גאר נישט... איך האב איהר איבערגעזעצט א בלאט
„ארבעה אבות נזיקין”... השור והבור, והמבעה, וההבער... און טאקי
מיט רש"י, מיט תוספות, מיט מהרש"א... איך האב נעקנאקט, און זי
— איז דערביי נאכט אויף נאכט איינגעשלאפען... עס איז נישט פאר
קיין יודענע!

א גליק האט מיך געטראפען, אז אין דער גרויסער זאווערוחע, וואס
עס איז אין דעם יאהר געוועזען, האט זיך א פאקענטרעגער פערבלאנדזיעט
קיין קאנסקיוואליע, האב איך איהר אהיים געברענגט א פוד, א גאנץ פוד
מעשה ביכלעך... צונד ווייטער איז געווארען פארקעהרט... זי האט מיר
געלייענט, און — איך בין איינגעשלאפען...

און עד היום — מאכט ער — וויים איך נישט, נאך וואס עס טויגען
די מעשה־ביכלעך. פאר מאנסבילען אודאי נישט! אפשר שרייבט איהר
נאר פאר ווייבער?

ד.

דערווייל האט אנגעהויבען טאגען...

אין דער טונקעלער בויד האט אויפגעטויכט מיין שכנ'ס געל,
לאנג און דאר פנים; א פאר אונטערגעשלאגענע, מידע, רויטע אויגען.
ער האט געוואלט, א פנים, זיך נעמען צו דאווגען פון פארנט;

ער האָט געוויזשט די פּערטוי'טע שויב פון פּאָסטוואָגען, נאָר איך האָב איהם איבער:

— זאָגט נאָר, איך בעט אייך, ר' קרוב, האָט אויף מיר קיין פּער־איבעל נישט, הײַנט איז שוין אייער ווײַב צופריעדען?

— ווי הייסט צופריעדען?

— זי נודזיעט זיך נישט מעהר?

— זי האָט הײַנט אַ „שטעל" מיט זאַלץ און מיט הערינג... איין קינד בײַ דער ברוסט... צוויי — צו קעמען און צו וואַשען!... מיט געזלעך שנײַצען איז זי יוצא פּאַר אַ טאָג...

ער ווישט נאָך אַ מאָל די שויב, איך שטער איהם ווײַטער —

— זאָגט נאָר ר' קרוב — ווי זעהט אויס אייער ווײַב?

מײַן שכן שטעלט זיך אויף, וואַרפט אויף מיר אַ זײַטיגען בליק, בעטראַכט מיך פון קאָפּ ביז פיס און פרעגט מיך שטרענג:

— וואָס איז, איהר קענט מײַן ווײַב! פון וואַרשאָ, וואָס?

— חלילה, ענטפער איך איהם, איך מײַן גלאַט, טאָמער בין איך אין קאָנסקיוואָליאַ, וויל איך זי דערקענען...

— איהר ווילט זי דערקענען! שמייכעלט ער בערוהיגט, מהיכי תיתי! האָט איהר אַ סימן: זי האָט אַ פּעפער אויף דער לינקער זײַט נאָז!

ה.

דער יוד איז אַראָב געקראָכען פון פּאָסטוואָגען, ער האָט זיך מיט מיר געזעגענט, שטעהענדיג שוין אויפ'ן שטאַפּעל, פון דער ווײַטענס, און גאָר קאַלט.

ער איז מיך, אַ פּנים, חושד, אַז איך קען פאָרט זײַן ווײַב, און אפשר, אַז איך געהער צו זײַן טרפה'נער משפּחה!

איך בין געבליבען איינער אַליין, נאָר פון שלאָפען איז שוין נישט געווען צו רעדען. דער פרישער מאָרגען האָט מיך דורכגענומען; מײַן ליטעראַרישער פּאַלטאָ איז אונטערגעשלאָגען מיט ווינד, און דער קיהלער מאָרגען גנב'ט זיך מיר אַרײַן אין אַלע גלידער. איך האָב מיך צוריק פערדרוקט און אָנגעשפּאַרט אין ווינקעל. דרויסען האָט אָנגעהויבען שײַנען די זון. עס קען זײַן, אַז איך בין געפאָהרען אין אַ העררליכע געגענד.

די ערשטע שטראַהלען פון דער זון, האָבען אפשר זיך הערצליך געקושט מיט שפּיצען פון בערג, מיט גרינע בוימער, און אפשר געגליטשט זיך אויף אַ שפּיגעל־ב... ען טייך... איך האָב דאָך די העזה נישט געהאַט צו עפענען דאָס קליינע פענסטער'ל...

אַ יודישער ליטעראַט האָט דרך ארץ פאַר קעלט; איך האָב מיך גענומען „אויסצוקלערען", ווי דער יוד זאָגט, אַ מעשה. דאָך אַנדערע מחשבות האָבען מיר איבערגעשלאָגען...

צוויי פערשידענע וועלטען, אַ מאַנישע וועלט, און אַ ווייבערישע וועלט... אַ וועלט מיט „ארבעה אבות נזיקין", און אַ וועלט מיט מעשה־ביכלעך, וואָס מען קויפט אויפ'ן פּוד!

לעזט ער, ווערט זי אַנשלאָפען; לעזט זי ווערט ער אַנשלאָפען... ווייניג האָבען מיר כּתות... ווייניג צופאַלען מיר אויף „פראַנצויזישע נעז", „ענגלישע שטעקען", „דייטשע יערגעס", ליטווישע חזירים", „פּוילישע שנאָדער", „ארץ־ישראל שלעפּער"... ווייניג אַז יעדעס אבער פון אונזער גוף ליגט אין אַנ'אַנדערע שטאָל, און האָט אַנ'אַנדערן קלינגענדיגען בּיינאָמען; ווייניג וואָס יעדעס אבר צופאַלט נאָך אויף פערשידענע חלקים: חסידים, מתנגדים, דייטשען... שפּאַלטען מיר זיך נאָך, אויף זכרים און נקבות... אין יעדערער איינציגער יודישער. ענגער, נאַסער, ברודיגער שטוב, מוזען אויך זיין צוויי בעזונדערע וועלטען...

לעזט ער — ווערט זי אַנטשלאָפען, לעזט זי — ווערט ער אַנטשלאָפען.

מע'וואָלט געדאַרפט, טראַכט איך, על כּל פּנים די צוויי וועלטען צו פעראייניגען...

דאָס איז דער חוב פון יעדען יודישען שרייבער... נאָר די יודישע שרייבער האָבען צו פיעל אייגענע חובות... מען זאָל ווייניגסטענס האָבען אַ צושפּרונג צו דער פרנסה...

מיין קלערען איבער אַ צושפּרונג צו דער פרנסה האָט איבערגעהאַקט דער פאָסטיליאָן מיט עטליכע שאַרפע טענער. איך בין דאָך נישט אַראָבגעגאַנגען פון וואָגען, עס איז מיר אַ ביסעל וואַרעמער געוואָרען, די זון האָט אָנגעהויבען צו ווייזען, אַז זי איז נישט קאַרג.

איך האָב וויי'טער געקריגען אַ שכן, נאָר ביים ליכטיגען מ..רגען

האָב איך איהם גוט געזעהן און אַפילו דערקענט. עס איז געווען מיינער אַנ'אַלטער בעקאַנטער, מיר האָבען קינדוויים צוזאַמען זיך געגליטשט, אָפט געשפּיעלט אין בעקען־ברויט, כּמעט חברים געווען... דערנאָך בין איך געגאַנגען אין ברודיגען פינסטערן חדר אַריין, און ער אין'ם ליכטיגען פריען גימנאַזיום...

אַז איך האָב נישט געקענט, האָט מען מיך געשמיסען, פאַר טרעפען דעם מהרש"א'ם קשיא — געקניפען אין בעקיל, סיי ווי סיי האָט מיר וועה געטהון; ער איז אַ מאָל געזעסען אין קאַרצער און אַ מאָל געקריגען פינפען... איך האָב מיר דען קאָפּ געבראָכען איבער קתא דמגלא, און ער — איבער גריכישע און לאַטיינישע ציין־קלאַפּעדיקע ווערטער. דאָך האָבען מיר זיך געהאַלטען צוזאַמען. מיר האָבען געלעבט בשכנות; ער פלעגט מיך בסוד לערנען לעזען, דערנאָך באָרגען ביכער, אין די שפּעטערע יאָהרען האָבען מיר ביידע איבערגעקעהרט די וועלט, ליגענדיג אויפ'ן גרינעם גראָז נעבען טייך... איך האָב געוואָלט ערפינדען אַזאַ מין פולווער, וואָס זאָל שיסען גאָר פון ווייטענס, אויף הונדערטער מייל, למשל; ער — אַ באַלאָן, אַרויפצופליהען צו די שטערען, ביי יענע מענשען אויך עפּיס איינפיהרען אַ „פּאָריאַדאָק"! מיר האָבען געהאַט שרעקליך רחמנות אויף דער אומגליקליכער וועלט, זי איז אַריין אין אַ בלאָטע, ווי שלעפּט מען זי אַרויס! אַנ'אום־געשמירטער וואָגען, פוילע פערד, און דער בעל עגלה שלאָפט!

דערנאָך האָב איך חתונה געהאַט, און ער איז געפאָהרען אין אוניווערזיטעט אַריין. קאָרעספּאָנדירט האָבען מיר נישט. פון ווייטענס האָב איך געהערט, אַז עס האָט זיך איהם געטראָפען אַ מכשול און איז אַנשטאַט דאָקטאָר — אַפּטייקער געוואָרען, אין אַ קליין שטעדטעל ערגיץ...

אַז מיין שכן איז אַריין אין וואָגען, האָב איך שיער נישט אויסגעשריגען פאַר פרייד; עס איז מיר וואַרעם געוואָרען אונטערן האַרץ. די הענד האָבען זיך אויסגעשפּרייט, דער גאַנצער קערפּער האָט זיך צו איהם איבערגעבויגען, דאָך האָב איך מיך צוריק געהאַלטען; מיט אַלע כּוחות צוריק געהאַלטען.

אַ קשיא אויף אַ מעשה, טראַכט איך, עס איז טאַקי יאַנעק פּאָלניעווסקי, אונזער געוועזענעם סעקוועסטראַטאָר'ס זוהן; עס איז טאַקי מיין געוועזענער חבר; ער האָט טאַקי אַ מאָל געהאַט ברייטע אָרעם און האָט געוואָלט אַרומחאַפּען די גאַנצע וועלט און אויסקושען איהר יעדעס

אַבער, אויסער די מיאוסע בראָדאַוועקעס, וואָס מען דאַרף אָבשנײַדען!...
נאָר אַ קשיא אויף אַ מעשה... הײַנטיגע צײַטען! אפשר איז ער שוין אײן אַנטיסעמיט, אַ מ ו ז י ק אין דער „ראָלאַ״, אפשר זענען הײַנט מ י ר יודען די בראָדאַוועקעס — וואָס מען דאַרף אָבשנײַדען פון אײראָפּאַ׳ס שעהנער נאָז, ער וועט מיך נאָך אָבמעסטען מיט אַ פּאָר קאַלטע אויגען, אָדער זיך אפילו צוקושען מיט מיר, גאָר זאָגען, אַז איך בין נ י ש ט ווי אַלע יודען...

איך האָב אָבער אַ טעות געהאַט, פּאָלניעווסקי האָט מיך דערקענט, געפאַלען מיר איבערן האַלז, און נאָך אײדער איך האָב צײַט געהאַט מיט איהם זיך צוצורעדען, באַלד געפרעגט, ווי מיר געפעלט דער פּאָדלע אַנטיסעמיטיזם...

— עס איז עפּיס — זאָגט ער, נאַטירליך אויף פּויליש — עס איז עפּיס אַ מ י ן חאָליערע, אַ מין עפּידעמיע...

— טהײל זאָגען אַז עס איז פּ אָ ל י ט י ש...

— גלויב נישט, מײנט פּאָלניעווסקי, די פּאָליטיק מאַכט קײן נײַעס, בעשאַפט נישט קײן פ אַ ק ט ע ן.

זי קען נאָר אויסנוצען די וואָס עקזיסטירען; טהײל אונטערדריקען, טהײל אויפהויבען. אַ ליאַדע פונק קען זי צובלאָזען אויף אַ גיהנם פײַער; נאָר קײן אײנציגען פונק ערגליהען... די מענשען־נאַטור, נישט די פּאָליטיק, שפּינט די געשיכטע פעדעם, די פּאָליטיק צו־פלעכט, פערדרעהט, פערקניפּט און פערפּלאָנטערט זײ!

דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ קרענק. די פּאָליטיק שטעלט זיך בײַם קראַנקען בעט ווי אַ נאַרישער שלעכטער דאָקטאָר, וואָס וויל די קרענק פערלענגערן.

די פּאָליטיק נוצט אויס דעם אַנטיסעמיטיזם; עס פליהט אַ שטײן אין דער לופט, לענקט איהם ביסמאַרקס אונטער־בעלפער אין שוהל־פענסטער אַרײַן; אַז ניט — וואָלטען אַנדערע שויבען געפּלאַצט. עס הויבט זיך אויף אַ פּראָטעסטירענדע פויסט, רוקט מען איהר אונטער אַ יודישע דאַרע, אײנגעגאָרבאַטע פּלײצע — אַז נישט וואָלטען אַנדערע בײנער געקנאַקט...

אָבער דער שטײַן, די פויסט, די שנאה, דער האַס — עקזיסטירען פאַר זיך אַלײן...

װער שטאַרבט אויף אַ פּהיזישען אונטערגאַנג? שװאַכע קינדער, איבער־געלעבטע אַלטע לײַט, פערקרעפּקטע מענשען; װער פאַלט אונטער אַ מאָראַלישע עפּידעמיע? דאָס פעבעל־קינד, דער איבערגעלעבטער אַריסטאָקראַט און עטליכע משוגעים, װאָס שפּרינגען אַרוים און פיהרען דאָס קראַנקע רעדעל צום װילדען טאַנץ! עס האַלטען זיך נאָר געזונדטע מוחות!..

— װיפיעל געזונדטע מוחות האָבען מיר? פרעג איך.

— װיפיעל? זעהר װעניג, ליידער! ענטפערט פאָלניעװסקי.

מיר זענען בײדע טרויעריג שטיל געבליבען. װאָס מײַן שכן האָט געקלערט װײס איך נישט, מ י ר האָט זיך געדאַכט, אַז אַפילו די געזונדטע, אײזערנע מוחות זענען אויך אָנגעריהרט. עס זענען פערהאַנען צװײערלײ צײַטען אין דער געשיכטע: אַ מאָל פיהרט דער בעסטער, קלוגסטער מענש די מאַסע, און — אַ מאָל שלעפּט די מאַסע די בעסטע קלוגסטע מענשען... דער מאַסע־אַנפיהרער איז אַ קאָלאָמבוס, װאָס זוכט פאַר דער מענשהײט אַ נײַ גליק, אַ נײַ אַמעריקאַ... קוים פעהלט אָבער װאַסער און ברױדט אויף דער שיף, עמפּערען זיך די שיפסקנעכט און זײַ פיהרען!... דאָס ערשטע דאַרף מען עמיצען קוילען, מען דאַרף אי — פלײש עסען, אי — די רציחה שטילען...

— און מײַן נישט — האַקט מיר פאָלניעװסקי איבער די טרויעריגע געדאַנקען — אַז איך מאַך מיר אַלײן קאָמפּלימענטען, אַז איך האַלט מיך אַ ל ײ ן פאַר דעם שטאַרקען גײַסט, װאָס האַלט אויס די עפּידעמיע, פאַר אַ אײכענבוים, װאָס דער שטורם ריהרט איהם נישט פון אָרט...

— נײן, ברודער, זאָגט ע ר װײַטער — איך בין נישט פון די גבורים. איך װאָלט אפשר געװעזען מיט אַלע גלײַך, מיך װאָלט אפשר אויך דער װינד אָבגעריסען װי אַ פויל בלעטעל פון עץ־הדעת, און מיט מיר אַרומגעדרעהט אין דער לופט. א י ך װאָלט אויך געגלויבט, מיט אַלע פוילע בלעטער צוגלײַך, אַז עס איז בײַ אונז אַ באַל, אַז מיר טאַנצען מיט חשק, אַז דער װינד איז אונזער געדונגענער כלי־זמר, װאָס שפּיעלט אונז צו אויפ'ן פײַפעדל...

מיך האָט געראַטעוועט אַ צופאַל... איך האָב אַ יודיש ווײַבעל דערקענט! — הער!

איך האָב מיך איבערגעבויגען צו מײַן שכן; זײַן פּנים איז נאָך ערנסטער, נאָך פינסטערער געוואָרען, ער האָט געשטעלט די עלענבויגען אויף דער קניע און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענד...

— נאָר מײַן נישט — מאַכט ער צו מיר — אַז איך האָב דערקענט אַ העלדין פון אַ ראָמאַן, אַ אײַזערנעם האַראַקטער, וואָס ברעכט צוימען און מויערן און געהט זיך שטאָלץ זײַן וועג; מײַן נישט אפילו אַן „אויסנאַהם", אַ געבילדעטע" מיט נײַע אידעען, אָדער אַ י ן „אידעאַל" בכלל... ניין איך האָב דערקענט אַ פּראָסט יודיש ווײַבעל, פון די בעסערע, נאָר פון די בעסער אומגליקליכע. איך האָב זי ליעב געקריגען, איך זאָג דיר אויס דעם אמת. און, ווען איך הער אָדער איך לעז עפּיס שלעכטס אויף יודען בכלל... שווימט זי מיר אַרויס פון זכרון מיט איהרע פײַכטע טרויעריגע אויגען, שטעלט זיך פאַר מיר און בעט זיך: גלויב נישט, איך בין נישט אַזוי!...

ער פערטראַכט זיך.

די געשיכטע איז גאַנץ אײנפאַך, וועקט ער זיך און הויבט אָן צוריק צו דערצעהלען.

מיר האָבען איבער דער גאַנצער צײַט נישט קאָרעספּאָנדירט, און דו ווייסט נישט, וואָס מיט מיר איז איבער דער גאַנצער צײַט געשעהן, איך וועל דיר דערצעהלען קורץ; איך פאָהר נאָר ביז לוקאָוואַ...

— פון גימנאַזיום בין איך אַרײַן אין אוניווערזיטעט און שטודירט מעדיצין. איך האָב נ י ש ט געענדיגט... אַ ביסעל זענען חברים, אַ ביסעל די לעהרער און מעהר נאָך, איך אַליין שולדיג... איך האָב געמוזט אַרויסטרעטען, ווערען אַפּטעקער חתונה האָבען, נדן נעמען און פערלעגען זיך אין אַ קליין שטעדטעל אַ קראָם פון פּילען מיט ריצען־עהל...

עס האָט מיך דאָך אַ גליק געטראָפען; איך האָב געקריגען אַן עהרליכען שווער, וואָס האָט מיר אויסגעצעהלט דאָס געלד באַלד נאָך דער חתונה, אַ גוט און שעהן ווײַב, אַ נישט קשה'דיג קליין שטעדטעל...

מײַן ווײַב האָט געהייסען מ אַ ר י אַ... אָט שטעהט זי מיר ציינד פאַר די אויגען... זי דרעהט זיך איבער צו מיר פון שפּיעגעל אונבעהאָלפען: דער גאָלדגעלאָקטער קאָפּ וויל זיך נישט אונטערגעבען איהר דעספּאָטישען קאָם. זי, די לאָקען, צולויפען זיך לוסטיג אין אַלע זײַטען... זי

ווילען נישט ליגען צוגעדריקט אין קראַנץ, וואָס איז דעמאָלט מאָדע געוועזן...

שלאַנק... און אַ זוינע גוטע, אַזוינע הארציג־לאַבענדיגע הימעל־בלאָהע אויגען...

די פּראַקסע האָט אונז ווייניג געשטערט... דאָס שטעדטעל איז צו אָרעם געוועזען, און אַנ'אַפּטייק אָהן אַ דאָקטאָר איז ווייניג וואָס ווערטה. מען האָט זעהר ווייניג געלעזט, האָבען מיר טאַקי געלעבט ווי אין גן עדן... און, זומער איז עס געווען, שטענדיג אויף דער ווערענדע, האַנד אין האַנד, אויג אין אויג, ליפּ אין ליפּ!

און וואָס האָט אונז געוואָלט אינטערעסירען? פּרנסה איז געוועזען, געהן ערגעץ? וואו אַהין? פון דער ווערענדע האָבען מיר געזעהן כמעט דאָס גאַנצע שטעדטעל... די נידריגע, אײַנגעבויגענע הײַזלעך, מיט די הויכע, ברייטע, שוואַרצע הילצערנע בוידעם, וואָס האָבען זיך געבויגען, ווי מיט רחמנות איבער די בייגעל־און אויבס־זיצערקעס, פון די אָרעמע שטעלען פאַר די הײַזלעך... גלייך זיי האָבען געוואָלט בעשיצען די אײַנגע־שרומפּענע, אַלטע, אויסגעדאַרטע פּנים'ער פאַר דער זון...

דאָס שטעדטעל איז אַמאָל רייך געוועזען, די בוידעם זענען פול געוועזען מיט אַלערליי תבואות און פרוכטען; דער מאַרק — מיט פוהרען, מיט פויערן, מיט מעקלער; צווישען די ווייסע סיערמיענגעס און די גראָהע חאַלאַטען פלעגט זיך אַמאָל בעווייזען אַ גרויסער פּריץ אויך... (אַזוי ווע־ניגסטענס האָט מען מיר אינ'ם שטעדטעל דערצעהלט), נאָר דער שאָסעע מיט דער באַהן האָבען דאָס שטעדטעל אַרויסגעוואָרפען פון דער האַנדעל־וועלט, די גאַס איז לער, די בוידעם פול מיט פוילע ציבעלעס און שטיקער קעז — די איינציגע ירושה, וואָס עס איז געבליבען פון די גוטע צײַטען...

אָרעם — ווי נאָר זיך צו דענקען! אויף יעדען קערצעל קאָרן, וואָס אַ פויער ברענגט, וואַרפען זיך 10 סוחרים, שטייגען דעם פּרייז, אין מיט'ן גלייכט מען זיך אויס, מען זאָגט זיך צו אָבטרעט־געלד, אָדער מען קויפט בשותפות — נאָר אַלע צעהן שאַרען אומזיסט אויף אַלע טאַשען, זיי האָבען פאַר'ן קערצעל תבואה נישט צו בעצאָהלען, און באָרגען צו די רעשט אויף פּראָצענט...

און 100 שנײַדער אויף איין פּאָר בײַן־קלײדער, 50 שוסטער אויף אַ לאַטקעלע... איך האָב נאָך אַזאַ דלות נישט געזעהן...

מיר האָבען זיך אָבגערוקט פון שטעדטישען־לעבען ווי ווײַט עס איז נאָר מעגליך געווען; די גליקליכע זענען עגאָאיסטען...

נאָר געגען־איבער אונז, ווי־זאַ־ווי, האָבען מיר בעמערקט אַ יונג ווײַבעל, אַ ודאי נישט מעהר ווי פון אַ יאָהר 18, העכסטענס צוואַנציג. און פון איהר האָבען מיר ביידע נישט געקענט אָבריַיסען אַנ׳אויג... זי, פּראַוודע, פון אונז אויך נישט... עס איז געווען אַ זעלטענע ערשײַנונג... שטעלט אײַך פאָר — אַ שעהנהײַט, אַ בילד אין אַ ברודיגע ראַם, ווי נאָר אַ יודיש פענסטער קען זײַן אין אַ קליין שטעדטעל, אונטער אַ שרעקליך, אויסגעקרימטען דאַך... שטעל דיר פאָר, אַ פּאָר טרויעריגע, טרוימעריש פײַכטע אויגען אויף אַנ׳אַלבאַסטער ווײַס פּנים, און — אונטער אַ האָר־באַנד!...

גאָט! זי האָט אויף אונז אַ שרעקליכען אײַנדרוק געמאַכט...

שטונדען־לאַנג פלעגט זי שטעהן געבויגען איבערן פענסטער, פערבראָכען די הענד, און טרויעריג געקוקט אויף אונז, אָדער אויף די שטערען אין הימעל, און שלינגען די טרעהרען! מיר האָבען געזעהן, אַז זי איז שטענדיג אַליין, עלענד, (איירע מענער האָבען קיין מאָל קיין צײַט נישט), שטענדיג פערטרויערט, פערבענקט. איהר אונגליק איז איהר גע־ווען אויסגעגאָסען אויפ׳ן בלאַסען פּנים... זי איז זיכער געקומען ערגיץ פון דער פרעמד; פון אַ בעסער, פרײַער הויז, זי האָט געבענקט ערגיץ ווײַט, ווײַט אַוועק. איהר האַרץ האָט געצאַפּעלט צו אַ פרײַער לעבען. זי האָט אויך געוואָלט לעבען, ליעבען און געליעבט זײַן... ניין, זאָגט וואָס איהר ווילט, עס טרעפט זיך צווישען אײַך אָפט די עולה, איהר פערקויפט אײַערע טעכטער... אמת, מיט דער צײַט געוועהנען זיי זיך צו, מיט דער צײַט פערגעסען זיי... זיי זענען פרום, זיי זענען גוט, און געדולדיג... נאָר ווער קען איבערצעהלען די ביטערע טרעהרען, וואָס פאַלען אויף זייער פערשוואַרצט פּנים, אײדער דאָס אויג ווערט אויסגעטריקענט? ווער קען איבערעכענען וויפיעל קלעם עס טהוט אין האַרץ, אײדער עס געוועהנט זיך אָבצושטאַרבען לעבענדיגערהייט? און פאַר וואָס קומט עס זיי, צי ווירקליך ווײַל זיי זענען גוט און פרום?

דו זאָלסט קענען דעם ווײַבעל׳ס מאַן; אַ געלעניש... אײַנגעהויקערט...

צוויי מאָל געזעהן אין טאָג האָב איך איהם! אין דער פריה ארויסגעהן, ביי דער נאכט אהיים קומען...

אנ'עולה...

איהר וועט מיר אפשר מודה זיין, אז איך האָב פאָלניעוויסקי'ן אויף דעם נישט געהאט וואָס צו ענטפערן...

מיר האָבען ביידע געשוויגען א ווײַלע און פאָלניעווסקי האָט ווײַטער אנגעהויבען צו דערצעהלען:

— איין מאָל האָט אונז דאָס ווײַבעל פערפעהלט. זי איז א גאנצען טאָג אין פענסטער נישט געשטאַנען.

„זי מוז קראַנק זיין", האָבען מיר געטראַכט.

פאַר נאַכט קומט אַרײַן דער מאַן, דאָס געלעניש, און פרעגט אויף א רפואה.

— וואָס פאַר א רפואה?

— איך ווייס? — מאַכט ער, — א רפואה!

— פאַר וועמע'ס וועגען?

— דאָס דאַרפט איהר אויך צו וויסען? פאַר מיין ווײַבס וועגען!

— וואָס איז איהר?

— אָסור, אויב איך ווייס... זי זאָגט — דאָס האַרץ טהוט איהר וועה...

אַזויערנאָך, דערצעהלט פאָלניעווסקי, איז געוואָרען אונזער ערשטע בעקאַנטשאַפט. איך וועל דיר נישט לאַנג בריינגען... א שטיקעל דאָקטאָר בין איך דאָך. בין איך א היין געגאַנגען...

פאָלניעווסקי האָט געערדט שוין האַלבע ווערטער; ער זוכט פּאַפּי־ראָסען, דערנאָך שוועבעלעך, ענדליך האָט ער אָבגעהאַקט, געעפענט דעם סאַקוואָיאַזש, און געפּאָרעט זיך עטליכע מינוט.

איבער דער צייט האָבען מיך געקוועלט פערשיעדענע געדאַנקען.

איך האָב אָנגעהויבען צוריק צו קוקען אויף פאָלניעווסקי מיט אַנדערע אויגען; זיין ערצעהלונג האָט מיר אָנגעהויבען וועה טהון...

ווער קען א מענש? ווער ווייסט, וואָס אין איהם שטעקט? עס הויבט זיך מיר אָן דאַכטען, אַז איך האָב פאַר מיר א קריסטליכען טחויר, וואָס גנב'ט זיך אַריין אין א יודישע היהנער־שטייג. ער עמפּערט זיך צו פיעל

איבערן מול פון יודישע טעכטער, צו לאנג זוכט ער מיר שוועבעלעך; עפּיס שעמט ער זיך פאר מיר! פאר וואס וויל ער נישט „לאנג ברייען"? פאר וואס וויל ער מיר נישט דערצעהלען אלץ כהויה, מיט אלע פּרטים? ווער ווייסט וואס פאר א ראליע ער האט אין דער זאך געשפּילעלט, צי נישט די אלטע ראליע פון שלאנג אין גן עדן! וואס איז, דאס געוויסען וועט נישט לאזען? אויך מיר אנ'עסק! א יודיש ווייבעל, פאר וואס נישט! א מאל איז א מצוה געוועזען אב צו טויפען, היינט חאטש צו עמפּערען א יודישע טאכטער געגען איהר גאט, איהרע עלטערן, איהר מאן, און — איהר גאנץ לעבען.

עס הייסט ליבעראליזם, אריינגעהן אין תפיסה, ברענגען מיט זיך א פרישע פאליע לופט, א בונד שטראהלען פון דער זון, אויפוועקען דעם ארעסטאנט, געבען איהם א שטיקעל לעקעך, און פערשוואונדען ווערען... נישט צו זעהן ווי דער ארעסטאנט קריצט מיט די ציין, ווען עס דרעהט צוריק איבער דער פערראסטעטער שליסעל אין שלאס; ווי פינסטער עס ווערט זיין פּנים, ווי ענג איהם ווערט די לופט, ווי ספּאזמאטיש ער אט-העמט, ווי ער רייסט פון זיך האר און פלייש, אדער בעגיסט, אויב ער קען נאך וויינען, מיט ביטערע טרעהרען זיין פערשימעלט, פון מייז אוים-געביסען שטיקעל קלייען-ברויט...

אויפוועקען א פינסטער, פערשלאפען, פערדריקט יודיש-ווייבעריש הארץ, זאל דארטען אויפקלינגען א זיסער ראמאנטישער טאן, זאל דארטען אויפפלאמען א ניי, ווילד, אונבעקאנט, אדער לאנג פערגעסען, געפיהל; אבקושען זיך, און דערנאך — אדיע! פערהאמערט די טהיר! זאל איהר זויער און ביטער זיין דאס לעבען.

. . . .

מיר האבען זיך אזוי פול אנגעגעסען מיט סם, מיט גאל, מיט האס, אז ווען מען דערלאנגט אונז ברויט מיט זאלץ, זענען מיר אויך זיכער, אז עס איז פערגיפטעט... מעג די האנד ציטערן פאר רחמנות, מעג אין אויג העגגען א מיטליידס-טרעהר, אויף די ליפען — טרייסט... עס איז שווער צו גלויבען! מיר זענען אויך אנגעשטעקט, עס איז אויף אונז אויך אנ'אונטערגאנג!

. . . .

פּאלניעווסקי האט דערוויל געפונען זיינע צינדהעלצער און איך האב אונגערן גענומען א פאפּיראס. מיר האבען פערראוכערט, די בויד איז פול

געוואָרען מיט בלאַהע, רויכיגע רעדער. איך האָב געקוקט אויף זיי, נאָכ־געיאָגט און געטראַכט: נישט לענגער געדויערט דאָס גוטע מיט'ן שלעכ־טען צוזאַמען!

. . . .

— מיר האָבען זיך דערקענט, דערצעהלט ווייטער מיין קריסטלי־כער שכן, נאָר צו ענגערע פריינדשאַפט איז נישט געקומען...

— פאַר וואָס? פרעג איך איבערראַשט.

— פון דער ווייטענס האָבען מיר זיך ווייטער אָנגעקוקט ווי די בעסטע גוטע פריינד, נאָר נישט זי האָט געקענט צו אונז, נישט מיר צו'ן איהר קומען.

— זי וואָלט מעהר ניט בעדאַרפט! עס איז אַן'אונגעהויער פרום שטעדטעל. אויסער דעם פעלדשער און אַ יונג דאַמען־שניידערל טראָגען אַלע חאַלאַטען...

אויסער דעם, ווייס איך אפשר אַליין נישט, וואָס עס האָט אונז דאָך צוריק געהאַלטען... נאָר נישט אין דעם בין איך אויסען...

מיך האָט דערווייל געטראָפען דאָס גרעסטע אונגליק, וואָס אַ מענש קען טרעפען.

די אַפּטעק האָט גאַנץ וועניג איינגעטראָגען און מיין ווייב האָט אָנגעהויבען קרענקען.

טאָג־טעגליך האָב איך געזעה'ן בחוש, אַז זי שטאַרבט מיר אָפּ, און עס איז נישט געוועזען מיט וואָס צו רעטען. זי האָט בעדאַרפט איטאַל־יען, און איך האָב נישט געהאַט איהר עסען צו געבען... און ביי אַן' אָבצעהרונג, ווי דו ווייסט, איז דער קראַנקער פול מיט האָפנונג, ער גלויבט נישט אין דער קרענק!

דאָס גאַ־צע וועהטאָג, דעם גאַנצען צער מוזט דו אונטערדריקען, האַלטען טיעף בעגראָבען אין האַרץ. ווען דאָס האַרץ בלוטיגט, מוזט דו שמייכלען, דיין שטערן מוז זיין גלאַט! יעדע סעקונדע שטאַרבט אין דיר יעדעס אבר, און דו מוזט העלפען פלענער מאַכען וואָס עס וועט זיין איבער אַ יאָהר, ווי אַזוי מען וועט פערגרעסערן דאָס הויז, קויפען אַ פּיאַנע...

דאָס קול האָט זיך איהם פערענדערט —

„איך בין נישט אימשטאַנד דיר אַלס צו ערצעהלען, נאָך אַ מאָל איבערצולעבען די אַלע פּינסטערע צרות... נאָח מיין אומגליק האָט מיך

צוזאַמענגעבראַכט מיט איהר אומגליק. מיר האָבען זיך אַזויערנאַך גענה-טער דערקענט"...

פון דער ווייטענס האָט זיך געוויזען לוקאָווא!

— אין די איניגע מינוטען, וואָס איך האָב נאָך צייט, קען איך זאָגען אַז אַזאַ אומגליקליך מענש ווי דאָס ווייבעל איז געוועזען, און דערביי מיט אַזוי פיעל געפיהל און רחמנות פאַר אַנדערע — האָב איך נאָך אין מיין לעבען נישט געזעהן... און אַלס אַזוי איינפאַך, נאַטירליך, נישט איבערגעטריבען...

זי האָט מאַריאַ'ס בעט נישט אָבגעטרעטען. זי האָט געפּועלט ביים מאַן, ער זאָל מיר געלד שאַפען אויף קלענערע פּראָצענט. זי איז אונזער וועכטערין, אונזער ווירטהין, אונזער קעכין, אונזער ערגעבענסטער פריינד געוועזען!

און אַז מאַריאַ איז געשטאָרבען, איז אפשר שווערער געוועזען זי צו טרייסטען ווי מיך!

דעמאָלט האָב איך מיך איבערצייגט, אַז די שנאה צווישען פעלקער איז נ י ש ט נאַטירליך... נישט מעהר, עס איז שלעכט אויף דער וועלט; הייסערע, בלוטיגערע אָדער אונגליקליכערע ווילען פּראָטעסטירען, נאָר דער פאַלשער שרייבער. דער פּאָליטישער אַדוואָקאַט, שרייבט זיי אַ דאָגמאַס אויף יודען...

איך האָב געזעהן בחוש, אַז יודען זענען אונז קיין שונאים נישט, אַז מיר ק ע נ ע ן לעבען בשלום!...

ליקאָווא רוקט זיך אַלס נעהנטער און נעהנטער, און איך האָב אַלס מורא פאַר'ן סוף, איך האַק איהם איבער און פרעג:

— און וואָס איז דער סוף געוועזען מיט דעם ווייבעל?

— איך ווייס? איך האָב צו קבורה געבראַכט מיין ווייב, פער-קויפט די אַפּטעק, צווייגט זיך ביי'ם געזעגענען מיט מיין שכנה, און — גאָר נישט! היינט וואוהן איך אין לוקאָווא, עס געהט מיר היינט אויך נישט גוט...

— און זאָג נאָר, ווי הייסט דאָס שטעדטיל, וואו דו האָסט פריהער געוואוהנט?

— קאָנסקאָ-וואָלאָ —

— דיין שכנה איז אַ הויכע, אַ בלאַסע?..

— יאָ!

— אַ דאַרע?

— יאָ; דו קענסט זי? פרעגט ע ר דערפרעהט.

— זי האָט אַ פעפער אויף דער לינקער זייט נאָז?

— וואָס פאַר אַ פעפער? לאַכט יאַנעק, וואָס פאַלט דיר איין.

איך קלער, אַז איך האָב אַ טעות געהאַט און פרעג:

— אפשר אויף דער ר ע כ ט ע ר זייט נאָז?

— וואָס פאַר אַ פעפער? וואָס רעדסט דו?

— האָסט דו אפשר נישט בעמערקט... נאָר איהר מאַן איז אַ געלער?

— יאָ.

— ער הייסט חיים?

— דאַכט זיך מיר, ניין, און אפשר יאָ, ווייסט דער טייוועל...

— אָבער זי הייסט חנה!

— אַח, ווי! שרה! איך געדענק זיכער שרה... איך פלעג זי רופען סאָרוכנא... איהר נאָמען וועל איך דאָך נישט פערגעסען! דער נאַר בין א י ך געווען, א י י ן יודיש ווייבעל לעבט אַזוי?

IV.

די אַלְמָנָה.

די גראָהע ריהרעוודיקע נעפּעל קלויבען זיך צוזאמען אויף א שוואר־צען וואָלקען: עס איז דושנע, עס וועט פאלען א שטארקער רעגען; ער שיקט זיך שוין אָנזאָגען דורך עטליכע דיקע טראָפּען... דאָס שטיבעל שטעהט אונטער'ן בארג, דאָס שטרויענע דעכעל איז פול מיט לעכער; עס האָט נישט ווער עס צו פערריכטען.

די וואָלקען האָבען פערשטעלט די זון. די רעשט ליכט פערשטעלט דער בארג; אין שטיבעל איז כמעט פינסטער. עס איז פאר נאכט, באלד וועט די נאכט צופאלען... אין עק, אויפ'ן קויטען, שטעהט א לעדיג לעמ־פּעל מיט אנ'אָבגעבראָכען גלעזעל אָהן נאפט... עס האָט נישט ווער צו געהן נאפט קויפען.

אין שטיבעל איז שווילער ווי אין דרויסען...

דער קוימען איז נישט לעדיג: עטליכע ערדענע, האלב צובראָכענע טעפּלעך, א ביסעל אש... א שטיקעל אָבגעשליפענער ציגעל, אייזערנע פיסלעך, — נאר אָהן א פונק פייער. פאר דער טהיר ליגט נאָך א פוילע ליפּע האָלץ, עס האָט נישט ווער זי צוצוהאקען.

דער בעל־הבית פון שטיבעל איז קראנק געוועזען א גאנץ געהענדיג יאָהר און וואָס א טאָג איז קלענער געוואָרען דאָס אָבגעשפּאָרטע קניפּעל...

ער האָט געזאמעלט פון א קינד'ס וועגען: „צוזאמענגעקליבען א רובל 100, אוועקגעגעבען אויף פראָצענט"... האָט נאָט בעשערט א מיידעלע, „זאָל זיין נדן פאר איהר!"

איז אָבער געקומען די קרענק:

פון קניפעל האָט אַלע מאָל מעהר געפּעהלט געלד און דעם קראַנ־קען — כּוחות און בלוט... עס האָבען אַרויסגעוואַנדערט די כּלים פון שטוב; די לעצטע איז אַרויסגעגאַנגען די נעה־מאַשין... מיט'ן לעצטען דרייער פון קניפעל איז אַרויס אויך די נשמה פון גוף...

דאָס ברודיגע שטיקל ליינוואַנד פונ'ם קניפעל הענגט צונד איבער א גלאָז וואַסער ביים נשמה־ליכטעל.

ביי דער טהיר שטעהט א קליין אייזערן קעסטעל... דאָס איז דער געוועזענער דיענסט'ס. זי איז ערשט אַרויסגעגאַנגען זיך זוכען אַנ'אָרט

אין לעדיגען שטיבעל איז כּמעט פינסטער...

אויף דער פּאָדלאָגע שימערט א ביסעל צוואָרפען שטרוי... אויף די פיער ווענד שטאַרען אַרויס פערשידענע נעגעל.

אויף זיי האָט געהאָנגען א שפּיגעלע (היינט דאַרף מען עס נישט... די אלמנה וואָלט זיך פאַר איהר פּנים דערשראָקען...), א חנוכּה־לעמפּעל (פאַר וועמים וועגען?), עס האָבען געהאָנגען קליידער... יעדער האָט זיך פאַר זיין טוידט אָבגעחאַפּט זיינס!

אין ווינקעל שטעהט א וויגעל; אין וויגעל ליגט א קינד. עס שלאָפט.

אויף דער ערד נעבען וויגעל זיצט די פרישע אלמנה. די דאַרע הענד געבראָכען, דער שווערער קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויפ'ן וויגעל... די אויסגעוויינטע אויגען קוקען שטאַרק אויפ'ן סופיט.

עס דאַכט זיך, זי לעבט נישט, זי פיהלט נישט, זי קלערט נישט... איהר האַרץ קלאַפּט נישט, זי האָט קיין דופק נישט...

דאָך אין מוח וואַלגערט זיך אַרום א מחשבה; קיין אַנדערע טרייבט זי נישט אַרויס, ריהרט זי זיך נישט —

— „הענע, האָט ער א מאָל געזאָגט, דערלאַנג מיר דאָס שע־רעל!" ער האָט עס נישט געדאַרפט, ער האָט דערביי עפּיס קליגעריש

געשמײכעלט... וואָס האָט ער געוואָלט? איך זאָל צוגעהן צו איהם? איך האָב געשײלט קאַרטאָפלעס... צי האָב איך איהם דערלאַנגט דאָס שעריל? נײן; עס איז עמיץ דערווײַל אַרײַנגעקומען... ווער?"
זי קען זיך נישט דערמאַהנען און קלערט אַלץ: ווער?
דאָס קינד דערווײַל שלאָפט און שמײכעלט אין חלום.

V.

חתונה געהאט.

(ערצאהלט פון א פרוי).

איך געדענק מיך נאך פון דער צייט, ווען איך האב אין צייכען געשפיעלט און זומער־צייט אויפ'ן הויף פון לעהם חלות געבאקען; ווינטער בין איך א גאנצען טאג געזעסען אין שטוב און געוויגט א קליין ברודער'ל, וואס איז געבוירען געווארען קראנק און האט געקרענקט ביז צום זיבענטען יאהר, ווען עס איז געשטארבען אויף אנ'אונטערגאנג. —

זומער, כל זמן די זון האט געשיינט, איז דאס אומגליקליכע בעשעפעניש געזעסען אויפ'ן הויף, געווארעמט זיך אויף דער זון און געקוקט, ווי איך שפיעל אין צייכען.

ווינטער איז עס פון וויגעניש ארוים, און איך האב איהם מעשיות דערצעהלט און ליעדלעך געזונגען די רעשט ברידער זענען אלע אין חדר געווען.

די מאמע איז שטענדיג געווען פערנומען, אפשר 10 פרנסות האט זי געהאט, די ארעמע מאמע: א פשעקופקע געוועזען, לעקאך געבאקען, אויף ברית'ן און חתונות געגאנגען... טוקעריין געוועזען, קברים־מעסטערין, זאגערין, און אזוי אנ'איינקויפערין פאר בעלי־בתישע הייזער.

דער טאטע איז פאר 3 רובל א וואך געוועזען א שרייבער ביי ר' זיינוויל טערקעלבוים אין וואלד. — און דעמאלט זענען נאך די גוטע צייטען געוועזען: די מלמדים — בעצאהלט, דירה־געלד — כמעט צו דער צייט, קיין טרוקען ברויט אין מויל אריין האט נישט געפעהלט.

טהייל מאל האט די מאמע אויף וויעטשערע א קולישע געמאכט,

דעמאָלט איז שוין אַ גאַנצער יום־טוב געוועזען. דאָך האָט עס זעלטען פּאַסירט.

די מאַמע פלעגט מעהרסטען־טהייל אהיים קומען שפּעט, מיעד ון גאַנץ אָפּט פערוויינט און פערביטערט. זי קלאָגט זיך, אַז עס ווערען איהר ביי די בעלי־הבית'טעס חובות פערפאַלען; אַז מען הייסט איהר אויסלעגען, דערנאָך — קומען מאָרגען און איבערמאָרגען... דערווייל ווערען נייע קניות געמאַכט, און צום סוף, אַז עס קומט צום חשבון, געדענקט נישט די בעל־הבית'טע, צי זי האָט נישט בעצאָהלט פאַר'ן איי־ערנעכטיגען האַלב־קוואַרטירעל פוטער... מען „שטעלט עס דערווייל אַוועק", מען מוז פרעגען דעם מאַן, וואָס איז דערביי געוועזען: ער האָט אַן אייזערנעם זכרון, וועט אַ ודאי געדענקען, ווי אַזוי דער חשבון איז געוועזען. צומאָרגענס ווייזט זיך אויס, אַז דער מאַן איז אהיים געקומען צו שפּעט פון בית־המדרש און זי האָט'ן פערגעסען צו פרעגען; דעם דריטען טאָג דערצעהלט זי מיט אַ נחת, אַז זי האָט געפרעגט דעם מאַן, נאָר ער האָט זיך אויף איהר געבייזערט, וואָס זי פערדרעהט איהם דעם קאָפּ: „ער האָט מעהר נישט וואָס צו טהון, נאָר אויסצוהערען ווייבערשע חשבונות!" און עס בלייבט, אַז זי וועט זיך אַליין דערמאָהנען.

דערנאָך הויבט זיך איהר אָן דאַכטען, כמעט אויף זיכער, אַז זי האָט דאָס האַלבע־קוואַרטירעל פוטער פערדרעכענט; שפּעטער וואָלט זי מוי־ערן דערויף געשטעלט. און, אַז די אָרעמע מאַמע דערמאַהנט נאָך אַ מאָל וועגען קוואַרטירעל פוטער, הייסט זי שוין אַ חצופה, מאַכט זי אַ בלבול, וויל זי אויסנאַרען אַ האַלבען גילדען... איז מען זי מתרה, אַז אויב זי וועט נאָך אַ מאָל אַ פּיפּיץ טהון וועגען דער פוטער, זאָל זי זיך מעהר אין די אויגען נישט ווייזען!

די מאַמע, וואָס איז אַ מאָל אַ „גבירישע טאָכטער" געוועזען, און וואָלט, ווען נישט דער פּרייז, וואָס האָט איהר צוגענומען דעם נדן, אַליין אַ בעל־הבית'טע געוועזען, האָט עס נישט געקאָנט לייכט איבערטראָגען; זי פלעגט טהייל מאָל אהיים קומען מיט געשוואָלענע אויגען, געוואָרפען זיך מיט אַ געוויין אויפ'ן בעט און אַזוי אָבליעגען אַ גרויסע ווייל, און ווייַנען, און ביטערליך וויינען, ביז זי האָט זיך אויסגעוויינט דאָס ביטערע האַרץ, און איז אויפגעשטאַנען און אָבגעקאָכט אונז אַ ביסעל קליסקעלעך מיט באָבערלעך.

טהייל מאָל האָט זי אויסגעלאָזט דעם כעס צו אונז; אייגענטליך,

דער עיקר צו מיר: דעם קראַנקען בעריל האָט זי קיינמאָל גאָר נישט געזאָגט, די ברידער פון חדר אויך גאַנץ זעלטען — זיי פלעגען נעביך אַהיים קומען אַזוי אויך מיט ברוינע־בלאָהע, אויסגעקניפּענע באַקען און אונטערגעשלאָגענע אויגען; פאַר דאָס האָב איך גאַנץ אָפט געלעזט אַנ׳אומזיסטען ריס ביי די האָר אָדער אַזוי אַ מתנת יד.

„דו ביזט נישט קראַנק געוועזען דערווייל אַנצולעגען אַ פייער, צושטעלען אַ טעפּעל וואַסער" — און דאָך, אַז איך האָב עס אַ מאָל געטהון, איז נאָך ערגער געוועזען: „זעה נאָר מיין בעל־הבית׳טע! גאָר נישט, אַ פייער לעגט זי אָן, דאָס האָלץ זאָל זיך דערווייל אומזיסט און אומנישט אויסברענען... עס אַרט זי עפּיס מיין פּראַצע? — בדלות מאַכט זי מיך!"...

טהייל מאָל האָט דער טאַטע געלעזט אונטער די אויגען; די מאַמע זעצט זיך אַנידער אויפ׳ן בעט מיט׳ן פּנים צום פענסטער, און, אַרויסקוקענדיג אין דער לופט אַריין, קרעכצען: „עס אַרט איהם עפּיס? ער זיצט זיך דאָרט אין וואַלד, ווי אַ חראַביע, שמעקט פרישע לופט, ליעגט זיך אויפ׳ן גראָז, פרעסט זויער־מילך, אפשר נאָך סמעטענע, איך ווייס? און דאָ דאַרען מיר די קישקעס!"...

ביי דעם אַלעם איז דעמאָלט גוט געוועזען. מען האָט קיין הונגער נישט געליטען, און נאָך אַ וואָך מיט פערשידענע קליינע צרות איז געקומען אַ פרעהליכער, על כל פּנים, אַ רוהיגער שבת. דער טאַטע פלעגט אָפט אַהיים קומען, און די מאַמע פלעגט זיך אַרומדרעהען אין אַלע ווינקעלעך און בסוד סודות שמייכלען.

אָפט פלעגט פרייטאָג פאַר נאַכט, פאַר ליכט בענשען, די מאַמע מיך קושען אין קאָפּ אַריין... איך האָב געוואוסט, וואָס דאָס בעטייט, וואָרען, אַז עס האָט געטראָפען, און דער טאַטע איז נישט אַהיים געקומען אויף שבת, בין איך אַ „מכשפה" געוועזען! האָט מיר די מאַמע מיט׳ן קעמעל האַ׳ב האָר אויסגעריסען און דערצו נאָך עטליכע זעץ דערלאַנגט אין די פּלייצעס. איך האָב נישט געוויינט; מיין קינדיש האַרץ האָט געפיהלט, אַז דאָס מיינט די מאַמע נישט מיך, נאָר איהר טרויעריג מזל!

דערנאָך האָט זיך דער וואַלד אויסגעהאַקט, דער טאַטע איז אין דערהיים געבליבען און עס האָט אָנגעהויבען פעהלען אין מויל אַריין. געפעהלט, אייגענטליך, האָט נאָר דעם טאַטען, דער מאַמען און מיר; די רעשט קינדער האָבען ווייניג וואָס געוואוסט דערפון; דאָס קראַנקע ברו־

דער'ל האט גאר נישט געדארפט, עס האט געזופט אמאל א ביסעל גריץ, אויב מען האט איהם דערלאנגט, און אלץ אין איינעם געקוקט אויפ'ן בעליק... די אנדערע, נעביך, „געהען אין חדר אריין, זיי מוזען דאך האבען א לעפעל געקעכטס"... נאר איך בין גאנץ אפט הונגעריג געוועזען.

דער טאטע מיט דער מאמען האבען שטענדיג דערמאהנט די אמאליגע צייט מיט טרעהרען אין די אויגען; איך — פערקעהרט! איך האב מיך אין דער שלעכטער צייט בעסער געפיהלט. זייט עס האט געפעהלט ברויט אין שטוב, האט מיך די מאמע טאפעלט ליעב בעקומען; ביים קעמען האט זי מיר קיין האר נישט געריסען, אין די דארע ביינער אריין נישט געבוכעט; דער טאטע פלעגט מיר ביים ווארעמעס גלעטען איבער'ן קאפ און פערשפיעלען מיך, איך זאל נישט זעהן, ווי מען פערטהיילט מיך; און איך בין נאך ביי מיר גרויס געוועזען, אז, ווען מען דארף פאסטען, פאסט איך גלייך מיט'ן טאטען און מיט דער מאמען, אז איך בין שוין א גרויסע מויד!

אין דער צייט איז דאס קראנקע ברודער'ל געשטארבען.

געשעהן איז עס אזוי: איינמאל האט זיך די מאמע אויפגעחאפט און געזאגט איבער'ן בעט צום טאטען: „ווייסט, בערלען איז אודאי בעסער, ער איז א גאנצע נאכט געשלאפען, קיין איינציג מאל נישט געוועקט".

איך האב עס דערהערט — איך האב שטענדיג א לייכטען שלאף געהאט — און בין מיט א פרייד אראבגעשפרונגען פון געלעגער אויפ'ן קאסטען, און צוגעלאפען זעהן מיין „איינציג ברודער'ל" (אזוי האב איך עס גערופען, אזוי ליעב האב איך עס געהאט). איך האב געהאפט צו דערזעהן אויפ'ן פארמעטענעם פנים'ל א שמייכעל, וואס פלעגט זיך בעוויזען א מאל אין א יאהר... נאר איך האב א טויט פנים געפונען.

עס איז געווארען א שבעה...

דערנאך איז דער טאטע נישט געזונד געווארען, און דער רופא האט אנגעהויבען צו געהן אין שטוב אריין...

כל זמן עס איז געוועזען, ווי עס איז צו צאהלען, פלעגט אריינגעהן דער אלטער רופא אליין; דערנאך, אז דאס גאנצע בעטגעוואנד מיט'ן הענגעלייכטער, מיט'ן טאטענס ספרים-שאנק, וואס די מאמע האט א צייט

נישט געלאָזט ריהרען, זוענען אַריין אין רפואות, האָט דער רופא אָנגעהויבען שיקען דעם „יונג".

דער יונג איז דער מאַמען שרעקליך נישט געפעלען: עס שפּראָצען איהם עפּים שפּיציגע „וואָנסעליך", געהט אָנגעטהון ווי אַ גוי, און דערצו וואַרפט ער אַלע מאָל אַריין עטליכע ווערטער פּויליש.

איך האָב פאַר'ן מורא געהאַט, עד היום ווייס איך נישט פאַר וואָס. נאָר, ווען ער האָט געדאַרפט קומען, פלעג איך אַרויסלויפען אויפ'ן הויף און איבערוואַרטען ביז ער וועט אַוועקגעהן.

איינמאָל איז אַ שכן קראַנק געוואָרען, אויך אַנ'אָרעמאַן, און אויך אַ פּנים נאָך אַלע כלים אין שטוב, און דער יונג (עד היום ווייס איך נישט, ווי אַזוי ער האָט געהייסען) איז פון אונזער שטוב אַריבערגעגאַנגען צום שכן. דורכגעהענדיג דעם הויף, האָט ער מיך געטראָפען זיצען אויפ'ן קלאָץ.

איך האָב אַראָבגעלאָזט די אויגען. דערפיהלענדיג, אַז ער קומט צו מיר נעהנטער, איז מיר קאַלט געוואָרען אין די קנעכעל און דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבען שטאַרקער צו שלאָגען.

ער איז צוגעקומען, האָט מיך אָנגענומען ביי דער גאָמבע, אויפגעהויבען מיר דעם קאָפּ און געזאָגט, דוקא אויף פּראָסט יודיש:

— „אַ שענע מויד ווי דו ביזט, דאַרף נישט זיין צושויבערט, דאַרף זיך אויך פאַר קיין בחור נישט שעמען!"

ער האָט מיך אָבגעלאָזט, און איך בין אַריינגעלאָפען צוריק אין שטוב. איך האָב געפיהלט, אַז דאָס גאַנצע בלוט שלאָגט מיר אַלץ אין איינעם אין פּנים אַריין. איך האָב מיך פערדרוקט אין טונקעלסטען ווינקעל אונטערן אויווען, מכלומרשט, אויסצעהלען די ברודיגע וועש... דאָס איז געוועזען מיטוואָך.

פרייטאָג האָב איך דאָס ערשטע מאָל דער מאַמען אַליין דערמאַהנט, אַז מען דאַרף מיר אויסוואַשען דעם קאָפּ, אַז איך בין צושויבערט.

— אַ קלאָג איז צו מיר! האָט די מאַמע פערבראָכען די הענד, איך האָב זי דאָך דריי וואָכען נישט געקעמט!

פּלוצלונג ווערט זי בעז:

— מכשפה! האָט זי אויסגעשריגען, אַזאַ גרויסע, בעז־דערוואַקסענע מויד קאָן זיך אַליין נישט צוואָגען! אַנ'אַנדערע אויף דיין אָרט וואָלט נאָך די אַנדערע קינדער געוואַשען!

— שׂרה'לע, שרײַ נישט! בעט זיך דער טאַטע; נאָר דער מאַמעס כּעס ווערט שטאַרקער און שטאַרקער:

— מכשפה, הערסט! שוין זאָלסט דו דיך צוזאָגן! הערסט — די אותה ריגע! הערסט!

און דאָ האָב איך מורא צוצוגעהן צום קוימען, וואו דאָס הייסע וואַסער איז געשטאַנען, ווײַל, דורכגעהענדיג דורך דער מאַמען, וואָלט איך געלעזט אַ בּוך. געראַטעוועט האָט מיך, ווי געוועהנליך, דער טאַטע.

— שׂרה'לע, האָט ער געקרעכצט, שרײַ נישט, מיר טהוט דער קאָפּ אַזוי וועה!...

דאָס איז גענוג געוועזען. דער מאַמעס כּעס איז ווי מיט דער האַנד אַוועקגענומען געוואָרען... איך בּין פרײַ דורכגעגאַנגען די שטוב און צוגעקומען צום טאָפּ וואַסער.

איך צוואָג מיך אומגעלומפּערט און זעה, ווי די מאַמע געהט צו צום טאַטען און ווײַזט אויף מיר מיט אַ שווערען זיפץ:

— רבונו של עולם, עס וואַקסט נעביך, ווי אויף הייוען, מאַכט זי שטיל צום טאַטען, נאָר מײַן אויער כאַפּט יעדעס וואָרט — שעהן ווי אַ גאָלד... און וואָס?

דער טאַטע האָט געענטפערט מיט נאָך אַ טיעפערן זיפץ.

דער רופא האָט נישט איינמאָל פערזיכערט, אַז דעם טאַטען איז גאָר נישט. דאָס עגמת נפש נאָר האָט זיך איהם געלעגט אויף דער לעבער, דעריבער איז זי אויפגעשוואָלען און דריקט צו דאָס האַרץ; מעהר נישט! דער עיקר זאָל ער מילך טרינקען, קיין עגמת נפש זיך נישט צולאָזען, געהן אין גאַס אַרײַן... רעדען, שמועסען, זוכען זיך אַנ'עסק... דער טאַטע האָט אָבער געזאָגט, אַז די פיס ווילען איהם נישט טראָגען. פאַר וואָס, בּין איך ערשט שפּעטער געוואָהר געוואָרען.

איינמאָל, זומער פאַר טאָג, האָט מיך אויפגעוועקט אַ שמועס צווישען טאַטע-מאַמע:

— כּיזט דו דיך אין וואַלד, נעביך, אָנגעגאַנגען, — מאַכט די מאַמע.

— אַ שאלה דאָס איז, — ענטפערט דער טאַטע, — אין וואַלד האָט מען אויף צוואַנציג ערטער געהאַקט אויף איין מאָל. פערשטעהסט, דער וואַלד איז דעם פּריץ'ס, די פּויערן האָבען אָבער סערוויטוטען: זיי קומט די צווייגען, וואָס פאַלען אַראָב און וואַלגערן זיך אין וואַלד, ווי אויך דאָס האָלץ

פון די בוימער, וואָס אַ דונער צושלאָגט... נו, אַז מען האַקט אויס דעם וואַלד, האָבען זיי דאָך היזק דעם סערוויטוט, מוזען זיי זיך קויפען האָלץ צום בויען און צום הייצען, האָבען זיי, פערשטעהט זיך, געוואָלט לעגען אַני׳ ארעשט, אראָבברענגען דעם קאָמיסאַר; זיי האָבען זיך אָבער צו שפּעט מישב געוועזען. ר׳ זיינוועלע האָט נאָר דערזעהן, אַז זיי קראַצען זיך אין די קעפּ, האָט ער שוין געגעבען אַ בעפעהל, מען זאָל אַנידערשטעלען נאָך 40 האַקער! עס איז געוואָרען אַ גיהנם, אפשר אויף 20 ערטער האָט מען גע־ האַקט. און זיין מוז מען אומעטום... וואָס קלערסט דו? די פּים פלעגען מיר געשוואָלען ווערען ווי די באַרקים...

— ווי אַ מענש זינדיגט! — קרעכצט די מאַמע — איך האָב געמיינט אַז דו האָסט דאָרט גאָר נישט וואָס צו טהון...

— אַ ודאי! — שמייכעלט טרויעריג דער טאַטע — נאָר פון גראָהען טאָג ביז שפּעטער נאַכט אויף די פּים!

— און אַלץ פאַר דריי רובל אַ וואָך? בעזערט זיך די מאַמע.

— ער האָט מיר צוגעזאָגט צו דערלעגען; דערווייל, ווייסט דו דאָך איז איהם די טראַטווע אונטערגעגאַנגען... האָט ער געזאָגט, אַז ער איז בדיל הדל געוואָרען...

— און דו גלויבסט?

— עס קען זיין...

— שטענדיג — בעזערט זיך די מאַמע — ווערט ער בדיל הדל און דאָס פערמעגען וואַקסט און וואַקסט.

— אַז גאָט העלפט, — זיפצט דער טאַטע.

עס איז שטיל אַ ווײַלע.

— ווייסט נישט, וואָס מאַכט ער? — פרעגט דער טאַטע, וואָס איז שוין כמעט אַ יאָהר נישט אַרוים פון שטוב.

— וואָס זאָל ער מאַכען? ער האַנדעלט מיט פלאַקס, מיט אייער; אַ שענק האָט ער...

— און זי וואָס מאַכט?

— זי, נעביך, קראַנק...

— אַ שאַד, אַ גוט מענש —

— אַ בריליאַנט! די איינציגע בעל הבית׳טע, וואָס „מאַכט נישט אייך" אַ גראָשען; זי וואָלט אפילו געצאָהלט צו דער צייט, נאָר זי האָט ביי איהם וועניג וואָס צו שאַפען...

— דאַכט זיך, מאַכט דער טאַטע, דאָס דריטע ווייַב.

— אַוראי! בעשטעטיגט די מאַמע.

— זעהסט, שרה, מאַכט דער טאַטע, דאַכט זיך שוין — אַ יוד אַ גביר... האָט ער קיין מזל נישט צו ווייַבער... יעדערער האָט זיין פעקעל.

— און אַזאַ יונג בלוט! האָט צוגעגעבען די מאַמע, — אין גאַנצען עטליכע און צוואַנציג יאָהר.

— נו גיעה וויים? ער איז אַוודאי אַ זיבציגער און — אייזען שטאַרק.

— און אָהן אַ ברִיל!...

— און זיין גאַנג; די פאָדלאָגע ציטערט!

— און איך, זעהסט דו, ליעג אין בעט.

עס האָט מיך דורכגענומען בייַ די לעצטע ווערטער.

— גאָט וועט העלפען, טרייסט די מאַמע.

— נאָר זי, זי... קרעכצט ווייטער דער טאַטע און וואַרפט אַ בליק צו מיר אויפ'ן קאַסטען. זי וואַקסט, קיין עין הרע, ווי אויף הייוען... פאָרנט... האָסט געזעהן?...

— אַ שאלה דאָס איז!

— און אַ פנים... שיינט ווי די זון...

עס איז ווייטער שטיל געוואָרען אַ ווייַלע.

— ווייסט, שרה'לע, מאַכט ווייטער דער טאַטע, מען איז נישט יוצא פאַר גאָט.

— מיט וואָס?

— מיט איהר! ווי אַלט ביסט דו געוועזען צו דער חתונה?

— יונגער פאַר איהר!

— נו?...

— נו... וואָס?

אין דער אייגענער מינוט האָט מען צוויי קלעפּ געטהון אין לאָדען.

די מאַמע איז אַראָבגעשפּרונגען פון בעט. אין איין רגע האָט זי אָבגעריסען דאָס שטריקעל, אויף וועלכען דער לאָדען האָט זיך געהאַלטען און אויפגעפּראַלט דאָס פענסטער, וואָס האָט שוין לאַנג קיין בעשלעג נישט געהאַט.

— וואָס איז? האָט זי אַרויסגעשריגען אין גאַס אַריין.

— רבקה זײַנוויִלעס איז נפטר געוואָרען.
די מאַמע איז צוריקגעשפּרונגען פון פענסטער.
— ברוך דין אמת! האָט דער טאַטע אַרויסגעזאָגט... שטאַרבען איז גאָר ניִשט...
— ברוך דין אמת, מאַכט די מאַמע, ערשט פון איהר געזעגט!

דעמאָלט האָב איך געהאַט אַ וואונדערליִך אונרוהיגע צײַט. איך ווײס אַליין ניִשט, וואָס מיִט מיר איז געוועזען.

טהײל מאָל בין איך גאַנצע נעכט ניִשט געשלאָפען. די שלעפען האָבען מיר ווי האַמער געקלאַפּט און דאָס הארץ האָט געגאָגט, גלײַך עס וואָלט זיִך געשראָקען פאַר עפּיס, אָדער שרעקליִך נאָך עפּיס געבענקט; טהײל מאָל איז מיר ווײַטער אַזוי וואַרעם און ווײך געװעזען אויפ'ן הארץ, אַז איך האָב געוואָלט אַלץ אַרומנעמען און קושען און האַלזען.

נאָר וועמען? די ברידערלעך האָבען זיִך ניִשט געלאָזט; דער 5 יעהריגער יוחנן האָט אויך געקאַפּעט און געשריגען, אַז ער וויל זיִך ניִשט שפּיִעלען מיִט אַ מײדעל. די מאַמע, אויסער דעם, וואָס איך האָב פאַר איהר מורא געהאַט, איז שטענדיג בעז און פערזאָרגט... דער טאַטע — נאָך קראַנקער.

במשך אַ קורצער צײַט איז ער אין גאַנצען גראָה געוואָרען ווי אַ טויב, דאָס פּנים איז אײַנגעשרומפּען געוואָרען ווי אַ פּאַרמעט, און די אויגען האָבען אַרויסגעקוקט אַזוי אונבעהאָלפען און מיִט אַזאַ שטום געבעט, אַז עס איז געגנוג געווען, איך זאָל עס דערזעהן און אַרויסלויפען פון שטוב מיִט אַ געוויין.

דעמאָלט דערמאַהן איך מיִך אָן מײַן בערילען... איהם וואָלט איך געקאָנט אַלץ דערצעהלען, קושען און האַלזען... ליִעגט ער דאָרט אין דער קאַלטער ערד, און עס חאַפּט מיִך אָן נאָך אַ ביִטערליִכערער געוויין...

די טרעהרען, אײגענטליִך, פלעגען זיִך מיר בעווײַזען גאַנץ אָפט אָהן אַ טעם.

טהײל מאָל קוק איך פון פענסטער אַרויס אויפ'ן הויף און זעה, ווי די לבנה שוויִמט און שוויִמט צו אַלע מאָל נעהנטער צו דעם אויסגעווײַסטען

צוים, וואָס איז געגען אונזער פענסטער, און קען דעם צוים נישט אריבער־שווימען.

און איך בעקום פלוצלינג רחמנות אויף דער לבנה, עס הויבט מיך אן קלעמען ביים הארץ און די אויגען גיסען און גיסען...

טהייל מאָל ווייטער, פלעג איך ארומגעהן מאַט. איך פלעג מיך אזוי ארום וואקלען אָהן כח מיט אַ בלאַס פנים און אונטערגעשלאָגענע אויגען; אין די אויערן רוישט, דער קאָפּ איז שווער, און עס דאכט זיך מיר, אז עס איז מיר אזוי נישט גוט אויף דער וועלט, אזוי נישט גוט, אז עס וואָלט אמבעסטען געוועזען צו שטארבען.

דעמאָלט ווייטער האָב איך בערילען שטארק מקנא געוועזען... ער ליעגט זיך דאָרט אזוי רוהיג...

גאַנץ אָפט אויך, האָט זיך מיר געחלום'ט, אז איך שטאַרב, אז איך ליעג אין קבר, אָדער, אז איך פליה ארום אין הימעל אין איין העמד מיט צולאָזטע האָר און קוק אראָב און זעה, וואָס אויף דער וועלט טהוט זיך.

פונקט דעמאָלט האָב איך פערלוירען די אלע חבר'טעס, מיט וועלכע איך האָב אמאָל אין צייכען געשפּיעלט, און האָב שוין קיין אנדערע נישט בעקומען. איינע איז שוין ארויסגעגאַנגען שבת מיט אנ'אטלאַסענע יופּע און אַ קעט און אַ זייגער! עס האָט שוין געזאָלט זיין איהר חתונה. אנדערע זענען „כלה מיידלעך" געוואָרען. שדכנים און מחותנים „האַקען אָב די טהי־רען", און מען האָט זיי געקעמט, געוואַשען, געקליידט, בשעת ווען איך בין נאָך ארומגעגאַנגען באָרפיס, אין אנ'אלטע בעזינע, קורצע ספּאָדניצע, און איין אויסגעבלאַקעוועטען ציצינען סטאַניק, וואָס האָט אויף מיר אויפ'ן סאַמע־ראָדנע פראָגט אין עטליכע ערטער געפּלאַצט, און איך האָב איהם צוגעלאַטעט מיט אנ'אנדער קאָליר ציץ... די כלה־מיידלעך האָבען מיך געמיידט און מיט יונגערע קינדער האָב איך מיר געשעמט צו חבר'ן; אויך האָבען מיך שוין די צייכען נישט געוויילט. ביי טאָג פלעג איך מיך דעריבער נישט ארויסווייזען אין גאַס אריין. די מאַמע ווייטער האָט מיך אין ערגיץ נישט געשיקט, און אפילו, אז איך האָב אמאָל געוואָלט געהן אַ גאַנג, נישט געלאָזט. פאַר דאָס פלעג איך מיך אָפט ארויסכאַפּען פאַר נאַכט און ארומגעהן אונטערן הויז ביי די שפּייכלער, אָדער זעצען זיך נישט ווייט פון טייך.

זומער פלעג איך אזוי זיצען ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין.

אין אנהויב פלעגט אמאל די מאמע צו מיר ארויסגעהן; צוגעגאנגען איז זי קיינמאל נישט, נאר אין טויער זיך געשטעלט, אומגעקוקט זיך און אוועקגעגאנגען, — איך פלעג כמעט הערען ווי זי זיפצט קוקענדיג אויף מיר פון ווייטען.

מיט דער צייט האט דאס אויך אויפגעהערט.

איך פלעג מיר אבזיצען איינע אליין שעה'ן־לאנג און איינהערען זיך ווי עס רוישט דאס קליינע טייכעל, ווי עס שפרינגען די פרעש פון גראז אין טייך אריין, אדער נאכיאגען ערגיץ א לייכטען וואלקען אין הימעל...

איך פלעג אמאל האלב איינשלאפען מיט אפענע אויגען.

איינמאל האב איך דערהערט פון ווייטענס א טרויעריג ליעדעל. דאס קול איז געוועזען יונג און פריש, און עס האט זיך מיר מיט א טרויער אויסגעגאסען אינ'ם גאנצען לייב; עס איז געוועזען א יודיש ליעדעל.

דאס זינגט דער „רופא־יונג״, — טראכט איך —, אנדערע וואלטען זמירות, נישט קיין ליעדלעך געזונגען.

איך טראכט אויך, אז מען מוז אריין אין שטוב און אזוינע ליעדלעך נישט הערען און מיט'ן רופא־יונג זיך נישט טרעפען. נאר אויפגעהויבען האב איך מיך נישט; איך בין עפּיס ווי פערחלומ'ט געוועזען, מאט, און בין געבליבען זיצען אויפ'ן ארט, כאטש דאס הארץ איז אומרוהיג געוועזען.

דאס ליעדעל קומט צו אלץ נעהנטער און נעהנטער, עס געהט פון יענער זייט טייך איבער דער בריק.

איך הער שוין טריט אויפ'ן זאמד, איך וויל ווייטער אנטלויפען, נאר די פיס פאלגען נישט און איך זיץ ווייטער.

ענדליך איז ער צוגעקומען צום ארט, וואו איך בין געזעסען.

— דו ביזט עס, לאה?

איך ענטפער נישט.

אין די אויערן רוישט מיר נאך שטארקער, די שלעפען שלאגען נאך האסטיגער און עס דאכט זיך מיר, אז איך האב קיינמאל אזא גוט און זיס קול נישט געהערט.

ער מאכט זיך ווייניג דערפון, וואס איך ענטפער איהם נישט. ער זעצט זיך נעבען מיר אויפ'ן קלאץ און קוקט מיר גלייך אין פנים אריין. זיין בליק האב איך נישט געזעהן, ווייל איך האב די אויגען

נישט אויפגעהויבען, דאָך געפּיהלט האָב איך, ווי עס האָט מיר געברענט דאָס פּנים.

— ביסט אַ שעהנע מויד, לאה, מאַכט ער צו מיר, אַ שאָד!

עס האָט מיך אָנגעחאַפּט אַ שרעקליך געוויין און איך בין אַנטלאָפען.

דעם צווייטען אָבענד בין איך שוין נישט אַרויסגעגאַנגען, דעם דריטען אויך נישט. נאָר דעם פּיערטען, פרייטאָג צו נאַכט, איז מיר שוין אַזוי שווער געווען אויפ'ן האַרץ, אַז איך האָב געמוסט אַרויסגעהן; עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך וועל דערשטיקט ווערען אין שטוב. ער האָט אויף מיר, אַ פּנים אין שאָטען, אונטער אַ הויז־ווינקעל, געוואַרט, ווייל, קוים האָב איך מיך געזעצט אויף מיין אָרט, איז ער מיר ווי אויסגעוואַקסען פון אונטער דער ערד.

— אַנטלויף נישט פאַר מיר, לאה! האָט ער זיך מיט אַ ווייך, האַרציג קול געבעטען — גלויב מיר, איך וועל דיר קיין שלעכטס נישט טהון.

זיין ערנסט, ווייך קול האָט מיך בערוהיגט.

ער האָט אָנגעהויבען ציהען אַ שטיל טרויעריג ליעדעל, און מיר זענען ווייטער געקומען די טרערען אין די אויגען אַריין. איך האָב מיך נישט געקאָנט איינהאַלטען, און האָב אָנגעהויבען שטיל צו וויינען.

— וואָס וויינסט דו לאה, האָקט ער אָב און פרעגט, אָננעמענדיג מיך ביי דער האַנד.

— דו זינגסט אַזוי טרויעריג — האָב איך איהם געענטפערט און אַרויסגעצויגען די האַנד פון זיינע.

— איך בין אַ יתום, מאַכט ער, עלענד... אין דער פרעמד.

עס האָט עמיץ זיך בעוויזען פון גאַס און מיר זענען זיך צולאָפען.

דאָס ליעדעל האָב איך מיך אויסגעלערנט און פלעג עס זינגען שטילערהייט יעדע נאַכט אויפ'ן געלעגער; דערמיט בין איך איינגעשלאָפען, דערמיט בין איך אויפגעשטאַנען. דאָך גאַנץ אָפט האָב איך חרטה געהאַט און געוויינט, וואָס איך האָב מיך בעקאַנט מיט אַ „רופא יונג", וואָס קליידט זיך דייטש און גאָלט זיך דאָס בערדעל. וואָלט ער זיך אַזוי געטראָגען ווי דער אַלטער רופא, וואָלט ער האָטש אַ פרומער יוד געווען... איך האָב געוואוסט, אַז ווען דער טאַטע ווערט עס געוואָהר, שטאַרבט ער, חס ושלום, פאַר עגמת נפש; די מאַמע וואָלט זיך אַמעשה געטהון! דער סוד איז מיר געלעגען ווי אַ שטיין אויפ'ן האַרץ.

איך געה צו צום טאַטענס בעט. דערלאַנגען איהם עפּיס, אָדער די מאַמע קומט אַריין פון גאַס, און איך דערמאַהן מיך אַן מיין זינד, הויבען אונטער מיר אַן העגד און פּיס ציטערן, און דאָס פּנים פערליערט דעם לעצטען טראָפּען בלוט, און דאָך האָב איך איהם יעדען טאָג צוגעזאָגט, אַז איך וועל מאָרגען אויך אַרויסקומען; און איך האָב נישט געהאַט פאַר וואָס פאַר איהם צו אַנטלויפען. ער האָט מיר שוין אפילו ביי דער האַנד נישט אָנגענומען, מעהר נישט געזאָגט, אַז איך בין אַ שעהנע מויד. ער האָט מיט מיר נאָר גערעדט, געלערנט מיך ליערנעך... איינמאָל נאָר האָט ער מיר אַ שטיקעל באָקסער געבּרענגט.

— עס, לאַה!

איך וויל נישט נעמען.

— פאַר וואָס? פרעגט ער טרויעריג, פאַר וואָס ווילסט דו ביי מיר נישט נעמען?

איך האָב מיך אַרויסגעחאַפּט, אַז איך וואָלט בעסער געגעסען אַ שטיקעל ברויט.

ווי לאַנג אונזער זיצען צוזאַמען און זינגען האָט געדויערט, ווייס איך נישט. נאָר איינמאָל איז ער געקומען טרויעריגער ווי שטענדיג, איך האָב עס באַלד אין פּנים דערקענט, און האָב'ן געפרעגט, וואָס איז איהם.

— איך מוז אַוועקפאָהרען.

— וואו אַהין? פרעג איך אָהן אַ קול.

— צו דער סוב-רעוויזיע.

איך האָב איהם אָנגעחאַפּט ביי דער האַנד.

— צו די זעלנער וועסט דו געהן?

— ניין, האָט ער מיר געענטפערט און דריקט מיר די האַנד — איך בין אַ שוואַכער... איך לייד אויפ'ן האַרץ, קיין זעלנער וועל איך נישט זיין, נאָר שטעלען מוז איך מיך...

— וועסט צוריק קומען?

— אַ ודאי...

מיר שווייגען אַ ווײַלע.

— עס וועט נאָר דויערן, — מאַכט ער, — אַ פּאָר וואָכען...

איך שווייג און ער קוקט אויף מיר מיט אַ געבעט.
— ווערסט בענקען נאָך מיר?
— יאָ... האָב איך אַליין קוים געהערט מיין תשובה
מיר שווייגען ווייטער אַ ווײַלע.
— לאָ׳מיר זיך געזעגענען.
מיין האַנט איז נאָך געלעגען אין זיינע.
— פאָהר געזונד! האָב איך איהם געזאָגט מיט אַ פערציטערט קול.
ער האָט זיך איבערגעבויגען, מיר אַ קוש געטהון, און איז פערשוואונדען געוואָרען.
איך בין לאַנג געשטאַנען ווי שכּור.
— לאה! האָב איך דערהערט דער מאַמעס קול, נאָר דאָס אַלטע ווייכע, כּמעט זינגענדיגע קול, נאָך פון דער צייט, ווען דער טאַטע איז געזונד געוועזען.
— לאה׳שי!
אַזוי האָט מען מיך שוין לאַנג נישט גערופען. איך האָב נאָך אַ מאָל אַ ציטער געטהון און בין מיט די נאָך ברענענדיגע ליפּען אריינגעלאָפען אין שטוב. נאָר איך האָב די שטוב נישט דערקענט. אויפ׳ן טיש זענען געשטאַנען צוויי פרעמדע לייכטער מיט ברענענדיגע ליכט, עס איז געשטאַנען בראָנפען מיט לעקאַך — דער טאַטע איז געזעסען אויף אַ שטוהל, אָנגעלעהנט אויף אַ קישען, אויפ׳ן פּנים האָט עפּיס ווי געשמייכעלט פון יעדען רונצעל אַרויס. — עס זענען געשטאַנען נאָך בענקלעך ביים טיש, אויך פרעמדע... עס זענען דאָ פרעמדע מענשען געוועזען — נאָר די מאַמע חאַפּט מיך אַרום און קושט, און האַלזט מיך:
— מזל טוב, טאָכטער, טאָכטערשי, לאה׳שי, מזל טוב!
איך פערשטעה נישט, וואָס מען מיינט, נאָר דאָס האַרץ שרעקט זיך און קלאַפּט, און קלאַפּט אַזוי מורא׳דיג! אַז די מאַמע האָט מיך אַרויסגעלאָזט פון די אָרעם, האָט מיך דער טאַטע צוגערופען. איך האָב קיין כּח נישט געהאַט צו שטעהן און האָב מיך אַראָבגעלאָזט פאַר איהם אויף די קניען און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף זיין שויס. ער גלעט מיר דעם קאָפּ, קרייזעלט מיר די האָר:
— ווערסט שוין, קינד מיינס, נישט ליידען קיין הונגער. קיין נויט; ווערסט שוין, קינד מיינס, נישט אַרומגעהן נאַקעט און באָרפּיס... ווערסט זיין אַ נגידה... דו ווערסט זיין רייך... דו ווערסט פאַר

דײַנע ברידערלעך מלמד־געלד צאָהלען... מען װעט זײ שױן פֿון די חדרים נישט אַרױסװאַרפֿען... דו װעסט אונז אױך העלפֿען... איך װעל געזונד װערען...

— און װײַסט, װער דער חתן איז? פֿרעגט די מאַמע, מיט אַ פֿרײד — טאַקי ר׳ זײַנװיל! טאַקי ר׳ זײַנװיל. ער האָט אַלײן אַ שדכן געשיקט...

איך װײס נישט, װאָס מיט מיר איז געשעהן, נאָר אױפֿגעחאַפּט האָב איך מיך אױף׳ן גלײַכער אין מיט׳ן טאָג.

— געלױבט איז גאָט! האָט די מאַמע אױסגעשריגען.

— געלױבט איז זײַן ליעבער נאָמען! האָט דער טאַטע געזאָגט.

און מען האָט מיך װײַטער געהאַלזט און געקושט. נאָך מעהר — מען האָט מיר אײַנגעמאַכטס דערלאַנגט!... אפֿשר װיל איך װאַסער מיט זאַפֿט? אפֿשר אַ ביסעל װײַן?

איך האָב צוריק די אױגען פֿערמאַכט און געקײַכט מיט אַ שטיקענדיג געװײַן.

— װאָהל, װאָהל — פֿרעהט זיך די מאַמע — זאָל זי זיך אָבװײַנען, מײַן אָרעם קינד! מיר זענען זיך אַלײן שולדיג, אױף אַ מאָל אַזאַ נחת דער־צעהלט! אַזױ פֿלוצלינג! עס קען אַנ׳אַנדער פּלאַצען, חס ושלום! נאָר צינד געלױבט איז גאָט! װײַן דיר אָב דאָס האַרץ, זאָלען אַלע צרות אַװעקשװימען מיט די טרערען און אַ נײַ לעבען זאָל זיך אָנהױבען, אַ נײַ לעבען...

דער מענש האָט צװײ מלאכים — אַ גוטען און אַ שלעכטען מלאך, און איך בין זיכער געװעזען, אַז דער גוטער מלאך הײסט מיך אינ׳ם רופֿא־יונג פֿערגעסען, עסען ר׳ זײַנװילס אײַנגעמאַכטס, טרינקען זײַן זאַפֿט מיט װאַסער און קלײַדען זיך אױף זײַן חשבון, בשעת װען דער שלעכטער מלאך האָט מיר אײַנגערעדט, איך זאָל אײנמאָל פֿאַר אַלע מאָל זאָגען דעם טאַטען און דער מאַמען, אַז איך װיל נישט, באין אופֿן נישט.

ר׳ זײַנװילען האָב איך נאָך נישט געקענט, איך האָב׳ן אפֿשר אַ מאָל געזעהן, נאָר — אָדער פֿערגעסען, אָדער באַלד נישט געװאוסט, װעמען איך זעה... נאָר אונטער די אױגען האָב איך איהם פֿײַנד געהאַט.

באַלד די צווייטע נאַכט האָט זיך מיר געחלום'ט אַז איך שטעה אונ־טער דער חופה.

דער חתן איז ר' זיינוויילע און מען פיהרט מיך 7 מאָל אַרום איהם, נאָר די פיס זענען מיר פערשטאַרט און די אונטערפיהרערקעס טראָגען מיך אין דער הויך —

דערנאָך האָט מען מיך אַהיים געפיהרט.

די מאַמע האָט אַקעגען געטאַנצט מיט אַ קוילעטש, און עס גיעס שוין גאָלדענע יויך.

איך האָב מורא די אויגען אויפצוהויבען איך בין זיכער, אַז איך וועל דערזעהן אַ בלינדען, אָהן אַנ'אויג, און אַ לאַנגע, אַ שרעקליך לאַנ־גע נאָז... עס קומט מיר אַ קאַלטער שווייס אויפ'ן לייב — נאָר פּלוצלונג רוימט ער מיר איין אין אויער:

— לאה'שי, אַ שעהנע מויד ביזט דו!

און דאָס קול איז גאָר נישט פון קיין אַלטען מאַן — עס איז יענעמס קול... איך עפען אַ ביסעל די אויגען — עס איז יענעמס פנים...

— טס! רוימט ער מיר איין, זאָג נישט אויס. איך האָב ר' זיינ־ווילען פערנאַרט אין וואַלד אַריין, אַריינגעלענט אין אַ זאַק, צוגעבונדען אַ שטיין און אַריינגעוואָרפען אין טייך (אַזאַ מעשה האָט מיר אַ מאָל די מאַ־מע דערציעהלט) און בין איך דאָ אויף זיין אָרט!

איך האָב מיך אויפגעכאַפּט פערציטערט.

דורך אַ שפּאַרע פון לאָדען, האָט אַריינגעשלאָגען אַ בלאַסער שיין פון דער לבנה, און האָט בעלייכט די גאַנצע שטוב. איך בעמערק ערשט, אַז אין מיט'ן באַלקען העננט צוריק דער הענגעלייכטער. טאַטע־מאַמע שלאָפען אויף בעטגעוואַנד, — דער טאַטע שמייכעלט פון שלאָף, די מאַ־מע אָטהעמט רוהיג... און דער גוטער מלאך זאָגט מיר: אַז דו וועסט זיין גוט און פרום, וועט דער טאַטע געזונד ווערען, די מאַמע וועט אויף דער עלטער נישט אַרבייטען אַזוי שווער און ביטער, און פון דיינע ברי־דערלעך, וועלען אַרויסקומען לומדים, רבנים, גאונים; גרויסע, גרויסע יודען, מען וועט פאַר זיי צאָהלען מלמד־געלד.

— נאָר קושען — זאָגט דער שלעכטער מלאך — וועט דיך ר' זיינ־ווילע... ער וועט זיך צו דיר צוריהרען מיט די פייכטע וואָנסען... ער וועט דיך אַרומנעמען מיט די ביינערדיגע הענד... אויך וועט ער דיך פייניגען ווי יענע ווייבער, און וועט דיך יונגערהייד יאָגען אין קבר אַריין;

און ער וועט קומען צו פאָהרען און וועט עגמת נפש האָבען, דיך קיין ליעדלעך שוין נישט לערנען, וועסט שוין מיט איהם אָבענד אויף אָבענד נישט זיצען... דו וועסט זיצען מיט ר' זײַנווילען...

— ניין! הימעל און ערד זאָל צוזאַמען קומען! צערײַסען די תנאים.

איך בין שוין נישט געשלאָפען ביז אין דער פריה...

די ערשטע האָט זיך אויפגעחאַפּט די מאַמע; איך וויל מיט איהר רעדען, נאָר איך בין געוואוהנט אין אַלע געפאַהרען זיך ווענדען צום טאַטענס הילף.

אָט, וועקט זיך שוין דער טאַטע.

— ווייסט, שרה'לע — זענען זײַנע ערשטע ווערטער — איך פיהל מיך גאָר, גאָר גוט; וועסט זעהן, איך וועל הײַנט נאָך געהן אין גאַס אַרײַן.

— געלויבט איז זײַן ליעבער נאָמען; אַלץ אין אונזער טאָכטערס מזל, אַלץ אונזער טאָכטערס, דער צדקה'ס זכות.

— און דער רופא איז טאַקי גערעכט, די מילך שמעקט מיר זעהר וואהל...

זײ שווײַגען און דער גוטער מלאך זאָגט מיר נאָך אַ מאָל:

— אַז דו וועסט גוט און פרום זײַן, וועט דער טאַטע ווערען געזונד; וועט אָבער פון דײַנע ליפּען אַרויס אַ זינדיג וואָרט — פאַלט ער אַוועק און שטאַרבט.

— הערסט דו, שרה'לע — מאַכט ווײַטער דער טאַטע — הער שוין אויף צו זײַן אַ פּשעקופּקע...

— וואָס רעדסט דו?

— וואָס דו הערסט! — איך וויל הײַנט נאָך זײַן בײַ ר' זײַנווילען... ער וועט מיך צונעמען צו אַ געשעפט, אָדער באָרגען עטליכע רובל, וועלען מיר זיך מאַכען אַ געוועלבעל, איך וועל שטעהן אַ ביסעל, דו אַ ביסעל — דערנאָך וועל איך אָנהויבען האַנדלען מיט תבואה...

— הלואי זאָל גאָט געבען!

— אַ ודאי וועט גאָט געבען! אַז דו וועסט הײַנט נעמען אויף חתונה קלײדער, זאָלסט דו דיר אויך נעמען... חאָטש אויף צוויי קלײדער, און פאַר וואָס נישט? ער האָט געהײסען נעמען וואָס מען דאַרף; דו וועסט דאָך נישט זײַן אויפ'ן אויפרופען אין דײַנע בגדים.

— געה שוין געה! ענטפערט די מאמע — דער עיקר מוז מען די קינדער עפּיס מאכען — ראובן געהט בארפיס, ער האט זיך יענע וואך א האלץ אריינגענומען, לאמט ער נאך... אויך געהט צו ווינטער, מען דארף לייבלעך און העמדלעך, וואטאווע קאפּאטקעלעך

— נעם, נעם...

— הערסט, מאכט דער גוטער מלאך, אז דו וועסט רעדען א שלעכט ווארט, וועט די מאמע דיינע קיין קלייד נישט האבען, און דו ווייסט אז דאס אלטע פאלט איהר אראב פון לייב; דיינע ברידערלעך וועלען ווינטער צייט אין די גרעסטע פרעסט לויפען אין חדר ארויס בארפיס, און זומער וועלען זיי זיך אריינגעמען העלצער אין די פיס...

— איך זאג דיר דעם אמת — מאכט די מאמע, מען וואלט גע־דארפט אליין אויסרעדען „ברחל בתך הקטנה", ווארען זעהר א גוטער מענש איז ער נישט... מען דארף אברעדען, וויפיעל ער וועט איהר פערשרייבען — ווארען יורשים וועט זיין ווי האלץ... ווען אפילו נישט קיין אקט — זאל ער האטש געבען א חרם־קוויטעל, ווארען טאקי, ווי לאנג קען אזוינער לעבען? נאך א יאהר, נאך א יאהר...

— ביי וואהלטאג — זיפצט דער טאטע — לעבט מען לאנג.

— לאנג! פערגעס נישט — 70 יאהר... טהייל מאל ווערט איהם עפּיס ווי טויט אונטער די אויערן...

און דער שלעכטער מלאך זאגט: אז דו וועסט שווייגען, וועסט דו געהן אונטער דער חופּה מיט א טויטען, מיט א מת וועסט דו לעבען... מען וועט דיך לעגען־פיהרען מיט א בר־מנן...

די מאמע זיפצט.

—אלץ איז ביי גאט אין די הענד — מאכט דער טאטע.

די מאמע זיפצט ווייטער און דער טאטע זאגט:

— און וואס קען מען טהון... מען האט געקאנט בעסער מאכען? אודאי, ווען איך בין געזונד, ווען איך פערדינען, ווען עס איז האטש דא טרוקען ברויט אין שטוב...

ער האט אבגעהאקט; מיר האט זיך געדאכט, אז עפּיס וויינט דעם טאטען אין הארץ.

— וואלט זי האטש יונגער געוועזען מיט א פאר יאהר, וואלט איך

דאָס לעצטע געטהון ... ווייס איך? אפשר אויף דער לאָטעריע געשטעלט ...

און איך האָב געשוויגען.

מיין 70 יעהריגער חתן האָט געגעבען אויף חתונה־קליידער, עטליכע הונדערט גילדען דעם טאַטען און מיר אַ תוספת־כתובה אויף 150 גילדען...

מענשען האָבען געזאָגט: אַ וואוילער שידוך!

איך האָב חבר'טעס בעקומען; די מיט דער סאַמעטענע יופּע און גאָלדענעם קייט־און־זייגער, פּלעגט ביי מיר זיין צוויי דריי מאָל אין טאָג. זי איז געוועזען גליקליך ווי די וועלט, וואָס איך האָב זי דעריאָגט, וואָס מיר האָבען חתונה אין איין חודש! איך האָב געהאַט נאָך חבר'טעס. נאָר זי האָט זיך צוגעקלעבט צו מיר. „יענע זענען דאָך „סמאַרקאַטע מיידלעך"; ווער ווייסט, ווי לאַנג עס וועט נאָך ביי זיי דויערן!"

רבקה האָט חתונה פון דער פרעמד, נאָר עסען קעסט וועט זי פריהער אין דער היים, 2 צי 3 יאָהר. איבער דער גאַנצער צייט וועלען מיר זיך האַלטען צוזאַמען; זי וועט אַריינלויפען צו מיר אויף ציקאָריע, איך צו איהר אויף ציקאָריע, אָדער שבת נאָכ'ן שלאָף אויף ביילעק־יויך.

— און אַז איך וועל ווערען אַ קינפּעטאָרען — מאַכט איינמאָל רבקה און דאָס פּנים שטראַהלט איהר — וועסט דו זיצען ביי מיר — יאָ?

איך שווייג.

— וואַי! — מאַכט רבקה — וואָס טרויערסט דו אַזוי? עס טרעפט זיך צו 70 יאָהר אויך...

— געה שוין, געה! — טרייסט זי מיך ווייטער — אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזעם! און ווען נישט — ווי לאַנג, מיינסט דו, וועט עס דויערן? אַ מענש לעבט דאָך נישט אייביג! אַזאַ יאָהר אויף מיר, וואָס פאַר אַ יונגע אלמנה דו וועסט זיין! די פינגער צו לעקען!

רבקה ווינשט ר' זיינוויל'ען נישט קיין שלעכטס:

— ער איז אַפילו אַ כלב שבכלבים! יענס ווייב האָט ער געפּייניגט... נאָר יענס ווייב איז אַ קראַנקע געוועזען, און „דו ביסט געזונד ווי אַ נוס... דיך וועט ער גוט בעהאַנדלען, נאָך ווי הייסט גוט!"

ער איז צוריק געקומען!

דעם טאַטען איז טאַקי בעסער, נאָר עס האָט זיך איהם פערגלוסט אַ ביסעל טרוקענע באַנקעס — אַזוי האָט ער מורא געהאַט אַרויסצוגעהן. ער פיהלט, אַז פון ליגען, און דערנאָך זיצען אַלץ אין איינעם, האָט זיך איהם דאָס בלוט פערזאַמעלט אויף איין אָרט, מען דאַרף עס צושלאָגען! — אַ ביסעל אויך ברעכען איהם די פלייצעס און אויף דעם איז טרוקענע באַנקעס אַ רפואה בדוקה.

איך האָב אָנגעהויבען ציטערן ווי אין אַ פיבער: מיט טרוקענע באַנקעס קומט דער „יונג", נישט דער רופא אַליין.

— ווערסט אַריינרופען דעם רופא? פרעגט מיך דער טאַטע.

— וואָס רעדסט דו? פאַלט איהם די מאַמע אין די רעד, אַ כלה-מיידעל...

זי איז אַליין געגאַנגען.

— וואָס ביזט דו אַזוי בלאַס געוואָרען? פרעגט מיך דער טאַטע דערשראָקען.

— גאָר נישט.

— שוין עטליכע טעג... פאָרשט דער טאַטע.

— עס דאַכט זיך דיר, טאַטע.

— די מאַמע זאָגט אויך...

— עה!

— היינט — וויל מיך דער טאַטע דערפרעהען — ווערט מען דיר שוין מעסטען די חתונה-קליידער.

איך שווייג.

— דו פרעהסט זיך גאָר נישט? פרעגט דער טאַטע.

— פאַר וואָס זאָל איך מיך נישט פרעהען?

— דו ווייסט דאָך אפילו גאָר נישט, וואָס מען מאַכט דיר,

— מען האָט דאָך מיר אַ מאָס גענומען!

דערווייל איז אָנגעקומען די מאַמע מיט'ן רופא אַליין.

עס איז מיר גרינגער געוואָרען אויפ'ן האַרץ; נאָר אין איין וועגס האָט אין מיר עפּיס געקלאָגט: דו ווערסט איהם אפשר שוין מעהר נישט זעהן...

— אוי אַ וועלט, קומט אַריין דער רופא, סאַפּענדיג און קרעכצענ-

דיג, — ר' זײַנוויִלע האָט חתונה מיִט אַ יונגע מויד, און לייזער'ל דעם גבאי'ם ווערט אַ פּרוש — אַנטלאָפען פון ווײַב!

— לייזער'ל? שרײַט אויס די מאַמע פערוואונדערט.

— ווי איהר הערט! הײַנט גיעה איך אַרום צו 60 יאָהר פון אין דער פריה ביז נאַכט אויף די פיִס, און מײַן יונג לעגט זיך אין בעט אַרײַן...

איך הויב אָן ווײַטער צו ציטערן.

— האַלט ניִשט אַזאַ גוי! בעמערקט די מאַמע.

— אַ גוי? מאַכט דער רופא, ווי הייסט אַ גוי?

— וואָס טויג מיר די מעשיות, האַקט איבער אומגעדולדיג דער טאַטע, טהוט בעסער אייערס.

מײַן טאַטע איז בטבע געווען אַ גוטער; עס האָט זיך מיר שטענ־דיג געדאַכט, אַז ער קען קיין פליִעג אויף דער וואַנד ניִשט ריהרען, און דאָך האָט אין זײַנע רעד געשטעקט אַזוי פיִעל בזיון פאַר'ן רופא.

אַלס קראַנקער אין בעט פלעגט ער גליִקליִך זײַן, אַז עמיִץ איז אַרײַנגעגאַנגען און באַלאַקעט מיִט איהם; נאָר מיִט'ן רופא האָט ער קיינ־מאָל ניִשט געקענט רעדען אַ וואָרט. ער האָט איהם שטענדיג איבערגע־האַקט אין מיִטען און געהייסען, ער זאָל זײַנס טהון, נאָר צונד האָב איך עס דאָס ערשטע מאָל אַזוי שטאַרק דערפיִהלט; עס האָט מיר אָנגעהויבען דאָס האַרץ וועה צו טהון... וואָרעם, ווי אַזוי וואָלט ער נאָך י ע נ ע ם בע־ליידיגט, יענעם, וואָס ליִעגט נעביך קראַנק!...

פאַר וואָס איז ער קראַנק?

געזאָגט האָט ער, אַז ער האָט אַ האַרץ־פעהלער.

וואָס דאָס איז, האָב איך ריכטיג ניִשט געוואוסט; מן הסתם איז עס אַזוינס, וואָס לעגט אַ מאָל אין בעט אַרײַן, און דאָך — האָט מיר דאָס האַרץ געזאָגט, — אַז איך מוז אויך האָבען אַ שטיקעל שולד דערבײַ.

בײַ נאַכט האָב איך אין שלאָף געוויינט; די מאַמע האָט מיך אויפ־געוועקט, און געזעצט זיך בײַ מיר אויפ'ן בעט.

— שאַ, קינד מײַנס! האָט זי מיר געזאָגט, לאָ'מיר דעם טאַטען ניִשט וועקען; און אונזער שמועס איז געווען פון מויל אויף אויער.

די מאַמע, האָב איך בעמערקט, איז שטאַרק צורודערט: זי קוקט אויף מיר פאַרשענדיג, זי וויל עפּיס בײַ מיר דערגעהן, און איך האָב

מיך בעשלאָסען איהר גאָר נישט צו זאָגען, על כל פנים נישט ווען דער טאַטע שלאָפט.

— קינד מיינס, וואָס האָסט דו געוויינט?

— איך ווייס נישט, מאַמע.

— פיהלסט דיך געזונד?

— יאָ, מאַמעשי! נאָר טהייל מאָל טהוט מיר דער קאָפּ וועה.

זי איז געזעסען האלב אָנגעשפּאַרט אויפ'ן בעט און איך האָב צוגע-רוקט דעם קאָפּ און אָנגעלעהגט אויף איהר האַרץ.

— מאַמע — פרעג איך — וואָס קלאַפּט ביי דיר דאָס האַרץ.

— פאַר מורא, טאָכטערשי.

— דו האָסט אויך מורא ביי נאַכט?

— ביי נאַכט און ביי טאָג, איך האָב שטענדיג מורא.

— וואָס האָסט דו מורא...

— איך האָב מורא פאַר דיר...

— פאַר מיר?

די מאַמע ענטפערט נישט, נאָר איך פיהל, אז עס פאַלט מיר איהרס אַ טרעהר אויפ'ן פנים, אַ וואַרעמער טרעהר.

— דו וויינסט, מאַמעשי?

די טרעהרען פאַלען אָפטער און אָפטער.

„איך וועל נישט זאָגען", בעפעסטיג איך מיך אין דער דעה.

אין אַ ווייַלע אַרום פרעגט מיך פּלוצלינג די מאַמע:

— צי האָט דיר נישט רבקה עפּיס אָנדערצעהלט?

— וועגען וואָס, מאַמע?

— וועגען דיין חתן?

— פון וואַנען קען זי מיין חתן?...

— זי זאָל איהם קענען, וואָלט זי נישט גערעדט; נאָר אַזוי, ווי אין שטאָדט... ווייסט נישט, פאַר קנאה... אַ יוד אַ גביר, האָט כח צו נעמען אויף דער עלטער אַ בתולה, רעדט מען אוודאי... ווייס איך? צי האָט מען דיר נישט געזאָגט, אַז דאָס לעצטע ווייב זיינס איז גע-שטאָרבען, ווייל ער האָט זי געפּייניגט?

איך זאָג איהר גאַנץ קאַלט-בלוטיג, אַז איך האָב עפּיס געהערט דער-פון, נאָר פון וועמען, ווייס איך נישט.

— אוודאי פון רבקה'ן — דאָס מויל זאָל איהר הינטען שטעהן — בעזערט זיך די מאַמע.

— פון וואָס דען — פרעג איך — איז זי אַזוי פּלוצלינג געשטאָרבען?

— פון וואָס? אַ האַרץ־פעהלער האָט זי געהאַט...

— נו וואָס? אַז מען האָט אַ האַרץ־פעהלער שטאַרבט מען?

— אוודאי...

מיר האָט עפּיס ווי געקנאַקט אין מוח...

. . . .

איך בין געוואָרען אַ „ויידען קינד" — מען האָט מיך אין אַלע הייזער געלויבט; די טאַטע־מאַמע האָבען עס גאָר נישט געקענט פערשטעהן; דער שניידער אוודאי נישט. איך האָב מיר גאָר נישט אויסגעבאָטען: וואָס די מאַמע האָט געוואָלט, האָט זי געמאַכט, וואָס פאַר אַ מאַטעריע, וואָס פאַר אַ שניט, וואָס פאַר אַ קליידער... אַלץ וואָס זי האָט נאָר אַליין געוואָלט.

רבקה פלעגט אַריינקומען און קנייפּען זיך אין די באַקען: „ווער פערלאָזט זיך אין מאָדע זאַכען אויף אַ מאַמען — אַ יודענע פון דער אַלטער וועלט?! וועסט שבת נישט קענען זיך ווייזען, נישט אין שוהל, נישט אין גאַס, אין ערגיץ נישט"!

— דו קוילעסט זיך! האָט זי געענדיגט.

מיר איז איינגעפאַלען, אַז איך בין שוין לאַנג געקוילעט. און איך האָב רוהיג געוואַרט אויף שבת נחמו, ווען מען האָט געזאָלט פערבעטען דעם חתן אויף קדוש...

דערנאָך וועט זיין אַנ'אויפרופען, דערנאָך אַ חתונה.

דעם טאַטען איז ווירקליך בעסער. ער געהט טהייל מאָל אַרויס אין גאַס אַריין, ער הויבט אָן געוואָהר צו ווערען וועגען תּבואה. רעדען, ווי ער האָט געקלערט, דעם חתן וועגען אַ הלואה, האַלט ער נאָך פאַר צו פריה. ער רעכענט שבת־נחמו צו פערבעטען איהם נאָך אויף שלש סעודות און נאָכ'ן שלש סעודות, אַריינצוואַרפען עטליכע ווערטער.

אַז עס איז שוין אַזוי גוט, איז צייט אָבצושיקען דעם רופא; מען האָט אַפילו היינט קרעדיט, ער מאָהנט נישט, שיקט שוין נישט דעם יונג, קומט אַליין, נאָר עס איז צייט, זאָל זיין אַנ'עק. וויפיעל מען האָט אָבגעשיקט, ווייס איך נישט, נאָר דער שליח איז געוועזען אברהמ'ל,

וואָס האָט געזאָלט, דורכגעהענדיג אין חדר אַריין, דערלאַנגען די עטליכע גילדען.

שפּעטער דאָך איז פּלוצלינג אַריינגעקומען דער יונג...

— וואָס? ווענינ געשיקט? בעגעגענט איהם דער טאַטע.

— ניין, ר׳ יהודה — איך בין געקומען זיך געזעגענען.

— מיט מיר? פרעגט דער טאַטע פערוואונדערט.

אזוי ווי ער איז אַריינגעקומען, בין איך אַנידער געפאַלען אויפ׳ן ערשטען בענקעל, וואָס איז געשטאַנען נעבען מיר; נאָר ביי די ווערטער האָב איך מיך פּלוצלינג אויפגעשטעלט און אין קאָפּ האָט אויפגעבליצט אַ געדאַנק, אַז איך דאַרף איהם שיטצען, נישט לאָזען בעליידיגען, עס איז דאָך נישט געקומען דערצו.

— איך פלעג דאָ אַריינקומען — האָט ער געמאַכט מיט זיין ווייך, זיס און טרויעריג קול, וואָס האָט זיך געגאָסען אין האַרץ אַריין ווי אַ בוימעל — צונד פאָהר איך אַוועק. אויף שטענדיג... האָב איך געמיינט —

— נו, נו, אדרבה — מאַכט שוין געלאַסענער דער טאַטע — זען דיך, יונגער מאַן, עס איז אפילו שעהן פון דיין זייט, אַז דו געדענקסט אַ בעל־בית... אדרבא...

— טאַכטערשי, מאַכט ער צו מיר, מען דאַרף איהם עפּיס געבען!

ער האָט זיך אויפגעשטעלט בלאַס, מיט ציטריגע ליפּען און פייערדיגע אויגען, נאָר אין דער רגע האָט זיך איהם דאָס פנים צוריק מרה־שחורה׳דיג געענדערט.

— ניין, ר׳ יהודה, איך דאַרף נישט, איך דאַנק אייך — זייט געזונד!

ער האָט די הענד נישט אויסגעצויגען צו קיינעם, און אויף מיר קוים אַ בליק געוואָרפען.

אין דעם בליק האָט דאָך געשטעקט אַ פאָרוואורף, עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער בעשולדיגט מיך, אַז ער וועט מיר נישט מוחל זיין, — וואָס, האָב איך רעכט אַליין נישט געוואוסט.

און איך בין ווייטער אין חלשות געבליבען.

— שוין דאָס דריטע מאָל. — הער איך — זאָגט די מאַמע צום טאַטען...

עס מאַכט נישט אויס, אין די יאָהרען טרעפט זיך עס... נאָר חס

ושלום ווערט ר' זײַנוויִלע געוואָהר, שיִקט ער אָב די תנאים..! ער האָט שוין גענוג געהאַט יענע חולנית..."

קיין חולנית בין איך דאָך ניִשט געוועזען.

אין חלשות בין איך אין גאַנצען נאָך איין־איינציג מאָל געפאַלען: ביי דער גאָלדענער יויך, אַז איך האָב „ר' זײַנוויִלען" דאָס ערשטע מאָל רעכט דערזעהן...

ניִשט מעהר.

אַפילו נעכטען, ווען דער רופא, וואָס שנײַדט מײַן „ר' זײַנוויִלען" אוים אַלע חודש די נעגעל, וואָס וואַקסען איהם אין די פיִנגער אַרײַן, האָט מיך, אַרויסגעהענדיג געפרעגט, צי איך געדענק זײַן יונג, און דער־צעהלט, אַז ער איז געשטאָרבען אין וואַרשאָווער שפּיטאָל — בין איך ניִשט געפאַלען חלשות, איך האָב קוים אַ טרער געלאָזט. איך האָב אַליין ניִשט געוואוסט פון איהר, נאָר דעם רופא איז זי, די טרער, געפעלען.

— איהר זײַט אַ גוטע — האָט ער געזאָגט, און דעמאָלט האָב איך זי ערשט דערפיִהלט אויף דער באַק.

מעהר ניִשט.

איך בין אַ געזונדטע; איך לעב שוין 5 יאָהר מיִט ר' זײַנוויִלען... ווי אַזוי, וועל איך אפשר אַנ'אַנדערסמאָל דערצעהלען.

VI.

קלאָץ געשיכטען.

1.

דער קלאָץ אַליין.

אין מיטען מאַרק ליגט אַן'אַלטער, פוילער קלאָץ...

דאַכט זיך, טויט ווי אַלע טויטע — און דאָך, אין אַ שטילער זו-מער-נאַכט, ווען אַלץ אַרום איז פערזונקען אין טיעפען שלאָף, ווען לבנה און שטערען דרימלען אונטער אַ לייכטען זילבער-נעפעל, וועקט זיך אין מיר אויף דער אַלטער כשוף-מאַכער... „האָקוס-פּאָקוס!" — דער קלאָץ לעבט!

ערגיץ אין מצרים ליגט אַ פערכשוף'טער אַלטער קלאָץ, וואָס וועקט זיך יעדען פריה-מאָרגען (ווען די פרישע, ריינע זון שטעהט אויף) און יעדען אָבענד (ווען זי געהט אונטער פערשעמט און פערבלוטיגט) און גיבט פון זיך אַרויס אַ וואונדערליכען קלאַנג; — מיין קלאָץ דערצעהלט גאַנ-צע געשיכטען.

אַלץ, וואָס איך שרייב פונ'ם שטעדטעל, האָב איך איהם צו פער-דאַנקען, דאָס אַלץ זענען „קלאָץ-געשיכטען"... דאָס אַלץ דערצעהלט ער מיר.

נאָר אָנהויבען הויבט ער אָן פון זיך. רעכט האָט ער! יעדערער איז ביי זיך דער הייליגער מיטעלפונקט, אַרום וועלכען ער שטעלט זיך אויס די רעשט וועלט.

עס געהט כסדר: איך, און דערנאָך ערשט אַלץ, וואָס מיין איז: מיין משפחה, מיינע חברים, מיינע גוטע פריינד, מיינע בע-

קאַנטע, מײַן שטאָדט, מײַן געגענד, מײַן לאַנד... אַלץ וואָס מײַן איז!

שפּעטער נעמען מיר שוין שותּפים צו: אונזער ערד, אונזער וועלט.

פאַר דעם קומען מיר צוריק צו: מײַן גאָט! נאָר דאָס זאָל זײַן אַ סגולה צו פּרנסה...

טהײַל מײַנען אפילו, אַז זײ זענען, נישט נאָר דער מיטעל־פּונקט, נאָר זאָגאַר דער ברען־פּונקט פון דער וועלט. דאָס גאַנצע ליכט לויפט זיך דאָ צוזאַמען אַרויסצושטראַהלען ערשט פון זײ אויף דער רעשט וועלט... אָהן אַ חלב'ען ליכטעל אפילו אין האַנד, לויפען די באַרמהערציגע לײַט אַרום אין די גאַסען און שרײַען: ליכט! ליכט! ווי אַמאָל דער כּביכול און דערנאָך, להבדיל, געטהע פאַר'ן טויט...

אַנדערע קלערען גאָר: צי איז אויסער זײ נאָך עפּיס פאַרהאַנען!...

„איך בין איך" — על כּן — בין איך דאָ! נאָר די רעשט וועלט צי איז זי נישט מײַנס אַ חלום פון אַ זומער צי אַ ווינטער נאַכט, ווי עס מאַכט זיך?

און באמת, ווער נויטהיגט מיך צו גלויבען, אַז אויסער מיך עקזיסטירט נאָך עפּיס? פיהלען פיהל איך נאָר מײַן הונגער, מײַן דורשט, מײַן עגמת־נפש... איי וואָס — מען זאָגט?

דאָס איז ווייניג!

מען פלעגט אַמאָל זאָגען, אַז עס איז פאַרהאַן: עהרליכקײַט, רחמנות, יושר, אמת וכדומה, און עס האָט זיך אויסגעוויזען — אַ חלום, אַ וויסטער חלום...

און — אַ והא ראיה! אַז איך, איך נאַר, נעם אַ קאָפּ בראָנפען, טאַנצט די גאַנצע וועלט אַרום ווי שכּור!

לאָ'מיר בעסער צוריקגעהן צום קלאָץ, צו זײַן אויטאָביאָגראַפיע!

געווען איז ער אַמאָל אַ בוים.

אַ פרישער גרינער בוים אין וואַלד!

געוואָרצעלט האָט ער אין דער ערד, געצווייגען זיך אין הימעל אַרײַן...

אַנ'אָדלער, נאַטירליך, פליהט העכער: זיינס האָט ער דאָך געטהון בשלמות; ער האָט זיך געהויבען און געהויבען, איבער זיינס גלייכען געוואַקסען! ער האָט שוין אפילו אַ גרויס שטיק הימעל געזעהן!

טהייל מאָל האָט זיך איהם געדאַכט, אַז, אָט אָט, פאַלט אַראָב דאָס טעלער'ל פון הימעל און לעגט זיך איהם — אַ קרוין אויפ'ן קאָפּ! און ער איז ווערטה די קרוין. ער ציהט זיך אַלץ־אין־איינעם אַרויף!...

געלעבט האָט זיך נישט שלעכט!

טוּזענד בלעטער צום עטמען, אַריינצוציהען גרינציינג... אַ פּאָר שאָק וואָרצלען אונטער דער ערד, צו ציהען חיונה — זאַפט און זאַלץ! דאָס איז פאַר'ן גוף; די נשמה האָט: פויגעל־קאָנצערט און וואָלקען־מאַסקאַראַדע!

צווישען די צווייגען זשומט, ברומט, טרילערט און קלינגט... אויפ'ן הימעל פליהט און ציהט, און יאָגט זיך. פון אַ זייט שווימט אַ סטאַדע וואָליגע שעפּעלעך; אָט טרייבט זיי אַ קעגען אַ גראָמאַדע צוטיגע, שוואַרצע וועלף... אַלע פערשווינדען, און איבער דער ברייט פון היכעל ציהט זיך אוים אַ לאַנגער דייטש מיט גרויסע שטיוועל, מיט אַ מעשענע פּיקעל־הויב אויפ'ן קאָפּ... ער ווערט אויך צורונען, שאַ! דער הימעל הענגט אַרוים וועש צו טריקענען... דאָס „גרעט" שאָקעלט זיך, הוידעט און וואַרפט זיך, גלייך עס וויל אַראָבפאַלען און אַ האַלבע וועלט „מלביש־ערומים" זיין...

דאָס אַלץ איז זומער.

ווינטערצייט הילט זיך איין דער בוים אין ווייסען מאַנטעל און דרימעלט. ער שלאָפט איין, און חלומ'ט־איבער אַ וועלט:

אין אַזאַ שלאָף הערט ער איינמאָל: טראַך! טראַך!

אַ האַק, צי אַ דונער! ער צי אַנ'אַנדערער?

איידער ער קומט צו זיך — באַץ! ער ליגט שוין אויסגעצויגען אויפ'ן שניי...

און ער שלאָפט ווייטער איין... און ער חלומ'ט ווייטער:

— פערפאַלען! עס וועט זיך אָנהויבען אַ נייַ לעבען, גאָר אַנ'אַנדער לעבען! נישט אין הימישען וואַלד, נישט צווישען זיינס־גלייכען — בוימער, נאָר אין דער אייביגער פרעמד!

נישט „הימעל און ערד“ וועט עס הייסען, נאָר „הימעל און וואסער“, בעסער געזאָגט: הימעל און הימעל, אַנ'אמת'ר פון אויבען, אַנ'אָפּ-געשפּיגעלטער פון אונטען...

אַ מאַשט וועט ער זיין, אויף דער גרעסטער שיף שווימען; אויף דער גרעסטער שיף, אויפ'ן גרעסטען ים! און אַ וועלט וועט ער זעהן! דעם וואלד וועט ער דאָך נישט פערגעסען!

וועט ער נעהנטער קומען צו אַ שטיק ערד, וועט ער זיך שאָקלען און גריסען דעם וואלד... פון צייט צו צייט וועט איהם דער ווינד צו-טראָגען אַ ביסעל ריח פון נאָדלען און בלעטער... אויף דער שיף וועט געוויס זיין אַ שטייגעל... דריגען אַ קליין זיס פויגעלע...

ער חלומ'ט און פיהלט, ווי די האַק שפּאַרט איהם אין די זייטען, שיילט און רייסט... שאַדט ניט!

„טערפּי קאַזאַק, אַטאַמאַנאַם בודיעש!“

אַנדערע האָט מען אויף פּיצפּיצלעך צוהאַקט, אויף אַש פערברענט, אויף אַלע וועלט-עקען פערשפּרייט דאָס אַש און צוזייעט, און ער וועט זיין אַ מאַשט!

אויפגעחאַפּט האָט ער זיך נישט אַלס מאַשט... מען האָט פון איהם קוים אַ באַלקען געמאַכט, אין אַ הויז איינגעמויערט.

ענג, דושנע, פינסטער — עס דריקט פון אַלע זייטען...

ער פאַלט אוועק אין אַ נייעם שלאָף, אין אַ ווילסטען שלאָף; אָהן חלומות, אָהן האָפנונג, אָהן טרייסט...

און אַזוי איז ער פּופציג און אפשר הונדערט יאָהר געשלאָפען...

און עס וועקט איהם ווייטער: טראַך! טראַך!

ער חאַפּט זיך שוין אויף באמת אין אַ ים. אין אַ רויטען, פייערדיגען ים... פאַליעס פייער שלאָגען...

דאָס איז מיין עק! — טראַכט ער — אין גיהנם בין איך! מיינט ער.

נאָר אַ קלאָץ דענקט און די פאַזשאַרנאַ קאָמאַנדאַ לענקט און טהוט איהרם... צונד ליגט ער אין מיטען גאַס...

ער ליגט און פוילט און ניצט נאָך דער קליינער וועלט...

האַלץ-ווערם ציהען פון איהם די גאַנצע פּרנסה... אַ צושויבערטע דיענסטמויד לויפט צו און רײַסט אוים אַ קיהנדעל... דער שרײַבער פון מאַגיסטראַט נעמט זיך יעדען טאָג נאָכ'ן מיטאָג אַ צאָהן-שטעכער... פרײַטאָג רײַסט פון איהם ווער אין גאָט גלויבט עדות צום נעגעל-פּער-ברענען...

קומט אין מיטען דער נאַכט אין שטעדטעל אַ קליין סוחר'ל, אַ נשרף'ל, צי אַזוי אַ בעטלער, נעכטיגט ער איבער אויפ'ן קלאָץ...

טהייל מאָל ציהט זיך אויף איהם אוים דער נאַכט-וועכטער און שנאָרכט...

2.

ביי טאָג.

אַ זומער-מאָרגען...

מיט געשרײַ און געוויין, געלעכטער און געזאַנג רײַסט זיך דאָס יונגוואַרג אַרוים פון די קליינע הײַזלעך... נאַקעט, האַלב-נאַקעט, מיט און אָהן שטיקלעך ברויט אין די הענד — לויפט עס צום קלאָץ.

מען שפּילט זיך...

און שפּילען זיך הייסט קאָפּירען די עלטערע וועלט.

אַלס חתן-כּלה פאָהרט מען אויף שטעקען שפּאַצירען, קושט מען זיך אין די ווינקעלעך, שענקט מען זיך מתּנות.

איז וועניג, דערלענגט מען נאָך אַ שערבעלע, נאָך אַ שטיקעל גלאָז פון אַ גרין אָדער אַ בלאָה-געוועזענער פלאַש, נאָך אַ שטיקעל לעדער... אַ' ניט געהט דער שדוך אָב, האָב מען אַ דין-תּורה, צאָהלט מען קנס...

אַלס מאַן און ווײַב, קריגט מען זיך, שעלט מען זיך און מען שרײַט... ווערט מען מיעד, לאָזט מען דעם רעשט גרימצאָרן אוים צו די קינדער, צו די אָרעמע קינדער פון האָלץ און שמאַטעס...

זיי זענען „ממזרים"... ווילען ניט לערנען, ניט פרום זיין, ניט טהון די הענד אין קאַלטען וואַסער אַריין... נאָר פרעסען וויל עס און זופּען, און עס האָט אַ קישקע אָהן אַ דנאָ!

פאַר גרוים צרות מאַכט מען זיך „שטעלען"; פערשעלט מען די קונים'ס ביינער, צו דער סחורה — ווי אַ גאָט אין הימעל — לעגט מען צו,

און צאָהלען מוז מען פּאַטענט, שטעל־געלר, מלמד געלר, דירה געלד, הײַנט קינדער חתונה מאַכען... און זײַ דינגען זיך נאָך, די נשמה ציהען זײ ארוים!

דערנאָך געהט אַ לויה... אַ קאָץ איז גע׳פּגר׳ט, צי מען האָט אַ טויט מײַזעל געפונען...

אין מיט׳ן קומט דער בעלפער...

אין מיטען טאָג פערנעמען דעם קלאָץ עטליכע ווײַבלעך, קעסט־קינדער... בײַם שעהנעם וועטער זעצען זײ זיך אויס אין די ווײַסע יאַקעלעך, קאָליר׳טע טיכלעך און, פאַר בושה, מיט אַ האַנד־אַרבײַט אויף דער שויס. און מען פערברענגט אַ גוטע שעה...

פריהער געהט עס צו שטיל.

איינע רויטעלט זיך און דערצעהלט, ווי גוט זי ווערט בעהאַנדעלט. די צווייטע „האָט נאָך זײַט זי לעבט אַזאַ מאַן נישט געזעהן!“, די דריטע שווייגט און פלאַמט; די מוז זײַן די גליקליכסטע... טהייל מאָל שלינגט דאָך איינע אַראָב אַ טרער נאָך אַ טרער — מען האָט איהר געווים אַנ׳אַלטען מלמד געגעבען...

דערנאָך ווערד רעדאַגירט די שטאָדט־צײַטונג, די מויל־אַרבײַט, וואָס צופליהט זיך פייל פון בויגען אין אַלע שטובען, אין אַלע הײַזער אַרײַן, און קומט דערנאָך צוריק צום קלאָץ פערגרעסערט און פערשעהנערט, ניט צום דערקענען...

עלטערע מענשען זאָגען, אַז פון קלאָץ וועט קײַן גוטס ניט אַרויס...

פאַר־נאַכט געהען שוין די יונגע ווײַבלעך, אויסגעפוצט אין די נאָך פרישע חתונה קלײדער אונטער דער שטאָדט, אויפ׳ן שאָסעע, בײַ׳ם ראַנד פון קלײנעם וועלד׳ל, פון וועלכען אונזער קלאָץ קומט אַרוים. אין וועלד׳ל זיך „אַרײַנלאָזען“, איז קײַן שטײגער נישט; עס וואָלט שוין צופיעל „דײַטשע־ריש“ אָדער „פּריציש“ געווען... די „שעהנע ברײַנדיל“ פלעגט שפּאַציערען אין וואַלד, האָט זי זיך אַמאָל אויסשפּאַציערט, אויף אַלע שונאים געזאָגט! — „אַ רחמנות אויפ׳ן אַלטען פאָטער, אויפ׳ן געוועזענעם לאַנד־שדכן, ער שעהמט זיך פאַר די ליכטיגער שײַן!“

דעם קלויז פֿערנעמען דערווײַל עטליכע אַלטע ווײַבער, וואָס כאַפּען זיך אַרוים אויף אַ רגע. אַ ביסעל לופֿט צו שעפּען, אַ ביסעל נחת צו האָבען און אָבצורעדען זיך פֿון האַרץ...

און, אַז מען האָט שוין איבערגעשיט דאָס גאַנצע שטעדטעל, רעדט מען פֿון „וואָס אַ מאָל איז געווען און הײַנט איז ניט דאָ"...

אַ מאָל זענען געווען געטרײַע מענער און הײַנט — פֿאַר די הינד אַרויסצוּוואַרפֿען, איינס בײַ איינס טרפֿה ווי חזיר; עס געהט זײַ קיין וואָהר וואָרט אַרוים פֿון מויל... נאָך דער חתונה איז „קעטשעלע־מעטשעלע", בײַ איין טיש עסט מען, פֿון איין שיסעל; — וואָס עלטער, ווערד מען קעלטער, און — גאָר ניט!

פֿערצײַטענס פֿלעגט אַ יודענע האַלטען אַנ'אור־אייניקעל בײַ'ם פֿאַרטוך און איהר אייגענס בײַ דער ברוסט; הײַנט נאָכ'ן דריטען, העכסטענס נאָכ'ן פֿירטען מאָל — קראַנק, דאַרף מען שוין דאָקטוירים און... דאָ רוימט מען זיך איין עטליכע סודות און מען שפּײַט אויף אַלע זײַטען...

דעריבער שטראָפֿט טאַקי דער בורא־עולם... ער וועט זײַן גוטס נישט וואַרפֿען אין דער בלאָטע אַרײַן. פּרנסה נישט דאָ, קלײנע קינדער געהען אוים ווי די ליכט, פֿאַר זעלנער נעמט מען... און קהל, און רב שווײַגען! — —

אפֿילו די זון איז שוין אויך נישט דאָס, וואָס אַ מאָל! פֿאַרצײַטען פֿלעגט מען פֿון פּסח ביז סכּות געהן אין איין העמד... עס רעדט זיך נאָר אַזוי, בעשפּינט און בענײַט איז מען געווען, און די ספּאָדניצעם מיט די זילבערנע און גאָלדענע פֿליטען זענען אַ סך שענער געווען, ווי די הײַנטיגע מאָדעס... נאָר וואַרעם איז געווען, אַ מחיה! ווער האָט געוואוסט פֿון הוסטען, פֿון שווערען אָטהעם, פֿון אַ ציטערניש אין די בײנער?

די זון געהט אונטער; די ווײַבער צולויפֿען זיך; מען דאַרף וועטשערע קאָכען. פֿאַר די „געטרײַע" מענער, דאָס פּנים פֿערפֿלאַמען...

עס פֿלאַמט אויף איין פֿענסטער נאָכ'ן צווייטען, אַ שויבען־טהיר נאָך אַ שויבען־טהיר. מיט רויטע אויגען קוקען די הײַזלעך אין גאַס אַרײַן, און בײַם קלויז זיצען שוין מענער נאָך מנחה־ומעריב.

מען רעדט פֿון פּאָליטיק, פֿון פּרנסה, פֿון יודישען מזל...

אײנער ציהט זיך אויס אויף דער װאַרעמער ערד, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויפ'ן װײַבען, פּוילען האַלץ און קוקט אין הימעל אַרײַן מיט צער, מיט נחת, מיט געבעט — װי אײנער, װי אַ מאָל — און דרימעלט אַזוי אײַן.

פלוצלינג װערט אַ געשרײַערײַ פון טהיר און פענסטער. װײַבערישע קולות רופען: חיים, יוסל, ראובן.

אַנדערע, מיט אַ צולאָג — אַ קללה: דײַן נאָמען זאָל אַהײַם קומען! די קאַרטאָפּעל װערען קאַליע!

און ערשט גאָר שפּעט, אַז דאָס שטעדטעל שלאָפט אײַן, רוקט זיך אַרויס פון נידריגסטען הײַזעל ר' שמעריל, דער געװעזענער לאַנד שרבן...

פערציג יאָהר איז ער אַרומגעלאָפען זוכען חתנים און כלות, ביז ער האָט די פיס פערלוירען; קוים ער שלעפּט זײ נאָך...

אַ האַלבען געגענד האָט ער חתונה געמאַכט, נאָר זײַן אײגענער טאָכטער פערגעסען... אין גרויען צאָפּ אַרײַן פערגעסען... נײַנצעהן יאָהר דערלעבט!

ער זעצט זיך און בעהאַלט דעם אַלטען גרויען קאָפּ אין די ציטערדיגע הענד... נדן האָט ער איהר געקליבען; נישט געגעסען, נישט געטרונקען, צו פּוס מײַלען גאַנצע געגאַנגען... אַלץ געקליבען און געקליבען!

אַזאַ חרפּה, אַזאַ שאַנד!

ער הויבט די אויגען אויף צום הימעל.

חאָטש גוט, װאָס זײַן רחל האָט עס נישט דערלעבט!

— גאָט! װײנט אין איהם דאָס האַרץ — זאָל זי נאָך תשובה טהון... אַװעק װעל איך מיט איהר... איך װעל איהר אַ נײַען נדן צוזאַמען מאַכען... מיט די קראַנקע פיס װעל איך פון טהיר צו טהיר אויף הכנסת־כלה געהן... חתונה מאַכען, לײַטיש חתונה מאַכען!

— גאָט, שיק אַ שטראַהל פון דײַן ליכט אין איהר האַרץ אַרײַן! אַ האַרץ האָט זי דאָך אַ גוטס געהאַט, אַ גוט האַרץ... אַ שטילע איז זי, אַ גוטע געװען... אַ האַרציגע!...

— מעשה־שטן, מעשה־שטן! — קלאָגט דער אַלטער אין דער שטילער נאַכט אַרײַן...

— און — אז ער געהט אויך אוועק, דאמאלס דערצעהלט מיר דער קלאָץ זיינע מעשה'ליך.

3.

נאך האלבער נאכט

דאָפּעלט דיק ווערד דער קלאָץ; ער גיסט זיך מיט זיין איינע־נעם שאָטען צוזאַמען. א גרויע, טיעפע שטילקייט וויעגט זיך איבער'ן טוידטען מארק.

דאָס שטעדטעל שלאָפט; טהיר און טהויער געשלאָסען.

זעלטען רוישט דורך דער לופט א פלעדערמויז; אנ'אונגליקליכע פלעדערמויז אין א שטעדטעל, וואו די ווייבער האבען קיין האָר ניט! פון ערגיץ אנ'אונטערגאס בלעקט פון צייט צו צייט א קע,בעל, גלייך עס וואלט זיך געקלאָגט אויפ'ן לעבען, וואס עס איז צו קורץ און ווערט נאך פאר דער צייט איבערגעריסען מיט געוואלט. פון צייט צו צייט לאָזט זיך הערען א הונד פון דער קריסטליכער פאָרשטאָדט, וואס קאן די לבנה נישט ליידען; וואס ריהרט זי זיך אין דער שטילער נאכט? — — —

ווייטער איז שטיל, די אָרעמע קליינע וועלט האָט קוים איינגעוויעגט איהרע קליינע — ווען אויך גענוג טיעפע — שמערצען, האפנונגען און פער־לאנגונגען, ווי אויך איהר קליינעם יצר־הרע...

שטיל און טרויעריג ליעגט דער קלאָץ אין מיטען מארק; שטיל און טרויעריג שווימט איבער איהם אין הימעל א פוילע געלע לבנה.

וואס ביסט דו לבנה אזוי געל? וואס איז אזוי קרענקליך דיין פנים? פון דיר שניידט מען דאך קיין צאהן שטעכער, קיין עדות צו נעגעל, קיין קיהנדלעך? ציי האסט דו מיטלייד מיט'ן יודישען־קעלבעל פון אונטערגאס? ציי שרעקט דיך דער הונד פון דער קריסטליכער פאָרשטאָדט?

און פילייכט ביזט דו גאר אונז אָרעמע מענשען מקנא, ווייל, ווי עס איז, האָבען מיר א נאכט צום שלאָפען?

קראנקע לבנה! — ניט אלע שלאָפען.

דאָ און דאָרט שפּאַרט זיך אַרויס אַ ביסעל ליכט דורך אַ שפּאַרע פון אַ לאָדען; אַרום מאַנכע ציטערן דין־שטראַהליגע, רויטלעך־בלויע מגן־דוד׳ס...

דאָ איז זיך אַ שניידער, צי אַ שוסטער, און אפשר אַ טליתים־וועבער, ביי דער אַרבייט פערזעסען. אַנ׳אָרעמע געהטאָרין פינטעלט מיט די רויטע אויגען און נעהט, און שטעפּט...

דאָרט שטעהט אויף אַ דערשראָקענע מוטער צום קראַנקען קינד...

ערגיץ אַנדערש אין אַווינקעלע, ביי אַ גראָשענדיג חלב׳ן ליכטעל, צעהלט אוים אַ בעטלער זיין צוזאַמענגעמאַכט פערמעגען.

אינ׳ם גרויסען, ווייסען הויז ליעגט אַ קראַנקע; זרח שענקער׳ס ווייב. געה בערעכען אַ וועלט: אַ יונג ווייבעל, אַנ׳אַלטער מאַן; געהט ער אַרום אַ געזונדטער און זי ליעגט איבער אַ נאַנד! שטאַרבט זי אַוועק, עס ברענט אַ קאַגאַניק, עס זיצט אַ חברה־מאַן... זרח געהט אַ הין און צוריק פערטראַכט און רייסט זיך איינציגע האָר פון דער ווייסער באָרד:

„ער האָט זי באַלד ניט געוואָלט! וואָס האָט איהם געטויגט אַזאַ בלאַסע, אַזאַ ווייסע... מען האָט זי איהם איינגערעדט; איינגערעדט האָט מען זי איהם... ער האָט יענע געוואָלט און יענער להכעיס האָט ער מיט דער חתונה געהאַט...

עס לייכט זיך אויך ביים דיין אין פענסטער. ער זיצט נאָך און לערנט, און אפשר קלערט ער שוין וועגען אַ הספד; זרח איז אַ גביר און אַ יוד אַ למדן: אשת חבר כחבר...

וואו עס איז פינסטער שלאָפען אויך ניט אַלע...

געגענאיבער דעם גרויסען ווייסען הויז שטעהט איין איינגעפאַלענע, פערפינסטערטע שטוב, מיט אויסגעבויסענע ווענד. די לאָדען הענגען קרום אַראָב און פערמאַכען שוין לאַנג ניט די פענסטער. אין שטוב, ביי דער בלאַסער שיין פון דער לבנה ציטערן ווי בלוטיגע פלעקען די קישען אָהן ציכלעך אויף צוויי שטענדיג זופּצענדיגע בעטען...

אַנ׳אַלטער איינגעשרומפּענער ווייבער־קאָפּ מיט אויסגעלאָשענע אויגען הויבט זיך אויף און רופט צום צווייטען בעט:

— טויבע, הערסט?

עס קומט פון צווייטען בעט קיין ענטפער, עס הערט זיך פון

דאָרט קיין אָטהעם ניט. די אַלטע לאָזט זיך ניט נאַרען, זי ווייס, אַז טויבע שלאָפט ניט, אַז זי קען ניט שלאָפען... עס לאָזט זי ניט שלאָ=פען...

— טויבע! רופט די אַלטע האַרטער.

— וואָס ווילסט דו, מאַמע? — הערט זיך פון צווייטען בעט אַנ=אָבגעריסען קול, אָנגעזאַפּט מיט טרערען, — ווערסט מיר די קינדער וועקען!

די אַלטע שווייגט אַ רגע. אין דער שטילקייט הערט זי, ווי טויבע דרעהט זיך איבער אין בעט און פערגראָבט דאָס פנים אין קישען.

— הערסט, טויבע! — מאַכט די אַלטע נאָך אַ ווײַלע — דיין מאַנ'דעל וועט היינט מאָרגען אַוועק... ער האָט שוין דעם טלית=זאַק פערפּאַקט... אַנ'עגונה וויל ער דיך לאָזען, אַנ'עגונה! ער האָט דען יהדות? ער האָט דען אַ יודיש האַרץ?... ער וועט דיר קיין גט ניט לאָזען!

פון צווייטען בעט הערט זיך אַ פערשטיקט געוויין.

די אַלטע מרוטשעט פאַר זיך:

— טאַטע=מאַמע ניט געפאָלגט... געפּוצטע שטיוועלעך געוואָלט... זרח — אַ שמאַלץ=גרוב — נישט! געפּוצטע שטיוועלעך! דעם טאַטען אין קבר אַריין געפיהרט... גאָט שווייגט ניט, גאָט צאָהלט... רבונו=של=עולם...

טויבע שפּרינגט אַרויס, ווי אַנ'אונטערגעשאָסענער פויגעל, פון בעט, חאַפּט אויף זיך אַ קלייד מיט אַ שאַל און לויפט אַרויס פון שטוב.

— און יענע שטאַרבט — מרוטשעט ווייטער די אַלטע און לעגט דעם ציטערדיגען קאָפּ צוריק אויפ'ן רויטליך=שוואַרצען קישען — וואָלט ער איהר אַ גט געלאָזט, וואָלט אפשר נאָך צוריק זווג געווען...

טויבע זעצט זיך אויפ'ן קלאָץ. די באָרפיסע פיס צופּליסען זיך אין זאַמד, די גרויע שאַל מיט'ן גרויען קלייד אין דער גרויער לבנה נאַכט... עס זעהט זיך נאָר איהר בלאַסער פנים מיט די ברענענדיגע אויגען, וואָס קענען זיך ניט אָבריַיסען פון גרויסען, ווייַסען הויז, פון ציטעריגען ליכט, וואָס רייַסט זיך אַרויס דורך דער שפּאַרע פון די גרינע לאָדען...

— שטאַרבען — טראַכט טויבע — איז נאָך גאָר ניט!

נאָר זי דערשרעקט זיך פאַר איהרע אייגענע ווערטער; זי זאָל עס נאָר ניט האָבען אַרויסגעזאָגט אין אַ בעזער שעה!

— לעֶב, לעֶב מירעֶלעֶ: ליספּעֶלט זי מיט ציטעֶריגעֶ ליפּעֶן. זאָל דיר גאָט דײַן לעֶבעֶן בעֶנײַעֶן... הונדעֶרט און צוואַנציג יאָהר זאָלסט דו לעֶבעֶן...

דאָס געֶבעֶט רײַסט זיך אָב פון זיך אַליין. טרויעֶריג־פינסטעֶרעֶ געֶדאַנקעֶן בעֶהעֶרשעֶן זי. נאָך בײַ טאָג האָט זי געֶהעֶרט, אַז דעֶר דאָקטאָר האָט אָבגעֶטרעֶטעֶן פון מירעֶל'ס בעֶט, אַז אַלעֶ מבינים האָבעֶן אַוועֶקגעֶמאַכט מיט דעֶר האַנד...

„איין גאָט קעֶן העֶלפעֶן" האָט מעֶן געֶזאָגט, און טויבעֶס האַרץ ציטעֶרט, צי וויל ניט גאָט אויספיהרעֶן זײַנס... צי איז זי מיט זרח'ן קײַן זווג ניט געֶוועֶן...

עֶר (איהר מאַן) מוז אַוועֶק, עֶס איז שוין ניט דאָ פון וואַנעֶן צו לעֶבעֶן... אַמעֶריקאַ ציהט איהם... און יעֶנעֶ — יעֶנעֶ שטאַרבט...

זי בלײַבט און זרח בלײַבט...

— „נאָר ניט קײַן גט, נאָר ניט קײַן גט! צאַפּעֶלט אין איהר דאָס האַרץ —

דאָס אַלץ האָט מיר דעֶר קלאָץ דעֶרצעֶהלט.

VII.

נָאךְ קְבוּרָה.

פערזאָנען: די אַלמנה.
צוויי מוהמעס.

די סצענע: רעכטס און לינקס — טהירען. אין הינטער־גרונד — צוויי פענסטער אונטער פאָרהאַנגען. אויף דער וואַנד איין איבערגעקעהרטער שפּיגעל. אויף אַ פענסטער־ליַיסט — אַ נשמה־לעמ־פעל; דעריבער אַ שטיקל ליַינוואַנד. אין מיט שטוב — אַ הענגליַיכ־טער מיט אַריַינגעשטעקטע קאָליערטע ליכט. צווישען די פענסטער — אַ קיך־בענקעל, דערויף: אַ שטיקעל בייגעל, אייער־שאָלען אַ נישט־דערעסען איי; רעשטליך פון אַ סעודת הבראה. געבעט מעבעל אין אונאָרדנונג.

פאַר־נאַכט. שפּעטער בעוויַיזט זיך די לבנה אין פענסטער.

די אַלמנה, זיצט אויפ'ן בענקעלע פערשטיינערט און פערגעסען.
די מוהמעס, ביַים טיש קוקען אויף איהר מיט מיטלייַדיגער שרעק.

ערשטע מוהמע: זאָגט נאָך קיין טרער נישט געלאָזט...

צווייטע מוהמע: זי קוקט — וואָס זעהט זי?

(פּויזע).

ערשטע מוהמע: (עטוואָס האָפענונג) ס'פּנים, דאַכט זיך געהט, איהר אָפּ...

די אַלמנה: (ליעבליך) מוהמע וואָס האָסטו געטהון אויפ'ן בית-עלמין?...

ערשטע מוהמע: גאָר-נישט...

די אַלמנה: (מיט אַ פערגלייווערטען שמייכעל) בליהמעלעך געריסען?

ערשטע מוהמע (צו דער צווייטער): דאָס האָט זי געטהון... אין מיטען קריעה-שניידען אראָפּגעבויגען זיך...

די אַלמנה (צו דער צווייטער): און דו, מוהמע? (פערגעסט זיך, פויזע).

ערשטע מוהמע: צוריק פערשטיינערט.

(פויזע.)

צווייטע מוהמע: וואָלט זי אַ טאַטען געהאַט...

ערשטע מוהמע: אַ מאַמען!... אַ מאַמע ווייסט שטענדיג, וואָס צו טהון...

צווייטע מוהמע: אָדער אַ קינד.

ערשטע מוהמע: ס'וואָלט געוויינט...

צווייטע מוהמע: אַ קליינס. וואָלט עס געצופּט ביי דער ברוסט...

(פויזע.)

ערשטע מוהמע: ארויסגעהענדיג פון טויער, האָט זי געפרעגט: „וואו איז מיין מאַן?"...

צווייטע מוהמע: דאָס זעלבע אַריינקומענדיג אין שטוב... „נאָך נישטאָ?"

(פויזע.)

ערשטע מוהמע: כ'מוז געהן אַהיים! די קינדער וועלען קומען פון חדר... חאָטש אַביסעל קאַרטאָפעל...

צווייטע מוהמע: מיינער איז ערשט געקומען פון וועג. ר'וועט שילטען.

ערשטע מוהמע: מען דאַרף זי לעגען שלאָפען...

(ווילען צוגעהן).

די אַלמנה: מיידעלווייז האָב איך געקאָנט טאַנצען...

די מוהמעס: (שפּרינגען אָפּ פאַר שרעק).

די אַלמנה: (מעהר צו זיך) און פייפען אויך... (צו די מוהמעס מיט אַ שעלמישען שמייכעל) קיינער נישט געוואוסט... ער — אויך נישט...

די מוהמעס (נעהנטער קומענדיג): גאָט איז מיט דיר!

די אַלמנה: גאָט? — מיט מיר?

(די מוהמעס שטעלען זיך אָפּ דערשראָקען)

ערשטע מוהמע: מען דאַרף זי לעגען שלאָפען...

צווייטע מוהמע: (צוגעהענדיג) קום, קום שלאָפען...

ערשטע מוהמע: קום. כ׳וועל מיט דיר לייענען קריאת־שמע...

צווייטע מוהמע: (לייענט איהר) „המפּיל" — (די אַלמנה זאָגט נישט נאָך).

ערשטע מוהמע: ב׳וועל דיך אויסטהון...

צווייטע מוהמע: (זאָל עס טהון..

די אַלמנה: (שפּרינגט אַב) ניין.. נ׳ן... כ׳מוז ביי איהם זיצען... כ׳מוז ביי איהם זיצען, (אָבגעהענדיג רעכטס) כ׳וועל קיין פּרעמדען נישט צולאָזען... איך אַליין... איך אַליין... (אויף דער שוועל שוין בערוהמעריש) ביי מיר נעמט ער אַלץ... איך שלעפּ׳ם איין... כ׳זינג איהם ליעדעלעך (אָב).

די מוהמעס: (געהען נאָך; קומען צוריק נאָך אַ ווײַלע, שטעלען זיך אויף דער שוועל, איינע גענען דער אנדערער).

ערשטע מוהמע: ווי געשווינד זי איז איינגעשלאָפען..

צווייטע מוהמע: מיט אָפענע אויגען!

ערשטע מוהמע: שנאַרכט!

צווייטע מוהמע: עפּיס צו געשווינד... זי נאַרט! —

ערשטע מוהמע: נאָך וואָס?

צווייטע מוהמע: כ׳ווייס? (פויזע) און אפשר האָט זי פערגעסען... (זיפצט אָב) קום!

די מוהמעס געהען און שטעלען זיך אָב אין מיטען שטוב.

ערשטע מוהמע: זי קאָן זיך אויפחאַפּען, אַריינקומען אַהער און פלוצלינג דערזעהן — (קוקענדיג אויפ׳ן קאַנאַניקעל) אויסלעשען?

צווייטע מוהמע: מען טאָר נישט... פערשטעלען! (רוקט עס אָב צום פענסטער־ווינקעל, אונטער דעם פאָרהאַנג, עס שימערט קוים.

ערשטע מוהמע: ס׳שטיקעל לייַנוואַנד? (רוקט עס אויך איבער).

צווייטע מוהמע: דער שפּיעגעל?

ערשטע מוהמע: ס׳איז פינסטער, זי וועט אפשר נישט זעהן...

אומדרעהען טאָר מען נישט... קום... אַט, נאָך ס׳בענקעל... (רוקט עס צו אַ פענסטער צו, פערלעגט מיט אַני׳ עק פאָרהאַנג).

צווייטע מוהמע: און דאָס פוסען־בענקעל (רוקט עס צום צווייטען פענסטער צו, פערשטעלט עס מיט׳ן צווייטען עק פאָרהאַנג. פויזע) אַז זי האָט קיינעם נישט אין שטוב...

ערשטע מוהמע: צוויי איינזאַמע מענשען געווען...

צווייטע מוהמע: מיר וועלען דאָך באַלד צוריקקומען...

(זיי געהען צו דער טהיר לינקס.)

די אַלמנה: (בעוועגט זיך אויף דער שוועל, זעהט די מוהמעס פון הינטען, שמייכעלט שעלמיש, ציהט זיך ראָש צוריק).

ערשטע מוהמע: וועלען מיר פערשליסען פון דער צווייטער זייט...

צווייטע מוהמע: פון דער צווייטע זייט...

די מוהמעס: (אָב; די טהיר ווערט פון דער צווייטער זייט פערשלאָסען).

די אַלמנה: (בעוועגט זיך מיט׳ן פריהערדיגען שמייכעל אויף דער שוועל. קוקט זיך אום): אָבגענאַרט! — (געהט איבער דער שטוב, טרעט אויף אַנ׳איינער־שאָל, עס קנאַקט. זי דערשרעקט זיך, בלייבט שטעהן, קוקט זיך אונרוהיג אום — דער בליק פערהאַלט זיך ביי דער לבנה אין פענסטער) די לבנה שיינט!.. (קוקט אַרוים).

די גאַס שלאָפט (דרעהט זיך איבער צו דער שטוב זעהר ליעבליך). קום, חתן מיינער, שפּאַציערען... (גלייך זי נעמט עמיצען אונטערן אָרעם. שפּאַציערט) נאָר זאָלסט מיך נישט קושען... הערסט, האָסט צייט!...

(בויגט צו דעם קאָפּ) די האָר מעגסט דו... זיי שמעקען? — איך שמיר זיי מיט גאָר נישט... דאָס שמעקט מיין נשמה... אַזוי זאָגסטו? יאָ? — וואָס רעדסטו היינט אַזוי ווייניג? דיינע ליפּען ריהרען זיך, און איך הער קיין קלאַנג... (שטעלט זיך אָב) וואָס קוקסט דו עפּים אוועק אָן אַ זייט?... (פויזע. אונרוהיג) עפּים פיהל איך נישט דיין האַנד... דיך אויך נישט... (דערשראָקען) וואו ביזט דו? — אַה! (שמייכעלט) ערב שבת! געגאַנגען דאַווענען... (בעטראַכט זיך) און איך בין נאָך נישט אָנגעטהון! (וויל צו־געהן צו דער באַנק, בלייבט אַ ווייַלע שטעהן, שמייכעלט) ער וועט באַלד קומען און זאָגען (מאַכט נאָך) „גוט שבת״... אַזוי האַלב זינגענדיג: „גוט שבת״... און (שטעלט אוים דאָס מויל צום קושען) דערנאָך אויף און אָב: „שלום עליכם״

(זינגט מיט אַ מענער־שטים, האַקט אָב אין דער מיט) ווי... נאָך נישט קיין ליכט געבענשט... (נעהמט פון שאַנק אַרויס ליכט און לייכטער – בענשט זעהר לאַנגזאַם ליכט, צולאַכט זיך אין מיטען) ד'זעה דיך! ד'זעה דיך דורך די פינגער (ענדיגט ראַש) — שוין צוריק געקומען... געה נישט צו, געה נישט... „שלום עליכם" זינג, ד'וועל מיך איבערטהון... לכבוד שבת... קוק נישט... נאַשער, קיק נישט... זינג! (זינגט „שלום עליכם", געהט צו צו דער שאַנק, עפענט די שאַנק־טהיר צום צושוויער, בלייבט פערשטעלט ביי דער שאַנק, זאָגט אָהן ווערטער, און אָפּט איבערגעהאַקט) פאַר וואָס זינגסט דו נישט? הערסט נישט, ווי איך זינג? (בעווייזט זיך איבערגעטהון אין ווייסען) פאַר וואָס זינגסט דו נישט? — ביזט ברוגז? פאַר וואָס? (וויל זיך דערמאַהנען. הויבט העכער די ברעמען, בעמערקט דעם הענג־לייכטער; גלייך זי האָט פלוצלונג פערשטאַנען) אַה! יום־טוב און נישט אָנגעצונדען דעם הענג־לייכטער! ווילסט מעהר ליכט!

כ'קען דיך, ווילסט דיך באָדען אין ליכט — יום־טוב... גוט גוט... אַ מערכה — יום־טוב, נישט שבת... וואַרט, כ'וועל אָנצינדען... און מיט אַ מאָל מיט צוויי ליכט (נעמט זיי פון טיש) רוק מיר אונטער אַ שטוהל! ווילסט נישט? — פאַר וואָס? ביזט נאָך בעז? שלעכטער! (מיט טרעהרען) שלעכטער... נאָר ס'שאַדט נישט! ד'קאָן אַליין (צוריקענדיג זיך אַ שטוהל מיט די פיס, אַרויפשפרינגענדיג און אָנצינדענדיג) וואַרט, וואַרט — שפּעטער... נאָכ'ן עסען... וועל איך ברוגז ווערען... א י ך (געהט אַראָב) ניין, ניין?... ד'שפּאַס נאָר... ביזט, נעביך, אַ שוואַכער... (שטעלט צוריק די ליכט) נו, קום עסען... זעץ דיך... אַזוי... איך קום באַלד מיט'ן עסען (געהט אָב רעכטס, ברענגט אַריין געשיר, שטעלט צום טיש, זעצט זיך גלייך עמיץ זיצט איהר געגענאיבער) עס, לעבען מיינס, עס געזונדטערהייד... פיש מיט ראָזינקעס, ווי דו האָסט ליעב... עסט נישט? די אויגען פאַלען דיר צו?... אַ'... מיר פערשטעהען זיך דערויף! וואַרט ד'וועל דיך שוין וועקען (געהט ראַש אָב רעכטס, קומט צוריק באָרוועס, איינגעהילט אין אַ ווייס לײַלעך, איבער־שרעקענדיג) בו — בו — בו! — וואו ביזט דו? האָסט זיך בעהאַלטען? וואָס איהם ליעגט אין זינען! ד'וועל דיך געפינען, ד'וועל דיך געפינען (זוכט איהם אַרום, אונטער שטוהלען, אונטערן טיש, אין שאַנק, בלייבט שוין מיעד) גענוג שוין... כ'בין מיעד... אַזוי פיעל נעכט נישט געשלאָפען! קום שוין... קום שוין... נאַ! (שטעלט אויס די ליפּען צום קושען) נאַ (דערלאַנגט אין דער לופט אַריין די צעפּ) כ'וועל דיך אַרומוויקלען... נו שוין...

אַה! פון אונטער'ן אויוועֶן אַהעֶר געֶקומעֶן... חאַ-חאַ-חאַ! (שטעֶקט איִן מיִטעֶן לאַכעֶן) וואו געֶהסט דו? וואו געֶהסט דו? עֶפּיִם ווערסט דו מיִר אַלץ דיִנעֶר און דיִנעֶר (נאָכגעֶהעֶנדיִג) צום פעֶנסטעֶר?... צום פעֶנסטעֶר? וויִלסט אַרויס פון פעֶנסטעֶר? (צולויפעֶנדיִג) ד'וויִל ניִשט! ד'האָב מורא! (שטרעֶקט אויס די האַנד, ווי צום אָנחאַפּעֶן ביי אַ פּאָלעֶ, שטרויכעֶלט איבעֶר'ן קיִך-בעֶנקעֶל, בעֶטאַפּט עֶס, רוקט אָב דעֶרפון דעֶם פּאָרהאַנג, דעֶרזעֶהט די רעֶשטלעֶך פון סעודת-הבראה, אויסגעֶשריי) אָה! (שפּריִנגט אָב ביִז צו דעֶר טהיִר ליִנקס, פאַלט, פעֶרגעֶסט זיִך, שפּאַרט זיִך אָן אָן בעֶנקעֶל; אונטעֶר די קוליִסעֶן שטיִלעֶ ציִטעֶר).

ס'גערטעֶל שלאָפט איין... שלאָפט איין, טס... טס... (אונטעֶר די קוליִסעֶן: פויגעֶל-צוויִטשעֶר, וואָס ווערט אַלעֶ מאָל שטיִלעֶר און זעֶלטעֶנעֶר).

די פויגעֶלעֶך, שטיִל זיִנגעֶנדיִג, שלאָפעֶן איין... טס, טס! (נאָך שטיִלעֶרעֶ מוזיִק).

ס'קלייִנעֶ וואַסעֶר, צוויִשעֶן די בוימעֶלעֶך, שלאָפט איין, שלאָפט איין...

און עֶס גלאַנצט, און עֶס ציִטעֶרט אַזוי שטיִל, אַזוי שטיִל...

אַ, דעֶר וואַסעֶר שוואַן שוויִמט איבעֶרן גלאַנץ, איבעֶר'ן וואַסעֶר שפּיִגעֶל, שוויִמט אַזוי שטיִל...

(עֶס פּלאַצט אַ סטרונעֶ, פּאָרהאַנג).

VIII.

צוזאמען.

(פאלקסטימליך).

מיט יוסל מלמד איז שלעכט...

ער אליין האלט עס אפילו נישט פאר שלעכט. ווארום וואס? קיין האניג פון לעבען האט ער קיינמאל נישט געלעקט... קיין יונגער־מאן איז ער נישט, קיין מיתה חטופה וואלט עס נישט געווען; ליעגט שוין, לא עליכם, א שענע פאר וואכען! און דערצו איז פונקט חודש ניסן, וואלט ער חאטש פטור געווארען פון חבוט הקבר לאזט זי אבער נישט, יענטיל די רבי'צין; מאכט זי קולות. זי און די קינדער... גוס'ט ער און גוס'ט, שוין עטליכע מאל ודוי געזאגט. אויסגעצויגען זיך, איבערגעדרעהט צו דער וואנד, און זי לאזט נישט קומען צו יציאת נשמה; זי און די קינדער. ער פינטעלט מיט די אויגען בעט זיך ביי איהר רחמים, — דאס קול האט ער שוין לאנג אנגעווארען, — און זי מיט די קינדער טרעטען נישט אב פון בעט און מאכען יללות...

קריגט מען דארט אויבען אויף איהם רחמנות.

מאכט זיך, איינמאל ביי־נאכט, שוין אפילו נאך חצות, הויבט עפיס אן צו רוישען אונטער'ן פענסטער'ל, און פאמעליך געהט איבער דאס רוישען אין א מין נגינה — עפיס נישט געזונגען, נישט געשפיעלט אויף א כלי, און פארט נגינה, און אזוי מחיה'דיג שטיל און זיס, אז עס צוגעהט אין אלע אברים.

ווערען יוסל'ס ווייב מיט די קינדער מיט א מאל שטיל, הערען זיך איין צו דער נגינה. באלד דערפיהלען זיי עפיס א זיסע מידקייט אין גאנצען גוף, לאזען זיך אראב אויף דער ערד ארום בעט שפארען אן די קעפ

אָן די לײַסטען, די ברעמען פאַלען צו, די אויגען שליסען זיך, און זיי דרעמלען אײַן.

האָט זיך די נשמה דערמיט בענוצט און אַרויסגעהאַפּט זיך פון גוף.

מילא, גלײַך אַרויף קאָן דאָך די נשמה ניט; ניט אַזוי לײַכט זיך אָבצושאָקלען פון שטויב פון דער ערד און אויסגלײַכען די פליגעלעך, און אגב מוז זי דאָך, על פי דין, בלײַבען בײַם גוף, כל זמן ער קומט ניט צו קבר ישראל: מוז נאָכגעהן דער מטה, זעהן די קבורה, אויס-הערען קדיש.

פליהט זי, די נשמה, אַרויס דורך די נאָזלעכער פון גוף, חאַפּט זיך אַרויס דורך דעם אָפענעם לופטשיק׳ל פון שטוב, שטעלט זיך אַ ווײַלע און וואַרפט פון יענער זײַט אַרײַן אַ רחמנות-בליק צו׳ם בעט, צו׳ם אויס-געצויגענעם גוף, וואָס האָט שוין אַפילו ניט געצאַפּעלט, דרעהט זיך אוים, און הויבט אָן זיך אַרומצודרעהען אַרום הויז...

איז אָבער יוסל מלמד בטבע אַ פערטראַכטער געווען, אַ פער׳חוש׳טע נשמה געהאַט, פערגעסט זי זיך, די נשמה, לאָזט זיך אין מאַרק אַרײַן, דערנאָך פון מאַרק און פון שטעדטעל אַרויס; מײַדט אוים די לעצטע הײַ-לעך. די באָד און געהט אַזוי אַלץ ווײַטער און ווײַטער...

איין בורא עולם ווײַסט, ווי לאַנג עס האָט געדויערט און וויפיעל זי איז אָבגעגאַנגען. פליהען האָט זי כמעט נאָך ניט געקאָנט, געהט זי און געהט און קומט צו צו אַ בערג׳ל. דערהערט זי פלוצלינג פון דער הויך אַ גערויש, אַ גערויש אַזוי ווי פון פליגעל. דערמאָהנט זי זיך, די נשמה אָן דעם טויט, מײַנט זי, אַז ס׳איז שוין נאָך קבורה, אַז זי געהט עס אַרויף, וואו מען דאַרף. אין אַז דאָס רוישען, די פליגעל פון די מלאכים, וואָס מען האָט איהר געשיקט אַנטקעגען... צושמײַכעלט זי זיך, די נשמה, עס קומט איהר: פאַר דער תורה הקדושה אַוועקגעלעגט דאָס געזונד מיט׳ן לעבען... ווערט זי דערפרעהט: אײַלט זיך צו, סאָפּעט און געהט באַרג אויף, אַלץ פערהושט, אין מיטען הויבט זי אָבער די אויגען אויף, דערזעהט זי — אַ ווינד-מיהל! און די ווינד-מיהל דרעהט זיך, אַ ווינדטעל געווען, און די פליגעל רוישען אין דער לופטען. מילא דערמאָהנט זי זיך, אַז עס איז נאָך פאַר קבורה און קוקט אַזוי ווײַטער: בײַ דער ווינד-מיהל, דערזעהט זי, שטעהט אַ הײַזעל, מיט עטליכע פענסטערלעך, און צוויי פון די פענסטערלעך זענען זעהר ליכטיג. וואונדערט זי זיך, וואָס

עס לײַכט זיך נאָך ערגיץ אַזוי שפּעט. קוקט זי זיך אום, דערקענט זי די מיהל; ערשט פאַר אַ יאָהרען האָט זי דאָ ווייץ גע'כשר'ט, משגיח געווען בײַם מאָהלען מצה-שמורה-מעהל, ס'איז פריידעל דער אַלמנה'ס מיהל... פלעגט בײַ איהר מאָלצײַטען עסען, די בנים פערהערען — גרויסע עם הארצים געוועזן! — און זי פלעגט איהם מכבד זײַן מיט גריוועך און קלאָגען זיך פאַר איהם, באשר בכן, דער מאַן האָט זי פערלאָזט בחצי ימיו, איבערגעלאָזט איינע אַליין מיט קינדער אין אַ דאָרף, מיט אַ גרויסער ווינד-מיהל, וואָס וואַקסט איהר איבער'ן קאָפּ... וכדומה... און אויפ'ן שכן פלעגט זי זיך קלאָגען, אויפ'ן יוד פון צווייטען דאָרף, פון דער צווייטער ווינד-מיהל, וואָס רעדט איהר אָב די קונים, — און אַצינד אַזוינע יום-טוב'דיגע ליכטיגע שויבען! איז איהר אַ גרויס חדוש, דער נשמה, געהט זי נעהנטער צו, קוקט אַרײַן, און ווערט נאָך מעהר נתפעל. נישט חודש, נישט שבת און קײַן יום-טוב אַודאי נישט. און דער טיש איז ווײַס געדעקט, און אויפ'ן טיש שטעהט אַ שאַבאַשניק, אָנגעצונדען אַלע זיבען ליכט, אויפ'ן ווײַסען טישטוך — כבוד. די בנים זענען נישט אין שטוב, אַודאי אין דער צווייטער מיט די פינסטערע פענסטערלעך, שלאָפען שוין אַודאי... און בײַם טיש זיצט פריידיל, נישט פערמעהליגט, אַ שבת-יום-טוב'דיג מלבוש, מיט אַ ווײַס זײַדען טיכעל איבער'ן קאָפּ — פון איין זײַט, און עפּיס אַ יוד, אין אַ נײַעם קאַשקעט און אַ טוכענער קאַפּאָטע — אין דער צווייטער זײַט טיש. פאַלט איהר אײַן: דער יוד פון צווייטען דאָרף, פון דער צווייטער מיהל! און ער איז אויך גאָר נישט פערמעהליגט, און דער יוד, זעהט מען בחוש, שדכ'נט זיך צו איהר... מען נעמט אַ קאָפּ, מען טרינקט לחיים... און זי בעט זיך נאָר: שטיל! די קינדער זאָלען אין דער צווייטער שטוב נישט הערען... און מען הויבט ווײַטער אויף די גלעזלעך!

אין מיטען ווערט די יודענע טרויעריג און פרעגט: און די קינדער? קינדער אין שטוב, זאָגט דער יוד, האָט ער פײַנט... כ'זאָל וועלען קינדער, זאָגט דער יוד, וואָלט ער אַ בתולה גענומען און אייגענע געהאַט... וויל זי זיך פון איהם אָבּרוקען... חאַפּט ער זי אָן בײַ דער האַנד און קוקט איהר אין די אויגען אַרײַן... די מיידלעך, זאָגט ער, מעגען זיך שטעלען אין שטעדטעל אויף אַנ'אָרט, ער וועט זיי אָבּפיהרען. דאָס יונגעל, — ער האָט אַ קרוב אַ דרדקי-מלמד, וועט ער איהם אָבּגעבען פאַר אַ בעהעלפער... און — ווי זי וויל! זי — אַ יודענע! חליפעט און טרינקט ווײַטער: לחיים! און דערווײַל קרעהט דער האָהן,

דער יוד חאַפּט זיך אויף, ער מוז פאָהרען אין שטעדטעל אַריין נאָך אַ חופּה און אַ מנין... זי בעגלייט איהם ביז צו דער טהיר, ער פערשווינדט אין דער נאַכט אַריין, און זי וואַקעלט זיך צוריק, קומט צו צו דער טהיר פון דער שטוב, וואו די קינדער שלאָפען, פאַלט צו מיט'ן פּנים צו דער מזוזה, און צעווייַנט זיך אויף אַ קול: הלואי וואָלט זי דער מאַן געווען מיט זיך מיטגענומען, נישט איבערגעלאָזט איינע אַליין, וואָלטען די קינדער יתומים אָהן טאַטע-מאַמע געווען, קיין שטיף-טאַטען נישט בעקומען, וואָלט ווער אויף זיי רחמנות געהאַט...

חאַפּט זיך ערשט די נשמה, וואָס מיט איהר איז געשעהן, און דרעהט זיך אוים, און לאָזט זיך צוריק אַהיים... בלאָנדזשעט אַ ביסעל און קומט דאָך צום שטעדטעל צו. מען קלאַפּט אין שוהל אַריין: דריי מאָל! אַ שטיין איז איהר אַראָב פון האַרץ; אַ פּנים, מען ווייסט נאָך נישט... קומט צו צו דער שטוב, דער לופטשיק — אָפען, דער עולם אַרום בעט שלאָפט, די נאָז-לעכער פון גוף — נאָך נישט פערקיהלט, חאַפּט זי זיך צוריק אין גוף אַריין, און גאָר נישט!

אין דער-פריה, דאָס גערודער אין מאַרק וועקט זיך, פויערים מיט פוהרען קומען אָן; קלייטען עפענען זיך, די איינגעשלאָפענע בני בית חאַפּען זיך אויף: אַ נס! יוסל מלמד שוויצט. איבער נאַכט אַ קריזיס געווען. מענשען געהען דאַווענען און טרעטען אָב: ששון ושמחה, נאָר רעדען רעדט ער נישט, אָבגעשוואַכט, געהט מען דאַווענען. יוסל, זאָגט מען, איז אונזער... טרייבט דאָס ווייב די מיידלעך אַרויס צו דער שטעל, די יונגלעך אין חדר אַריין, און וויל אויך אַרויסגעהן און אַריינרופען אַ שכנה אויף איהר אָרט, נאָר אַזוי, ווי זיי בלייבען אַליין, זעצט זיך יוסל אויף און זאָגט איהר: זיי וויסען, זאָגט ער איהר, אַז דו וועסט היינט מאָרגען אַוועקגעהן פון דער וועלט, דעריבער זאָג איך דיר אָן, זאָלסט קומען אַהין מיט אַ ריינעם חשבון... געה, על כן, אין מאַרק אַריין, זעה איינצומאָהנען דיינע חובות און בעצאָהל וועמען דו ביזט שולדיג... דאָס זאָלסטו טהון איבער'ן טאָג און פאַר-נאַכט זאָלסטו אַהיים קומען, מיטברענגען זאָלסטו אַ מנין מענשען, און וועסט דיך לעגען אין בעט און ודוי זאָגען, און די רעשט געהער צו זיין ליעבען נאָמען... ווארום איך וויל נישט, מיינע קינדער זאָלען בעקומען אַ שטיף-טאַטען, האָב איך מיר עס אויסגעבעטען, זיי זאָלען בעסער בלייבען יתומים אָהן טאַטע-מאַמע, וועט קהל אויף זיי רחמנות האָבען און השגחה געבען...

מײנט זי, ער רעדט פון װעג, נאָך נישט בײ די קלאָרע געדאנקען, װײל זי איהם אָבער נישט דערצערנען, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף יאָ, און געהט אַרוים...

פאַר נאַכט, מנחה צײט, קומט זי צוריק, פרעגט ער זי צי זי האָט אַלץ געטהון, װי ער האָט געהײסען. װײל זי איהם װײטער נישט דערצערנען, שאָקעלט זי װײטער מיט'ן קאָפּ אויף יאָ. פרעגט ער װעגען מנין, נאָר אײדער זי ענטפערט, קומען טאַקי אַרײן מענשען, געקומען זענען זײ מבקר חולה זײן, מײנט ער, אַז זי האָט זײ בעשטעלט, זאָגט ער איהר: געה אין בעט אַרײן... הויבט זי זיך אָן צו שרעקען, פינטעלט צו די מענשען מיט די אויגען: װאָס װיל ער פון איהר. זאָגט מען איהר, אַז אַ מאַן, בפרט אַ שכיב מרע, מוז מען פאָלגען, און ער זאָגט, אַז ער איז אויף איהר גוזר, לעגט זי זיך אויפ'ן בעט... הײסט ער, עס זאָל עמיץ מיט איהר זאָגען ודוי, „מיט מיר אויך", זאָגט ער... זעהען די יודען, אַז זײן פנים ענדערט זיך, נעהמט אײנער אַ מעבר יבק און זאָגט פאַר, הײסט ער, זי זאָל דוקא מיטזאָגען, ראָטען די יודען, זי זאָל פאָלגען. מן הסתם װײסט ער, װאָס ער װיל. זאָגט זי נאָך, און קלאַפּט זיך אין האַרץ... און זאָגענדיג װערט איהר קול װאָס אַ מאָל שװאַכער און שװאַכער, און דאָס פנים אַלץ געלער און שװאַרצער... און די עדה יודען קוקט און עס שטאַרט זײ דער אָטעם פאַר שרעק, נאָר דער זאָגער קוקט דורך ברילען אין מעבר יבק אַרײן און זעהט נישט, װאָס אַרום טהוט זיך און הערט נישט אויף צו זאָגען... און יוסל זאָגט און שמײכעלט, און די יודענע נעבּיך קאָן שוין קוים מאַכען מיט די ליפּען, און זי ציהט זיך אײן, װי אַ קנויל, און גיט זיך מיט אַ מאָל אַ ציה אוים איבער'ן בעט, יוסל אין זײן בעט אויך, און מיט אײן מאָל, זעהען די יודען, װי פון בײדע נאָזלעכער, אַזוי בײ איהם, אַזוי בײ איהר, בעװײזען זיך פלעמלעך און די פלעמלעך פליהען צו צום לופטשיק, און גיסען זיך צוזאַמען אין אײן פלעמעל און דאָס פלעמעל פליהט אַרוים... שרײען די יודען אוים: ברוך דין אמת, פאַלט דער מעבר יבק פון זאָגערס האַנד אַרוים...

און די קינדער זענען טאַקי געבליבען אָהן טאַטע-מאַמע... און װעלען קײן שטיף-טאַטען נישט האָבען.

III-טער טהייל

I.

דער חעלמער מלמד.

„אמאל איז די וועלט אזוי פערפלייצט געווארען מיט תאוות" — דערצעהלט שכנא פאר א גאנץ רעדעל יודען אין בית המדרש — אז מען האט מורא געקריגען דער רבונו של עולם זאל נישט, כביכול, פערגעסען פאר גרויס גרימצארען די שבועה און נישט אפענען די טויערן פון הימעל און ברענגען א מבול, נאר אהן נח'ן און אהן דער תיבה. עס איז רחמנא ליצלן, געווען באו מים עד נפש — ווי זאגט ער, ביז אהער! עס איז אזוי וויים געקומען, ביז די למ"ד וא"ו צדיקים האבען מורא געקריגען פאר זיך אליין און זענען זיך צוזאמענגעקומען אויף איין אסיפה קיין בראטקעוו. זיי זענען געזעסען און האבען געקלערט זיבען טעג און זיבען נעכט; עס איז שוין ביי זיי געווען א סברא, מען זאל מאכען כלו חייב, לאז משיח קומען וועט נעמען אנ' עק. ס'איז אבער אין מיטען געווען א פראסטער יוד, א וואסער־טרעגער, ער האט זיך איינגעשפארט: ניין און ניין! ס'איז אראב־געקומען א בת־קול, דער מלאך גבריאל האט זיך באוויזען, מען האט געזאגט, אז מען וויל אזוי אויפ'ן הימעל, אין די עולמות העליונים; אונזער וואסער־טרעגער קוקט נישט אויף די אלע זאכען, ער וויל נישט קיין עבירה טהון! מען האט זיך אזוי לאנג געהאמפערט, ביז עס איז געבליבען, מען זאל צורעכט מאכען דעם יצר הרע.

אלע למ"ד וא"ו צדיקים, זענען געווען פראסטע ארעמע יודען; א חוץ וואסער־טרעגער זענען נאך געווען שוסטער, האלץ־העקער, שטיינער־קלאפער

וכדומה. נאָר אײנער פֿון זײ האָט פֿונקט פֿאַר אַ קורצע צײַט אָפּגענומען אַ גרויסע ירושה פֿון אַ מוהמע, וואָס איז געשטאָרבען אין אלכסנדריא של מצרים און ער האָט נאָך קײַן צײַט נישט געהאַט נכשל צו ווערען אינ'ם גאָלדענעם עגל. אָט פֿאַר זײַן געלד האָט מען אַראָפּגעבראַכט, און טאַקי פֿון מצרים, אַ סרים.

מען האָט אַראָפּגעבראַכט אַ סרים, מען האָט איהם פֿערשטעלט פֿאַר אַ גוטען יודען, מיט באָרד און פּאות, מיט אַ קאַפּטאַן מיט סטראָקעס, שיך און זאָקען, מיט אַנ' אָפֿען האַרץ און מען האָט זיך אָנגעהויבען רײַצען מיט'ן יצר הרע: אָט דאָ, בײַ דעם צדיק, ווײַז דײַן גבורה!

דער יצר הרע איז געקומען; וואָס זאָל ער וויסען? ער זעהט אַ יוד מיט באָרד און פּאות און צולאַכט זיך אויף אַ קול: חאַ, חאַ, חאַ! אַ גרויסע זאַך אַרויסצוברענגען צו אַנ' עבירה.

איהם איז גאָר נישט אײַנגעפֿאַלען אַז דאָס איז אַ סרים. ער זעצט זיך נעבען איהם אַנידער, הויבט זיך אָן מיט איהם צו ווערטלען, רעדען אַ ביסעל חנופה, חכמה'לעך, עזות'קײַט, נבול־פּה; דער סרים אָבער פֿערשטעהט נישט קײַן וואָרט און גיט אַפילו נישט קײַן שמײכעל. דער יצר הרע איז אַזש הײזעריג געוואָרען: דאָס ערשטע מאָל טרעפֿט זיך איהם אַזוי פֿיעל אַרבײַט בײַ אַ גוטען יודען! ער גיט אַ פֿײַף: רחמנא ליצלן! עס בעווײַזען זיך אַלערלײ נשים: גבאי'טעס, פּראָסטע ווײַבער, יונגע ווײַבלעך און אַזוי נקבות. זײ קומען אָן פֿאָרלעך־ווײַז, ווי די עופות טמאים אין נח'ס תיבה אַרײַן, אָנגעטהון אויף פֿערשידענע אופנים: מיט קרינאָלינעס, אָהן קרינאָלינעס, פֿערהאָנגענע, פֿערשטעלטע, האַלבנאַקעטע, און מיט פֿערשידענע מדות: לאַכענדיגע, וויינענדיגע, שעלטענדיגע, שרײַענדיגע — אָבער עס העלפֿט ווי אַנ' אַרבעס אין דער וואַנד! אַ טײַך מיט שווײס האָט שוין דעם יצר הרע בעגאָסען, ער איז אַזוי מיעד געוואָרען, גלײַך ער וואָלט אַ גאַנצע וואָך האָלץ געהאַקט, און דער סרים ריהרט זיך אַלץ נים! דער יצר־הרע גיט נאָך אַ פֿײַף און ברענגט אַרויף רחב־הזונה — עס געהט נישט, חאָטש צורײַם זיך! „איך וועל נאָך מאַכען די לעצטע פּראָבע — זאָגט דער יצר־הרע — מאַסאַזש! איך וועל נאָך פּרובען איהם אַ ביסעל אײַנרײַבען!" ער חאַפּט דעם סרים און קנײטשט איהם, בײגט איהם, רײַבט איהם און גליהט איהם. ווער, וואָס? דער יצר־הרע האָט אַזוי לאַנג אומזיסט

געאַרבײַט איבער'ן סרים, ביז ער האָט אָנגעהויבען סאַפּען ווי אַ גאַנז, עס האָבען איהם געבראָכען הענד און פיס און האָט פּלוצים אָנגעהויבען צו חלש'ען.

די למד־וא"ו צדיקים האָבען נאָר דאַרויף אַרויסגעקוקט. זיי האָבען גענומען דעם יצר־הרע, געבונדען מיט דרײַסיג בינטלעך כפול־שמונה ציצית, געקוילעט מיט אַ מוהל־מעסער, אַרײַנגערוקט אין אַ הייסען באַקאויווען און פערברענט אויף קאהל. נאָך דעם האָבען זיי גענומען דאָס אַש, און, אַז עס איז געוואָרען אַ שטאַרקער שטורם־ווינד, האָבען זיי עס פערשפּרײַט און צוזייעט אויף די פיער ווינקלען פון דער וועלט.

אין הימעל איז געוואָרען אַ גרויסע שמחה, אויף דער ערד אַ גוט יאָהר; אַ לעבען, ווי אונטער דער זון: די אומות העולם האָבען אויפגעהערט צו האַלטען מלחמה; מאַן און ווײַב האָבען זיך נישט געקריגט און די קאָטשערעס מיט די לאָפּעטעס האָט מען נאָר בענוצט צו חלה באַקען; אַלע מלכים האָבען אַ היים געלאָזט דאָס חיל, די ביקסען האָט מען אַוועקגעשענקט קלײנע קינדער אויף ל"ג בעומר, און די אַרמאַטען האָט מען גענומען אין די דערפער אַרײַן און געשטעלט פאַר סטראַשאַקעס אויף די פעלדער. דעמאָלט האָט מען געמעגט טײַטען מיט די פינגער אויף יעדער אַרמאַט, לאַכען און חוזק מאַכען וויפיעל עס וועט אַרײַן. עס איז געווען אויף דער וועלט שלום ושלוה, לעבעדיג, פרעהליך.

עס וואָלט אַלץ גוט געוועזען, נאָר די חופּה־שטאַנגען, אַזוי ווי זיי זענען געשטאַנען אין שוהל אין אַ ווינקעלע, אַזוי האָט זיי קײנער נישט געריהרט. אַלע מאַנסבילען זענען געוואָרען פּרושים, אַלע ווײַבער גבאי'טעס און צנועות — אַ גאַנץ יאָהר ימי הגבלה! רבנים, שמשים, חזנים, שדכנים און כלי־זמר זענען אַרומגעגאַנגען פּוסט־און־פּאַס: אויס חתונה־הוצאות, אויס חתונה־קלײדער, אויס נדן, אויס חופּות — הכלל, נאָר מען זיצט און מען לערנט!

די וועלט האָט זיך פערזאָרגט: ס'טײַטש? שטאַרבען שטאַרבט מען און קײנער ווערט נישט געבאָרען! עס איז אַזוינס נאָך נישט געהאָרט געוואָרען! — און גאָט ווייסט, וואָס עס וואָלט געווען, ווען נישט דער חעלמער מלמד!

אָט הערט אויס אַ מעשה:

נאָך פּאָר די למד־וא״ו צדיקים׳ס אסיפה האָט אַ חעלמער מלמד דערפיהלט, אַז דער יצר־הרע דלובעט איהם שטאַרק דעם מוח... ער האָט איהם געשלעפּט אין בית־המדרש אַריין — אָח איז מיר! — ער געהט מיט; ער איז מיט איהם געפאָהרען צו אַ גוטען יוד, מהיכא־תיתי, ער פאָהרט גאַנץ גערן; ער געהט מיט איהם אין מקוה אַריין, דער ימח־שמו׳ניק האלט צו די נאָז — נאָר געהן געהט ער. דער מלמד האָט געזעהן, אַז עס איז שלעכט, ער קען פערלירען דאָס מלמדות, האָט ער זיך מישב געווען און איז אַנטלאָפען העט, העט אין וואַלד אַריין...

זיבען יאָהר איז ער געווען אין וואַלד, געשלאָפען אויף דער גאָלער ערד, געגעסען פוילע וואָרצעל און געזאָגט תהלים מיט זוהר. ער איז אַזוי אויסגעדאַרט געוואָרען, אַז מען האָט איהם געקאָנט דורכציהען דורך אַנ׳ אויער פון אַ נאָדעל, און אַזוי דורכזיכטיג, אַז מען האָט איהם גאָר נישט געזעהן. ער איז פּראָסט געוואָרען אַ רואה ואינו נראה, איהר פערשטעהט?

אַז ער איז געקומען צו דער מדרגה, האָט ער זיך אויפגעהויבען צוריק צו געהן אין ישוב אַריין; איהם האָט זיך געדאַכט, אַז אַצונד איז ער שוין אויף אייביג בעפרייט פונ׳ם יצר הרע, אַז ער מעג שוין פאָהרען אַ היים.

נאָר קוים ער איז אַרויס פונ׳ם וואַלד — חאַפּט זיך אויף פּלוצים אַ שטורמווינד, און קעהרט איבער וועלטען! דאָס איז געוועזען פּונקט דעמאָלט, ווען די למד־וא״ו צדיקים האָבען צושפּרייט דעם יצר־הרע׳ס אַש אויף אַלע פיער עקען פון דער וועלט, און עס האָט איהם, נית פאַר אייך געדאַכט, אַריין געפּרושעט אַ שטויב אַש אין׳ם לינקען אויג. אַ שעהנע מעשה! דאָס לינקע אויג האָט אָנגעהויבען צו זעהן אַזוינע זאַכען וואָס, רחמנא ליצלן, מען זעהט עס נישט אויף דער גאַנצער וועלט. פונ׳ם לינקען אויג האָט זיך באַלד אָנגעשטעקט דאָס רעכטע אויג, באַלד איז עס איהם געקראָכען אין מוח, נאָך דעם אין האַרצען אַריין; איך וועל אייך נישט לאַנג בריַיען — דער חעלמער מלמד איז געוואָרען פול מיט יצר־הרע, און אַז ער איז געקומען צוריק אין ישוב אַריין, האָט ער וואָס טויג אייך מעשיות, צוריק אָנגעשטעקט די גאַנצע וועלט.

אָדם וחוה.

מײַן זײדע, עליו השלום, װאָס האָט מיר דערצעהלט די מעשה, פלעגט אַלץ זאָגען, אַז װען נישט דער חעלמער מלמד, װאָלטען מיר שױן לאַנג נישט געװען אױף דער װעלט! און װען ער, דער זײדע עליו השלום, האָט געזעהן אַ חתונה, אַ ברית, אָדער אַ פּדיון הבן, פּלעגט ער אַלץ זאָגען: „דאָס איז דעם חעלמער מלמד׳ס מלאכה; אין יעדען פון אונז שטעקט אַ שטיק חעלמער מלמד!...“—

II.

אָהן מַזָל.

... איהר ווילט אַלץ פערזאָרגען; דאָס לעבען שטרעקט איהר פאַר קינדער.

און איך זאָג אייך: יעדעס קינד ווערט געבוירען מיט זיין מזל, — אָדער עס העלפט נישט, אָדער מען דאַרף נישט.

פאַר וואָס בין איך אַזוי עלענד, אַזוי נע ונד, און האָב נישט דעם קאָפּ וואו אַנידערצולעגען, און ווי קום איך אַהער?

נישט געהאַט מיין הייזעל אין זאַוויחאָסט? נישט געהאַט אַ קראָם מיט סחורה? — און דערצו בין איך דאָך אַ שיפער 1) געוועזען פון נאָך פסח אָן — צווישען וואַסער און הימעל. אויף סכות קומט מען אַ היים מיט מתנות פון קעניגסבערג! אַ לעבען געוועזען!

האָב איך אָבער געוואָלט פערזאָרגען...

אַ בת יחידה, איין אויג אין קאָפּ, אַן' אֶבן טוב — אַ קינד...

אַז די מוטער, עליה־השלום, איז געגאַנגען פון דער , האָב איך נאָך קיין גרויע האָר אין דער באָרד נישט געהאַט, און אַז מען האָט מיר געערעדט שדוכים, האָט מען מיך געשטאָכען מיט מעסער... איך װעל מיין רחל־לאה קיין שטיפמאַמען נישט געבען!

עס קומט נאָך פסח, האַלץ־סוחרים קומען אָנצופאָהרען, מען רייסט זיך איבער מיר, מען ביעט מיר ממון קורח. מען קען מיך פאַר'ן ערליבען מאַן און פאַר'ן גוטען בעל־הבית אויף דער טראַטווע, און אַז איך

1) אַזוינער, וואָס פיהרט אַריבער די טראַטוועס איבער'ן וואַסער.

קויף אײן באַל — נו, װעל איך מיך אױעקלאָזען אױפ'ן װאַסער און איבער־לאָזען מײַן אײנאײנציג קינד אױף פרעמדע הענד ?

בלײַב איך אין דער הײם און זעץ מיך אין געװעלבעל אַרײַן.

קײַן שפע איז, מן־הסתּם, נ י ש ט געװען, אַ שיפער איז קײַן סוחר נישט. מען רײַסט מיר די קונים פון קרעמעל אַרױס, און איך בלײַב שטעהן מיט אַנ' אָפען מױל... מוז איך אָבשפּאָרען אַ שטוב פון דער דירה און פערדינגען, אַבי מען לעבט.

נאָר קײַן חרטה, חס־ושלום, האָב איך נישט; פּאַר הונגער, חס־ושלום, שטאַרבט מען נישט. פאַר דאָס פערשפּאַר איך צעהן מאָל אין טאָג דאָס קרעמעל און לויף אַהײם זעהן, װי רחל־לאה װאַקסט... און זי װאַקסט קײַן עין־הרע, װי אױף הײװען — די מוטער אױס'ן אױג: חן־גריבלעך און אַזױנע שטילע, גוטע אױגעלעך — האַלב לאַכענדיגע, האַלב װײנענדיגע, און אין גאַנצען אַזױ פערחלומט...

איך װיל דאָך זי אין געװעלב אַרײַן נישט לאָזען! אימשטײַנס גע־זאָגט סחורה: שמירעכץ צו שטיװעל און שמירעכץ צו רעדער, און אײל און אַ ביסעל נאַפט, און די קונים: בעלי־עגלות מיט פויערן. איך װיל גאָר נישט, זי זאָל זײערע לשונות הערען...

און נאָך מנחה־ומעריב! מעג זײַן אױסטערליש נײַעס פון פּאָליטיק, מעג זאָגען, להבדיל, דער גרעסטער מגיד, — איך לויף אַהײם צו מײַן נחת, צו מײַן טרײסט...

און איך װײס, אַז זי איז שױן, ברוך־השם, איבער זעכצעהן, נאָר איך מאַך מיך נישט װיסענדיג... איך פערגעס מיך און האַלט זי אױף דער שוים... און גאָט דאַנק איך, װאָס מען דערמאַהנט מיך נישט... אַ שטיל נפש, געהט נישט פון שטוב אַרױס, האָבען לײַט אָן איהר פערגע־סען... רעדט מען איהר קײַן שדוכים נישט...

„הלואי װײַטער” טראַכט איך; עס װילט זיך נישט בלײַבען אַלײן.

מאַכט זיך אָבער אַ מעשה.

דערצעהלט מען מיר, אַז דער יונגער ברענהאָלץ, דעם פּאָדריאַד־

שׁשׁיקס זוהן, דרעהט זיך, ווען איך בין ביי מנחה ומעריב אין בית־המדרש, פאר מיינע פענסטער... ער שפאציערט, דער בחור...

און א בחור, צונד וויל איך שוין מיין מויל צו קיין בעזען נישט ברענגען, נאר — א מאכל, זאג איך אייך...

קלער איך מיר: איך וועל מיט איהר רעדען, ווארענען. ווארום מיט איהם רעדען, איז — ארבים אן דער וואנד — מען שמועסט א פרי! קאן מען אבער מיט איהר נישט רעדען...

— רחל־לאה, — הויב איך אן. עפענט זי אויף מיר א פאר ריינע, אזוינע צנועה'דיגע קינדער־אויגען, און אזוינע קלארע, און פרעגט:

— וואס, טאטע! מוז איך זי פערדען מיט עפים אנדערש גערה ווארף א שטיק בלאטע אין א קלאר וואסער אריין,

נאר שלאפען טאר מען נישט; א טאטע טאר נישט שלאפען...

שיקט מיר, קאכט זיך, גאט די רפואה:

עס איז ר״ ביי אונז, פאלט אריין מיינס אנ' אלטען ידיד, צוזא־מען פון איין סדור אלף־בית געלערנט, אויך נישט פאר אייך געדאכט אנ' אלמן געווארען, נאר א מענש מיט פלייצעס, א גבור, שטעלט אב פון הינטען א וואגען מיט א פאר פערד. „וואס טהוסטו דא, אברהם משה?" ער איז געקומען א כלה אנקוקען, א קאץ אין זאק קויפט ער נישט. „נו?" — „איז פונקט די סחורה אוועקגעפאהרען אויף א חתונה". „אנ' עלטערע יודענע?" פרעג איך; איך ווייס, ער האט קינדער. צולאכט ער זיך, אז עס הילכט: „וואס איז? א בתולה, האב איך קיין צייהן נישט?... נאר אז זי איז אוועקגעפאהרען, חאפט זי רער רוח". אזא לשון האט ער שוין געהאט.

זאג איך איהם: איך האב אויך א בתולה.

„נו, זאגט ער, וועלען מיר זעהן"...

וואס דארף מען בעסער?...

עס איז אפילו צו נאהנט... אין גאנצען א מייל אנדערהאלבען..., אזא בחור, ווי ברענהאלץ קאן זיך א מאל ארויבחאפען... נאר — זאל ער פרובען שפאציערען אונטער אברהם משה'ס פענסטער, אברהם משה וועט חאפען א „קלאניצע"... ער האט דעמאלט גאך פערד גע־האלטען...

דאַנק איך און לויב זיין ליעבען נאָמען: אַנ׳ אָנגעזאַפּטער יוד, אין גאַנצען דריי שטיקלעך קינדער; און אַ הויז, און אַ מחיה אין הויז — אַנ׳ אַכסניא, און אַ הויז מיט כל טוב — טאַקי שמאַלץ און האָניג... און הונ־דערטער ביי לייטען... שרייבט מען תנאים; אַ אַלמן מאַכט קיין שהיות נישט — איז מגביל זמן החתונה אויף נישט ווייט... מיין רחל־לאה, ווי עס פּאַסט פאַר אַ יודישע טאָכטער, שוויינט... אין די אויגען אַביסעל טרויער, אַ ביסעל פּחד — ווי דער שטיינער איז פון אַ כשר׳ער נשמה. ערשט צו׳ם חופּה טאָג, ביי׳ם אל מלא רחמים, האָט זי זיך, נעביך, צעוויינט... אָבער צעוויינט! מילא — אַ חופּה, אַ גילדענע יויך — אַ מצוה־טענצעל און צו־מאָרגענס פאָהר איך אהיים גאָר מיט אַ גרינג הארץ. עס בענקט זיך שוין אפילו צו דער טאָכטער, נאָר ווי ווייט איז?

און עס איז אַ שליט־וועג — מען גליטשט זיך אַזוי שטיל איבער׳ן שנעע — פערמאַך איך די אויגען; דרימעל איך, דאַכט זיך, איין און שטעלט זיך מיר דער טייך פאַר די אויגען...

טראַכט איך: סוף ווינטער... נאָך אַ פּאָר וואָכען וועט דער שנעע זיך צולאָזען, דאָס אייז — פּלאַצען און אָבשווימען... עס וועט זיך עפענען אַ וואַסעריגע וועלט... עס וועלען אָנקומען סוחרים פון געהילץ... איך ווער צוריק שיפער, צוריק צווישען וואַסער און הימעל... אוים בלאָטיג שטעד־טעל, אוים פינסטער געוועלבעל — עס וועט זיין אַ לעבען...

און וואָס פאַר אַ מתנות איך וועל ברענגען פאַר רחל־לאה׳ן פון קע־ניגסבערג...

האָט אָבער מיין קינד קיין מזל נישט געהאַט...

צוגאַנגען איז דער שנעע, אָבגעגאַנגען איז דאָס אייז, אָבער פאַר די געהילץ סוחרים איז געקומען מיין איידעמ׳ס עלטערער בן—16 יאָהר און אַ יונג ווי אַ בוים, און אַ מגושם מיט אַ גראָב קול, און נישט קיין גרויסער חכם...

ער קומט אריין אָהן שלום, אָהן גוט מאָרגען, און גיט אַ קלאַפּ מיט דער בייטש אָן פּאָדלאָגע.

— וואָס האָט איהר עס אָבגענאַרט דעם טאַטען, וואָס?

— מיט וואָס — פרעג איך — האָב איך איהם אָבגענאַרט? איך ווייס, איך האָב איהר אוועקגעגעבען דער מוטערס צירונג, געגעבען נדן מעהר, ווי איך און מיין שטייגער האָט געמעגט, און אַ האַלב געוועלבעל אויסגע־לעדיגט אויף מלבושים —

— איהר האָט איהם — זאָגט ער מיט׳ן גראָבען קול — אַ חולנית פאַר אַ ווייב געגעבען... הויט און ביין — זאָגט ער — אַז מען ריהרט זי אָן, קנאַקט זי...

ווערט מיר, מן הסתם, אַ לאָך אין האַרץ. לאָז איך אַלץ איבער אויף גאָטס געבאָט, און חאַפּ מיך אַריבער צו׳ם איידעם.

איך קום אַריין: מיין אברהם משה זיצט אין די שעלקעס ביי׳ם אויוועו און וואַרעמט זיך, מיט די הענד הינטער זיך... ער הויבט זיך אפילו נישט אויף, מיט די אויגען שטעכט ער מיך — און זי — אַ האַלבע רחל־לאה... זי דערזעהט מיך און פאַלט מיר איבער׳ן האַלז מיט אַזאַ געוויין, מיט אַזאַ געוויין — — — און פּלוצלונג דערפיהל איך, ווי עס פאַלט איהר דאָס קעפּעל ביי מיר איבער׳ן אַקסעל, — זי חלש׳ט...

איך טראָג זי אין דער צווייטער שטוב אַריין, — איך פיהל גאָר נישט, וואָס איך טראָג — איך לעג זי אויפ׳ן בעט, שפּריץ וואַסער — קוים זי קומט צו זיך.

— טאָכטער — בויג איך מיך צו איהר צו — ער בעהאַנדעלט דיך שלעכט?

— ניין — קוים וואָס זי רעדט — פריהער, אַז איך בין געזונד געווען, אַ ודאי נישט...

— מען גיט דיר נישט צו עסען?

אויך נישט, זי איז די גאַנצע בעל הבית׳טע. און אַז איך קוק מיך אום זעה איך אַנ׳ אָפענע שאַנק: אַ סלאַי מאַריניר־טע הערינג, — אַ געראויכערטער לעקער — טעפּ מיט שמאַלץ, אויף אַלע יודישע קינדער געזאָגט...

— וואָס דען, טאָכטער?

— איך בענק...

— וואָס בענקסט דו?...

— אַהיים, זאָגט זי, אַהיים...

— וואָס הייסט אַהיים? וואו אַ מאַן איז, דאָרט איז די היים...

פערגראָבט זי דאָס פּנים אין קישען און וויינט, און וויינט אזוי שטיל, אזוי הארציג... און בעט זיך איך זאָל זי נישט איבערלאָזען אליין...

און זי הויבט אויף דעם קאָפּ — א קאָפּ פון א פויגעלע — און בעט זיך:

— בלייב דו חאָטש ביי מיר, טאטע!

און וואָס מיינט איהר, איך האָב לאנג איבערגעטראכט? חס ושלום! וואָכען לאנג האָט זיך מיר געחלומט, אז איך שווים מיט טראטוועס אויף דער ווייכסעל. מיט א מאָל — ארויסגעריסען פון הארץ! איך חאַפּ א פוהרעל, לויף אהיים — פערקויף בחצי חנם דאָס געוועלבעל מיט דער נחלה און קום צוריק, און ציה מיך אריין צום איידעם. ער קרימט זיך אפילו, נאָר ווער הערט'ן...

און מיינט איהר עס האָט געהאָלפען?

אָבגעזאָגט זיך פון לעבען פאר זיך... פון א קדיש זיך אָבגעזאָגט... אוים שיפער — אוים הויז, אוים געוועלבעל! — אלץ אבי דאָס שטיקעל קינד צו פערזאָרגען, צו ראטעווען... און זי? געהט נעביך אוים, ווי א ליכט...

מיר אויף דער האנד, האָט זי די אויגען פערשלאָסען — — אז אהן מזל...

עיקר שכחתי...

מיינט איהר אפשר, איך האָב נישט געפונען ביי איהר אונטער'ן קישען בריעף פון ברענהאָלצען?...

זי האָט זיי אפילו נישט געעפענט, —

III.

פון וועג אראָב.

אין דער שטילער, אויסגעשטראַהלטער הויך, צווישען איין שורה און דער צווייטער, הערט זיך פון צווישען די זילבער־ און גאָלד־שטראַהלענדיגע שטערענדלעך אַ זיפץ.

„ווער זיפצט דאָרט, קינדער?" פרעגט מיט אַ רחמנות־קול די שווימענדע לבנה, און פערהאַלט זיך נישט, און קוקט זיך נישט אום צו זעהן, פון וואַנען דער קרעכץ איז געקומען.

„איך!" ענטפערט אונטער איהר אַ שטערענדעל און צופלאַקערט זיך רויט.

„וואָס פעהלט דיר, קינד?"

„מאַמע, איך קאָן נישט מעהר, איך האַלט עס שוין לענגער נישט אויס!"

„אייביג, אייביג — קלאָגט זיך דאָס שטערענדעל — אייביג דער זעלבער וועג, די זעלבע ליניע!"

„די גראַדע", טרייסט די לבנה.

„צווישען וועלכע פונקטען?

„פון וואַנענט און וואו אַהין?

„וואו איז דער אָנהויב, וואו איז דער סוף פון אייביגען געהן? אפשר געהען מיר פון נישט צו נישט, פון שלעכטס צו שלעכטס? וואו אַהין פיהרט אונזער וועג? דו ווייסט עס, מאַמע?"

„ער ווייסט"...

„און פאַר וואָס ענטפלעקט ער אונז זיינע סודות נישט? פאַר וואָס זאָגט ער נישט, וואָס ער וויל פון אונז? וואָס מיר טהוען?"

— מיר לײַכטען!

„דאָס אַלטע ליעד, מיר לײַכטען פאַר די וואָס זענען אונטען און טרײַסטען זיך מיט אונזער ליכט... מיר זענען וועג־ווײַזער פאַר די, וואָס בלאָנדזשען אין סטעפּען אָדער פערטרויען זיך דעם ים... אָבער מיר פאַר זיך אַליין? מיר לײַכטען, און אונזערע אײגענע נשמות זענען פערשלײערט, אײנגעהילט אין שאָטען... אַנדערע זעהען בײַ אונזער ליכט, און מיר אַליין ווערען ווי בלינדע שאָף געטריבען! און מען טאָר זיך נישט אָבשטעלען, נישט פערהאַלטען זיך אַ ווײַלע און אַ קלעהר טהון: צו וואָס? און נישט לאַנגזאַמער געהן, און נישט געשווינדער... אײן אײנמאָל־פאַר־אַלע־מאָל אָבגעשטעלטער וועג, אײן אײנמאָל־פאַר־אַלע־מאָל אויסגעמאָסטענע צײַט! טאָרסט קײנעם נישט אָבוואַרטען, קײנעם נישט דעריאָגען! צו קײנעם זיך נישט ווענדען אויף דײַן וועג!

„און שטענדיג, שטענדיג אַליין — יעדעס האָט זיך זײַן וועג, און יעדעס איז עלענד פאַר זיך אויף זײַן אײגענעם וועג"...

„טויזענדע אונגליקליכע שוועסטער קרײצען דורך דײַן ליניע — קײן אײנציגע קומט צו דיר נישט צו, קײנעם קאָנסט דו נישט בעגריסען — קײן אײנציגע פרעגען: ווי געהט עס דיר, שוועסטער? קײנע שמײכעלט דיר נישט צו, און דו שמײכעלסט צו קײנער נישט! מיר זענען אַזוי נאָהנט און אַזוי פרעמד; און די הערצער קלעמען אַזוי פאַר בענגשאַפט! און מען פיהלט זיך אַזוי דערנידערט!"

„מיר זענען דאָך הויך! טרײסט די לבנה — די אונטען זענען אונז מקנא"...

„די נאַרען! זײ, וואָס טרעפען זיך און האַלזען, און קושען זיך און טרײסטען זיך, און לעבען נאָר אַזוי קורץ — זײ זענען אונז מקנא! אונז, עלענדע, פערי'תום'טע, וואָס לעבען אײביג, אָדער כמעט אײביג!"

„זעה" — טײַט מען דאָרט אַרויף מיט די פינגער — „אַ שטערענדעל האָט זיך אין גאָלד צופלאָסען"... זײ ווײסען נישט, אַז דאָס גיסט זיך פאַר בענגשאַפט די נשמה אויס...

„שירה זאָגען זײ, די שטערען, די גליקליכע שטערען", און עס פאַלט זײ גאָר נישט אײן, אַז צווישען אײן „הללויה" און דעם צווײטען, ווײנט מען דאָ, פערגעהט מען פון בענגשאַפט"...

„שווײַג, קינד, מען הערט — געה דײַן גראַדען וועג..."

„איך קאָן נישט מעהר!"

„קינד! זײַן ווילען מוז געשעהן! אַ שטערענדעל וואָס ריהרט זיך פון אָרט, ווערט אַראָבגעשלײַדערט”...

„וואו אַהין, מאַמע? צו יענע דאָרט אונטען אַראָב?”

„נײַן, קינד, טיעפער!... און דאָרט ווערט מען געשטראָפט... אייביג געשטראָפט... ווער עס האָט וועלטען אויסגעטראַכט, דער האָט אויך אויסגעטראַכט די שטראָף! שרעקליך מוז זי זײַן; שווער איז זײַן האַנד! טויזענדער, טויזענדער קינדער פערליער איך אַזוי, און קײַן איינציגעס איז נישט צוריקגעקומען, עס זאָל חאָטש דערצעהלען, וואָס עס טהוט זיך דאָרט... וואָס פאַר אַ יסורים מען לײַדט; און גרויס מוזען זיי דאָך זײַן די יסורים; שווער איז זײַן האַנד... און קײַן זיפץ פון דאָרט אַרויף קומט נישט; אין דער פינסטערניש ווערט אַלץ פערשטיקט! און קײַן שטראַהל פון די זינדיגע געשטראָפטע קומט נישט אַרויף, — אַראָבגעשלײַדערט. ווערען זיי, פאַלענדיג, שוין אין דער לופט פערלאָשען! היט דיך! טהו תשובה אויף דײַנע רעד!”

„נײַן, מאַמע! אַראָב וויל איך! לײַדען וויל איך! אייביג לײַדען, נאָר וויסען, אַז דאָס זענען די יסורים וואָס איך אַליין האָב אויף מיר גענומען! מײַנע יסורים, מײַן ווילען איז געשעהן”...

אין גאָלד צופלאַקערט זיך דאָס שטערענדעל, און רוקט זיך אָב, און בליץ-שנעל ווערט עס אַראָבגעשלײַדערט, און פאַלענדיג, ווערט עס אויסגעלאָשען אין דער לופט, און די לבנה זיפצט און שווימט ווײַטער; זי טאָר זיך אַפילו נישט אומקוקען...

IV.

אין קעלער=שטוב.

(אַ בּילד).

אַ גרויסע קעלער=שטוב, פול מיט בעטען!

. . . .

פרײדה די האָלאָדריגיבע שלאָפט שוין לאַנג אויף איהר קאַסטען, אין איהר ווינקעלע צווישען אויווען און וואַנד. זי האָט זיך היינט פריה געלעגט, ווײַל עס איז מאָרגען יריד אין אַ נאָהנט שטעדטעל, דאַרף מען אויפשטעהן פריה און אַרויספאָהרען מיט דער מאַזש. זי שלאָפט דאָך אונרוהיג — זי וועט האָבען צרות צרורות מיט'ן געלעגענהײַט: זי האָט בעדונגען דעם בעל-עגלה, ער זאָל זי אויפנעמען מיט אַ קליין פּעסעל, און נאָך פאַר'ן איינשלאָפען האָט זי אַ ישוב געהאַט, אַז עס איז גלײַכער מיטצונעמען דאָס גרויסע פאַס. זי האָט זיך לאַנג אונרוהיג געוואָרפען אויפ'ן געלעגער: „אַ בעז מויל אַ יודענע האָט — האָט זי אויף זיך אַליין זיך געבעזערט — אַרויסגעחאַפּט זיך: „ס'קליינע פּעסעל"! נאָך וואָס? נאָך ווען? דעם בעל-עגלה'ס דאגה? ער וועט דאַרפען מפיים זײַן די פערד מיט נאָך אַ ביסעל האָבער?" אַזוי וואָרטשענדיג אויף דער מיאוסער צונג, וואָס אַנ' אשה האָט, איז זי קוים אײַנגעשלאָפען. פון אונטערן איבערבעט שטאַרט אַרויס אַ רויט קאָפּענטיבעל, וואָס פאַלט איהר אַראָפּ אַרום פּנים. ווי אַ רעמ'ל אַרום דער שפּיציגער, בלאָהליכער נאָז. זי אָטעמט שווער. זי מוז האַלטען די ביינינע הענד אויפ'ן אַלטען האַרץ; גאָט ווייסט, וואָס עס חלומט איהר! אפשר וואַרפט זי דער בעל-עגלה אַוועק, און זי בלײַבט אַ האַלב יאָהר אָהן פּרנסה!

דער ווינקעל געגענאיבער געהער צו יוסל וואַסער-טרעגער. דאָס ווײַב מיט צוויי קינדער שלאָפען אין איין בעט און ער מיט'ן אַלטערן

חדר־יונגעל — אין צווייטען. פֿון די בעטען רײַסט זיך אויך אַלע מאָל אַרויס אַ זיפֿץ, דאָ איז מען אויך אײַנגעשלאָפֿען מיט עגמת־נפש. דאָס חדר יונגעל האָט געוויינט „רבי געלד״! און די נאָך אָלטערע טאָכטער איז געבליבען אָהן אַנ׳ אָרט. זי האָט געהאַט אַ וואַהלע שטעל, בײַ׳ן אַ פּאָר פּאָלק אָהן קינדער, דאַרף פּלוצלונג די בעל־הבית׳טע שטאַרבען! זי איז אַ היים געקומען; זי וועט דאָך נישט בלײַבען אַליין מיט׳ן אַלמן! עס קומט איהר אַ פּאָר רובל שכירות; מען וואָלט געקאָנט דערפֿון חאָטש, רבי־געלד בעצאָהלען; טענה׳ט אָבער דער אַלמן „לא פקדני״ — דאָס ווײַב האָט איהם נישט אָנגעזאָגט און ער אַליין ווייסט נישט; ער האָט זיך קיינמאָל נישט געמישט אין ווײַבערישע זאַכען. איידער מען איז אײַנגעשלאָפֿען האָט מען זיך אַפילו אַ ביסעל געקריגט: די מוטער האָט געראָטהען, מען זאָל דעם אַלמן רופֿען צו אַ דין־תורה; די טאָכטער וויל בעסער שרײַבען אַ פּראָשעניע, אָדער צום „מיראָוואָי״, אָדער צום „נאַטשעלניק״, יונה וויל ביידע עצות נישט הערען: דער אַלמן וועט זיך נוקם זײַן און אָפּרעדען איהם אַלע בעלי־בתים. „ער דאַרף נאָר — זאָגט יונה — געבען אַ פּיפּיץ, בין איך אוים קאַפּעלוש־מאַכער... עס האָט דען אַ שיעור וויפֿיל וואַסער־טרעגער עס געהען היינט אַרום שלינג־און־שלאַנג, זײַט מען האָט די וואַסער־לייטונג געמאַכט?״

אַרויף צו־ציהער שנאָרכט בעריל טרעגער איינער אַליין ווי אַ „חראַביע״ אין בעט. ביידע קינדער שלאָפֿען אין צווייטען; דאָס ווײַב איז אַ קעכין און האָט היינט אַ חתונה. דאָך — שלאָפֿט מען אויך נישט רוהיג. בערלען בלאָנדזיעט אַרום שוין אַ צײַט עפּיס אַ וועהטאָג צווישען די ביינער. אויך דער עלטערער זוהן זיפֿצט אַלע מאָל פֿון שלאָף; ער אַרבייט בײַ קאַלך־לעשען און האָט זיך אַ פּיסעל אָפּגעבריהט.

נאָך ווײַטער שלאָפֿט ווי אַ „חראַבינע״, איינע אַליין אין אַ בעט, ציריל די זיצערין; אין צווייטען שלאָפֿען אַלע דרײַ קינדער. איהר מאַן איז אַ נאַכט־וועכטער. בעלות, אַז ער וועט קומען, וועט זי אַרויסגעהן מיט ברויט און פֿרישע בייגעל.

מיר האַלטען שוין בײַם דריטען ווינקעל, עס שטעהט נאָך אַ בעט — אַ שמאָל אײַזערן בעטעל. איין אונגעזונד־געריטעלטער פּרויען־קאָפּ בשלאָגט זיך אָפּ פֿון אַ קנויל־אַלטוואַרג, וואָס דיענט איהם אַלס קישען. די ז׳טוב״פּערברענטע ליפּען עפּענען זיך אָפּט, אַרויסצולאָזען אַ שווערען זיפֿץ, „אַ שווערע פּרנסה״ האָט איהר מאַן, „ער האָט קיין מזל נישט״.

מיט חירוף־נפש האָט ער יענע וואָך אַרויסגעשלעפּט אַ קופּערנעם קעסעל און בעגראָבען אין זאַמד אונטער דער שטאָדט — האָט מען איהם געפונען! ווער ווייסט מיט וואָס ער וועט היינט אַהיים קומען? אפשר זיצט ער שוין גאָר... און דאָ האָט מען דריי וואָכען קיין טעפּעל וואַרעם וואַסער נישט צוגעשטעלט... פון דער דירה טרייבט מען...

„אַ שווערע פרנסה... אָהן מזל!" זיפצען די פערברענטע ליפּען. און מען מוז זיך נאָה פאַר שכנים היטען. מען פרעגט אַלץ: וואָס טהוט דיין מאַן? וואָס קומט ער אַזוי שפּעט אַ היים?...

איבער אַלע בעטען ציטערט אַ טונקעלע שיין פון מיט שטוב; פון איבער הישפּאַנישע וועגדטלעך, וואָס זענען די גרענעצען פון אַ יונג פּאָרפּאָלקס ממשלה. טריינע „ד' אמות" די יונגע בעל־הבית'טע שלאָפט נאָך נישט; ערשט צוויי חדשים נאָך דער חתונה — וואַרט זי אויפ'ן מאַן, וואָס דאַרף קומען פון בית־המדרש. ביי איהר ברענט זיך עס דער קאַנאַניעץ, וואָס וואַרפט העל־ווייסע פלעקען, אויפ'ן שוואַרצען סופיט, און שיקט אַרויס, דורך די לעכער פון הישפּאַנישען וועגדטעל, די עטליכע אָרעמע שטראַהלען, וואָס טאַנצען איבער די אָרעמע בעטען מיט די אָבגעאַרבייטע, מידע פּנימער.

אין טריינעס ממשלה איז ליכטיגער און ריינער. — צווישען ביידע בעטען אויף אַ ווייס טישעל ליגט אַ קרבן־מנחה סדור צווישען צוויי קליינע מעשענע לייכטערלעך — איהר דרשה געשאַנק! אויף דער וואַנד הענגען חתונה־מלבושים, אַ טלית־זאַק מיט אַנ' אויסגענעהטען מגן־דוד. פאַר דאָס איז קיין בענקלעך אין דער ממשלה נישט דאָ. זי זיצט אויף אַ בעט, פערריכט אַ נעץ פאַר די ציבעלעס, וואָס ליגען נעבען איהר צו־וואָרפען אויפ'ן ליילעך. דאָס גאַנצע בעטגעוואַנד ליגט אויפ'ן צווייטען בעט — אונטערן בעטגעוואַנד איז בעהאַלטען דאָס יויכעל אויף וויעטשערע.

עס עפענט זיך שטיל די טהיר. טריינע ווערט רויטליכער, זי פערליערט די נעץ פון דער האַנד און שפּרינגט אויף פון בעט. זי בלייבט דאָך שטעהן, — עס פּאַסט נישט פאַר שכנים; טאָמער חאַפּט זיך וועלכער אויף, וועט מען חוכא־טלולא פון איהר מאַכען! צרות האָט זי פון די שכנים! פון פריידעלען, דער עיקר... זי קאָן נישט פערשטעהן, ווי אַזוי מען שילט נישט אַ מאַן באַלד צוזאַרגען'ס נאָך דער חופה! „וואַרט — זאָגט זי,

די „אַלטע מכשפה!״, — דו וועסט שוין זעהן! וואָס פאַר אַ מזל דו ליגסט ביי איהם האָבען... ווייז איהם נאָר אַ פינגער״!

פריידעל לאָזט איהר קיין פרייע מינוט. אַ מאַן — זאָגט זי — אַז מען פיהרט איהם נישט אַרום ביי דער נאָז, איז ער ערגער ווי אַ וואָלף; ציהט ער די קלע פון די ביינער אַרויס, דאָס בלוט זויגט ער אויס פון די אָדערן! שוין 10 יאָהר — זאָגט פריידעל — זיצט זי אָהן אַ מאַן, און קאָן נאָך אַלץ צו די כחות נישט קומען! און פריידעל איז אַ קלוגע יודענע, אַ מלומדת! „וואָס עס קומט איהם — זאָגט זי — על פי דין, וואַרף איהם ווי אַ הונד אַ ביין, און ווייטער — וואַראַ! נ אָ ר פון דער ווייטענס און — נ אָ ר געפּלובט!

טריינע האָט צייט דאָס אַלעס זיך צו דערמאַהנען, ווייל עס דויערט, איידער יוסעל׳ע גנב׳ט זיך דורך אויף די נעגעל צווישען די שכנים; יעדער טריט זיינער שלאָגט איהר אָב אין האַרץ, נאָר אַגעגען-געהן — פאַר קיין שום געלד. אָט פאַלט ער שיער! אָט איז ער שוין ביי די ווענדטלעך. — זי אָטהעמט אָב

— גוט-נ-אָבענד! מאַכט ער שטיל מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען.

— גוט יאָהר! ענטפערט זי נאָך שטילער.

— ווילסט עסען? פרעגט זי.

— און דו?

— מאַ...

ער איז אַרויס אונטער די ווענדטלעך און איז צוריקגעקומען מיט אָבגעגאָסענע הענד; זי דערלאַנגט איהם אַ האַנדטוך. אויפ׳ן עק פון טישעל שטעהט שוין גרייט אַ „מוציא״ מיט זאַלץ און דאָס אַפּערגענומענע יויכעל.

ער זיצט אויף זיין בעט, אויפ׳ן גאַנצען בעט-געוואַנד; זי אויף איהר׳ן מיט די ציבעלעס. זיי עסען גאַנץ לאַנגזאַם און רעדען דערביי מיט די אויגען — ווי ערשט נאָך אַ חתונה, און מיט די מיילער — פון פרנסה.

— נו, ווי האלסט דו?

— אָט, זיפצט ער אָב, דריי תלמידים האָב איך שוין!

— בלייבט טאַקי מלמדות? פרעגט זי טרויעריג.

— מאַ! ענטפערט ער.

— געלויבט איז גאָט דערפאַר, טרייסט זי זיך און איהם צוזאַמען.

— געלויבט איז גאָט — זאָגט ער איהר נאָך — נאָר דאָס איז ערשט 126 רובל!

ער זיפצט.

— נו, וואָס זיפצסט דו?

— רעכען: — ענטפערט ער, — אַ רובל אַ וואָך דירה־געלד, איז 26 רובל אַ זמן; שולריג בין איך נאָך... חתונה הוצאות...

— ווי הייסט? פרעגט זי פערוואונדערט.

ער שמייכעלט:

— דו מיינסט טאקי, נאַרעלע, אַז דער טאַטע האָט געקאָנט מעהר ווי צוזאָגען?

— נו, הכלל? האַקט זי איהם איבער.

— דאָס הייסט — פיהרט ער ווייטער דעם חשבון — אַ רובל 12, איז שוין 38, וואָס בלייבט אויף עסען?

זי רעכענט:

— 82, דאַכט זיך?

— אויף 26 וואָכען!

— נו וואָס איז — מאַכט זי — איבער 3 רובעל אַ וואָך!

— און וואו איז, — פרעגט ער טרויעריג, — האַלץ... ליכט... שבת ויום טוב?

— עט, גאָט פערלאָסט נישט — טרייסט זי — איך קען אויך עפּיס טהון: אָט, האָב איך איינגעקויפט ציבעלעס! איי ער זענען וואָלוועל, וועל איך אויך איינקויפען, במשך אַ פּאָר וואָכען וועט עפּיס האַפּען אויפ׳ן שאָק!

— און רעכען נאָר איבער — פיהרט זי ווייטער — וואָס קאָסט האָלץ און ליכט? אַ גאָר נישט! אֶפשר אַ רובל אַ וואָך... בלייבט אַלץ...

— און שבת! און יום־טוב? וואָס רעדסט דו, קינד?

און דאָס וואָרט „קינד“ איז אַרוים אַזוי ווייך, אַזוי גוט־האַרציג, אַז זי צושמייכעלט זיך.

נו. בענש נאָר בענש — מאַכט זי — לעג אָב די חשבונות אויף מאָרגען... שוין צייט צו שלאָפען.

זי פערשעמט זיך דאָך, לאָזט אַראָב די ברעמען און גלייך זי פער־ענטפערט זיך:

— דו קומסט אַזוי שפּעט .., זאָגט זי מיט אַ האַלב געמאַכטען געוועין.

ער בויגט זיך צו איהר צו איבער'ן טישעל:

— נאַריש קינד — פליסטערן זיינע ליפּען — איך קום דאָך אַמיש־נע שפּעט, מיר זאָלען קענען צוזאַמען עסען... פערשטעהסט! אַזוי פּאַסט דאָך נישט... ווייסט דאָך, אַ מלמד!

— נו, בענש גאָר, בענש! ראָט זי דאָס איהריגע מיט פעסטער געשלאָסענע אויגען

ער מאַכט די זייניגע אויך צו. ער וויל ערנסט בענשען. די אוי־גען רייסען זיך איהם דאָך אַלע ווײַלע אויף... ער דריקט פעסטער אַראָב די ברעמען, עס בלייבט דאָך אַ שפּאַלט, דורך וועלכען ער זעהט זי, עפּיס וואונדער־פאַרביג בעלייכט אַז ער קען פון איהר דעם בליק נישט אָברייסען.

זי איז מיעד — קריגט ער רחמנות.

ער זעהט ווי זי רוקט זיך העכער אַרויף אויפ'ן בעט, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אָן דער וואַנד. „זי וועט אַזוי איינשלאָפען" קלערט ער.

— פאַר וואָס נעמט זי נישט קיין קישען? ערגערט איהם. אויסרעדען קאָן ער נישט, מאַכט ער: מ... מ...!

זי הערט דאָך נישט, ער יאָגט צו דאָס בענשען, ענדיגט, שטעלט זיך אויף, און בלייבט שטעהן, נישט וויסענדיג וואָס צו טהון.

ער רופט: טרײַנע! נאָר אַ ז ו י שטיל, אַז עס קען זי נישט וועקען.

ער רוקט זיך צו צו איהר בעט און בויגט זיך איבער איהר. איהר פּנים שמייכעלט אַזוי זיס. עס מוז זיך איהר עפּיס גוטס חלום'ען... און ווי שעהן זי שמייכעלט... אַנ' עברה זי וועקען! דאָך וועט איהר דאָס קע־פעל וועה טהון... איי, האָט זי האָר געהאַט — ער האָט זיי אויף די תּנאים געזעהן — שוואַרצע לאַנגע... הײַנט גאָל... דער ציפּיק איז אַ געשטיקטער, אַ דינער מיט לעכלעך... אַפילו אַ חנו'דיגער... ער שמייכעלט אויך מיט!

מען מוז זי דאָך וועקען! ער בויגט זיך צו נאָך נעהנטער, דער־פיהלט איהר אָטהעם, ציהט איהם גיעריג אין זיך אַרײַן... זי ציהט איהם צו ווי אַ מאַגנעט... און, נישט ווילענדיג ריהרט ער אָן איהרע ליפּען מיט די זייניגע.

— איך שלאָף גאָר נישט, מאַכט זי ראַפּטום און עפענט אַ פּאָר שעלמיש־לאַכענדיגע אויגען. זי וואַרפט איהם איהרע הענד אַרום אַקסעל און ציהט איהם צו צו זיך.

— נישט קשה — רוימט זי איהם אין אויער אַריין, אַזוי זיס, אַזוי גוט — נישט קשה... גאָט, דער גוטער, וועט העלפען... דאָס האָט ער דאָך אונז צוזאַמען געבּרענגט... ער וועט נישט פערלאָזען! עס וועט זיין — אי האָלץ... אי ליכט... עס וועט זיין פּרנסה... עס וועט גוט זיין... גאָר גוט זיין... ס'וואָהר, יוסעלע? ס'וואָהר!

ער ענטפערט נישט, ער ציטערט אין גאַנצען.

זי שטופּט איהם אַ בּיסעל אָב פון זיך.

— קוק אויף מיר, יוסל — פּאַלט, איהר איין צו פערלאַנגען.

יוסל וויל פּאָלגען, און קען נישט.

— בּטלן, מאַכט זי צו איהם ווייך, נאָך נישט צו־געוואוהנט, האַ?

ער וויל בּעהאַלטען זיין קאָפּ אויף איהר בּרוסט, זי לאָזט נישט.

— וואָס שעמסט דו דיך, בּטלן! קושען מעגסט דו, און קוקען נישט?

ער וויל בּעסער קושען; זי לאָזט נישט.

— קוק אויף מיר, איך בּעט דיך!

יוסל עפענט די אויגען מיט כּח; זיי פאַלען דאָך בּאַלד צוריק צו.

— איך בּעט דיך, מאַכט זי נאָך ווייכער, נאָך זיידענער.

ער קוקט. צונד לאָזט זי אַראָב די בּרעמען.

— זאָג נאָר — מאַכט זי — זאָג מיר דעם אמת, איך בּעט דיך... איך בּין עפּיס אַ שעהן ווייבעל?

— יאָ! רוימט ער איהר איין, און זי דערפיהלט נאָך הייסער זיין אָטהעם.

— ווער האָט דיר געזאָגט?!

— איך זעה דאָך! אַ מלכּה בּיסט דו, אַ מלכּה!

— און זאָג נאָר, יוסל — פרעגט זי ווייטער, — דו וועסט שוין שטענדיג אַזוי... שטענדיג אַזוי זיין?

— ווי אַזוי מיינסט דו, טרייַנע?

— איך מיין — ציטערט איהר שטימע — קענען מיר אַזוי גוט...

— ווי דען?

— אזוי הארציג ?
— ווי דען ?
— שטענדיג ?
— שטענדיג ! איז ער מבטיח.
— וועסט מיט מיר עסען שטענדיג צוזאמען ?
— זיכער... בלי נדר, ענטפערט ער !
— און... וועסט אויף מיר קיין מאל נישט שרייען ?...
— קיינמאל... בלי מסקנא !
— קיינמאל נישט אנטהון קיין צרות ?...
— צרות ? איך ? דיר ?... ווי הייסט ? פאר וואס ?
— איך ווייס ? פריידה זאגט —
— וואו — די מכשפה !
ער רוקט זיך ווייטער צו. זי שטויסט איהם אב צוריק.
— יוסעלע ?
— וואס ?
— זאג — ווי הייס איך ?
— טרײַנע !
— פע — פערציהט זי די קליינע ליפעלעך —
— טרײַנישי — פערבעסערט זיך יוסל.
עס געפעלט איהר אלץ נישט.
— טרײַניניו...
— ניין !
— נו — טרײַנע־לעבען, טרײַנע־קרוין, טרײַנע־הארץ... שוין גוט אזוי ?
— יא ! ענטפערט זי גליקליך, נאר...
— וואס נאר, לעבען מײַנס, נחת מײַנס ?
— נאר, הער יוסל... און... שטאמעלט זי.
— און וואס ?
— און אז עס וועט, חס ושלום פעהלען א מאל פרנסה... אז איך וועל ווענין פערדינען... וועסט דו אפשר... אפשר שרײַען...
טרערען קומען איהר אין די אויגען ארײַן.
— חס ושלום ! חס ושלום !

ער רײַסט אוים דעם קאָפּ פון איהרע הענד, און פאַלט צו צו די נאָך אָפּענע ליפּען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— אַ רעכטע שעהנע, רײנע כפּרה, צו זײער קאָפּ, צו זײערע הענד און פּים — הערט זיך אַ קול פון אונטער די װענדטלעך — קוש־װאָך גאָר בײַ זײ! קײַן אויג לאָזט מען נישט צומאַכען...

דאָס איז פרײדעלס הײזעריג־שפּיציג־גיפטיג קול.

V.

מוּסָר.

עס געהען צוויי ווייבער אונטער דער שטאָדט. איינע אַ הויכע, שווערע יודענע, מיט בעזע אויגען, שווערע, הילכעדיגע טריט; די צווייטע אַ דאַרע, בלאַסע, קליינע יודענע מיט איין אַראָפּגעלאָסטען קאָפּ.

— וואו פיהרסט דו מיך, חנה? פרעגט די צווייטע.

— וואַרט, נאָך אַ פּאָר טריט. זעהסט, דאָרט צום בערג׳ל.

— נאָך וואָס? פרעגט נאָך אַ מאָל די צווייטע מיט אַ באַנג אָפּגעריסען קול, גלייך זי וואָלט זיך עפּיס געשראָקען.

— וועסט הערען, קום...

זיי זענען צוגעקומען צום בערג׳ל.

— זעץ דיך, מאַכט חנה. די צווייטע פאָלגט, זעצט זיך אויפ׳ן בערג׳ל, חנה זעצט זיך נעבען איהר. — אין דער שטילקייט פון וואַרעמען זומער־טאָג, ווייט פון שטעדטישען גערודער, מאַכט זיך אַ געשפּרעך:

— גרונע, ווייסט ווער דיין מאַן, עליו השלום, איז געוועזען?

אויף גרונעס בלאַס פּנים לעגט זיך אַ שאָטען.

— איך ווייס, ענטפערט זי מיט פערביסענע ליפּען.

— אַ סופר איז ער געוועזען, גרונע! אַ כשר׳ער סופר...

— איך ווייס! מאַכט גרונע אונגעדולדיג...

— פאַר יעדען אות פלעגט ער זיך טובל׳ען אין מקוה...

— אַ גראָבער ליגען... אַז ער פלעגט געהן אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך, איז אמת...

— אַ כשר׳ער יוד געוועזען.

— אמת...

— זײַן זכות זאָל אונז בײַשטעהן...

גרונע שװײַגט.

— שװײַגסט? װאונדערט זיך חנה.

— אַלץ אײנס!

— נישט אַלץ אײנס! זײַן זכות זאָל אונז טאַקי בײַשטעהן! הערסט?

— איך הער!

— װאָס זאָגסט דו דערצו?

— װאָס זאָל איך זאָגען, איך װײס נאָר, אַז ער איז נישט בײַגעשטאַנען...

פּױזע, די װײַבער פערשטעהען זיך: דער כּשר'ער סופר איז געשטאָרבען און איבערגעלאָזט אַן אַלמנה מיט דרײַ יתומים — מײדלעך. גרונע האָט שױן מעהר נישט חתונה געהאַט, די קינדער קײן שטיפטאַטען נישט געגעבען, אַלײן אױף זיך און די קינדער געאַרבײט, נאָר קײן מזל און ברכה איז נישט געװעזען... „זײַן זכות איז נישט בײַגעשטאַנען..."

— און װײסט דו פאַר װאָס, גרונע? האַקט איהר איבער חנה דאָס שטילקײט.

— עט...

— װײַל דו ביזט זינדיג...

— איך? און די בלאַסע גרונע שפּרינגט אױף, װי אַ'ן אונטערגעשאָסענע — איך — זינדיג?

— הער גרונע, זינדיג איז יעדער מענש, נאָר דו אַודאי...

— אַודאי?

— גרונע, נישט אומזיסט האָב איך דיך אַרױסגעפיהרט אונטער דער שטאָדט צום טײַך צו, אױפ'ן פעלד... קײן פרישע לופט, ברוך השם, דאַרפען מיר נישט... זעהסט, גרונע... אַ מאַמע, און בפרט אַ כּשר'ן סופר'ס אַן אַלמנה דאַרף...

— װאָס דאַרף זי?

— זי דאַרף זײַן פרימער װי אַלע, בעסער װי אַלע און מעהר אַכטונג געבען אױף דער טאָכטער.

די בלאַסע גרונע איז נאָך בלאַסער געװאָרען. די אױגען האָבען

איהר אויפגעפלאמט, די גאָז-לעבער צושפרייטען זיך און די בלאָה פערבערענטע ליפען ציטערן.

— רחל! האָט זי אויסגעשריגען.

— דו ווייסט, גרונע, איך בין דיר אַ גוטער פריינד, נאָר דעם אמת מוז איך דיר זאָגען, אַ ניט וואָלט איך נישט געהאַט קיין פערענטפער פאַר גאָט... איך וועל דיך נישט בערעדען, דורך מיר וועסט דו נישט קומען צו לייטען אין די מיילער אריין, עס וועט בלייבען צווישען אונז. איין גאָט אין הימעל וועט הערען...

— ציה מיר נישט די נשמה ארויס!

— נו, הער'זשע! קורץ און שאַרף... נעכטען פאַר-נאַכט, שפּעט פאַר-נאַכט בין איך צוריק געגאַנגען פון דער באַהן, און — אויף דעם בערגעל איז געזעסען דיין מירל...

— איינע אַליין?

— ניין —

— מיט וועמען?

— איך ווייס? מיט אַ קאַפּעלוש... אַ צילינדער אַפילו... ער האָט זי געקושט אין האַלז-און-נאַקען... זי האָט געלאַכט און געחרופּעט צוקערקעס...

— איך וויים!... רופט זיך אָן גרונע מיט אַ קול ווי פון קבר ארויס... עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל...

— דו האָסט געוואוסט?! וואָס? אַ חתן איז עס?

— ניין...

— נישט? און דו... האָסט געשוויגען?

— יאָ?

— גרונע!

נאָר איצט איז שוין גרונע רוהיג.

— אַצונד שווייג דו און הער, וואָס איך וויל דיר דערצעהלען, — זאָגט זי מיט אַ שניידענדיג קול און, אָנחאַפּענדיג רחל'ן ביי'ם אַרבעל, נויט זי, זי זאָל זיך צוריק זעצען.

— הער, האָט זי ווייטער געצויגען — אַלץ וועל איך דיר דערצעהלען, און איין גאָט אין הימעל וועט אונז הערען!

רחל האָט זיך צוריק געזעצט.

— אַז מיין מאַן איז געשטאָרבען — הויבט אָן גרונע.

— ווי אַזוי רעדסט דו עפּיס, גרונע?
— ווי אַזוי זאָל איך רעדען?
— אָהן „זכרונו לברכה"? און — „נפטר געוואָרען" זאָגט מען?..
— אַלץ איינס, נפטר געוואָרען צי געשטאָרבען, בּעגראָבען האָט מען איהם...
— צו קבר אָבות געקומען...
— זאָל זיין צו קבר אָבות... נאָר מיך האָט ער איבּערגעלאָזט מיט נאָך יתומים — טעכטער...
— נעבּיך, קיין קדיש נישט געלאָזט...
— דריי טעכטער, די עלטסטע —
— גענענדעל —
— אַלט גיוועזען 14 יאָהר...
— בּיי לייטען איז אַזוינס אַ כּלה...
— בּיי אונז איז קיין ברויט נישט געווען! פון תנאים שרייבּען און לעקאַך עסען נישט צו רעדען...
— ווי אַזוי רעדסט דו עפּיס היינט, גרונע!
— נישט איך רעד, מיין האַרץ־וועהטאָג רעדט... געגענדעל, ווייסט דו, איז געווען דאָס שענסטע מיידעל אין שטאָדט.
— היינט אויך... קיין עין־הרע!
— היינט איז זי אַ זויערע לימאָנע — אַ גראָהער צאָפּ! נאָר דעמאָלט האָט זי געלייכט ווי די זון... און — איך בּין דעמאָלט דעם פרומען סופר'ס אַלמנה געווען! איך האָבּ זי ווי איין אויג אין קאָפּ געהיט... איך האָבּ געוואוסט, אַז היינטיגע צייטען... עס דרעהען זיך אַרום כּלי־זמרים, שניידערלעך, אַזוי דייטשלעך און אַלטע בּחורים... בּית המדרש־ניקעס אפילו פלעגען זיך דרעהען בּיים פענסטער... נאָר אויף וואָס איז אַ מאַמע? אַ כּלה־מיידעל, האָבּ איך געוואוסט, דאַרף זיין ווי אַ שפּיגעל... און איך האָבּ מיינס בּעוויזען; עס איז אויף איהר קיין הויך נישט געפאַלען! געהיטען האָבּ איך זי, געהיטען! קיין אויג נישט אַראָפּ־געלאָזט, קיין טריט פון שטוב אָהן מיר נישט געמאַכט, און אַלץ מוסר געזאָגט... קוק נישט אַהער, קוק נישט אַהין, דאָ שטעל דיך נישט, דאָ מעק דיך נישט... קוק נישט ווי פויגעלעך פליהען...
— נו, זעהר וואויל...
— וואויל ווי די וועלט! מאַכט גרונע בּיטער. קום נאָר צו מיר

אַ היים און זעה, ווי זי זעהט אַצונד אויס! יאָ, זי איז אַנ׳אמת עהרליך מיידעל, נאָר פון 36 יאָהר! דאַר, די ביינער צו צעהלען, אַ געֶרונצעלטע הויט, ווי פּאַרמעט צו תפלין, אויגען פערלאָשענע, דאָס פנים זויער, אָהן אַ שמייכעל — אייביג פערביסענע ליפּען... גאַנץ אָפּט דאָך ברענען אויף די פערלאָשענע אויגען — דאָס ברענט דעמאָלט אין זיי אַ שנאה, אַ האַס, ווי אַ גיהנם... אונ ווייסט דו צו וועמען? ווייסט דו וועמען זי האָט פיינט? וועמען, מאַכענדיג מיט די ליפּען, זי פערשילט די ביינער?

— וועמען?

— מיר! מיר — איהר אייגענער מאַמען!

— וואָס רעדסט דו? פאַר וואָס?

— זי אַליין ווייס אפשר נישט פאַר וואָס, נאָר איך ווייס! איך האָב מיך געשטעלט צווישען איהר און דער וועלט, צווישען איהר און דער זון! איך האָב איהר, ווי זאָל איך דיר עס זאָגען? קיין ווארעמקייט און קיין ליכט צום לייב ניט צוגעלאָזט... גאַנצע נעכט האָב איך דעריבער געקלערט ביז איך בין עס דערגאַנגען, אויף קלאָר דערגאַנגען! זי מוז מיך פיינד האָבען... יעדעס קעמערל פון איהר לייב האָט מיך פיינד!

— וואָס רעדסט דו?

— וואָס דו הערסט! די שוועסטער האָט זי אַודאי פיינד, שענער זענען זיי און יונגער!

גרונע חאַפּט שווער דעם אָטהעם און רחל קען צו די געדאַנקען ניט קומען... זי הערט עפּיס שרעקליכעס; עפּיס ערגערס, ווי קראַנק זיין, ווי שטאַרבען, אפילו ווי „אונטער דער חופה שטאַרבען" — דאָס גרעסטע אומגליק, וואָס עס טרעפט זיך ביי יודען און דאָך — רבונו של עולם, עס דאַרף אַזוי זיין!

— די יונגערע, לאה׳ן, האָב איך שוין אין דער היים ניט געהאַלטען... איך האָב זי אָפּגעגעבען פאַר אַ דיענסט... הויבט ווייטער אָן גרונע צו דערצעהלען און די שטימע ווערט נאָך הייזעריגער, נאָך אָפּגעריסענער...

— איך האָב גענוג געשריען דעמאָלט, דערמאַהנט רחל, מעשים געטהון... אַ סופר׳ס אַ טאָכטער פאַר אַ דיענסט...

— איך האָב געוואָלט חאָטש זי חתונה מאַכען, זאָל זי חאָטש

א ביסעל נדן האָבען... פון מיינע ציבעלעס, מיט וועלכע איך דאַנדעל, קען מען קיין נדן ניט אויפקלויבען...

אין זי האָב איך אויך געהיט...

ניט איין בעל־הבית האָט אויף איהר איין אויג געוואָרפען, ניט איין בעל הבתיש קינד האָט זיך געוואָלט פון איהר א שפּיעלכעל מאַכען... נאָר איך בין א מאַמע! איך בין אַ טרייע מאַמע געוועזן! די פּיס האָב איך מיר אָפּגעהאַקט און 10 מאָל אין טאָג בין איך ביי איהר אין קיך געווען, געוויינט און גע'חלש'ט, מוסר געזאָגט... האַ! גוטע ווערטער, פרומע ווערטער געזאָגט!... גאַנצע נעכט בין איך ניט געשלאָפען און געלייענט דעם קב־הישר און אַנדערע הייליגע ספרים עברי־טייטש, און צו מאָרגענס איהר איבערדערצעהלט... און נאָך אייגענס צוגעגעבען! גאָט זאָל עס מיר מוחל זיין... פון דריי שדים האָב איך געמאַכט צעהן, פון א שמיץ איז געוואָרען קאַסטרוי, מיט פייער האָב איך געשיט! און א שוואַך קינד איז עס געווען, א שוואַך כשר קינד, עס האָט זיך געלאָזט פיהרען!... דער טאַטע אוים'ן אויג — בלאַס, אָהן א ביסעל בלוט, און אַזוינע גוטע, פייכטע אויגען, — נאָר שעהנער איז זי געוועזען...

— דו רעדסט, רחמנא ליצלן, ווי פון א טוידטער!

— און דו מיינסט זי לעבט? איך זאָג דיר, זי לעבט נישט! זי האָט אָנגעזאַמעלט נדן, און איך האָב איהר א מאַן געגעבען!

זי האָט נעכיך געוויינט, אַז זי וויל איהם נישט, אַז ער איז צו גראָב, צו פּראָסט פאַר איהר.

נאָר א לערן־קינד נעמט ניט קיין דינסט־מיידעל, בפרט מיט דרייסיג רובל נדן!

איך האָב געדאַנקט גאָט ווער עס איז! — א שניידער־יונג, איז א שניידער־יונג!

נו! האָט ער מיט איהר א יאָהר געלעבט — צוגענומען דאָס געלד, מיט'ן געזונד, מיט'ן רעשט ביסל כח און איז אַוועק...

נאַקעט און בלוים האָט ער מיר זי אָפּגעשטעלט, נאָר — מיט א לונגען־פעהלער! זי שפּייט מיט בלוט!... א שאָטען איז עס שוין, נישט קיין מענש... עס טולעט מיך ווי א קליין קינד, עס לעגט זיך ווי א לעמעלע!... און גאַנצע, גאַנצע נעכט וויינט עס...

און ווייסט דו אויף וועמען זי וויינט?

— אויפ'ן מאַן, ימח שמו!

—ניין, רחל, אויף מיר וויינט זי! איך האב זי אינגליקליך געמאכט! איהרע טרעהרען פאלען מיר אויפ'ן הארץ ווי קאָכעדיג בליי — זיי סמ'ען מיך, די טרעהרען...

זי בלייבט ווייטער שטיל און האפט קוים דעם אָטהעם.

— הכלל? פרעגט רחל —

— הכלל? — האב איך מיר שוין געזאָגט: גענוג! זאל מיין דריטע טאָכטער שוין לעבען! לעבען זאל זי, ווי זי וויל!

זי אַרבייט אין פאבריק! 16 שעה אין טאָג אַרבייט זי, קוים אויף טרוקען ברויט פערדינט זי... זי וויל צוקערקעס אויך, זאל זי עסען! זי וויל לאַכען, שטיפען, קושען זיך — זאל זי! הערסט חנה — זאל זי! איך קען איהר קיין זיסע זאכען נישט געבען, קיין מאן א ודאי און א ודאי נישט! א ציטרין פון איהר מאכען, וויל איך נישט, א לונגען-פעהלער געבען — נישט, נישט! זאל שוין די טאָכטער מיך נישט האסען, אויף מיר נישט וויינען.

— אָבער גרונע, שרייט רחל אוים דערשראָקען, וואס וועלען זאָגען לייט?

— זאָלען לייט פריהער אויף אָרעמע יתומים רחמנות האָבען, נישט אַרבייטען מיט זיי ווי מיט אייזלען אומזיסט! זאָלען מענשען האָבען הערצער פון מענשען און נישט האלטען אָרעמע לייט צום אויסדריקען ווי לימאָנען...

— און גאָט? גאָט, ברוך הוא!

און גרונע הויבט זיך אויף און שרייט, גלייך זי האט געוואָלט, גאָט זאל אין הימעל הערען —

— האט גאָט געזאָלט פריהער יענע פערזאָרגען...

עס איז א שווערע שטילקייט! ביידע ווייבער עטהמען שווער, ביידע שטעהען זיך אקעגען מיט בליצען אין די אויגען.

— גרונע! שרייט ענדליך אוים רחל — גאָט! גאָט וועט שטראָפען!

— נישט מיך, נישט מיינע טעכטער! גאָט איז עהרליך! ער וועט עמיץ אנדערן שטראָפען! עמיץ אנדערן!

VI.

פאַר דער טהיר.

(אַ טונקעלע נאַכט, איין אָבגעלעגען שטיל געסעל. זי, אויף אַ באַנק אונטער אַ פינסטער פענסטער, שטאַר פאַר זיך קוקענדיג. ער קומט צו, אומקוקענדיג זיך צי געהט נישט ווער).

ער

(ריהרט איהר זאַכט דעם אַקסעל אָן).

זי

(זיך אומקעהרענדיג צו איהם אָהן פאַרב).

— דו?

ער

(מיט אַ בליק צום פינסטערן פענסטער).

אַליין?

זי

דער טאַטע אין קבר — די מאַמע אין תפיסה — אַליין.

ער

וואָס ווײַטער?

זי

האָט ערגיץ אַ הוהן געחאַפּט... אַ בריה דערויף, זי האָט אָבער קײן בליק נישט. געחאַפּט.

ע ר

כ'האָב דאָך דיר געוואָלט געבען —

ז י

(שטרענג).

כ'וועל בײַ דיר נישט נעמען — —

(הארט).

גײ אַהײם...

ע ר

(געבעט).

טרײַב מיך נישט...

ז י

(נאָך פּויזע)

כ'האָב דײַן מאַמע געזעהן.

ע ר

(דערשראָקען).

זי ווײסט עפּיס? — האָט דיר עפּיס געזאָגט?

ז י

זעהר אַ גוטע, דײַן מאַמע; ס'טהוט איהר זעהר לײַד, וואָס די אַלטע זיצט... און פּונקט אַ צ ו נ ד...

ע ר

וואָס אַ צ ו נ ד?

ז י

ווען מען דאַרף אַזוי פיעל אײַנקויפען צו דײַן — חתונה... „אַזוי ווי זי קויפט אײַן, וועט קײנער נישט... פּעט און בילינ, און פּינקטליך...

ע ר

(פאָרוואורף)

מרים!

ז י

זי וויל, כ'זאָל פערטרעטען די מאַמען... זי וואונדערט זיך, פאַר וואָס כ'וויל נישט ע ה ר ל י ך פערדיענען!

עָר

(ווי פריהער יאָר טיעפער).

מרים!

אַזוי הייס איך.

(נאָך פויזע).

זי האָט מיך פערבעטען צו דער אָרעמער סעודה... ז'וועט מיך זעצען בעזונדער...

עָר

(ווייל זי אָנחאַפּען בײַ דער האַנד, זי בעהאַלט זי אונטער זיך).

לאָז מיך, גיב מיר דיין האַנד... לאָז מיך דיך פאַר דער מאַמען איבערבעטען... זי קען דיך נישט, פערשטעהט דיך נישט!

זי

לאָז אָב!

(ער געהאָרכט).

כ'בין אַ גנב'טעס אַ טאָכטער. זי האָט רעכט!

עָר

דיין מאַמע איז דיין אומגליק.

זי

רעד נישט! — זי האָט אַלץ געטהון, וואָס זי האָט געקאָנט... דער הונגער איז שטאַרקער געוועזן... האָט זי געחאַפּט אַ מאָל עפּיס... און די יתומה, אַז זי איז אַליין געבליבען, האָט חן אין לייטענס אויגען בעקומען.

עָר

דערמאָהן נישט!

זי

געה אַהיים, אויב דו ווילסט, ד'זאָל פערגעסען!... דו דערמאָהנסט!...

עָר

ניין... איך מיין עס עהרליך! איך האָב דיך ליעב, אַזוי ליעב...

זי

און דעם טאַטען דײַנעם האָסטו פֿײַנד? און דער גרויסער טאַטע דײַנער, מיט דער װײַסער לאַנגער באָרד, און שטרענגע לאַנגע ברעמען — װעט שטאַרבען, הערסט? אונטערגעהאַקט װעט ער װערען, װי אַ בוים, אַז מען װעט'ן רופֿען: „דער גנב'טעס מחותן"... און די מאַמע דײַנע — זי האָט מיר קײַן שלעכטס נישט געטהון, — װאָלט שױן קײַן אײַנגעמאַכטס פֿאַר'ן שפּיטאָל נישט געפּרעגעלט!... די ערד װאָלט זי געקיהלט! כ'זאָל מיך שטעלען מיט איהר בײַ דער קראַטע אין שוהל — — און דײַן כּלה —

ער

כ'האָב קײַן כּלה נישט! כ'װיל נישט! עס װעגט זיך נאָר אָן דיר. זאָג אַ װאָרט!

זי

כ'װעל נישט זאָגען! פֿאַר װאָס זאָל זי זיך אױסװײנען די קלאָרע אױגען? פֿאַר װאָס זאָלען איהרע בעקלעך פֿערבליהט װערען? צוליעב װאָס? פֿאַר װאָס נעמען אַ פֿאַרצעלײַענע שעהנע זאַך — די בלאַסע מיט די גרויסע און פֿערחלומטע אױגען און צושלאָגען? װײסט, װאָס זי טהוט גאַנצע נעכט? איך װײס! אויך אַ מאָל רײן און עהרליך געװען!... זי בענקט... זי שפּינט גאַנצע נעכט...

ער

שפּינט?

זי

שפּינט... פֿון לבנה שטראַהלען; און פֿון נשמה שטראַהלען... צוזאַמען שפּינט זי... און װײסטו װאָס? אַרום איהר חתן אַ זילבערן נעפּעל... אין אַ זילבערן נעפּעל זעהט זי דיך... פֿון זילבערנעם נעפּעל אַרױס הערט זי דײַן שטימע... דו קענסט עס נישט פֿערשטעהן... צערײַס דעם נעפּעל נישט, װעסט איהר די נשמה צערײַסען!

ער

איך פֿערשטעה דיך נישט, אָבער לאָז נעמאַך... נישט מײַן זאַך... כ'װיל דיך, דיך, דיך!

אָ״ם וחוה.

י.

צוליעב וואָס? וואָס וועסט דו האָבען ביי מיר, וואָס דו און אַנדערע האָבען פריהער ניש געהאַט... געה!

ע ר

(געהט).

ז י

דאָס לעצטע ברעט — אַוועקגעשוואומען!

(פאָרהאַנג).

VII.

אין סקווער.

יוסל — מלכה.

(זיצען אויף א באנק אין סקווער.)

יוסל

(אז זי האט זיך פערטראכט און שווייגט.)

האסט שוין סודות פאר מיר?

מלכה

(וועקט זיך אבעטעמענדיג.)

שרעקליך...

יוסל

וואס, מלכה?

מלכה

א פרעמדער, בלוט-פרעמדער מאן.

יוסל

(עטוואס סארקאסטיש.)

א סוחר — א געמאכטער מענש!

מלכה

(אונגעדולדיג.)

[illegible]ן איינם.

(ווי פריהער)•

און אזוי פלוצלונג... עפּים א שפּרונג אין איין אבגרונד אריין!

יוסל

האסט אזוי געוואלט —

(זי צוקט מיט די אקסלען).

געוואלט?

יוסל

געזאגט יא...

מלכה

זאג ניין! — איין אלטע מויד ווערען... ווי עס איז אזוי שווער, אזוי שווער...

יוסל

נישט אזוי שווער! כ'בין נעכטען אין טעאטר געווען.

מלכה

ווילסט מיך פערדערען.

יוסל

ניין! עס געהער צו דער זאך. שטעל דיר פאר: עס זיצט ערגיץ אין א שטוב א פריילין. אייגענטליך זיצט זי נישט, זי שטעהט, ליגט, טאנצט איבער די שטוב. לייכט צו צו די פענסטער, קוקט ארויס, זעצט זיך צוריק, זינגט עפּים, ברומט עפּים — פלוצלונג עפענט זיך די טהיר — אויסגעוויזען האט זיך: דורך איין אירטהום, געעפענט האט געזאלט ווערען איין אנדערע טהיר, אויף דעם זעלבען שטאק. ער קומט אריין, נישט אנגעקלאפּט, ביי יענער טהיר דארף ער, קענטיג, נישט אנקלאפּען — — אויף דער שוועל „גוט-מארגען" געזאגט, זי עפענט ס'מויל, איבערראשט, דערנאך צולאכט זי זיך, קענטיג פערשטאנען — גוט יאהר טרילערט זי. בעמערקט ער זיין אירטהום, וויל זיך צוריקציהען פון דער שוועל, עס איז איהם אבער א שאד, וויינערט זיך א קורצע ווילע, קוקט איהר אין די אויגען אריין; די אויגען לאכען. פערמאכט זיך אונטער זיך די טהיר, רוקט זיך וואס א מאל נעהנטער און נעהנטער, אויף די שפּיץ פינגער געהט ער, זי ווערט עטוואס בלאסליך, דערשרעקט זיך א ביסעל, דערנאך — רויטליך, עטוואס פערשעמט, פינטעלט מיט די אויגען, הויבט אויף א האנד, עפענט ס'מויל, אבצוזאגען, ארויסצווייזען. א שמייכעל ארום מיילעכיל, און חן-גריבעליך. ניין, זיי הויבען

ניִשט אָן אָבצושטויסען... זי רוקט זיך אַביסל אונטערוויילעכטס אָב, פרעגט, געוויס, וואָס ער וויל, נאָר מען זעהט נאָר, ווי ליפּען ריהרען זיך, קיין שטימע הערט מען נישט.. און ער וויל, זעהט אוים הערען, רוקט זיך נעהנטער צו... זי רוקט זיך ווייטער און אונטערוויילעכטס אָב, טרעפט אויף אַ פאַטער-שטוהל, פאַלט, אַלץ אונטערוויילעכטס, אין איהם אַריין... ער איז שוין ביי איהר, פלאַצט אַרוים: פאַרדאָן! עפּים צופיעל הויך, מעהר ווי די נאָהנטקייט מיט'ן צימער פערלאַנגען, זי, פלוצלונג, צולאַכט זיך. ער בעט אום פערצייהען, אַטעות געהאַט, חאַפּט און קושט איהר די האַנד, זי לאַכט עפּים מאָרנע. רייסט דאָך די האַנד נישט אוים. ער זאָגט, ר'האָט אַ טעות געהאַט, די טהיר פערמוישט, נאָר געלויבט איז גאָט... ער דאַנקט זיין ליעבען נאָמען פאַר'ן טעות... געוויס — ער האַלט נאָך אַלץ די האַנד, זי לאַכט נאָך אַלץ — — — ענדע אַקט — —

מלכה

(געקרענקטער פאָרוואורף).

יוסעל!

יוסל

גאָט בעהיט, קיין שלעכטס נישט געשעהן... טאַטע-מאַמע — אָננעקומען, געשיקט נאָך חופה און קלעזמער. געקומען אויך דער רב, אַ ליעדעל געזונגען, און נישט אין דעם געהט עס...

מלכה

(אויטאָמאַטיש).

נישט אין דעם געהט עס!

יוסל

ניין — נאָר, ווי גוט דאָס פריילין האָט געשפּיעלט, אַ פרעמדער מאַן... אַ ווילד פרעמדער מאַן, אַ בלוט-פרעמדער...

מלכה

אויף די ברעטער!

יוסל

דאָס לעבען איז מעהר? איין סצענע! נאָר זי האָט פּראָבען געמאַכט... אויסגעלערנט זיך... דורכגעשפּיעלט... ווילסט פּראָבירען, מלכה? ער קומט מאָרגען...

מלכה

(זעהר פערבּיטערט).

צו דער חופּה — אַ פערנומענער מענש... גלייך צום שוהל־הויף פערפאָהרען...

יוסל

אָה בּיז מאָרגען, — וועסטו קענען! נישט אַזוי פיעל פּראָבען, ווי יענע, פאר דאָס מעהר אינטעליגענץ... וועסט עס פיין מאַכען..

מלכה

(פערצאָגט).

וואָס?

יוסל

די ראָליע שפּיעלען — אין דער קאָמעדיע!

מלכה

(עמפּערט).

קאָ—מעד—יע!

יוסל

ס'איז מעהר? ווילסט ווירקליך חתונה האָבען?

מלכה

(אויפשפּרינגענדיג).

פערזיצען?

(פּויזע)

יוסל

(אונגעדולדיג).

אַלץ איינס אייגענטליך, אַ דראַמע ווערט אויך געשפּיעלט, זאָגאר אַ טראַגעדיע! פּראָביר, מלכה!

מלכה

עס טהוט וועה, יוסל...

יוסל

דאָס לעבען אַליין טהוט וועה, מאַך דיר נישט דערויס. מ'וועל מיר

עס דורכשפּילען, קאָמעדיאַנטען — נו! אַקטערען טוישען זיך... נאָר נישט אומגעדולדיג, נישט געבּיסען די ליפּען, אָהן פינסטערע בּליקען... מען האָט דיר קלאָרע געגעבּען, מאַך זיי נישט פינסטער... נאַריש מיידעל, ס'א קאָמעדיע, נאה, זעה, אָט פאַל איך פאַר דיר אויף די קניען... בּיסט דאָך — אַ מלכּה, אַזאַ גרויסע מלכּה... אַזאַ מלכּה לאָזט זיך אַזוי לייכט נישט נעמען... איך שפּיעל גוט? וואָס, ניין? האָניג גיסט זיך מיר פון מויל? וואָס, — נישט? איך מאַך דיך גרויס — איך קניע פאַר דיר, ווי פאַר איין מלכּה, ווילסט, מאַך איך דיך הייליג, קוש איך דיר די זוים פון קלייד — —

מלכּה

(בּעוועגט).

יוסף!

יוסל

פיין! „יוסף“ איז שענער! דאָס געהער צו דער ראָלע, פאַלסט אין טאָן אַריין... גיב די האַנד...

(ער נעמט זי, בּעקוקט די פינגער).

אַ בּיסעל צושטאָכען, פון דער נאָדעל... קושען לוינט זיך...

(קושט זיי).

ער האָט אויך אַזוי געטהון... פריהער אויף דער פלאַכער האַנד. דערנאָך די פינגער. יעדען בּעזונדער האָט ער געקושט... אַזוי... נאָר יענע האָט גראָבּע הענד און דיקע פינגער געהאַט — נאָך אַ מאָל!

(אויפהויבענדיג דעם קאָפּ).

איך שפּיעל גוט, מלכּה? — דו העלפסט מיר אָבער נישט. יענע האָט געהאָלפען, אויך מיטגעשפּיעלט... יענעם איז גרינגער געווען, נישט אַזוי האַלט מען די האַנד, אַז עמיץ קושט... זי דאַרף ציטערן... עטוואָס ציטערן, מען וויל זי, מכלומרשט צוריק ציהען...

מלכּה

יוסל!

יוסל

נאָר מאַך דאָס שפּיעל נישט צו שאַנדען... נישט טראַגיש... נישט דראַמאַטיש... אָט לעג מיר בּעסער דיין ווייכע האַנד אויפ'ן קאָפּ... פלעגסט דאָך עס גערן טהון...

מלכה

(ביטער)׃

אַ מאָל... קינדווייז...

יוסל

(לייגט זיך איהר האַנד אויפ'ן קאָפּ).

אויך געשפּיעלט, אין חבר'קייט געשפּיעלט, אַ מאָל אין צייכען, אַ יונגעל און דיר צוליעב האָב איך אין צייכען געשפּיעלט.. וואו ערגיץ אַ ווינקעלע... אָבער נישט אַזוי לייגט אַ האַנד אויף אַ קאָפּ — אין אַ קאָמעדיע.. צי אַ פּאַרם... נישט קיין טויטע האַנד דאַרף לייגען.. צוואַרף מיר אַ ביסעל די האָר...

(טהוט עס פאַר איהר).

אַזוי...

(זי שמייכעלט בלאַס און קרייזעלט איהם אַליין די האָר).

דו קענסט, דו קענסט! און עפּיס פּליסט אַרויס פון דיין האַנד אין קאָפּ אַריין... עפּיס ווערט דאָרט קלאָרער... די קניפּען און קנוילען צונעמען זיך עפּיס... מיר דאַכט דיין האַרץ קלאַפּט — אָדער מיינס?

מלכה

עס קלאַפּט...

יוסל

(אויפשטעהענדיג).

אָה, איך שפּיעל גוט, אויף דער סצענע וואָלט איך געלעבט, נישט געשפּיעלט. די בלוט פּולסירט שוין אין די אָדערן... די שלעפען קלאַפּען אַזוי.. ריהר אָן... פיהל נאָר דאָס האַרץ... ווער האָט דיר די שאָטען פון די אויגען פערטריבען, מלכה, זעה, ווי זיי גלאַנצען... און צינד — ציטערט שוין די האַנד — פּונקט ווי ביי יענער, ניין, כ'וועל נישט פערגלייכען... נאָר יענע האָט געהאַט האָר אַראָבגעלאָזטע... שפּעטער, עס איז אַ פּאַרם געוועזען — האָט זי דעם צאָפּ פערלוירען, אונטער דער חופה... דאָס האָט איינענע און לענגערע...

(צולאָזט איהר די האָר).

מלכה

יוסל, אין סקווער!

וסל

(צורעכטווייזענדיג)

אז מען שפּיעלט, שפּיעלט מען! — איך וועל מיך נעמען דיר — ער האָט אויך אזוי געטהון... אויך עפּיס אַ שטיקעל דיכטער געווען... אַ פולען טאַש מיט מאַנוסקריפּטען געהאַט... פון מאַסען פּאָסט־סטעמפּעל אויף די קאָנווערטען, פון אלע רעדאַקציעס צוריק געשיקט... האָט איהר אַ געדיכט געלעזען — נאָר דאָס וועל איך נישט טהון — מיינע זענען צו אויסגעלאַסען... יענער האָט געהאַט אַזוינע אָנגעשוואָלענע, אָנגעבלאָזענע: שטערן... זונען... זומער־פויגעלעך און אַזוי אַ/ערליי פויגעל, און בלומען, און רויזען בעזונדער, — פאַר די אויגען האָט איהר געשווינדעלט... געהט ער —

(טהוט ווי ער בעשרייבט).

נעמט ער איהר קעפּעל, לעגט זיך אויפ'ן אַקסעל... קושט זי... זעהר זאַכט, פריהער די האָר... דערנאָך דאָס אויערלעפּיל, דערנאָך די בעקלעך און דערנאָך — די ליפּען, די קרעלענע ליפּען, נישט געקאָנט זיך אָבריַיסען... און אַזוי, ווי מיט צוואַנגען צו זיך צוגעדריקט, צוגעצויגען...

מלכה

(אויסגעריסען זיך פון זיין אָרעם, מיט בליץ אין די אויגען).

כ'וויל קיין קאָמעדיע נישט, יוסל!

יוסל

(אויפגעשטאַנען).

מוז זיין אַ — טראַגעדיע!

מלכה

זאָל זיין!

יוסל

ווילסט? — דער הימעל שפּאַלט זיך, מלכה — איין וואָרט!

מלכה

כ'וויל!

(פאָרהאַנג).

VIII.

שוועסטער.

„דלות" איז א שלעפער.

ער דערוואַרעמט אין ערגיץ נישט קיין אָרט; וואו ער טאָגט, נעכטיגט ער נישט.

און אַלט איז ער ווי די וועלט!

אויסטרעטענדיג שוין אַזוי פיעל יאָהרען די ערד מיט די פיס אָבער אין געלעבערטע צדקה-שטיוועל, אין וועלכע ער רייבט זיך אָן היהנער-אויגען ווי די עפּעל, וואָלט ער געקענט אַרויסגעבען א ריכטיגערע וועלט-געשיכטע, בעסערע ערד-בעשרייבונגען, — וואָלטען זיי אָבער נישט שעהן און נישט אַזוי איידעל געווען — ווי די, וואָס מיר האָבען פון מענשען, וועלכע האָבען אַראָבגעקוקט אויף דער וועלט פון דער הויך פון הימעל-הויכע שלעסער, פּאַלאַצען און קלויסטער, וואָס לויפען היינט איבער איהם אויף לאָקאָמאָטיווען און אויטאָמאָבילען... א חוץ דעם קען דער דלות גאָר נישט שרייבען. ער האָט קיין צייט ניט געהאַט זיך אויסצולערנען, און ער האָט גאָר קיין הענד נישט צו שרייבען! זיינע הענד מיט די וואָרצלען פּאַסען אַזוי צו דער פעדער, ווי זיינע פיס צו די בעלי-צדקה-שטיוועל. און קיין צייט האָט ער דערצו אויך נישט. אפילו צו דערצעהלען נישט. א גאַנצען טאָג — אָדער ער אַרבייט, אָדער ער זוכט אַרבייט, אָדער ער זוכט אַ מטמון אויף ערגיץ אַ בערגעל מיסט, אָדער ער וואַרפט זיך, אַ הונגעריגער און אַ פערמאַטערטער ערגיץ אונטער אַ פּלויט און חלומט פון משיח'ס צייטען מיט זעמעל אויף בוימער! ביי נאַכט — אָדער ער שלאָפט, ווי אַ געהרג'טער, אָדער ער וואַרפט זיך ווי אַ שלאַנג אויפ'ן געלעגער פאַר הונגער, צי פאַר בויך-וועהטאַג פון די מיסט-ממתקים, אָדער ער קוקט נאַריש

אין הימעל אַרײַן און פרעגט זיך, פאַר וואָס עס דונערט נישט, אָדער נאָך גאָר — ער קינדעלט, על חשבון פון בורא עולם, פון גבירים בעלי־צדקות אָדער גאָר אויפ'ן חשבון פון קהל...

די חשבונות זענען אַ פנים נישט זיכער, ווײַל מאַסען געקינדעלטע קינדער ווערען פלוצים נעלם — ואיננו! אָבער די וואָס בלײַבען, זענען צו־שפרייט און צוזייעט אויף דער וועלט, און שוועסטער, און ברידער הויבען זיך נישט אָן צו קענען, געהען איינם פאַר'ן אַנדערן פאַרבײַ אפילו אָהן אַ שמייכעל אויפ'ן פנים, גלײַך פרעמדע. אויסער אַז זיי טרעפען זיך אַ מאָל אין צוויי אַנטקעגענדיגע בעטען אין אַ שפּיטאָל — קרעכצען זיי אָדער זאָגען ודוי צוזאַמען...

צוויי דלות'עם קינדער קען איך — צוויי שוועסטער, זיי וואָהנען שוין עטליכע יאָהר אין וואַרשוי און בעגעגענען זיך גאַנץ אָפט און געהען זיך פאַרבײַ, ווי ווילד פרעמדע!

איינע וואָהנט אין אַ פינסטער ווינקעלע, צווישען נײַן נפשות פון דרײַ משפחות אין אַ סוטערינאַ אויפ'ן מאָקאָטאָוו און ראַנגעלט זיך מיט זיי נאַכט אויף נאַכט וועגען אַ ביסעל לופט און די צווייטע ראַנגעלט זיך נאַכט אויף נאַכט וועגען אַזאַ ביסעל לופט מיט 10 נפשות פון פיער פאַ־מיליען אויפ'ן צווייטען עק וואַרשוי, אויף אַ בוידעם־שטוב אונטער אַנ'־אײַזערנעם דאַך אויפ'ן שוואַרצען געסעל. די ערשטע איז אַ בלאָנדינקע, די צווייטע אַ ברונעטקע, נאָר דאָס מאַכט ניט אויס — שוועסטער זענען זיי, דלות'עם טעכטער און ביידע האָבען דינע, כמעט דורכזיכטיגע נאָז־פליגעל, דינע הויטלעך אויף אײַנגעפאַלענע באַקען און טיפע אײַנגעזאַנגענע אויגען, און ביידע זענען אויך נעהטאָרען בײַ ווײַסע וועש. די בלאָנדינקע אַרבייט פאַר 20 קאָפּיקעס אַ טאָג אויף וואָהנען, עסען, טרינקען און קליידען זיך פון 9 ביז 9 אין אַ חברה פון 16 מיידל'עך אין אַ וועש־געשעפט אויפ'ן שוואַרצען געסעל און שלאָגט זיך וועגען איין אָרט נעהנטער צום פענסטער חאָטש אָבצוועטהעמען, און די ברונעטקע האָט אויך נישט זעהר קיין שטאַר־קע ברוסט און חלש'ט פאַר 18 חבר'טאָר'נס, וואָס אַרבייטען מיט איהר צוזאַמען אין אַ נישט־זעהר־גרויסער שטוב אויפ'ן „מאָנקאָטאָוו", אויך פאַר 20 קאָפּ אַ טאָג פאַר וואָהנען, עסען, טרינקען און קליידען זיך. קומט סעזאָן — אַרבייט מען צו אַ שטיק נאַכט, און דערפון האָבען זיך ביידע

שוועסטער געמאַכט ציצענע קלײדלעך און געקויפט זיך שטרוי־היטעלעך; אויף שיך האָט פערפעהלט, זענען בײדע געפאַלען אויף אַן׳עצה — פערשמירען די זאָקען אין די לעבער מיט טינט...

זײ קענען זיך נישט און דינען זיך דאָך װי װירקליכע שוועסטער. װאָרום טאָג אויף טאָג געהט די בלאָנדינקע פון מאָקאָטאָװ אָבאַרבײטען אַ היבש שטיק מעת־לעת פאַר איהר שוועסטער דער ברונעטקע אויפ׳ן שװאַרצען געסעל; און די ברונעטקע געהט טאָג אויף טאָג פון שװאַרצען געסעל אויפ׳ן „מאָנקאָטאָװ" אָבצוטהון די זעלבע אַרבײט און אין דער זעלבער צײַט פאַר איהר שוועסטער דער בלאָנדינקע.

בײדע געהען דורך דעם זאַקסישען גאָרטען, די ברונעטקע קומט אַרײַן פון דער „קרולעװסקאַ" און געהט אַרויס דורך דער ניעצאַלאַ, און די בלאָנדינקע קומט אַרײַן פון דער ניעצאַלאַ און געהט אַרויס דורך דער קרולעװסקאַ.

אין מיטען גאָרטען טרעפען זײ זיך, געהען פאַרבײַ — און גאָר נישט.

אײנמאָל יולי צײַט האָבען זיך בײדע אויפגעחאַפּט פאַר גרויס היץ, זײ האָבען זיך בײדע געבאָדען אין שװײס און בײדע האָט גאָר אין גאַנצען אָטהעם פערפעהלט. בײדע זענען כמעט אין אײן סעקונדע אַרויסגעשפרונגען פון די בעטען: די בלאָנדינקע אין סוטערינאַ אויפ׳ן מאָקאָטאָװ; די ברונעטקע אונטער׳ן אײזערנעם דאַך אויפ׳ן שװאַרצען געסעל. בײדע האָבען זיך געשװינד געװאַשען, אָנגעטהון די ציצענע קלײדלעך, נאָך אַ מאָל איבערגעשװאַרצט די זעקלעך אין די לעכלעך און שפּאַלטען פון די קאַמאַשען און אַרויפגעזעצט זיך אויף די קעפּ — די שטרויענע היטעלעך, װאָס זײ האָבען פעסט צוגענאָגעלט, די בלאָנדינקע צו די זײַדען־בלאָנדע און די ברונעטקע צו די סמאָלע שװאַרצע קוים פערפלאָכטענע האָר. בײדע האָבען עס געטהון בײ קײלעכדיגע טאַשען־שפּיגעלעך און בײדע האָבען צו זיך געשמײכעלט... קײן מעשה ניט פון פּנים׳לעך, און בײדע האָבען זיך פּלוצלונג פערבענקט — צו גרינס, צו בליהמלעך, צו עפּעס װאַרם־לעבעדיגעס און אויך — צו װאָנסעלעך מיט אויגעלעך. די בלאָנדינקע — צו שװאַרצע

און די ברונעטקע צו בלאָנדע און בלאָהע! און ביידע האָבען אָבזעזיפצט נאָך איין אויג געוואָרפען אין די שפיגעלעך אַריין, און, ווייל עס איז צו פריה, געלאָפען אין זאַקסישען גאָרטען אַריין... די בלאָנדינקע איז אַריינגעקומען דורכ'ן טויער פון קרולעווסקאַ, די ברונעטקע פון טויער דורך דער ניעצאַלאַ. אַריינקומענדיג, זענען ביידע טרויעריג געוואָרען.

— לינקס — טראַכט די בלאָנדינקע — ביי דעם וואַסער-טרינקען שפּילט מוזיק; לאָזט מען נישט אַריין! — עס פליהט אין דער נאָז אַ געשמאַק פון געברענטע און געקאָכטע קאַווע: „אומזיסט גיט מען נישט".

— לינקס — טראַכט די ברונעטקע איז דאָס גלאַנצענדיגע וואַסער'ל מיט די ווייסע שוואַנען, אַ מחיה, ווי זיי קומען צו, אַז מען וואַרפט זיי שטיקלעך זעמעל — האָב איך נאָך אַליין קיין אָנבייסען נישט! — — רעכטס, ווייטער צוציהער, פאַרהאַן וואַסער מיט זאַפט, זי וואָלט גערן דאָס געטרונקען, נאָר „אומזיסט גיט מען נישט"... —

„אפשר וועט מען אַ מאָל געבען", טרייסטען זיך ביידע מיט אַ מאָל; זיי זענען דאָך שוועסטער! אַיילען זיך ביידע אין מיטען גאָרטען אַריין, דאָס גערויש פון די גאַסען צושטויבט זיך צווישען די טויזענדער בלעטער פון ברייט פערצווייגטע בוימער און עס איז, דאַכט זיך, אַזוי שטיל, אַזוי שטיל...

און ביידע ווילען זיך זעצען. און ביידע ווייסען, אַז קוים וועלען זיי זיך זעצען, וועלען צוקומען „וואָנסעלעך מיט אויגעלעך" פלוידערן... גלאַט אַזוי פלוידערן, איז עס אַנגענעהם צו פלוידערן אויף דער פרישער לופט, קעגען די ביימען מיט אַלערליי-פאַרביגע בלומען... מען ווערט פון דער פרישער לופט ווי בערוישט; פון בלומען-ריח — פער'חלומ'ט און פון די זיסע רעד ווערט טיילמאָל אַזוי היימליך אונטער לעפעלע פון האַרץ, — חאָטש עס פּלאַצט באַלד ווי אַ זייפען-בלאָז אָדער מען דערזעהט פלוצלונג עפּיס שרעקליכס און מען אַנטלויפט, האָבען אָבער ביידע מורא, זיי זאָלען זיך ניט פערשמועסען און פערשפּעטיגען.

נעהמען זיך ביידע אַראָב רעכטס, צום זייגער, און ווייל זיי זענען שוועסטער, טהוען זיי עס אין דער זעלבער רגע און קלויבען אויס די

זעלבע באַנק געגענאיבער דעם ציפּערבלאַט און זעצען זיך אויף ביידע עקען — —

צי וועלען זיי צו זיך רעדען.

זיי הויבען אָן צו ווארפען בליקען אויף זיך. נאָר אין דער זעלבער רגע קומען צו צוויי יונגע לייט, און זעצען זיך אין מיטען באַנק און דרע־הען זיך אום — איינער אַ ברונעט צו דער בלאָנדינקע; דער צווייטער אַ בלאָנדין צו דער ברונעטקע...

צוויי פּאָרען פלוידערן...

און אַז דער וויַיזער קומט צו צו דריי פיערטעל נייַן, שפרינגען ביידע שוועסטער אויף און אַנטלויפען.

די בלאָנדינקע פון מאַקאָטאָוו אַנטלויפט דורך דער ניעצאַלע צום שוואַרצען געסעל; די ברונעטקע פון שוואַרצען געסעל — דורך דער קרו־לעווסקאַ — קיין מאַקאָטאָוו...

זיי האָבען זיך נישט רעכט געזעהן...

אפשר אַ מאָל — אין שפּיטאָל אַ שטייגער, וועלען זיי זיך דערזעהן.

IV-טער טהייל

I.

ער און זי.

(פארשפיעל).

(א גערטעל, אין הינטערגרונד א זומער=וואהנונג, די לבנה בעפרייט זיך פון אונטער א וואלקען, א בלאסער זילבערנער שיין לעגט זיך איבער דער סצענע).

ע ר. די בלומען האבען דיך דערשפירט, און גריסען דיך מיט וואהלגערוך...

ז י. (איראניש) אה...

ע ר. און די לבנה... זי שווימט ארויס פון אונטערן לייכטען וואלקען — זי שווימט דיר אקעגען...

ז י. די לבנה איז א נאר, האט נאך היינע געזאגט...

ע ר. און יעדער נאר האט דאך זיין שכל, און ווייסט, וואס שעהן און גוט איז. ווי איהרע שטראהלען ציטערן איבער דיין צארט געזיכט, שמייכלען ארום דיינע פיינע ליפען...

ז י. ביזט דיכטער געווארען!

ע ר. דאס וועט יעדערער ביי דיר ווערען. און עס איז קיין דיכטונג — איך האב דיך ליעב...

ז י. (מיט א האנד=בעוועגונג צום הויז) געה זאג דער מאמען מיינער; זי וועט זיך פרעהען דערמיט. גאנצע נעכט שלאפט זי נישט; איך וואקס איהר אין ג־אהען צאפ ארײן... שטעהסט נאך?

ע ר. איך האב מיך אן א מעשה'לע דערמאהנט!

ז י. אויב עס געהער צו דער זאך, דערצעהל...

ע ר. עס איז אין גן עדן געווען —

ז י. איין אלטע געשיכטע —

ע ר. „און בלייבט אימער ניי", זאגט היינע... און עס איז געווען נאך איידער מען האט אדם וחיה — די ערשטע מענשליכע פאר — פון גן־עדן פערטריבען און די כרובים מיט די שארפע שווערדען ביי'ם טויער געשטעלט...

ז י. זיי האבען פון אפעל נישט געגעסען און נישט געוואוסט וואס גוט און שלעכט איז?

ע ר. געגעסען —

ז י. און נאך נישט פערטריבען?

ע ר. (שמייכלענדיג) עס געהט עבען דער פראצעס — און אדם, נישט וויסענדיג פון קיין בעז, שפאצירט רוהיג ארום אין די אלעען פון גן עדן און דערזעהט א שעהנעם אפעל אויף א בוים —

ז י. ווייטער איין אפעל!

ע ר. און אויך א שעהנער, א פערגלוסטונג פאר די אויגען, ווי די ביבעל וואלט געזאגט; צארט גערויטעלט, ווי דער פרישער מארגען...

ז י. געפעלט ער איהם?

ע ר. געוויס. ער בעקומט א פול מויל מיט וואסער און עפיס א מין צוויקען אין דער געגענד פון הארץ —

ז י. האט ער'ן אפגעריסען?

ע ר. אין גן עדן רייסט מען נישט. ער האט געבעטען! ער האט זיך אבגעשטעלט ביים בוים, פיין געגריסט און געבעטען: בוים, גוטער בוים, שענק מיר דיין אפעל, איך וויל איהם עסען!

ז י. און דער בוים האט־אפגעזאגט.

ע ר. ניין! ער האט נאר א בעדינג געשטעלט: אדם, גוטער אדם, האט געענטפערט דער בוים, דו קענסט דעם אפעל האבען, נאר מיט מיר צוזאמען. דו קענסט איהם עסען, נאר מיר אויך צוזאמען, מיך אין גאנצען... דעם אפעל, די בלעטער, די צווייגען, דעם שטאם, זאגאר די ווארצלען אונטער דער ערד און מיט'ן שטויב אויף די ווארצלען!

ז י. חא־חא־חא!

ע ר. אדם האט אויך געלאכט. דער בוים דאך האט עס ערנסט געמיינט. „נישט מיט א מאל — האט ער איהם פערטייטשט, ביסט דו מחויב מיך אויפצועסען, נאר מיט דער צייט, דורכ'ן גאנצען לעבען.

מיך עסען מוזט דו יעדען טאָג, יעדע שטונדע, יעדע מינוט, יעדע סעקונדע — אָהן אויפהער —

ז י. און ער?

ע ר. ער האָט שוין געוואוסט, וואָס גוט און וואָס שלעכט איז!

(פויזע).

ז י. איך האָב מיך אויך דערמאָהנט אָן אַ מעשה'לע...

ע ר. אויב עס געהער צו דער זאַך, דערצעהל...

ז י. נישט אין אַ עדן איז עס געוועזען, נאָר אויף איין ענגליכען פלאַץ אין אורוואַלד! און נישט מיט אדם הראשון איז עס געשעהען, נאָר מיט איין ענגליכען צו אָדם הראשון — מיט אַ ווילדען מענש. טאַטואירט איז ער געוועזען, אויפ'ן האַלז צוייהן פון פערשיעדענע חיות אָנשטאָט פערל, און אויפ'ן קאָפּ — אַ קרוין פון פערשיעדענע פעדערן... אין דער האַנד האָט ער אַ פיילענבויגען געטראָגען. איינמאָל הויבט ער די אויגען אויף און דערזעהט, אַ פויגעל רעדעלט איבער זיין קאָפּ, אַ פויגעל, אַ פרעמדער מיט אַ גאָלדענער פעדער — אַ פערגלויסטונג צו די אויגען, אַ גאָלדענער מאָרגען־שטראַהל... און די פעדער איז איהם געפעלען, ער האָט זי צו זיין פעדער־קרוין געברויכט.

ע ר. האָט ער'ס געשאָסען?

ז י. צו הויך און צו ראַש איז דער פויגעל געפלויגען, ער זאָל מיט דער פייל דערגרייכען...

ע ר. האָט ער איהם אַ פויגעל־פאַל געשטעלט?

ז י. ניין, ער האָט געבעטען: פויגעל, פויגעל, איך ברויך דיין פעדער... שטעל דיך אָפּ און איך וועל דיך שיסען. דיין קערפּער וועל איך נישט בענוצען, נאָר דיין פעדער, דיין שטראַהלענדיג גלאַנציגע פעדער —

ע ר. נו? —

ז י. ער האָט נישט געענדיגט; דער פויגעל איז אוועק — (געהט ראַש אַב).

ע ר. דאָס איז דאָס פּראָבלעם...

II.

אַ לִיעבֶּע.

(פּאָעמאַ)

1.

רויטע בעקעלעך, קלאָרע אויגעלעך, זיסע, שטילע חלומות. —
וואו זענט איהר?

אַ שטילע טויב האָט שטיל געלעבט אין אַ שטילען טויבען-שלאַג.
אַ פרומע, שטילע טויב.

ליעבליך האָט זי געברומט די ברכה אין דער-פריה:

„וואָס דער טאַטע הייסט, וואָס די מאַמע הייסט און וואָס אַלע גוטע, פרומע לייט"...

און די קריאת־שמע ביי-נאַכט:

„נעם, ליעבהאַרציגער גאָט, ביז מאָרגען מיין זיסע נשמה צו דיר...

„בעהאַלט זי איבער-נאַכט אונטער'ן פליגעל פון דיין גנאָד און שיק זי מיר אָב אין דער-פריה דורכ'ן ערשטען בעסטען מלאך, וועל איך זאָגען דעם טאַטען „גוט מאָרגען", דער מאַמען קושען די האַנד".

אַ בליץ האָט אין שטילען טויבען-האַרץ אַריינגעטראָפען, און עס האָט זיך צופלאַקערט...

און אַ ווילד פערלאַנגען האָט אויפגעפלאַמט אין דער שטילער טויב:

איבער'ן בלאָהען לופטיגען ים זאָל קומען אויף מעכטיגע פליגעל דער אָדלער צו שווימען; זי וועט איהם בעגעגנען מיט פרייד!

מיט אָדלער-קראַלען זאָל ער איהר שפאַלטען דאָס יונגע האַרץ,

מיט'ן אָדלער־שנאָבעל אויסטרינקען דאָס הייסע יונגע בלוט; זאָל ער שטילען זיין דורשט...
און זאָל ער אוועקשלײדערן די רעשט, וואו ער וויל...

2.

דער טאַטע פרעגט פערזאָרגט:
— טאָכטער, וואָס ביסט דו אזוי בלאַס?
אונרוהיג קוקט ער מיר טיעף אין די אויגען אריין, — „וואָס פלאַמען זיי אזוי ווילד"?
שטעהט צו די מאַמע:
— צי האָסט דו, טאָכטער, ביי־נאַכט פון שלאָף אַרוים געוויינט? פייכט איז צו־מאָרגענס דיין קישען געוועזען — וואָס האָסט דו פאַר א חלומות געהאַט?
און לויף איך פון שטוב אַרויס, טרעפען מיר חבר'טעס און רינגלען מיך אַרום, און טאַנצען אַרום מיר, און בויערן מיך דורך מיט די בליקען:
— וואָס איז מיט דיר, גאָלדעלע געשעהן? וואָס ברענט אזוי דיין אָטעם?
לייכטער איז צו בעהאַלטען פאַרפומעס פאַר לייט, איידער איין אויפגעבליהט האַרץ.

3.

אַז איך וועל אַ מאָל האָבען אַ שטילע ליעב־האַרציגע טאָכטער, ווי מיין מאַמע האָט, איין איינציגע, — וועל איך זי נעמען פון צייט צו צייט אויף דער שויס און שטיל גלעטענדיג אירהרע גאָלדענע לאָקען און טיעף קוקענדיג אין אירהרע בלאָהע אויגען אריין, וועל איך איהר איינרוימען גוטע רעד, האַרציגע שטראָף־רעד:
— ווילסט דו, טאָכטער, שפּאַצירען געהן און האָסט מיט ווּעמען, — געה!
נאָר געהן זאָלסט דו ביי־טאָג, אין שעהנעם העלען טאָג, ווען עס שיינט די זון... זאָל זי בעשיטען מיט גינגאָלד דיין קעפּעלע, דאַרפסט זיך פאַר דער זון נישט שעמען, נישט פאָרכטען; געטריי און ערהרליך איז די זון.

נאָר היט דיך, טאָכטער, פאַר׳ן כּשוף פון שטילע זומער־נעכט...
פאַר דער דינער ציטעריג־ליכטיגער זילבער־נעץ, וואָס צושפּרייט זיך אין
דער שטילער לופט...

און אַ כּשוף־מאַכערין איז די לבנה, געפעהרליך זענען איהרע
מאַט־זילבערנע שטראַהלען... זיס איז איהר ליכט, ווי זיסער ווײַן, און
עס טרינקט זיך, ווי קיהלען, זיס־שמעקענדיגען ווײַן, און עס בע־
רוישט...

פלוצלונג בליהען פרישע רויזען אויף אין האַרץ און דײַן אָטעם
הויבט אָן צו שמעקען.

פלוצלונג הויבט דיר אָן אַ ווירוואַר פון ליכטיגע שטערען צו טאַנצען
אין מח און שטראַהלען דיר פון די אויגען אַרוים.

און דער קאָפּ ווערט שווער און זוכט זיך איין אַקסעל אָנצו־
לעהנען, און אויפ׳ן וועג טרעפט זיך אַ ליפּ מיט אַ ליפּ — — נישט אָב־
צורײַסען...

4.

איך מוז שטעהן פאַר מיר אַליין אויף דער וואַך, היטען מיך יעדע
מינוט, יעדע רגע.

איך מוז אײַנציהען די פיס, זיי ווילען אַלץ לויפען אין דער ווײַטער
וועלט אַרײַן.

איך מוז האַלטען פעסט די הענד בײַ די נעט פון קלייד, זיי ווילען
חאַפּען שטערען פון הימעל און וואַרפען אין דער וועלט אַרײַן.

און מוז די ליפען ביז צום בלוט פערבײַסען, זיי ווילען אויסשרײַען
אַ בשורה פאַר דער וועלט.

און מוז היטען די פאַרהענגלעך איבער די טיעף־בלאָהע פענסטער־
לעך מײַנע; שטורקאַצען ברענען אין זיי — אַ בעשטענדיגע אילומינאַציע;
אַ ן אייביגער יום־טוב אין האַרץ!

5.

מאַמע, אז דו ביסט דעם טאַטען׳ס כּלה געוועזען, וואָס פלעגט ער
דיר זאָגען אונטער פיער אויגען אויפ׳ן שפּאַציר?

שעהן ביזט דו, מאמע, געווען; דאָס ווייס איך. ווי אַ מלכּה זעהסט דו אויס היינט, אַ בת־מלכּה האָט דאָך מעהר כּשוף אין זיך!

גאָלדען גלאַנצט דער זומער־טאָג, ווי האָט דיין פריהלינג'ס פריה־מאָרגען געבליהט??!

איך זעה דאָך, ווי ער קוקט אויף דיר נאָך היינט, מיינענדיג, איך זעה נישט.

נאָר דערמאָלט, — דערמאָלט, וואָס פלעגט ער דיר זאָגען?

וואָס פלעגט ער דיר זאָגען אין די זיסע שטילע זומער־נעכט, ווען די לבנה כּשופ'ט און די זילבער־ליכטיגע נעץ ציטערט אין דער טיעפער בלאָהער שטילקייט?

צי האָט ער דיר געזאָגט, אַז נישט לבנה און שטערען לייכטען איהם אויף זיין וועג, נאָר דיינע־טיעף בלאָהע אויגען?

און אַז איבער דער ציטעריג־זילבערנער נעץ איז דורכגעשוואומען אַ ריח פון בּשמים, צי האָט ער דיר איינגערעדט, אַז נישט רויזען און ליליען שמעקען איהם, נאָר דיין ריינע נשמה?

און פאַר נאַכט, ווען עס צוגיסט זיך די זיסע שטילע קריאת־שמע פון די נעסטען אין די קרוינען פון פערחלומ'טע בוימער, צי האָט ער דיר געזאָגט, אַז זיסער, פרימער און הייליגער קלינגט דיין איינציג וואָרט?

6.

מיט פלאַמענדיגע ליפּען האָב איך מיך געלעגט, און אויפגעכאַפּט האָב איך מיך אין קאַלטען שוויים...

צווישען צוריסענע שטיקער וואָלקען, איבער נאַקעטע פעלזען און זידענדיגע ימים האָט מיך איין אָדלער געטראָגען, צווישען שטורם און ווינד.

נאָר אַליין האָב איך קיין פליגעל נישט געהאַט און האָב מיך פון זיינע אויסגעגליטשט.

איך פאַל... וואָס נידעריגער און נידעריגער טראָגט מיך דער ווינד און שלייערט מיך, ביז איך בלייב הענגען ווי אַבשלום ביי די האָר אויף אַ צווייג פון אַ בוים, וואָס איז איבער אַ וואַסער געשטאַנען.

אויבען צווישען די צוריסענע וואָלקען פליהען אָדלער.

— „ראַטעוועט מיך, אייער חבר האָט מיך פערלוירען!"

זײ הערען נישט און פליהען זײער װעג.

און אונטען פליסט אַ געשרומפּען װאַסער; פון צײט צו צײט שװימט אַרױס אַ בלאַסער פיש, מיט קײלעבדיגע הונגער־אױגען, און צושפּרײט דאָס מױל!

— װען פאַלט זי אַראָב!

7.

איך ליעג מיט אָפענע אױגען און װאַרט אױף דעם ערשטען שטראַהל פון פרישען פריה־מאָרגען; איך בענק צו איהם, ער װעט מיר די שאָטען פון האַרץ פערטרײַבען.

אין פענסטער אַרײַן קוק איך און איך װאַרט אױף אַ צײכען פון אַ נײַ־געבױרענער זון, — פאַר איהר װעלען די װיסטע חלומות אַנטלױפען.

דער ערשטער קוש, װאָס דער שטילער הימעל װעט געבען דער ערד, אײַנגעהילט אין נעבעל און שרעק, װעט אױסלעזען פון שרעק מײַן נשמה.

פון זאָמען, װאָס גאָטס האַנד װעט אַראָבלאָזען דער פערשמאַכטער װעלט, װעט אַרױסבליהען פאַר איהר דער נײַער טאָג, און פאַר מיר — דאָס נײַע לעבען.

די לופטען ציטערן, באַלד װעט זיך הערען די בשורה:

— שרעק נישט, פערװאָגעלטע ערד! דײַן אױסלעזער, דײַן חתן געהט צו דיר פון זײַן חופּה אַרױס, זײַנע אױגען שטראַהלען און טרײַבען פאַר זיך די שלעכטע רוחות פון דער נאַכט. אַלע שרעקען פערשװינדען!

און האָפענדיג צום טאָג, ליעג איך שטיל און װײן.

8.

שטיל האָב איך געװײנט, און נאָר אַ מאַמעס אײן אױער האָט מײַנע זיפצען דערהערט — איך פערנעהם שױן איהרע באָרװעסע טריט.

די פאָרהענגלעך פערבױגען זיך. אָט שטעהט זי, דאָס בילד פון ליעבשאַפט און רחמנות, און נעהמט אַרום מיט'ן האַרציגען בליק איהר צום טױט־דערשראָקען קינד.

מיט שטילע, באָרװעסע טריט קומט זי צו מײַן בעט, זעצט זיך נעבען מיר, לעגט מיר די האַנד אונטער מײַן האַלז און ציהט מײַן הײסען קאָפּ צו זיך אױף דעם שױס:

— צי איז ער עס ווערטה, טאכטער? וואס איז ער?

9.

אַ העלד איז ער, אַ שטימע פון אַ וועלט־בעצווינגער האט ער; און ער זאגט, אַז דאס האב איך איהם אנגעגאסען דאס קול מיט זאפט און קראַפט, ווי די געבענשטע זון גיסט די טרויבען אן... איך מיט מיינע פערציטערטע ליפען...

וועלטען קען ער שלײַדערן אין דער לופט; און די קראַפט, זאגט ער. האט ער פון מיר, פון מיר, וואס איך בין אַזוי שוואַך.

ער האט שוין, דערציילט ער, פערלאשענע אויגען געהאַט, און איך האב זיי איהם צוריק אנגעצונדען און זיי לײַכטען ווי שטערען אין הי־מעל: און איך, מאַמע, זעה נישט צומאל מײַן וועג.

און פערוויסט איז שוין געווען זײַן הארץ; איך האב דארט נײַע בלומען געפלאַנצט, און זײַן אטעם שמעקט מיט רויזען פון די העכסטע בערג, און איך, מאַמע, וועלק פון בענקשאַפט, ווי דאס ארעמסטע גרעזעל אין טהאל.

איך האב איהם די אויגען פון דאס נײַ נעעפענט, און ער זעהט די פערל, וואס ליגען, נאך נישט געפונען, אינ׳ם אבגרונד פון טיעפ־סטען ים.

און ער פיהלט צונד די בלומען, וואס קײַן מלאך האט נאך נישט געוועקט פון טיעפסטען שלאף אין פערבארגענעם שוים פון דער ערד.

און הערען הערט ער דאס געזאַנג, וואס ערשט די שפעטסטע דורות וועלען זינגען, דעם „הללויה“ פון צײַטען, וואס שווימען נאך אין די נישט־געפארמטע נעבעל אונטער׳ן כסא הכבוד, אויף וועלכע גאט דער בעשעפער האט נאך קײַן אויג נישט געווארפען.

קענסט עס פערשטעהן, מאַמע?!

10.

ניין...

און דאך לעגט זי איהרע ווײַסע הענד אויף מײַן פערווירט קעפעלע

— זי בענשט מיך.

פון די הארציגע מוטער-אויגען פאלען טרעהרען ווי טוי אויף מיין דורשטיג-ברענענדיג פנים און קיהלען עס.

און איהרע טרייע ליפען ציטערן; זיי ווינשען מיר גליק.

מאמע, מיך ווארט ניט קיין שטיל, ליעב נעסט, אויסגעבעט מיט בלעטער און פוך און גלאנצענדיגע שטיינדעלעך.

ער וועט ניט ארויספליהען זינגענדיג-טאנצענדיג און גאט-לויבענדיג פון נעסט, זוכען פרישע ווערמלעך אין דער לופט פאר זיין געטרייער „זי", וואס זיצט איבער זיינע היים-געליעבטע „קליינע" און ווארעמט זיי.

איין „אדלער-ווייב" וועל איך זיין.

ער וועט מיך אויסרייסען פון דיין שוים און אוועקטראגען וויט-וויט, צווישען שטורם און ווינד, איבער זידענדיגע ימים, ווילד-נאקעטע פעלזען און וואלקען, וואס רייסען זיך אויף זייערע שפיצען און קאנטען אויף צוויטען...

און אז ער וועט מיך פערליערען, מאמע, וועל איך צוריק אין דיין שוים אריין נישט פאלען.

11.

— מאמע!

— וואס, טאכטער?

— ער איז נישט פון די, וואס לעבען לאנג... נאר פון די, וואס קומען און פערשווינדען ווי דער בליץ...

ער איז נישט פון די, וואס ווערען גראה ערשט נאך לאנגע-לאנגע יאהרען; איבער-נאכט ווערט אזוינער גראה, ווי די טויב.

ער איז נישט פון די, וואס טרינקען דאס לעבען פון גאט'ס בעכער ארויס פאמעליך און טראפענווייז; נישט פון די, וואס מעסטען די צייט מיט'ן אומרוה פון שטאדטישען זייגער: טיק-טאק, טיק-טאק — א טריט נאך א טריט.

ער איז נישט פון די, וואס עלטערן זיך, און אז זיי ווערען אלט און דערזעהען מיט אבגעשוואכטע אויגען, אז דער שווארצער שאטען קומט זיי אקעגען, פערקרימען זיי זיך פאר גרויס רחמנות אויף זיך אליין, אויף ווייב און קינד און אויף אלע שטאדט-לייט, און געהען אהיים, שרייבען צואות, און לעגען זיך אונטערטעניג אין בעט אריין, און זאגען ווידוי, און דרעהען זיך איבער צו דער וואנד.

ער איז פון די, וואָס פאַלען פּלוצלונג, ווי שטערען פון הימעל אַראָב; פון די, וואָס ווערען אונטערגעשאָסען, ווי די ווילדע פויגעל אין וואַלד.

— פון היץ רעדסט דו, טאָכטער

— פון היץ, מאַמע!

12.

נעם מיך שוין מיט, אָדלער.

רייס מיך אויס פון דעם טאַטענ׳ס אָרעם, פון דער מאַמעס שויס.

איך געה מיט דיר.

איך געה מיט דיר צווישען ווינד און שטורם, איבער מצבות, איבער קברים, צווישען פערוואונדעטע, וואָס בלוטיגען אין פעלד.

און זייער קרעכצען וועט מיך נישט אָבהאַלטען; איך וועל מיך נישט אָבהאַלטען עמיצען אַ טראָפּען וואַסער צו דערלאַנגען.

איך וועל ניט ציטערן פאַר די דונערן, וואָס צורייסען די הערצער אין די פינסטערע נעכט; מיט אָפענע שטאָלענע אויגען, אָהן אַ ציטער פון אַ האָר אין דער ברעם, וועל איך קוקען אַקעגען דעם בליץ.

איך בין איין אָדלער-ווייב!

III.

גֶעה נִישְׁט מִיט מִיר.

(געדִיכט אִין פּראָזאַ).

געה נִישט מִיט מִיר, גאָלדען, האַרציִג קִינד; טרויעריִג אִיז דעם אײנזאַמען וואַנדערערס וועג...

. . . .

און ווער אִיךְ שוואַך אַ מאָל —

און ווער אִיךְ שוואַך אַ מאָל, פון האַרץ־רײַסענדיִגער בענגשאַפט בעפאַלען, פון שמערצען בעזיִעגט, און אִיךְ קניִע פאַר דיִר, און בעט מִיךְ, מִיט נִישט מענשליִכע טרערען, בײַ דיִר: קום! — נויג נִישט צו דײַן אויער צו מײַן געבעט.

. . . .

טרויעריִג אִיז דעם אײנזאַמען וואַנדערערס וועג; פון טרויער־ווײַדען געהיִט, מִיט זײערע שאָטען אויסגעבעט...

דער הִימעל האָט זײ אָבגעשטויסען, דיִ ערד האָט זײ צוגעצויגען...

דער שטראַהל פון העלסטען, פון גאָלדענסטען טאָג, וואָס רײַסט זיִךְ דורךְ דיִ אֲבֵלִים דורךְ, ווערט פון פרײד און גלאַנץ בערויבט, און אִיבער'ן וועג לעגט זיִךְ מִיעד און בלײַך אַ טויטער שטראַהל, אַ בר־מנן — אַ שטראַהל!...

נִישט פאַר דיִר, גאָלדען, האַרציִג קִינד, אִיז דעם אײנזאַמען וואַנדערערס וועג...

. . . .

צווִישען צווײַגען און בלעטער פון דיִ אבלים, וואָס זעהען קײן הי־

מעל נישט, וואו עס נעסטען קיין פויגעל נישט, — פערבענקען וועט זיך דיין נשמה צו זאנג און קלאנג...

אויפ'ן שאָטען-אויסגעבעטען וועג וואקסען קיין בלומען נישט; אומזיסט וועט זיי מיט בענגשאַפט זוכען דיין אויג...

אָה, געה נישט מיט מיר, גאָלדען, האַרציג קינד!

. . . .

לעש, קינד, די באַרמהערציגע פונקען פון דיינע אויגען אויס; אונהיימליך איז דעם איינזאַמען וואַנדערערס וועג.

טרויער-ווייטען היטען איהם פון אלע זייטען; נישט היימליך איז מיטער-נאכט דאָס געוויש, וואָס שלאָגט זיך צווישען שווערע צווייגען און בלעטער...

אלט-פערשטומטע קלאָגען, וואָס דער הימעל נעמט נישט אויף.. פלובען און צייהן-קריצערייען פון פערשטוימענע און פערשאָלטענע... מיטער-נאכט וועקט זיך דאָס אלץ און מישט זיך צוזאַמען מיט'ן יאָמער פון פערזינדיגטע נשמות, וואָס פלאָטערן אַרום, און זוכען און געפינען נישט קיין תקון...

נישט פרעהליכער איז דער טאָג... דורך אש פון פערברענטע, דורך שטויב פון צו קבר־ישראל נישט געקומענע, קוקט-דורך אַ רויט צאָרניגע זון...

נישט פאַר דיר איז דער וועג, גאָלדען, האַרציג קינד!

. . . .

געה נישט מיט מיר, גאָלדען, האַרציג קינד; שרעקליך איז דעם איינזאַמען וואַנדערערס וועג.

שאַרבען-קעפּ וואַלגערן זיך איבער'ן וועג, שאַרבען-קעפּ וואַלגערן זיך אַרום אין זיינע שאָטען, שאַרבען-קעפּ פון לאַנג געשטאָרבענע און נישט בעגראָבען, און מיט הוילע אויגען-לעכער קוקען זיי אַרום אויף דער וועלט און שרייען שווייגענדיג: פאַר וואָס? פאַר וואָס?

און איבער קברים פיהרט דער וועג; איבער פערגעסענע דערנער-בעוואַקסענע קברים...

דאָס זענען די קברים פון די פער'עקשנ'טע מלאכים, וואָס האָבען אַ מאָל דעם כסא־הכבוד געשטורמט און דערנאָך, בעזיעגטע און פון הימעל אַראָבגעשליידערטע, אומזיסט געזוכט פערגעסענעש און טרויסט אין דער

שוים פון ערד-געבאָרענע טעכטער, ביז זיי זענען אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט...

צוגענומען האָט זיי די ערד, נאָר פערצעהרען זיי קאָן זי ניט!

און, הער קינד! אָפט אין האַלבער נאַכט שפּאַלטען זיך די קברים, די פערגעסענע, דערנער-בעוואַקסענע קברים...

און זיי, די געוועזענע מלאכים שטעהען אויף, געהען פון די קברים אַרויס, שטעלען זיך אויס און קוקען מיט אַ ברענענדיגען האַס אין די אויגען צו'ם הימעל אַרויף, און הויבען מיט גרימצאָרן די פויס-טען געגען כסא הכבוד אויף, און האַפּען זיי באַלד צוריק צו די מיילער, און בייסען די פינגער פאַר צער און שאַנד, — פאַר וואָס זענען די הענד אַזוי קורץ!

. . . .

געה ניט מיט מיט מיר גאָלדען, האַרציג קינד!

און בעט איך דאַרום, שאָקעל דיך אָב פון מיין געבעט, ווי פון אַ גריניגעם וואָרם, וואָס פאַלט דיר פון בוים אַראָב אויף דיין ברוסט!

דאָרט געהען-אַרום די שאָטען פון נאָך ניט געשעהענעם, פון נאָך ניט בעשאַפענעם; אומ־והיגע שאָטען, וואָס רייסען זיך, קעגען גאָמט ווילען, צו ליכט און לעבען פאַר דער צייט, נאָך איידער ער האָט זיי מיט פלייש און בלוט בעקליידט.

לעבענס-הונגעריג זענען די ווידערשפּענסטיגע גייסטער. און וועה איז דעם וואָס זיי טרעפען אויפ'ן וועג... זיי נעמען צו פון די באַקען די פאַרב, זויגען אויס דאָס ליכט פון די אויגען, און נאָגען אויס דאָס בלוט פון האַרץ... לעבענס-הונגעריג זענען זיי...

ניט פאַר דיר איז דעם איינזאַמען וואַנדערערס וועג...

. . . .

און ווער איך שוואַך אַ מאָל, פון שמערץ און בענגשאַפט פערמאַ-טערט, און קניע פאַר דיר, און בעט זיך רחמים ביי דיר: קום, פערלאָז מיך ניט! — הער ניט מיין געבעט!

לעש די באַרמהערציגע פונקען אין דיינע אויגען אויס; און די בענגשאַפט, וואָס איך האָב פערזייעט אין דיר, רייס דיר ווי אַ דאָרן פון האַרץ אַרויס! וועה ווי צאָרניג עס שפּרייט זיך איבער מיר דער הימעלס-בויגען..

געה, קינד! זאָל דער דונער, וואָס ווערט פאַר מיר געשמידעט, דיך אומזיסט נישט טרעפען...

נישט דאָס האָט דיין מאַמע, איבער דיין וויעג געבויגע, דיר געזונגען!

נישט דעם וויסטען חלום האָבען לבנה און שטערען, אין די שטילע זיסע נעכט, דורכ'ן מיידלשען פענסטער דיר אויסגעשפּינט!

געה אין דיין רוה אַריין, קינד!

. . . .

זעה, צאָרניג פינסטער בויגט זיך איבער מיר דער הימעל...

און פון צווישען די בוימער, אין פינסטערניש פאַר שרעק צוזאַמען־געריקטע, פינקעלט אַרויס דיין היים, דיין זיס שטיל היים!

מיט וואַרעמע בליקען ווינקט זי צו דיר, צערטליך רופט זי דיך: קום! געה אין דיין רוה אַריין, קינד!

געה, צאָרניגער נאָך ווערט דער הימעל...

געה אין דיין רוה אַריין, קינד, לעג דיך... לעג צו דיין קעפּעלע צום קישען און קריאת־שמע לייען!

און הויב דיינע שטילע זיסע אויגען צום הימעל אויף און בעט!

בעט, ער זאָל דיר אָבציהען דעם שוואַרצען וואָלקען, וואָס האָט זיך איבער דיין יונג, אונשולדיג־בלויהעם הימעל געלעגט... אויסגעריסען זאָל ווערען דער זאָמען פון אונרוה און בענגשאַפט, וואָס איך האָב מיט מיין זינדיגער האַנד אין דיין היילִיג־שטיל האַרץ פערפלאַנצט...

און אָבגעהן זאָל דער שאָטען, וואָס דער פערבייגעהענדינער איינ־זאַמער וואַנדערער האָט אויף דיין ריין־געשטראַהלטע נשמה געוואָרפען. —

בעט, קינד! דיר איז דער הימעל נישט צאָרניג און וועט הערען דיין געבעט..

. . . .

געה נישט מיט מיט מיר, גאָלדען, האַרציג קינד!

IV.

דער שטראַהל.

(מעשה׳לעך).

---

1) די אָבטרינניגע

און גאָט, וואָס וועט אייביג זיין, איז אייביג געוועזן, און האָט אייביג זיינע חלומות געהאַט. און מקוים און פערקערפערט פלעגען ווערען די חלומות, נאָר אויך באַלד פערלוירען אין דער פינסטערניש, פון אָנגעשיטען תהו ובהו...

חלומ׳ט זיך גאָט אַ טהורם, שטעלט ער זיך, דער טהורם, אין דער פינסטער אויפ׳ן שפיץ, און פאַלט, און פלאַצט, און צופלאַצט, און עס ווערט פון איהם אַש און שטויב און זיי צושפרייטען זיך איבערן אונענדליכען תהו ובהו.

און חלומט זיך גאָט אַ ים, פאַלט ער אין דער פינסטערניש פון תהו ובהו פון געלעגער אַרויס, שלאָגט זיך אָן פעלזען און בערג פון אַנדערע געטליכע חלומות, און צעפאַלט אויף וואַלען; די וואַלען אויף וואַסערלעך, אויף וואַסער-צונגען און וואַסער-שטראַהלען; קומען ווינטען פון נאָך אַנדערע געטליכע חלומות, צעברעקלען און צעיאָגען זיי ביז איינציגע טראָפּען... קומען שווערע, שוואַרץ-דורשטיגע נעבעל און טרינקען זיי אויס...

און די נידער הויבט זיך אין דער פינסטער איבער דער הויך

און שלינגט זיי איין ... און וועלטען לויפען קעגען וועלטען, און שלאָגען זיך אָן, און פּלאַצען, און צופאַלען זיך אין די אָבגרונדען פון תהו ובהו, און פערשווינדען, גלייך זיי וואָלטען קיינמאָל נישט געווען, און איבער די חורבות פון איינגעפאַלענע וועלטען, גיסען זיך איבער די פינסטערע תהו-ובהו-וואַלען, און זיי לאַכען צו זיך, און שפּעטען פון בעשעפער און זיינע חלומות, און קראָהען — מערדער-געדאַנקען פליהען אויף די שווארצסטע פליגלען איבער שטיקער מפּולת פון איינגעפאַלענע חלומות, און שטעכען אוים וואו עס עפענט זיך אין דער פינסטערניש ערגיץ איין אויג און וויל שיינען... און בעזע ווינטען יאָגען, קאָלערן זיך אין דער פינסטערניש, און פערשיטען מיט תהו-ובהו-אש, וואו עס וועקט זיך און עס וויל אויפפלאַמען אַ פונק פון ווילען, פון לעבען.

ביז גאָט האָט אויף זיינע חלומות רחמנות בעקומען און אַ טראַכט געטהון: זאָל זיין ליכט!...

און עס איז געוואָרען ליכט; פון זיך אויסגעשטראַהלט האָט ער עס, פון שענסטען חלום, פון דער טיעפסטער נשמה אויסגעשטראַהלט... געטליך ליכט.

און אין דער ליכטיגקייט האָט זיך יעדער בעשאַפענער חלום אויף זיין אָרט געשטעלט.

און אין דער פיינסטער אָרדנונג איז אַריבער אַ טאָג נאָך אַ טאָג, און גאָט האָט דערזעהן, אַז עס איז גוט, נעבען גוטען אָבער האָט ער אויך דאָס שלעכטע דערזעהן; שאָטען געהען נאָך דעם ליכט... צו איהם, דעם גערעכטען גאָט, באַנג געוואָרען אויף זיין, פון זיך זעלבסט אויסגעשטראַהלט ליכט, עס זאָל לייכטען דעם בעזען, ווי דעם גוטען. און ער האָט בעשלאָסען דאָס ליכט נאָר פאַר גוטע, נאָר פאַר צדיקים צו בעהאַלטען, זאָל עס זיין דער לוין פאַר זייערע מעשים טובים...

און דעמאָלט האָט ער די ליכטער אין הימעל בעשאַפען: די זון זאָל רעגירען ביי טאָג, לבנה און שטערען — ביי נאַכט, און די שטראַהלען, וואָס ער האָט געהאַט אויסגעשטראַהלט פון זיך, האָט ער צוריק גערופען — — —

און די שטראַהלען פליהען צוריק אין זייערע קוואַלען. נאָר איינער האָט זיך אָבגעריסען פון אַלע; איז אָבטריניג געוואָרען!

— די שלעכטע — האָט דער אָבטריניגער געטראַכט — זענען די אומגליקליכסטע, און אויב זיי ווערען אַצינד פון אַלע מיינע ברידער פער-

לאָזט, ווען איך מיך, זיי צוליעב, אָבזאָגען פון הימעל און בלייבען ביי זיי...

און דער אָבטריניגער שטראַהל האָט זיך ערגיץ אויף אַ שפּיץ באַרג אין דאָרן־שטרוים בעהאַלטען. באַלד האָבען אויפ'ן שטרוים רויזען אויפגעפלאַמט, און דערוויַיל — האָט זיך דער הימעל צוריק פערשלאָסען.

איינם האָט דער שטראַהל נישט געוואוסט, אַז, נאָהנט צו דער ערד, איז די לופט אַזוי געדיכט, אַז ער וועט זי נישט דורכדרינגען, אַז ער וועט צו דער נידער קיינמאָל נישט קומען... אַז ער וועט בלייבען נאָך געגוג הויך, און וועט קיינמאָל די נידער נישט זעהן...

ווען ער האָט זיך דערפון דערוואוסט, איז שוין צו שפּעט געווען; איז דער הימעל געווען שוין פערמאַכט, און אַז ער האָט, שטיל און פול חרטה, אָנגעקלאַפּט מיט אַ ציטערדיגען פליגעל האָט איהם אַ רחמנות'דיגער מלאך געענטפערט:

— געה! גאָט וועט דיך דערזעהן און פערטיליגען, אָבטריניגע איז ער ניט מוחל...

און אַראָב איז צוריק דער שטראַהל.

אין קיינער ווייסט נישט פון דעם פערלוירענעם שטראַהל, פאַר וועלכען די הויך איז פערשלאָסען און די נידער צו טיעף — און דאָך חלומט מען פון איהם, בענקט מען צו איהם... הערצער פיהלען, — נשמות לעכצען — נישט וויסענדיג...

---

2) דער איינזאַמער שיפער.

דעם באַרג צו־פוסענס — פליסט פאַרביי אַ וואַסער. און איבערן וואַסער געהען שיפען, און פיהרען איבער פון לאַנד צו לאַנד — דעם פערגליווערטען מענשען־שווייס און מענשען־בלוט, אין געשטאַלט פון אַלערליי, אויפ'ן אָרט איבריגע סחורות. אויך מענשען שיפען זיך אָפט איבער פון טריקעניש צו טריקעניש, פון לאַנד צו לאַנד... ווערט עמיץ מיעד פון לעבען אין איין לאַנד, שיפט ער זיך איבער צום צווייטען. און, ווערענד אַ געוויסע צייט, דאַכט זיך איהם, אַז ער האָט אָנגעהויבען אַ נייַ לעבען, אַ פרישׁ לעבען... איין אַנדערער האָט, גערן אָדער נישט גערן־ווילינג, אין וואָס עס איז זיין נשמה בעפלעקט, שיפט ער זיך איבער צו נייַע

שכנים, וואָס וויסען נישט פון פּלעק, און ווילען מיט די פינגער נישט טייטלען!

שיפען געהען איבער'ן וואַסער, גרויסע און קליינע, נאָר אַלע פולע: פול סחורות. און אויך פול מענשען, וואָס קוקען מיט בענגשאַפט צום באָרט, וואָס זיי פערלאָזען, און מיט שרעקיגער האָפנונג צום באָרט, וואו אַהין זיי ווערען געשיפּט. נאָר איין שיפעל געהט איינזאַם, זיין קאַפּיטאַן איז אויך זיין איינציגער פּאַסאַזשיר.

וואו אַהין רודערסטו, איינזאַמער שיפער? וואו פיהרט דיין וועג?

דער איינזאַמער שיפער ענטפערט ניט; מיט דער צייט האָט מען אויפגעהערט צו פרעגען, צו גריסען... נישט הימליך האָט אויסגעזעהן דאָס לערע שיפעל, נאָך ווייניגער דאָס פינסטערע געזיכט פון איינזאַמען שיפער און זיינע קאַלט־שטראַהלענדיגע אויגען, וואָס האָבען אָן בליצענדיגע מעסער דערמאָהנט...

און אַ גאַנצען טאָג רודערט דער איינזאַמער שיפער. און ערשט ביינאַכט, ווען דאָס שיפעל, וואָס האָט קיין איינציגען לאַמטערן ניט, ווערט איינגעהילט אין נעפּעל, שיפט ער זיך צום באָרג, אַנקערט אין שאָטען פון פעלזען אָדער געוויקסען, און רוהט פערשלוגגען מיט'ן שיפעל אין נעפּעל, ביז דער מאָרגענשטערן זאָגט אָן די בשורה פון אַ נייעם טאָג. אָבער רוהען רוהט דאָס שיפעל, נישט ער...

דער איינזאַמער שיפער וויסט נישט פון קיין שלאָף; זיינע ברעמען פאַלען נישט צו; זיינע אויגען פערמאַכען זיך נישט...

ער האָט געאַנקערט. און אָט נעמט ער פון טאַש אַ גרויסען שליסעל אַרויס און עפענט די איינאיינציגע קאַיוטע אויפ'ן שיפעל, דערנאָך — אַ קלענערען און שליסט אויף די איינאיינציגע זאַך אין קאַיוטע — אַ שראַנק.

און אַ פאָרצעלייענער טאָק — אַ פרויען־בילד בעווייזט זיך, מיט אויגען בלאָהע ווי דער הימעל. נאָר דער הימעל, וואָס איז פערכשופ'ט געוואָרען אין זיי, איז אייביג ריין... ער קען זיך קיינמאָל נישט פערנעפּלען; ער האָט קיינמאָל נישט געבליצט — אַ פאָרצעלייענער טאָק. און פאַר איהם האָט זיך דער איינזאַמער שיפער אויף די קניען געלאָזט, די גאָלדענע שיכלעך פון קליין־פיסיגען טאָק געקושט, און דערנאָך דעם קאָפּ אויפגעהויבען, און מיט אַ שטיל און היים־פערגניגט געבעט אין די אויגען אַריין פון טאָק געקוקט...

לעב, לעב אויף! האָבען זיך די אויגען געבעטען. איך בין אַזוי עלענד, אַזוי אַליין...

און אַז דער ערשטער מאָרגען-שטראַהל האָט זיך אַ גליטש געטהון איבער'ן שטילען וואַסער-שפּיגעל — לעשט זיך איהם דאָס געבעט אין די אויגען אויס, הויבט ער זיך, זיפצענדיג, פון די קניען אויף; פערמאַכט — מיט'ן קליינעם שליסעלע דעם שראַנק, מיט'ן גרויסען — די קאַיוטע; און, מיט צוריק קאַלט-שטראַהלענדיגע אויגען אין פינסטערן פנים, נעמט ער זיך צום רודער צוריק.

און אַזוי געהען פאַרביי טעג, מאָנאַטען, יאָהרען...

און איינמאָל — עס איז אַ טריבער טאָג געווען — און דער איינזאַמער שיפער איז גראָד ביים באַרג צופוסענס געשוואומען, האָט ער אויפ'ן רוקען פון באַרג אַ שטיל-שיינענדיגען גלאַנץ דערזעהן — ווי דער שמייכעל, פון וועלכען ער האָט געחלומט, און האָט פול בענקשאַפט געוואָלט אַרויסרופען אויפ'ן אַלבאַסטער-פּנים פון טאָק, און צו זיך געצויגען האָט'ם פּלוצלונג דער באַרג; נעהנטער איז ער צוגעשוואומען...

„באַרג אויף! באַרג אויף!“ האָט אין איהם דאָס פערבענקטע האַרץ ווי געשריען; און געדוכט האָט איהם, אַז ער הערט די שטימע פון אַ גוסס, וואָס רופט נאָך אַ זיכערער הילף... און דאָס ערשטע מאָל, נאָך טעג, מאָנאַטען, יאָהרען האָט דער איינזאַמער שיפער אין אַ טריבען טאָג געאַנקערט, און איז אויפ'ן באַרג-רוקען אַרויפגעשפּרונגען, און האָט אָנגעהויבען געהן...

און ער געהט, צווישען פעלזען און שטיינער שטייגט ער... שטיינער און שטיקער ערד קויקלען זיך איהם, רוישענדיג, פון אונטער די פיס, שטיינער שאַרפערע שניידען און פערוואונדען איהם די זוילען; ער דאָך שטייגט, און וואָס העכער, איז דער באַרג גרינער, לעבעדיגער, פון וואָס העכער קוקען וואָס מעהר בלומען אַראָב און גאָר הויך טאַנצט אַרום אַ שיין, ווי אַ געטליך באַרמהערציגער שמייכעל, און רופט... רופט. און דאָס האַרץ בענקט אַזוי צום שמייכעל... צום געטליך באַרמהערציגען שמייכעל...

שטאַרק איז דער איינזאַמער שיפער געווען! און שטייגענדיג, האָט די קראַפט אין איהם געוואַקסען, און דאָס האַרציגע געוויין אין איהם האָט זיך, וואָס אַ מאָל מעהר, אין פריידען-אויסגעשרייען פערביטען...

און ער וואָלט דעם שפּיץ באַרג דערגרייכט, צום קוואַלען פון לעבען — צום שטראַהל געקומען, ווען נישט אַ קליינער געדאַנק, וואָס האָט איהם פּלוצלונג אויפגעבליצט אין געהירן:

— ווי ווייט בין איך שוין אָבגעגאַנגען פון איהר? ווי הויך בין איך שוין איבער י ע נ ע ר בענקשאַפט געשטיגען?

און ער האָט זיך אומגעדרעהט אויף אַ ווײַלע, און זעהט! —

ביים ראַנד פון שפּיעל שטעהט זי — דער טאָק — די הענד אויסגעשפּרייט. אַ לײַטזעליג-פערקלערט-בעטענדיגער שמייכעל שימערירט איבערן אַלבאַסטער-ווייסען געזיכט, און אין די אויגען — אין די אויגען אַזוי פיעל בענקשאַפט, אַזוי פיעל וועה...

ווי אַזוי איז דאָס וואונדער געשעהן?

און צוריק אַראָב געהט דער איינזאַמער שפּיער...

„דו ביסט פון מיר אַוועק — האָט זי איהם געזאָגט, און די שטימע האָט ווי פון אַ פיינסטער האַרפע געקלונגען — און אין מיר איז בענקשאַפט געבוירען געוואָרען, אַ וואונדערליכער שמערץ האָט זיך אויפגעוועקט אין מיר... און דאָס איז מיין נשמה געוואָרען! און אָט, זעה! איך לעב! לעב"! און היים-גאָלדענע שטראַהלען שפּריצען איהר פון אונטער די זיידענע ברעמען אַפער.

בעגליקט, האָט ער זי אין זיינע אָרעם געשלאָסען; מיט ברענענדיגע ליפּען איהר שטערן מיט די בעוועגליכע שלעפען געקושט און מיט אַ גליק-פערשכורט-האַרץ צו איהר האַרץ-קלאַפּען זיך איינגעהערט — — — אין די בלאָהע אָדערלעך, וואָס שפּרינגען אונטער איהרע שלעפען, זיך איינגעקוקט, ער קען פון זיי קיין אויג נישט אָברייסען.

— זי לעבט, זי לעבט! יויכצט דאָס האַרץ — — — —

אָבער אין זיינע אָרעם האָבען זיך איהרע ליפּען צוריק צוזאַמענגעצויגען און געשלאָסען... אויסגעלייטערט, ווי אין אייביג שטיל-בלאָהער הימעל, האָבען זיך די אויגען... שטיל שטעהען די שלעפען... שטיל — דאָס האַרץ. אין זיינע אָרעם איז זי צוריק אַ טאָקעל געוואָרען... און ער האָט זי צוריק אין שראַנק פון דער איינאיינציגער קאַיוטע פערשלאָסען! און איז געלאָפען באַרג אויף, אום נאָך אַמאָל זיך אומצוקוקען.

און פון דעמאָלט אָן האָט קיין שפּיער דעם איינזאַמען נישט גע-

זעהן. קיינער האָט נאָך איהם נישט געבענקט; „אַ נישט הימליבער געווען — פינסטערע בליקען געהאַט, איבער'ן וואַסער מיט עפּים אַ שרעקיגען סוד געשוואומען“... „אונגליק ברענגט ער!“ האָבען אַנדערע, וואָס האָבען שיף־ברוך געליטען, געמיינט — — —

צופוסענס דעם באַרג, אין שאָטען פון ציפּרעסען איז דאָס שיפעל פעראַנקערט... גרין מיט מושעלן אויסגעזעצט, פערוואַקסען... קיין פיש אין וואַסער מייד עס נישט; קיין מעווע אין דער לופט שרעקט עס ניט איבער... פויגעל נעסטען אין אַלע זיינע שפּאַלטען, און דער איינזאַמער שיפער וואַנדעלט טאָג אויף טאָג; שטייגט און נידערט, נידערט און שטייגט — — — קומט ער העכער און דרעהט זיך אום — לעבט אויף דער טאָק, קומט ער אַראָב און שליסט זי אין זיינע אָרעם — ווערט דאָס וואונדער פערלאָשען... און עס רופט דער שפּיץ־באַרג!..

דער — וועט דעם שטראַהל ניט דערגרייכען.

3) דער אַלטער כּשוף־מאַכער.

אַמאָל איז אַ כשוף־מאַכער געווען...

נאָר שרעקט אייך ניט, אַ גוטער געווען; נאָר צום גוטען האָט ער זיין קראַפט גענוצט... דער ווילען איז געווען אין איהם שטאַרק, דער שטאַרקער ווילען שאַפט, און ער האָט נאָר מעשים טובים בעשאַפען... הונגעריגע געזעטיגט, דורשטיגע געטרענקט, טרעהרען פון אַלמנה־ און יתומים־אויגען געטריקענט... און די קראַפט האָט ער פון באַרג גענומען...

אַרויף האָט ער נישט געקאָנט, דאָס גוטע האַרץ קען אַליין נישט געניסען פון גוטען! דאָס רחמנות אויף דעם, וואָס קוועלט און מאַטערט זיך אונטען אין טהאָל טרייבט איהם... ער שטייגט, וויעגט מיט די אויגען דעם געטליכען שמייכעל, וואָס שיינט אויפ'ן באַרג־רוקען אין דער הויך, אין האַרץ אין דער נשמה אַריין; די נשמה וואַקסט, דאָס האַרץ וואַקסט, דער ווילען וואַקסט, אָבער דאָס רחמנות וואַקסט מעהר פאַר אַלע, און ער לויפט אַראָב: „עס זאָל זיין אין הייזעל ברויט“! — און עס איז געוואָרען ברויט! — „פון שטיין זאָל פאַרן פער'חלש'טען וואַסער

שפּריצען", און אַרגענבויגען־פּאַרבינער וואַסער־שטראַהל שיסט שוין אַרויף און צושפּריצט זיך גלייך די שענסטע פּערל... ער האָט פון ווילען אפילו שטעק־שיך פאַר שוואַכע און ביין־קליידער פאַר נאַקעטע געמאַכט...

און מענשען האָבען געזאָגט ס'איז כשוף, און איהם האָט מען גערופען כשוף־מאַכער... פערברענט האָט מען איהם נישט; ער האָט גרויסע טובות געטהון!

אַרויף איז ער נישט — דאָס רחמנות אויף דעם, וואָס מאַטערט און קוועלט זיך אונטען, טרייבט אַרויף און טרייבט צוריק — און דעם קוואַלן פון לעבען האָט ער נישט געקאָנט דערגרייכען און איז מיט דער צייט דעריבער אַלט און יעדען טאָג שוואַכער געוואָרען...

און וואָס מאָל האָט ער וועניגער באַרג געמאַכט, טאָג אויף טאָג צו אַ קלענער הויך געשטיגען... דער שאַפּענדער ווילען אין איהם איז פון טאָג צו טאָג קלענער געוואָרען... ער האָט שוין קוים געקאָנט מאַכען ליימענע פייפערלעך פאַר וויינענדיגע קינדער...

און מענשען האָבען אָן זייער כשוף־מאַכער פערגעסען. מאַנכע האָבען איהם אויפגעהערט צו גריסען: „עס האָט געמוסט זיין אַ שווינדעל!" יונגערע — האָבען געלייקענט, — מאַלע וואָס אַלטע דער־צעהלען...

און בענקען האָט אָנגעהויבען דער כשוף־מאַכער צו דער הויך, צו דער העכערער הויך, צום פרישען קוואַל'ן פון זיין קראַפט; נאָר שוואַכער און שוואַכער ווערט זיין לייב, מידער די פיס... די רחמנות־פליגעל, וואָס האָבען איהם געטראָגען, זענען מיט יעדען טאָג קירצער געוואָרען...

— נייע פליגעל דאַרף מען! זאָגט איהם דאָס פערבענקטע האַרץ.

— נאָר די אונשולד קען זיי געבען! ווייסט ער.

און דער אַלטער כשוף־מאַכער לאָזט זיך אַראָב זוכען די אונ־שולד...

נישט לייכט איז זי צו געפינען... איהר ווייסט ווי עס שטעהט היינט מיט דער אונשולד... איהרע פּאַפּירען ווערען אויף קיין בערזע נים נאָטירט...

„געווען, באַנקראָט געוואָרען"...
בלאָנדזשעט ער אַזוי...

איינמאל קומט ער ערגיץ אויף א קליין, ווילד־פערוואקסען בערגעל ארויף, טרעפט ער א קליין דארפס־מיידעלע, וואס פאשעט שווארצע ציגען.

— פאר וואס דורכאויס שווארצע? — פרעגט ער זי זעהר מיטליידיג. פאר וואס געוועהנסט דו, אזוי יונג נאך, דיינע אויגען צום שווארצען?...

און שאקלענדיג מיט'ן קאפ, ענטפערט איהם דאס מיידעל:

— מענש, טריבע אויגען האסט'ו! מיינע ציגען זענען וויים.

— אלע?

— ביז צו'ם לעצטען! און וויים ווי ערשט געפאלענער שניי! בעשטעטיגט דאס קינד. —

„דאס איז די אונשולד אליין" — טראכט ער און נעמט זי מיט מיט זיך צום רוקען פון בארג...

און זיי שטייגען...

— קינד, זאגט ער איהר, וואס העכער איז אלץ לייטזעליגער דער שיין פון געטליכען שמייכעל... ווייסער זענען די ליליען, רויטער זענען די רויזען, בלויער די ווייסער־שטענגלעך, העכער וואקסען די בוימער, שענער און פרעהליכער זינגען די פויגעל צווישען די צווייגען...

און זי הערט מיט א גליקליך־גלויבענם שמייכעל. ניט ווייסענדיג דערפון, האט זי פליגעל, וואס טראגען זי, און ער האלט זיך מיט א פערציטערטער האנד אן איהר שירץ און טראגט זיך מיט...

— איך דאנק דיר — זאגט איהם דאס הארציגע קינד — פאר דעם וואס דו פיהרסט מיך ארויף... ארויף צום געטליכען לייטזעליגען שמייכעל צום קלארען, ריינעם גליק...

און ער האט שוין ניט די קראפט געהאט, זיך מודה צו זיין, אז ער האט נאר דאס ווייסען פון דער הויך, און זי די פליגעל צו איהר — און דעריבער איז ער מיעד געווארען... און וואס א טאג עלטער און מיעדער. און אז ער וויל רוהען און זי ווערט פון איהרע פליגעל ווייטער געטראגען שלעפט ער זי איין...

פלאמענדיגע מאן וואקסט אויפ'ן רוקען פון בארג, ער רייסט דעם מאן, צודריקט איהם אין דער פלאכער האנד, פיהרט זי איבער איהרע אויגען.

— ווי דו גליעטסט מיך! זאָגט זי דאַנקבאַר פאַר דער לאַסקע און שלאָפט איין... און ערשט ווען ער רוהט אוים וועקט ער זי דער־פרישט צום ווייטער געהן...

ער וועט נ י ש ט דערגעהן...

זי — ערשט ווען ער וועט פאַלען, ווען זי וועט זיין טוידטען קערפער פערלאָזען... זי וועט'ן בעוויינען, פערגעסען און שטייגען...

---

4) די טויטע האַנד.

און נישט מיט אַ מאָל מוז מען אַרויפקומען...

מען קען שטאַרבען און ניי געבוירען ווערען און ווייטער שטייגען... איהר גלויבט געוויס אין תחית המתים? „ער", וואָס איז מיט „איהר" געשטיגען, האָט געגלויבט! און „ער און „זי" שטייגען — די ליעבע טראָגט זיי צו פרייד, צו ליכט, צום געטליכען שמייכעל אויף די גאָלדיגסטע פליגעל... אויפ'ן באַרג־רוקען דורך אַ צוזינגטען וואַלד שטייגע זיי, ז י נ ג ע נ ד י ג מיט די פויגעל, װ ו אַ ק ס ע נ ד י ג מיט די בוימער בליהענדיג מיט די בליטען...

איינמאָל האָט ער זי פרעהליך געלאָזט, און, צוריק קומענדיג, מיט אַ טרעהר אין אויג געטראָפען...

— וואָס איז? פרעגט ער, אויסקושענדיג איהר די טרעהר.

— איך האָב מיך מיט אַ שרעקליכען סוד געטראָפען...

זי שפאַרט אָן דעם גאָלדענעם קאָפּ אויף זיין שוים, הויבט צו איהם די טיעף־דערשראָקענע אויגען אויף, און דערצעהלענדיג, ציטערן איהר די ליפען.

— איך האָב אַ בלאַט אין וואַלד געטראָפען, אויף דער ערד, צווישען גראָז איז עס געלעגען, און אַ גאָלדענע זוים האָט עס געהאַט...

— ווי גאָלדען־שיין דו ביזט, בלאַט! האָב איך מיך צו איהם אַראָבגעבויגען.

— און שטיל זיפצענדיג, אַז מיין אויער האָט קוים קוים געהערט, האָט מיר געענטפערט דאָס בלאַט:

— גאָלדיג איז דער בלעטער־טויט... אַזוי שטאַרבען מיר...

— וואָס איז ט ו י ט? וואָס איז ש ט אַ ר ב ע ן?

— איך ווייס נישט — ס'איז סוד... אונזער גאָלדיגער, שרעקליך גאָלדיגער סוד, וואָס שלינגט אונז איין...

און איין אָטהעם פון אַ לייכט ווינטעל האָט'ס פלוצלינג אוועקגעטראָגען... וואו אַהין?

ער שווייגט.

— איך געה ווייטער — אַ וואונדערליכע שטונדע געווען — היפּט אַ פויגעלע פון מיינע פּיס, צווישען גראָז היפּט עס.

— פויגעלע, פויגעלע, פאַר וואָס פליהסט'ו נישט?

— כ'האָב מיר אַ פליגעל פערוואונדעט! ענטפערט עס נאָך פיעל טרויעריגער פאַר'ן בלאַט...

— וואָס שמאַכסטו? מהוט עס דיר אַזוי וועה?

ניין, נאָר דער ווינטער קומט, די מיינינגע וועלען אוועקפליהען, איך איינער וועל דאָ בלייבען און פערגעהן!

— וואָס איז פערגעהן?

— אַ סוד... עפּיס אַ ווייסער סוד... דאָס ווייסט קיין פויגעל נישט... אָבער עס שלינגט אונז איין דער ווייסער סוד. אונ ער היפּט פון מיר אָב...

ענג איז מיר געוואָרען אין דער ברוסט, און דיך בין איך געגאַנגען זוכען... און בין פון וואַלד אַרויסגעקומען... אַ שטיק פעלד דערזעהן... עס וויעגען זיך די זאַנגען... גאָלדענע זאַנגען אַזוי שטיל, אַזוי טרויעריג שטיל...

— וואָס טרויערט איהר, גאָלדענע זאַנגען?

— פאַרטיג זענען מיר, פאַרטיג און זאָגען וידוי, גרייטענדיג זיך צום טויט!

— וואָס איז טויט?

— אַ סוד... אַ שרעקליכער סוד — אויף אַ בלאַנק שנייד-מעסער אַ בליצענדיגער סוד... אונ דעריבער שרעקען מיר זיך אונ טרויערן...

— ליעבער! — כאַפּט זי איהם אָן ביי דער האַנד — רעטע אונזער ליעבע און דאָס שענסטע און בעסטע פון וואַלד.

— ווי אַזוי, קינד?

— אַ פעסטונג זאָלסט'ו געגען ווינטער בויען... איין אונגעהייער פעסטונג. אַ אונגעהייער צימער פון דורכזיכטיג גלאָז... און ווייט און ברייט זאָל אונזער פעסטונג, אונזער ליעבע-שוץ אונזער היילינקייט זיין;

מען זאָל קיינמאָל מעהר, ווי איין וואַנד נישט זעהן... אין דער מיט קיין איינציגע... עס זאָל קיין געפענגניס נישט זיין... און אַהין וועלן מיר דעם „סוד" נישט אַריינלאָזען, ער זאָל אונזער ליעבע און געליעבטע נישט איינשלינגען?

נישט אייַנזאַם וועל'ן מיר זיין... אַלץ וואָס גוט איז אונ שען וועל'מיר רעטען, צו זיך אין הייליגטום נעמען... די שענסטע בוימער, די שענסטע בלומען, די זינגענדיגע פויגעל... אַלע, אַלע!

— קינד — אַרום הייליגטום וועט געהן דער טויט, און זיין אָטהעם וועט אַלץ פערסמען אויף טויט... עס וועט קיין ריכטיג לעבען נישט זיין, נאָר עפּיס ערגערס פאַר'ן טויט! — אַ געפאַנגענער וועט זיין דער פויגעל, אונ גוסענדיגע ליעדער זינגען... שטאַרבען וועט דער בוים... אייביג קראַנק וועט זיין די בלום... און אַ בלאַסער, קרענקליכער שאָטען, וועט זיך אַרומדרעהען אונזער ליעבע צווישען טויטע; און פאַלש וועט קלינגען אונזער וואָרט, פאַלש יעדער קוש... ווער עס וויל לעבען, מוז שטאַרבען!

פערגעהן אונ אויף־ערשטעהן!

— אַלע שטעהען אויף?

— די וואָס גלויבען!

— דו גלויבסט?

— איך גלויב! אונ דו?

— איך גלויב אין דעם, וואָס דו גלויבסט...

מיט שטראַהלענדיגע אויגען זאָגט ער איהר:

— שטאַרבען איז נאָר איין העלפט פון סוד: אויף־ערשטעהן די צווייטע... אונ וויפיעל מאָל שטאַרבען אונ אויף־ערשטעהן מען האָט אונז ביז'ן שפּיץ באַרג — ביז צום ריינעם געטליכען ליכט בעשערט, דאָס קען מען ניט וויסען... עס ציהט זיך אַ גאָלדענע שנור; וויפיעל מאָל אַ פערבאָרגענע האַנד וועט זי איבעררייסען אונ צוריק פערקניפּען — דאָס איז אויך אַ סוד — דער גרעסטער סוד...

איהרע אויגען טרענקען פערטרויט אין זיינע — אונ זי הערט זיך איין.

— אַ קבר וועל'ן מיך זיך גראָבען, דאָס הייליגטום, דעם איבער־גאַנג פון איין זייט סוד צו דער צווייטער... דאָרט וועל'ן מיר רוהען, בעדעקען, שיצען און וואַרעמען וועט אונז דער שניי, דער ווייסער,

קלאָרער שנײ, וואָס איז ווײַס און קלאָר ווי אַלע געטליכע סודות זינגען... און שלאָפען וועלען מיר, רוהיג שלאָפען... רוהיג שלאָפען די, וואָס גלויבען... דער גלויבען אין אונז, — דער גלויבען אין אויף־ערשטעהן, — דער זאָמען פון נײ־געבוירען ווערען, פון אויפלעבען אויפ'ס נײ, וועט אין אונז נישט שלאָפען... שטיל וועט ער געדײַהען... שטיל וואַקסען, וואַקסען, און וועט אַרויסשפּראָצען אַלס אַ נײ געפליגעלט לעבען...

לאַנג האָט ער גערעדט, לאַנג! — זי גלויבט, נאָר אונטערן גלויבען אין זײַנע רעד נאָגט אַ וואָרעם. „זײַן גלויבען איז זײַן אייגענער, מײַנער איז נאָר אַיין אָבגלאַנץ פון איהם — וועט ער נישט אויף־ערשטעהן אָהן מיר"?

זי פערהעהלט עס דאָך פון איהם, און מיט צוטרויען הערט זי ווײַטער זײַנע רעד:

— און אַז ער, דער ערשטער שטראַהל פון דער זון, וועט דורך־דרינגען די ערד, וועט זיך וועקען אונזער אויג, וועט זיך אויפהויבען אונזער ברעם... און אַז דער ערשטער טריל פון אַ צוריק־געקומענעם, אויף די פליגעל פון היים־וועה געטראָגענעם־פויגעל וועט דורכקלינגען אין דער לופט, וועט ער וועקען אונזער אויער... און אַז פון געט־ליכען גנאָד וועט אויסשפּראָצען די ערשטע פריהלינגס־בלום, וועט אויפבליהען אונזער ליעבע, און וועקען אונזער האַרץ, און מיר וועלען אויף־ערשטעהן...

— איך גלויב! זאָגען איהרע קוש־דורשטיגע ליפען — און אַ געראַנק פליהט איהר דורך דעם געלד־פערהאָרטען קאָפּ:

—איך וועל מײַן האַנד אויף זײַן האַרץ לעגען, ער וועט אָהן מײַן וויסען נישט אויף־ערשטעהן!

און אַזוי איז געשעהן...

נישט איין ווינטער איז אַריבער, נישט איין פריהלינג איז גע־קומען... עס דרינגט דורך דער ערשטער שטראַהל, ער הויבט די ברעמען אויף; עס טרילערט דער ערשטער פויגעל אין דער לופט, עס עפענען זיך זײַנע אויערן... די ערשטע בלום שפּראָצט אַרויס, די ליעבע וועקט בײַ איהם דאָס האַרץ, נאָר פרײַ אויפאָטהעמען קען דאָס האַרץ נישט — אַ טויטע האַנד ליעגט אויף דעם האַרץ, אויפלעבען קען עס נישט...

מיט אָפענע אויערן און אויגען ליעגט ער איבערן זומער. ווינטער פערדעקט זיי צוריק דער שניי... שלאָפט ער טיעפער איין...

---

5) פויגעל.

מאַנבע, ס'מעהרסט צופעליג, דערגרייכען דאָך דעם שפיץ פון באַרג...

איינער — נאָכיאָגענדיג אַ האָז, אַ צווייטער נאָכלויפענדיג נאָך אַ זומער-פויגעלע... אַ שכור, זאָגט מען איז אַ מאָל אויף אַלע פיער ארויף... נאָר די קומען נישט צוריק אראָב...

די צופעליג-ארויפגעקומענע ווערען אין זינגענדיגע פויגעל פער-ביטען, בויען זיך נעסטען אין די צווייגען פון די העכסטע בוימער און — זינגען — פאַר זיך, נאָר פאַר זיך!

אין חלום הערט זיך אַ מאָל זייער געזאַנג, — ווי פון די ווייטסטע וועלטען קומט עס...

V.

עס זענען קיין וואונדער געשעהן.

א פאעמא אין פראזא.

אה! וויסטע, טויב-שטומע נעכט, נעכט אהן חלומות, אהן שלאף, אהן טרייסט...

פון זיין שטראהלענדיגער ציערונג בערויבט, ליעגט מיעד אויסגעשפּרייט דער בלאס-גרויער הימעל; אין אייגענעם, אויסגעגעפּעלטען שווייס האט זיך איינגעהילט די ערד, און אין דער לופט שוועבט די אונפרוכטבארע מיעדקייט פון גאט און לייט, פון וועלט און בעשעפער!

דורך פערדרעהטע צווייגען פון פערקריפּעלטע בוימער קוקט צו מיר אריין די אונפרוכטבארע, טויב-שטומע נאכט; מיט די וואסעריג-גרויע אויגען זויגט זי מיר אויס דעם לעצטען טראפּען ווילען...

פייכט און קאלט הויכט זי אויף מיר, און א פייכטע קעלט צעגעהט זיך אין אלע מיינע גליעדער; איך פריר...

איך פריר ביז'ן מארך אין די ביינער, ביז'ן לעצטען טראפּען בלוט אין הארץ...

נעם, אלטע פערפרוירענע נשמה, א פייער-טאפּ, נעם און געה פון הויז צו הויז, פון טהיר צו טהיר, און בעט א פונק פייער... א פונק פייער זיך צו דערווארעמען.

מיעד בין איך, שטערבליך מיעד. נישטא מיט וואס און נאך

וואָס צו לעבען... און שטאַרבען קאָן איך נישט: מיט וואָס וועל איך קומען אהין?..

מיעד בין איך, שטערבליך מיעד, און דאָך בין איך אַמאָל שטאַרק געווען — גאָטס געגאָד האָט אויף מיר געשטראַהלט...

נאָר פערזינדיגט האָב איך מיך און די קראַפט פערלוירען, און פערשלאָסען האָט זיך פאַר מיר דער הימעל און וועט מיר שוין נישט אויסשטראַהלען קיין נייע קראַפט...

אַ גאָלד־געלאָקטער, פון גאָט געזאַלבטער קעניג בין איך אַראָבגעקומען פון די הויכע בערג. — אַ בליצענדיגע קרוין אויפ'ן קאָפּ געהאַט, איין אויסגעשטראַהלטען מאַנטעל אויפ'ן לייב געטראָגען, מיט אַ גינגאָלדענער קעניגליכער האַרפע אין דער האַנד — — —

איך בין אַראָבגעקומען און אַליץ אין דער נידער פערשוואָנדט...

די גאָלדענע לאָקען זענען אַראָבגעפאַלען אין דלילה'ס פאַלשען שוים...

לילית האָט מיך מיט איהר כשוף אין איהר נעץ געפאַנגען; איך האָב איהר לויב געזונגען און צוגעשפּילט אויף דער גינגאָלדענער האַרפע, און עס האָט געפּלאַצט אַ סטרונע נאָך אַ סטרונע...

אין פערכשופטע נעכט, אויף פערבליהטע זומפּען, האָב איך מיט איהרע טעכטער רעדלעך געטאַנצט, און אינ'ם טאַנץ די קרוין פון קאָפּ אַראָב פערלוירען; און איינגעשלונגען האָט זי דער זומפּ.

אויף קרומע, פערלוירענע וועגען בין איך געגאַנגען, און די דערנער אויף די קרומע, פערלוירענע וועגען האָבען מיר דעם קעניגליך־אויסגעשטראַהלטען מאַנטעל פון לייב אַראָבגעריסען; צוויטען־ווייז, פעדעם־ווייז...

אָה! נעכט אָהן חלומות, אָהן שלאָף, אָהן טרייסט...

גאָט האָט מיר אַ ליכטיגע נשמה געגעבען, און איך האָב פון איהר גראָשענדיגע ליכטלעך געצויגען און אין לוסט־פאַרביגע גערטען־לעמפּלעך אַריינגעשטעלט, און פערברענט די ליכטיגע נשמה!

דאָס גאָלדענע האַרץ, וואָס איך האָב פון זײַן ליבען־נאָמענס האַנר בעקומען, האָב איך צולאָזט, אויף קלײַן געלד צעמינצט, קראַנקע שמײַכעל אויף געשמינקטע פּני'מער אײַנגעקויפט — און פערשווענדט דאָס גאָלדענע האַרץ...

אַנ'אויסגעלאָשענער פלאַקער בין איך. און דער הימעל האָט זיך מיר פערשלאָסען און וועט מיר שוין נישט אויסשטראַהלען קײן נײַע ליכט, קײן נײַע קראַפט...

צום געבעט פון אומרײַנע ליפּען, וואָס האָבען לילית'עס לויב געזונגען און איהרע טעכטער געקושט, וועט גאָט נישט צונויגען זײַן אויער...

מיעד, שטערבליך מיעד ליעג איך.

נישטאָ מיט וואָס און צו וואָס צו לעבען...

און שטאַרבען קאָן איך נישט; נישטאָ מיט וואָס אַהין צו קומען.

מען וועט מיך פרעגען: וואו זענען דײַנע גאָלדענע לאָקען און די קרוין אויף זײ? דײַן אויסגעשטראַהלטער מאַנטעל וואו איז? פאַר וואָס האָבען געפּלאַצט די סטרונעס אויף דײַן קעניגליכער האַרפּע, מיט וועלכע מען האָט דיך אַראָבגעשיקט?

אָה, די נעכט אָהן שלאָף, אָהן חלומות, אָהן טרײַסט!

ווי אַ בר־מינן, וואָס זוכט זײַנע פערלוירענע נעגעל אויף, זוך איך די שטראַהלען פון מײַן פערלוירענער קראַפט...

מיט צעשויבערטע האָר אויפ'ן קאָפּ, מיט פרעמדע אויסגעבעטעלטע קלײדער אויפ'ן לײַב, מיט אַנ'אויסגעדאַרטען וואַלד־שטעקען אין דער ציטערדיגער האַנד, וואַנדער איך און זוך מײַן געוועזען שטראַהלענדיג גליק, און געפין נישט...

מיעד, שטערבליך מיעד וואַנדער איך! פון געדאַנקען ווי פון רויב־פויגעל געיאָגט...

איבער באַרג און טהאָל וואַנדער איך; איבער פעלד און וואַלד, אויף לאָנקעס און בײַ ברעגען פון טײַכען — טאָג אויף טאָג, טאָג אויף טאָג, און זוך אומזיסט...

צום נידעריגען גראָז בויג איך מיך אַראָב, — זאָל איך כאָטש אײנס

דערקענען, וואָס האָט אויסגעשפּראָצט פון מיין הארציג בלוט — און דערקען ניט... און דאָך האָב איך אויף די לאַנקעס אויסגעטריפּט מיין הארץ!

אויף וואַסער־שפּיגלען קוק איך און קוק מיר די אויגען אויס...

טויזענדער גלאַנצען קאָלירען, וויקלען זיך, פלעכטען און טאַנצען, שפּילענדיג אויפ'ן בלאַנקען וואַסער־שפּיגעל, — — קיין איינציגער גלאַנץ פון מיין נשמה שמייכעלט מיר ניט אַקעגען; און דאָך האָב איך אויף דעם וואַסער־שפּיגעל מיין נשמה אויסגעהויכט...

ניט מיינע פאַרבען טראָגען די בלומען אין פעלד...

און הויב איך די אויגען צו די בוימער אויף, פּליסט מיר קיין איינציגער טאָן פון מיין געבענשטער האַרפע פון זייערע צווייגען ניט אַרויס...

און די דערנער, וואָס איך פּרעג אויף צויטען און פעדעם פון מיין קעניגליך־אויסגעשטראַהלטען מאַנטעל, לאַכען מיך אויס שטעכענדיג: צויטען און פעדעם פון אַנ'אויסגעשטראַהלטען קעניגליכען מאַנטעל זוכט ער, דער בעטלער!

ניט פריינדליך איז מיר דאָ די ערד!

וואו איך קום, דערקען איך: דאָ איז אויף אַ ווײַלע מיין היים געוועזען... דאָ האָב איך געבלוטיגט און געשטראַהלט. נאָר די ערד האָט מיך קיינמאָל ניט גערן געהאַט און האָט מיר גאָר ניט בעהאַלטען!

קיין איינציגען טראָפּען בלוט פון הארץ, קיין איינציגען שטראַהל פון מיין נשמה, קיין קלאַנג פון דער קעניגליכער הארפע, קיין פאָדעם פון מיין קעניגליך־אויסגעשטראַהלטען מאַנטעל... און די קרוין האָט זי מיר איינגעשלונגען...

די שמעקענדיגע בלומען, וואָס איך האָב אויף אידר פרוכטבאַרען שוים געשפּרייט, האָט זי, די שטיף־מוטער, ניט גענערט; ניט אויסגעשפּראָצט זענען מיינע בלומען...

אייפערזיכטיג איז די ניעדער...

אויף איהר זילבער־גלאַנציגען מאָך־געלעגער האָב איך גערוהט און פרעמדע חלומות געהאַט; צו די ווייטע, אין נעפּעל איינגעהילטע בערג

געבענקט... אונטער איהר הימעל האב איך געוואנדערט, און דאך האבען מיך פרעמדע שטערען געפיהרט...

נישט היימליך איז מיר דא די ערד...

און איהרע קינדער און שטיף-קינדער זענען מיר פרעמד...

ווען איך בעגעגען אויף מיין וואנדער-וועג, קוק איך מיט באנג-שאפט און פערציטערטער האפנונג אין די אויגען אריין — קאלט און פרעמד זענען זיי מיר...

קיין איינציגער שטראהל פון א ברידערליך-הארציגער נשמה, וואס זאל אין מיר צוריק אנצינדען דאס פערלאשענע ליכט...

קאלטע, פרעמדע אויגען!

נישט מיין פרייד, נישט מיין לייד, גאר נישט פון דעם, פאר וואס איך האב געליטען; גאר נישט פון דעם, צו וואס איך האב גע-האפט...

מיעד, שטערבליך מיעד וואנדער איך, און זוך מיין פערלוירען גוטס, און געפין נישט...

און קיינער שטעלט זיך נישט אב, דעם ארעמען וואנדערער צו ריסען; קיינער שטרעקט מיר פריינדליך נישט אויס די האנד!

קיינער פרעגט נישט: וואו פיהרט, וואנדערער, דיין וועג?

פרעמד ביזט דו דא, טרויער און בענקשאפט פערנעפלען דיינע אויגען. צי לעבסט דו און לייד'סט גלות, אבצוקומען פאר זינד, אדער טויט ביזט דו און וואנדערסט און זוכסט תקון פאר דער זינדיגער נשמה?...

קיינער וועט מיר נישט ווינשען:

לעבענדיג צי טויט זאל דיך גאט טרייסטען, וואנדערער! מיט פרישע מאנדלען זאל אויפבליהען דיין וואנדער-שטאק!

און צוריק צו דער היים, אויף די הויכע בערג, אהן קרוין און מאנטעל, אין בעטלער-קליידער מיט דער פערשטומטער הארפע — קאן איך נישט...

אויף דער שמאלער גרענעץ צווישען וואלד און פעלד ליעגט זי און דרימעלט...

יוער איז זי?

פאַר וואָס האָבען זיך אָבגעשטעלט מיינע פּיס? פאַר וואָס איז שטיל געבליבען מיין האַרץ?

אויף דער שמאָלער גרענעץ צווישען וואַלד און פעלד ליעגט זי און דרימעלט...

אויף איהר ווייס־שטראַהלענדיגען מאַנטעל ציטערט מיט באַנגער ליעבשאַפט אַ נעץ פון ליכט און שאָטען, אויסגעשפּינט פון פערסוד'עטען וואַלד און געבענשטען פעלד..

ווער איז זי?

שוואַרץ איז זי און בלאַס, און וואונדער־שעהן — וועמעס ווייַנגאַרטען היט זי, די שולמית?

קעניגליך־שטאָלץ און שטרענג איז געוועלבט די פעך־שוואַרצע ברעם, און ליסטיגע ליכט־פלעקען גליטשען זיך שפּיעלענדיג איבער איהר עבען־קרוין...

אַ ווילדער מאָן פון פעלד וואַרפט אַ הייסען גלאַנץ איבער איהר בלאַסען, הויכען שטערן; אַרום די האַלב־אָפענע ליפּען שוועבט אַ רעטעניש — אַ שמייכעל — טרויעריג און זיס!

מיט צוטרויען און ליעבע דריקט זיך דער שלאַנקער לייב צום ווייכען, גרויען ערד־געלעגער, דאָך אונרוהיג, דאַכט זיך, הויבט זיך און פאַלט איהר ברוסט...

וואָס חלומ'ט זיך איהר?

אויף דער אַלטער האַרפע ציטערט אַ ניי־אויפגעשפּינטע סטרונע...

ציטעריג בליהט מיר אַ נייע האָפנונג אין האַרץ — און עס וועקט זיך דער לאַנג געשטאַרבענער ווילען אין מיר: „זאָל זי די אויגען עפענען!“ און מיין ווילען איז געשעהן!

עס הויבען זיך די שווערע ברעמען אויף, און עס עפענען זיך גרויסע, גרויסע אויגען, מיט אַ שטאָלץ־פערוואונדערטען, האַלב־צאָרניגען בליק...

וואָס איך קוק אויף דיר?

ווער עס האָט מיר ערלויבט?

אָה, שטאָלצע! דאָס האָט מיך נאָך קיין שטערן נישט געפרעגט.

און די זון, ווען איך פלעג איהר גלייך אין די אויגען אריין קוקען — אויך נישט!

ציי איך ווייס, ווער דו ביזט?

איך ווייס!

דו ביזט די יאהרען־יאהרען־לאנג געהאפטע... אין די שטילסטע, טרויעריגסטע נעכט קוים אויסגעחלום׳טע...

דאס אין טרעהרען צעגאסענע, אין בלוט צעגאנגענע, פער׳יתום׳טע הארץ האט דיך אויסגעבענקט...

און אויף מיין וואנדער־וועג, אין דער פינסטערער נאכט, ווען דער לעצטער וועג־ווייזער אין הימעל האט זיך פערלאשען, ווען דער לעצטער צייכען פון גאטס געדענקען איז פערשוואונדען, האט דיך אין אנגסטען און טויט־שרעק מיין נשמה קוים אויסגעבעטען, קוים אויסגעבעטעלט ביי גאט!

טרייב מיך נישט אוועק.

לאז דעם מיעדען וואנדערער דיר צופוסענס זיצען און ווי צו׳ן א היילינער ריינינקייט צולעגען הארציג און פרום די לעבצענדיג־צעפלאצטע ליפען צו׳ם זוים פון דיין קלייד.

איך וועל עס נישט בעפלעקען...

זינדיג בין איך... נאר פאר זינד־געפארבטע פערלאנגען איז דיין קעניגליך־שטאלץ און שטרענג געוועלבטע ברעם קיין רעגענבויגען נישט...

אויף דיין בלאס פנים דער שמייכעל איז דער אבגלאנץ פון ריינסטען בלויען הימעל אויף דעם אייביג־בליצענדען שניי אויפ׳ן חרמון־בארג אין היילינסטען לאנד...

כרובים מיט בלאנקע שווערטער אין די הענד היטען דאס טויער פון גן־עדן פאר׳ן זינדיג־פערטריבענעם מענש; דער גלאנץ פון זייער שווערט בליצט אין דיינע אויגען...

לאז דעם מיעדען וואנדערער דיר צופוסענס זיצען און זינגען שטיל דיין לויב...

קוק ניִשט. וואָס איִך ביִן אַזוי שוואַך און מיִעד; אויף מײַנע צעריִסענע קלײדער קוק ניִשט; זאָל דיִך מײַן אָרעמער וואַנדערשטאָק ניִשט שרעקען...

גאָט האָט מיִר זײַן טרײסט געשיִקט... עס קוועלט איִן מיִר פריִשע קראַפט; רויזען בליִהען־אויף איִן האַרץ; דיִ סטרונעס פון דער אַלטער האַרפע ציִטערן, וועקען זיִך צו׳ם נײַעם הללויה... עס ציִטערט אויך מײַן וואַנדער־שטעקען איִן מײַן האַנד — ער וועט אָנהויבען בליִהען, מיִט פריִשע מאַנדלען בליִהען...

איִך ביִן שטאַרק, איִך ביִן רײַך!

פון דיִ טײַכען איִן גן־עדן וועל איִך אָבשוימען דיִ פערל צו דײַן האַלז... פון אונבעטרעטענע טיִעפסטע וועלדער וועל איִך דיִר ברענגען זאַנג און קלאַנג... פעלדער און וויִזען וועל איִך בערויבען און דיִ שענסטע בלומען שטרײען פאַר דײַנע פיִס —— דעם כסא־הכבוד וועל איִך פון דיִ טײַערסטע שטײנער בערויבען און דײַן פוסען־בענקעלע ציִערען — —

איִך וועל דיִר וועלטען בעשאַפען — — — —

ווער איִך ביִן?

ווער איִך ביִן, פרעגסט׳ו — —

וויִלסט מײַן נאָמען וויִסען?

טויזענדער טראָגען איִהם; דאַרפסט דו אײנעם פון טויזענדער?

וואָס איִך ביִן?

דאָס ווענדט זיִך: מיִט אָדער אָהן דיִר?

אָהן דיִר ביִן איִך אַ צאַנקענדיִג לעמפעל בײַ אַ גוסס צוקאָפּענס, און פערדרײבער מײַן לעצטען טראָפען צו בעשײַנען דיִ העויות פון דער גסיסה;

מיִט דיִר ביִן איִך אַ פלאַקער איִן ליִכטיִגען גאָטס האַנד. אַ פײַערדיִגער זײַל, וואָס פיִהרט איִבער סטעפען צו׳ם הײליִגען לאַנד...

אָהן דיִר ביִן איִך אַ חורבה פון אַ פערלאָשענעם מזבח, פון גאָט און לײַט פערגעסען... דיִ וויִנטען האָבען שוין לאַנג זײַן אַש צע־שפרײט... פערהונגערטע קראָהען שטעלען זיִך אָב אַמאָל און זוכען

שיריים פון אַלטע קרבנות, און געפינען נישט און פליהען אַוועק, און שילטען;..

מיט דיר בין איך אַ כהן־גדול אין קדשי־קדשים — מיט אַ גאָלדענער וויַיהרויך־פאַן אין דער האַנד, אַ בליצענדער קרוין איבער'ן שטערן, די טיַיערסטע שטיינער אויף דער ברוסט, וועלט־האַרמאָניש קלינגען די גאָלדענע גלעקעלעך בייַ'ם זוים פון מיַין קלייד און, אין גאָטס וואָלקען אַיינגעהילט בעט איך פאַר דער פּעראונגליקטער וועלט...

אָהן דיר בין איך אַ געפאַלענער, אַנ'אָבטריניגער...

פאַרבייַ איז געגאַנגען אַ העלדען־אַרמעע וועלטען חרוב צו מאַכען, נייַע צו בויען; איך בין געווען איינער פון זיי, איינער פון די גרעסטע — און בין אויפ'ן וועג געבליבען... און איבערגעלאָזט האָבען זיי דעם שוואַכען... טייל — מיט אַ באַרמהערציגער טרעהר אין אויג, אַנדערע האָבען פאַר מיר נאָר שפּייַעכץ געהאַט אין מויל, נאָך אַנדערע האָבען מיך מיט די פיס אָבגעשטופּט און זיך דעם וועג בעפרייַט; — —

און וויל — האָב איך גאָטס שופר אין האַנד; בלאָז איך, קומען נייַע, נאָך נישט־בעשאַפענע גבורים פאַר נאָך נישט־אויסגעטראַכטע וועלטען, שטאַרקע, פלאַמענדיגע, שטראַהלענדיג בעוואָפּענטע, און זיי קניען פאַר מיר און בויגען פאָהן און געוועהר פאַר מיר איך זאָל זיי בענשען...

זעה! עס וועקט זיך די אַלטע האַרפע, דער וואַנדער־שטאָק ציטערט אין מיַין האַנד אויפבליהען וויל ער... אַ נייַ לעבען וועקט זיך אין מיר; דרעה נישט אַוועק דיַין געבענשטען קאָפּ פון מיר, איבערענטפער מיך נישט צוריק דעם טויט און זיַינע שרעקען...

— וואַנדערער, איך פערשטעה דיך נישט!

פרעמד קלינגט מיר אין אויער דיַין שטימע; איך פערשטעה דיַין שפּראַכע נישט!

פון די הויכע, וויַיטע, אין נעפּעל אַיינגעהילטע בערג, קומסט דו, וואַנדערער; פון די בערג, וואו עס לאַרמט דער אייביגער קריג צווישען שטורמען און אָדלערן, קומסט דו; ביזט אפשר איינער פון זיי, פון די

בּרײט און שטאַרק געפליִעגעלטע; איך בין די שטילע שוואַלב פון טהאָל — און פערשטעה דיך נישט...

דײַנע ווערטער הער איך, און פערשטעה זײ נישט...

עס צאַפּעלט אין זײ אַ הײס־פערבלוטיגט האַרץ — אַ פערבענקטע נשמה צעגיִעסט זיך אין זײ — װי רויטע בלוטיגע פלאַמען שוועבען זײ פאַר מיר אין דער לופט, זײ שרעקען מיך. נאָר איך פערשטעה נישט דײַנע לײד...

מיר זענען זיך אַזוי פרעמד, אַזוי פרעמד...

דו ביזט דער אָדלער פון די הויכע בערג; איך — די שטילע שוואַלב פון ניעדריגען טהאָל — וואָס האָסטו דו צו מיר?

און זי הויבט זיך אויף און געהט...

אַוועקגעגאַנגען איז דאָס רײנע, שטראַהלענדיגע קינד פון טהאָל — —

מיר צופוסענס האָט זי געלאָזט דאָס בליצענדיגע דיאַדעם, מיט וועלכען איך האָב איהר געבענשטען קאָפּ געקרוינט, און דעם אויס־געשטערנטען מאַנטעל, מיט וועלכען איך האָב איהר שלאַנקען לײב בעדעקט...

אַוועקגעפלויגען איז די ליכטיגע שוואַלב פון טהאָל...

זײַ בעגריסט!

זײַ בעגריסט, דו צוריקגעקומענע שטאָלצע, הײליגע און זילבערנעס, שטיל־פערכשופטען אָבענד־גלאַנץ...

זײַ געבענשט!...

און געבענשט זאָל זײַן דײַן אונפערהאָפּט ערשײַנען אין דער זילבער־פליסענדיגער געטליכער גנאָד!

אין דער שטיל־פערחלום'טער, פערכשופ'טער אַקאַציען־אַלעע...

שטיל ציטערן די שנײעלעך־בליטהען אויף די געבענשטע אַ־קאַציען־קעפּ; און אויפ'ס נײַ הויבט אָן צו בליהען מײַן האַרץ, וואָס האָט שוין געוואָלט פערגעהן...

און נאָך אַמאָל איז אויפגעגאַנגען אַ ליכט אין מיר; אין מײַן

פערייתום'ט פערשאָטענטער נשמה... און ענטפלעקט איז מיר געוואָרען דער סוד פון היילינ שטילען אָבענד...

מיט מיר צוזאַמען האָט מיט באַנגער ליעבשאַפט די בלויע טיפע הויך אויף דיר געוואַרט...

מיט מיר צוזאַמען האָט די פרום־זילבער־פליסענדיגע לבנה און די קינדיש־ריינע, גאָלד־שפינענדיגע שטערענדלעך צו דיר געבענקט...

און דיר וועבען זיי עס פון די צאַרטסטע גאָלד־ און זילבער־פעדעם דעם חלום פון גאָט־געבענשטען אָבענד...

זעה, אין זילבער־פלוס פערזונקען, עטהעמט צו דיר איהר שמעקענדיגע נשמה אויס דער פערכּשופטער אַקאַציע...

דער זיסער אָטהעם פון ליכט־בעגאָסענעם טהאָל הויבט זיך צו דיר אויף די שטילע אָבענד־פליגעל אויף, און קושט פערליבט פון דיין מאַנטעל דעם זוים...

און הויבט זיך העכער, און רייסט די שנייעלעך־בליטהען פון די פערחלום'טע אַקאַציען־קעפּ און שטרייט פאַר דיינע טריט...

און ווייסט דו, וואָס דער זיסער פויגעל זינגט?

ער זינגט פון זיסען בליטהען־טויט אונטער דיינע פיס...

פערציטערט טשעפּעט זיך דאָס פון דער בלויער הויך אויסגעפּלאָסענע ליכט צו דיין געבענשטען קאָפּ... בעגליקט ציטערן די גלאַנצען אויף דיין עבען־קרוין, נאָר די, וואָס טרעפען זיך מיט דיין אויג, פראַהלען צוריק פערשעהמט און דערשראָקען פאַר'ן שעפּפער־ליכט, פאַר'ן ליכט פון די וואונדערליכע ערשטע זיבען טעג, וואָס שטראַהלט אַרוים פון זיי...

דו ביזט געקומען, און זעה — מיט פרישע מאַנדלען האָט אויפגעבליהט מיין וואַנדער־שטאָק און וואונדער־בלומען שפּראָצען מיר אין האַרץ...

פון ניי־געבוירענע וואונדער־שטראַהלען האָבען זיי אויסגעשפּינט סטרונעס אויף דער גינגאָלדענער האַרפּע, פון זיי וועט זיך אָברייסען דאָס הייליגע ליעד פון אויפערשטעהן!

דו ביזט שוין נישט די שוואַלב פון טהאָל...

אין דער שטיל'ער נאַכט זענען וואונדער געשעהן...

צוריק בליצט דאָס דיאַדעם אויף דיין געבענשטען קאָפּ, און

דער אויסגעשטערנטער מאַנטעל שטראַהלט אויף דיין שלאַנקען לייב — —

קום, ליעבע, ריינע, שטאָלצע, הייליג־שטראַהלענדיגע! אין דער וואונדער־נאַכט וועלען מיר וואַנדערן און ביי'ם שעפּפער־ליכט פון דיינע גרויסע, גרויסע אויגען אויפזוכען סצעפּטער און קרוין —

אין דער שטיל־געבענשטער, מיט גאָטס גענאָד בעפלאָסענער נאַכט מוזען וואונדער געשעהן...

— מאַן פון די הויכע בערג, עס וועלען קיין וואונדער גע־שעהן...

בענקשאַפט האָסט דו פערזייעט אין שטילען שוואַלבען־האַרץ; דאָס באַנגע האַרץ האָט מיך צו דיר געטריבען; איצט שרעק איך מיך פאַר דיר, לאָז מיך געהן!

— אָח, שרעק דיך נישט, קינד!

וויל נאַר, און דיין ווילען וועט געשעהן! געהויכט וועסט דו ווערן! פון דער נידער, מיט איהרע טרויעריגע שאָטען, צו די הויכע, זיך אין ליכט באָדענדיגע בערג...

— מיך שרעקט די הויך; מיר האָבען, געהענדיג, אַ שטיק נאַכט פערברענגט, און מיד זענען מיינע פיס...

— זאָרג נישט, קינד, פאַר די מידע פיס... און שרעק דיך נישט פאַר דער הויך!

אין דער שטילער, פון גאָט געבענשטער נאַכט זענען שוין מאַנכע וואונדער געשעהן... זעה, ביי דיינע רעד, אין שטראַהל פון דיינע גרויסע, גרויסע אויגען, זענען מיר ווייטע, ברייטע און שטאַרקע פליגעל אויסגעשפּראָצט; אויף זיי וועל איך דיך טראָגען צו די ווייטע, הויכע און ווייסע בערג...

— אַ בענקשאַפט, ליעבער, האָסט דו אין מיין שטילען האַרץ פערזייעט, און זי האָט געוואַקסען... און האָט מיך געטריבען צו דיר. אין מאַנכע שטילע נעכט האָב איך וואונדערליכע חלומות גע־האַט... עס האָט זיך מיר דיין היים געחלומ'ט, די ווייטע, הויכע בערג, און איך האָב געבענקט צו'ם אָבגלאַנץ אויף זייער אייביגען שניי און צו'ם עדעל־ווייס, וואָס בויגט זיך איבער'ן שווינדעלדיגען אָבגרונד...

און איצט שרעק איך מיך!

— שרעק דיך נישט, קינד! דו ביזט מיט מיר! אין מיר וואַקסט די נײַ־געבוירענע, פון ליכט פון דײַנע אויגען אויסגעשפּינטע קראַפט...

קום מיט מיר צו די ווײַסע בערג!

נאָר נישט קיין עדעל־ווײַס וועלען מיר זוכען; און נישט קיין שניי בליצט אויף זייערע שטילע רוקען'ס...

דאָס בליצען ווײַסע תּכריכים...

עס האָבען דאָרט מענשען געלעבט, אַ שלעכט לעבען געפיהרט און דאָס גלויבען אין לעבען פערלוירען, זיי האָבען געגלויבט נאָר אין טויט, אין ווײַסען טויט, וואָס רייניגט אַלע זינד...

און זיי האָבען זיך לעבענדיגערהייט תּכריכים גענעהט, לעבענדיגערהייט זיך אין תּכריכים בעקליידט, אויף די שטײַלע בערג־רוקען'ס זיך געלעגט און די אויגען פערשלאָסען צו'ם שטאַרבען...

און גאָט האָט אויף זיי פּאַר רחמנות אַ שטילען שלאָף געשיקט...

און זיי שלאָפען... ביז דער שופר אין משיח'ס האַנד וועט זיי וועקען, — האָט גאָט געזאָגט — זאָלען זיי שלאָפען!

קום, קינד, מיר וועלען די טויטע וועקען...

זעה, גאָטס שופר האָב איך אין דער האַנד; בלאָז איך, ערוואַכען די טויטע!

קום! רײַנער שטערן־געזאַנג איז דײַן שטימע; מיט וואונדער־שטראַלען איז אויפגעצויגען די גאָלדענע האַרפּע — —

קום! מיר וועלען זיי זינגען און שפּיעלען דאָס הייליגע ליעד; דאָס ליעד פון אויף־ערשטעהן!

אין דער שטילער, מיט גאָטס גענאָד בעפלאָסענער נאַכט מוזען וואונדער געשעהן!

— ליעבער, ליעבער מאַן, עס וועלען קיין וואונדער געשעהן! נישט דאָס, וואָס דו מיינסט, בין איך — מיך שרעקט די שווינדעלדיגע הויך; מיך שרעקען דײַנע וואונדער...

די בענקשאַפט, וואָס דו האָסט פערזייעט אין מײַן האַרץ, האָט אויסגעשפּראָצט און זי האָט מיך געטריבען צו דיר; פון דער זיסער, שטילער היים געיאָגט צו'ם מאַן פון די הויכע בערג; דאָך געהן מיט דיר קען איך נישט!

שוואַך איז מײַן ברוסט, ליעבער מיט וואָס וועל איך עטהעמען אויף די הויכע בערג?

פון בוימער גאָהל זענען זיי, די הויכע בערג, וואו וועט רוהען, אויף וואָס וועט נעסטען די שוואַכע שוואַלב — די שוואַך־געפליגעלטע שוואַלב פון טהאָל?

און רעד מיר פון אויף־ערשטעהן נישט — ווײַסע תכריכים־פלעקען בלענדען מיר די אויגען; זיי שווימען פאַר מיר אַרום אין דער לופט און שרעקען מיך!

שוואַך איז דאָס קינד פון טהאָל; אויף בערגער געהן קען זי נישט, די שוואַכע. .

און טראָג מיך נישט אַרויף, נעם מיך נישט אויף דײַנע פליגעל; ער שווינדעלט אין דער הויך; איך וועל מיך אַראָבגליטשען פון זיי; איך וועל פאַלען, ערגיץ אין איין אָבגרונד אַרײַן פאַלען; און דו, אין שלאַכט מיט ווינד און שטורם, וועסט עס נישט מערקען; וועסט גאָר נישט וויסען, ווען און וואו דו האָסט מיך פערלוירען!

הער, מאַן פון די הויכע בערג, די רעד פון קינד פון טהאָל!

ליעב ביזט דו מיר, מאַן פון די הויכע בערג, נאָר געהן מיט דיר קען איך נישט...

מיט טויזענדער פעדעם בין איך צוגעבונדען צו'ם טהאָל, צו מײַן שטילער היים; רײַס זיי נישט איבער; עס וועט מיר וועה טהון דאָס האַרץ!

די קליינע שטערנדלעך, די זילבער־שטראַהלענדיגע, פינקעלדיגע שטערנדלעך, וואָס שווימען איבער מײַן היים, מײַן שטילער היים, זיי האָבען מײַן נשמה אויסגעשפּינט; רוף מיך נישט אַוועק פון זיי, אויסגעלאָשען וועט זי ווערען אונטער פרעמדע הימלען, אויסגעהן וועט זי ווי אַ ליכט...

און מײַן שטימע, וואָס וועקט די בלומען אין דײַן האַרץ, איז נאָר דער אָבקלאַנג פון די קליינע, שטיל־רוישענדיגע וואַסערלעך אין טהאָל...
און דער גאָלדענער שטראַהל, וואָס בליצט אַמאָל פון מײַן אויג אַרויס,
איז דער אָבגלאַנץ פון גאָלדיגען זאַמד פון דער ניעדער...
נישט דײַן פרייד איז מײַנע; נישט דײַן לייד איז מײַן!

אין פונקען פון גליה־ווערם צושפריצט זיך מיין פרייד; און מיין שטילע טרויער קומט פון די שיטערע, פערהונגערטע זאנגען, וואס קלאגען זיך אין שטילען געריוש אויפ'ן ארעמען, זאמדיגען פעלד!

מיט טויזענדער שטראהלענדיגע פעדעם בין איך צוגעבונדען צו'ם טהאל; איך האב די נידער ליעב...

איך האב ליעב דאס גאלדיג־פינקעלדיגע זאמד און די קליינע, פערקריפעלטע בוימעלעך, וואס היטען דאס גאלד!

איך האב ליעב די נידער אין גרינעם מאנטעל אין געלע שוואם־פלעקען געהילט; און די שטילע ברידערלעך, די שטיל־שמעקענדיגע, הימעל־בלויע ברידערלעך, וואס שמייכלען מיר ארוים פון שטיל־רוישענדיגען גראז...

און בענק איך אמאל, לעג איך מיך אויף דער גרענעץ צווישען פעלד און וואלד, אויף דער ווייכער שוים פון טהאל, בעהאלט דאס פנים אין לילא, רייך אויפגעבליהטען היידע־קרויט, זאפ איין דעם שטילען, פייכטען אטהעם פון דער אויפגעבליהטער ערד, און זיס־רוהיג ווערט מיין שוואלבען הארץ; און קומט אמאל א פרעמדער חלום — א רעטעניש, א בענקעניש — לאך איך מיך נישט אוים — געה איך אין וואלד צו דער היימישער כשוף־מאכערין, און זי גיט מיר בעשייד: קוקו, קוקו, קוקו...

ליעב ביזט דו מיר, פרעמדער מאן פון די בערג, א בענקשאפט טרייבט מיך צו דיר, נאר ביי דיר בלייבען, מיט דיר געהן — קען איך נישט!

אונזערע וועגען לויפען נישט צוזאמען... די ביזט דער אָדלער פון די בערג, איך נאר די שוואלב פון טהאל...

מיט טויזענדער פעדעם בין איך צוגעבונדען צו מיין שטילער היים; נישט איבערצורייסען...

לאז מיך רוהען דא... איך בין מיעד פון לאנגען גאנג, פון קרוין און סצעפטער זוכען — זעץ דיך נעבען מיר...

האסט א גאלדענע הארפע, זינג א צויבער־ליעד דער שוואכער שוואלב פון טהאל, דעם שוואכען גלות־קינד...

נאָר זינג מיר נישט פון הויכע בערג, זינג מיר נישט פון אויף־ער־שטעהן — נאָר פון מיין זיסער, שטילער היים...

זינג מיר אַ ליעד, אַ גאָלדען ליעד, פון גאָלד־שטראַהלענדיגען זאַמד, פון קליינע, שטיל־רוישענדיגע בוימעלעך געהיט...

זינג מיר פון די שטיל־שמעקענדיגע ברידערלעך, וואָס קוקען אַרוים אַזוי ליעב צו מיר, מיט די הימעל־בלויע אויגעלעך, פון זייער בעהעלטעניש אַרוים אין שטילען גרינעם גראָז...

זינג מיר פון דער גרויער, ליעבער שוואַלב אין טהאָל, וואָס שוועבט אויף שוואַכע, נאָר ליעבליך־רוישענדיגע פליגעלעך, און נעסט אין אַלע חורבות־לעכער, וואו זי בעהאַלט זיך פאַר שטורם און ווינד!

זינג מיר פון מזל'דיגען שטאָרך, וואָס שפּרייזט אויף דער נאַסער לאָנקע, הינטער'ן שטילען דאָרף, אויף די לאַנגע פיס און וואָהנט אויפ'ן נידריגען דאַך פון קליינעם פויערן־הויז...

פון פערלאָזטע, ווילד־פערוואָקסענע פאַרקען זינג; פון חורבות, פון אַלטע פּאַלאַצען, וואו פערכּשופטע זייגערס וועקען זיך און קלינגען האַלבער נאַכט...

אָדער פון פערכּשופטע בת מלכּה'ס זינג, וואָס ווערען אויסגעלעזט און אויפגעוועקט מיט אַ ליעב־האַרציגען קוש...

און שלאָף איך, ליעבער, איין, זיי מיר גוט...

נעם מיר דיין געשאַנק — דעם שטראַהלענדיגען דיאַדעם פון קאָפּ נישט אַראָב; אייביג טרויערן וועל איך נאָכ'ן דיאַדעם...

און ציה מיר דעם אויסגעשטראַהלטען מאַנטעל נישט אַראָב; פערציי דעם שוואַכען גלות קינד — דער שוואַלב פון טהאָל...

געשלאָסען זענען די געבענשטע אויגען — פערשוואונדען איז דער כּשוף פון דער שטילער נאַכט... צוריק פערלאָשען איז מיין נשמה; פער־ציטערט הילט זי זיך צוריק אין איהרע שאָטען איין, און די ניי־אויף־געשפּראָצטע בלומען אין האַרץ וועלקען אָב און שטאַרבען...

צערנען איז דער זילבער־פליסענדיגער כשוף פון דער גאָט־געבענשטער נאַכט; די קראַפט, זי אויף הויכע בערג צו טראָגען, האָט מיר גאָט פערזאָגט!

ער האָט זיך אויף מיר נישט דערבאַרעמט; נישט פערגעבען מײַנע זינד...

שטום, אָהן סטרונעס, ליגט די האַרפע; דאַר און אָבגעשײַלט דער וואַנדער־שטאָק...

שלאָף זיס, ליכט־שטראַהלענדיג קינד פון טהאָל; זיסע, שטילע חלומות אויף דײַן קעפּעלע, און פערצײַה!

פערצײַה דעם וואַנדערער, וואָס האָט דיך אויפ'ן וועג געטראָפען און בענקשאַפט אין דײַן שטילען האַרץ פערזײַעט...

עס בלײַכט זיך די נאַכט, עס לעשט זיך אַ שטערן נאָך אַ שטערן — —

שטיל ציטערט די נאַכט — —

גאָט האָט איהר אונפרוכטבאַרע שויס געבענשט; זי האָט אַ גאָלדענעם שטראַהל געבוירען; עס רויטעלט זיך דער מזרח־זוים...

אויף די פרישע פריה־מאָרגען פליגעל שווימט אַ הימליש־זיסער האַרפען־קלאַנג; אַ בשורה פאַר דער וועלט: געבוירען ווערט דער טאָג...

אויף־פלאַמען, אויף־פלאַקערן וועט דער נײַער טאָג, און וועט אויסלעזען די וועלט, די פערמאַטערטע וועלט — נאָר — נישט מיך!

אויף מיר וועט זיך גאָט נישט דערבאַרמען, נישט פערגעבען מײַנע זינד, און נישט אויסלעזען פון טויט און זײַנע שרעקען!

נעם, וואַנדערער, דעם וואַנדער־שטאָק און געה...

מיט אַ נײַער וואונד אין האַרץ, מיט אַ נײַעם וועה...

עס זענען קײן וואונדער געשעהן...

VI.

דער זווג

אדער

שָׂרָה בַּת טוֹבִים.

I.

און די מעשה, וואס איך וועל יעצט דערצעהלען, איז אַן אויס-טערליש-וואונדערליכע מעשה, און — אַיין אמת גמור. זי איז אין קיין שום ספר נישט געדרוקט, אין קיין קהל'שען פנקס נישט פערשריבען; איך האב זי בקבלה איש מפי איש און שטאַמט פון אַ גרויס אָרט...

און געשעהן איז די מעשה פערצייטענס, ווען עס זענען נאָך אַזוי פיעל שטעדט און דערפער נישט געווען; אַ וועלט מיט „וואַלד-אויס, וואַלד-איין". און געטראָפען האט זיך עס אין מעהרען דער מדינה, אַ יודישע קהילה איז זעלטען, משפחות-ווייז אין דערפער פערזייעט, אין וועלדער צושפרייט, אָהן תורה, אָהן תפלה בצבור, אויסער ימים נוראים, ווען מען ציהט מיט קינד און קייט אין די ווייטע שטעדט אַריין.

זיצט זיך דעמאָלט אַ יוד אַ שוויגער ביי'ן אַ גראַף אין אַ דאָרף; פרנסה רינט איבערן מויל... 500 קיה מעלקט ער דעם גראַפ'ס; זיינע אייגענע אויך אַ ביסעל. האָט ער אַ פולען קעלער מיט פוטער און קעז, אַ בוידעם מיט תבואות, פלאַקס און פעלעכלעך, און דער טייסטער אין בוזעם וואַקסט אין דער דיק, און דאָס קניפעל ביי דער שוויגערין בע-זונדער, און אַ זוהן וואַקסט אַ געזונדטער, אַ וואוילער, ווי אַ יונגער בוים אין וואַלד.

און פונדעסטוועגען, איין מאָל אין אַ ווינטער נאַכט, זיצט דער

שווייגער בײַ'ן אַ וועקסענער־ליכט בײַ'ם טיש איבער די חשבונות, מיט דער שפּיץ ווײַסליכער באָרד צווישען די ציינער, דער שטערן געראונצעלט, ווי פון שווערע זאָרג, און קוקט מיט פערנעפּעלטע אויגען אין פענסטער אַרײַן...

— דו זינדיגסט, מײַן מאַן! — וועקט איהם פון די געדאַנקען דער שווייגערינס קול. פון דער צווייטער שטוב איז זי אַרײַנגעקומען, צום שלאָפענדיגען זוהן געקוקט, און איהר פּנים שטראַהלט.

„הערסט, איבערגעבויגען האָב איך זיך איבער איהם... די בעקלעך רויטלען זיך, ווי אַ פרישער פריה־מאָרגען און דער אָטהעם איז רוהיג און שטיל, און שמעקט נאָך פרישע עפּעל...״

— דאָס איז טאַקי מײַן זאָרג, — ענטפער דער שווייגער. — מען וואוינט אין אַ דאָרף, ווײַט פון אַ יודישער קהילה, און יאָהרען ציהען, יאָהרען פליהען, וואו נעהמט מען אַ שדוך פאַר אונזער זוהן, ווי אַזוי וועט מען איהם פער'קנס'ען?

— גאָט וועט העלפען — טרייסט די שווייגערין, — ער האָט ביז אַהער אונז נישט פערלאָזט...

— אָט דאָס איז עס טאַקי, — מאַכט דער שווייגער, — גאָט'ס הילף דאַרף מען, און אין וועלכען זכות? קיין יודע ספר בין איך נישט, לערנען לערען איך נישט, צווישען יודען וואוינט מען נישט, נאָר איין מצוה קאָנען מיר מקיים זײַן, — הכנסת־אורחים הייסט די מצוה — און זעה! — ער ווייזט איהר מיט'ן בליק צום פענסטער־צו — איז אָנגעפאַלען אַ שניי פון הימעל, אַ גרויסער שניי, האָט ער די שטעגען פעריאָגט, די וועגען פערשיט, און טעג און אפשר וואָכען, וועט קיין אורח איבער דער שוועל נישט קומען...

הויבט ער זיך אויף, און געהט אַרום, זעהן, וואָס אין דרויסען טהוט זיך. זי נעמט זיך די בעטען צורעכט צו מאַכען, זוימט ער זיך אָבער צו לאַנג, ווערט איהר אומעטיג, לאָזט זי אָב דאָס בעטגעוואַנד, געהט צום פענסטער צו און פוּקט מיט די דיקליכע פינגער אין דער שויב צום מאַן אַרום.

איז אָבער די שויב געפרוירען, קלינגט זי העל נישט אָב; חאַפּט זי די שאַל אויף זיך, און געהט נאָך דעם מאַן פאַר דער טהיר. זעהט זי, אַז דער מאַן, וואָס הערט נישט איהרע טריט און קעהרט זיך נישט אום, שטעהט פערקוקט אויפ'ן וועג פון וואַלד אַרום. קוקט זי איהם,

פערוואונדערט, נאָך. זעהען זיי ביידע צוזאַמען, ווי איבער׳ן פערשיטען וועג פון וואַ׳ד געהט אַ געשטאַלט אַ ווייבערישע, אין אַ הויב אַ הויכע, אין אַ טערקישער שאַל. און די שאַל איז איבער די אַקסעל נאָר פאַר שעהנקייט וועגען פערוואָרפען, גלייך אַ לינדע זומער־נאַכט; נישט איינגע־וויקעלט איז זי אין דער שאַל, פריי פליהען רעכטס און לינקס די עקען פון איהר, גלייך זיי וואָלטען איהרע פליגעל געווען... און נישט זי געהט אין שניי, זי שווימט איבער׳ן שניי, קיין פוס פאַלט נישט אַריין, לאָזט קיין צייכען איבער.

קוקען זיי אַזוי ביידע פערגאַפט, ביז די געשטאַלט קומט צו צו זיי און פרעגט, צי קען זי נישט רוהען אַ שעה ביי זיי אין שטוב...

קומט דאָס פאָר־פאָלק אַ ביסעל צו זיך, קוקען זיך איבער, פיהרען מיט גרויס פרייד דעם ווייבערישען וואונדערליכען גאַסט אין שטוב אַריין, גאָט האָט זיי אַ גאַסט בעשערט! און ווילען וועקען דעם משרת, הייסען מאַכען וואַרעמס אַ גלעזעל; און די שוואַנגערין לויפט־צו צו דער שאַנק און עפענט זי ברייט און וויל אַרויסנעהמען פון שענסטען און בעסטען עסען און טרינקען, און איינגעמאַכטס, און זיסען בראָנפען אַ ביסעל. דער אויסטערלישער גאַסט זאָגט אָבער: ניין! זי וועט גאָרנישט פער־זוכען, גאָרנישט טועם זיין, אַז זי דאַרף נישט, נאָר אָפּרוהען וויל זי זיך אַ ביסעל, זי געהט אין אַ נויטיג שליחות... גיט זיך די שוואַנגערין אונטער, צינדט־אָן נאָך אַ וועקסען ליכט, פיהרט דעם גאַסט אין אַ בע־זונדער חדר אַריין; ווייזט־אָן אויף אַ גרויס בעט, אויף בעט־געוואַנט ווי שניי, קישענס פוכענע, אַ לייכט וואַרעם איבערבעט... און ווילט איהר נישט עסען, נישט טרינקען, שלאָפט אייך געזונדטערהייד.

שלאָפען אָבער, זאָגט די געשטאַלט, וועט זי נישט, נאָר אָפּרוהען אַ ביסעל, ווייל זי האָט נאָך אַ ווייט שליחות. און אַז די שוואַנגערין וויל זי איבערלאָזען אין שטוב, האַלט זי זי איין און פרעגט, וויפיעל עס קומט פאַר׳ן חדר, וואָרען אַוועקגעהן וועט זי שטיל, און וויל קיינעם נישט וועקען, וויל זי איבערלאָזען געלד.

שפרינגט די שוואַנגערין אָב טיעף געקרענקט: קיין געלד נעהמט זי נישט, אויף קיין פאַל נישט... דאָס איז דאָך די איינציגע מצוה, וואָס זיי קאָנען מקיים זיין אין דאָרף; אין דעם זכות נאָר העלפט זיי דאָך גאָט, און וועט — גיט זי מיט גרויס בטחון צו — ווייטער העלפען!

צושמייכעלט זיך די געשטאַלט און פרעגט:

— פעהלט איך עפּיס דען? האָט איהר נאָך אַ בקשה צו גאָט?

— חס ושלום!... מ'זע'מיר, ברוך השם, איך און מײַן מאַן געזונד, און אונזער זוהן זאָל לעבען אַודאי... און פּרנסה, ברוך השם, איבער'ן מויל... נאָר וועגען אַ זווג געהט...

און זי דערצעהלט וועגען איהר זוהן, וואָס ווערט 17 יאָהר אַלט... און מען וואוינט אין אַ דאָרף, צו'ן אַ קהילה איז ווײַט...

— און וואָס טהוט איהר דערצו?

— מען האָפּט צו גאָט, מען בעט זײַן ליעבען נאָמען... דער מאַן אויף זײַן לשון, זי אויף איהר לשון... אַלע געבעטען בעט זי אויס, אַלע תחנות קאָן זי אויסװענדיג כמעט, שרה בת טובים'ס אַלע זיסע, האַרציגע תחנות... נאָר אײנע, דער עיקר, האָט זי שוין מיט טרעהרען דורכגעבעצט, די זווג-תחנה...

— גאָט וועט העלפען, שמײכעלט די געשטאַלט... איך בין זיכער, שמײכעלט זי... אַ סימן האָט איהר, קײן געלד פאַר'ן חדר ווילט איהר נישט, גיב איך אײַך אַ מתנה פאַר אײער זוהנס כלה וועגען...

אַזוי זאָגט זי עס, און נעהמט דערבײַ פון אונטער דער טערקישער שאַל די מתנה אַפּער: אַ פּאָר גאָלדענע פאַנטאָפעלעך מיט פּערעלעך בענײַהט... בליצט עס אין דער שוואַגעריגס אויגען, שטופּט איהר די געשטאַלט די פאַנטאָפעלעך אין דער האַנד אַרײַן און זאָגט:

— „אַ מתנה פון שרה בת טובים", און פערשווינדט...

און אַז דער שוואַגער האָט זיך נישט געקאָנט אויפ'ן ווײַב דערוואַרטען, האָט אָנגעקלאַפּט אין טהיר און נישט בעקומענדיג קײן ענטפער, דערשראָקען די טהיר געעפענט, זעהט ער, דאָס ווײַב שטעהט אַלײן אין מיטען שטוב מיט אַנ' אָפען מויל, אויסגעגלאָצטע אויגען און גאָלדענע פאַנטאָפעלעך אין דער האַנד.

2.

אין דערזעלבער צײַט, אין דערזעלבער מדינה מעהרען, נאָר מײַלען, מײַלען ווײַט פון שוואַגער, און נישט ווייסענדיג פון שוואַגער, האָט אין אַ טיעפען וואַלד אַ יוד געוואוינט, אַ קוילען-ברענער. האָט אַ שטיבעל אין וואַלד און אַנ' אויוועץ געדונגען, אויך בײַ'ן אַ גראַף. נאָר דער יוד

איז אַנ'אָרעמער געווען און אַ שווערע פּרנסה געהאַט: זאַמלען דאָס אָבגעפאַלענע פון בוימער, זומער — אָבגעדאַרטע צווייגען, ווינטער — קאָרג געפּלאַצטע פון פראָסט און נאָך יעדען געוויטער — דאָס אָבגעהאַקטע פון דונער און אָבגעריסענע פון ווינד, און טראָגען צום אויוועז און אויף קוילען פערברענען — קומט ער פאַר נאַכט אַ היים אַ מידער, אַ שוואַרצער... האָט איהם אָבער זיין ליבער נאָמען אַ זיס טעכטער'ל בעשערט (דער יוד איז אַנ'אַלמן געווען), קומט זי איהם אַקעגען מיט פרייד, און העלפט איהם וואַשען און איבערטהון און גיט איהם צו עסען און צו טרינקען און מאַכט איהם פיין דאָס געלעגער צורעכט...

און קאָן ער נישט איינשלאָפען, — און, זייט ער איז אַנ'אַלמן געוואָרען, טרעפט זיך עס איהם גאַנץ אָפט — צינדט זי אַ קינדעל אָן, אָדער, ווען קלאָרע נעכט, שטעלט זי זיך קעגען דער לבנה צום פענסטעל, און לייענט הויך איהרע „הייליגע" ספרים אויף „עברי־טייטש", די מוטער האָט זי אויסגעלערנט, די ספרים בירושה געלאָזט: צאינה וראינה, קב־הישר, תחנות פון שרה בת טובים... לייענט זי איהם הויך... ער, אַ פראָסטער יוד, הערט זיך איין, ביז די אויגען קלעפּען זיך איהם צו, דאַכט זיך איהם, אַז יענע לייענט, די מוטער לייענט, און ער שלאָפט רוהיג איין, איינגעוויגט פון זיסען קול און די ווערטער די הייליגע...

קומט איהר אַמאָל אַ זעהר האַרץ־ווייכיגע תחנה אין דער האַנד אַריין, אַ תחנה, וואָס אַ מאַמע זאָגט, ווען זי בעט זיין ליבען נאָמען וועגען אַ זווג פאַר אַ קינד...

„און זעה, ליבער, האַרציגער גאָט, פאַר מיין ליבער, האַרציגער טאָכטער וועגען אַ זווג, אַ זווג אַ כשר'ן"... הויבט דאָס מיידעל אָן צו פערשטעהן, וועגען וואָס עס געהט, האַקט זי אָב און וויל אַנ'אַנדער תחנה נעהמען, בעט זיך דער פאָטער:

— ניין, טאָכטער לעבען, ניין... ווייטער לייען... גיב מיר די הייליגע ווערטער אין מויל אַריין, לאָ'מיך בעטען ביי גאָט פאַר דיר... אַ האַרץ האָב איך, טאָכטערשי, אַ פולס, נאָר, אַ יוד אַ פראָסטער, קיין ווערטער האָב איך נישט...

מוז זי פאָלגען און לייענט ווייטער און ווייטער. ווי שמעקענדיגער בוימאייל גיסט זיך די תחנה, לאַנג איינגעשלאָפען איז שוין דער פאָטער

— זי מערקט עס נישט, ער שנארכט—זי הערט נישט און לייענט... און פלוצלונג וועקט זיך אויף א נישט פערשטאנען בענקעניש אין דעם מיידעלס הארץ, די יתומישע נשמה האט זיך צו עפּיס פערבענקט... עס קלאפּט דאס הערצעל־קליין, פייכט און נעפּעלדיג ווערען די אויגעלעך פער־דעקט, די ריין־קינדעריש בלאהע, און דאס קול'עכעל ציטערט און ציטערט און ווערט פון בעהאלטענע טרעהרען פייכט...

און אין מיטען — עפּענט זיך די טהיר און אין איהר בעוויזט זיך א וואונדערליכע געשטאלט... אין א הויב א הויכער און א טערקי־שער שאל, די אויגען לייכטען אזוי לייטזעליג זיס, אז דאס איינגעשרום־פּענע פּנים'ל שטראהלט.

— טאטע! וויל זי דעם פאטער וועקען. לעגט אבער די אלטע א פינגער איבער די לעפצען, ווערט דאס מיידעל שטיל, בלייבט זי, ווי אין א פער'כשופ'טען חלום שטעהן. און די אלטע געהט־צו צום טיש און זעצט זיך, און שטרעקט אויס די האנד און ציהט דאס מיידעל זיך צום הארצען צו...

— שרעק דיך נישט מיידעלע, — זאגט זי — שרה בת טובים בין איך... מיינע תחנות האסטו געלייענט... און עס איז א שטילע נאכט, האב איך אין מיין שטילער רוה דיין זיס קול געהערט, בין איך געקומען צו דיר און האב דיר א מתנה געבראכט...

און נעהמט פון אונטער דער טערקישער שאל די מתנה אפּער:

— זעה, ליעב קינד... אט, סאמעט געשווירענער א שטיק... אויף א בייטעלע צוגעשניטען... און פעל, אלערליי קאלירען זיידענע פול, צום אויסנייהען, דאס בייטעלע... און פעדעם נאך דערצו זילבערנע, און גאלדענע אויך א ביסעל, און פליטערלעך דערצו, אויך זילבער און גאלד... און אזוי זעהסטו נייהט מען, טעכטער'ל, און אזוי ווערט געשטיקט... האלט די נאדעל פעסט, לויף מיט די פינגערלעך געשיקט... זעהסט א מגן־דוד'ל געהט, און אט בליהען בליהמעלעך ארוים... פרישע, ווי אין וואלד אין זומער־צייט... א תפילין־בייטעלע נייה, א מתנה מאך, פאר דיין בע־שערטען א מתנה, ווי דיין ליעבע מאמע האט דיין ליעבען טאטען געשענקט...

און די אלטע לערנט, און דאס מיידעלע שטיקט און העפט...

און אז דער פריה־מארגען בליהט, חאפּט זיך דער פאטער אויף, די

טאַכטער זיצט אַליין אין שטוב מיט אַ תּפילין־בײַטעלע אין די הענט. סאַמעט, זילבער און גאָלד...

3.

און אַז דעם שוויגערס זוהן איז אַלט געוואָרען 17 יאָהר, האָט מען איהם אַרויפגעזעצט אויף אַ וועגעלע און געשיקט אין דער וועלט אַרײַן זיך אַ כּלה זוכען צו שׂרה־בת־טובים־פֿאַנטאָפּעלעך...

פֿאָהרט ער וואַלד־אויס, וואַלד איין, איבער דערפֿער און שטעדט, כּלה־מײדלעך ווי זאַמד און ערד — קײן אײנער פּאַסען די פֿאַנטאָפּעלעך ניט...

פֿאָהרט ער אַ יאָהר, פֿאָהרט צוויי, נישטאָ און נישטאָ, פֿערליערט ער די אֶמונה דערין, קעהרט ער אַהײם; ער וועט טאַטע־מאַמע זאָגען: ס'איז אַ חלום געוועזען, אַזוינע פּיסעלעך קלײנע זענען נישט פֿאַרהאַן...

פֿאָהרט ער אַהײם, און פֿאָהרט, און פֿאָהרט פֿון וועג אַראָב, און פֿערבלאָנדזיעט אין אַ וואַלד, דעמבעס מיט דעמבעס, ריעזען בײַ ריעזען שטעהען, נישט אויס און נישט איין. בלײַבט ער שטעהן, פֿרײַטאָג איז, די זון געהט אונטער און לאָזט זיך, אַ פֿײַערדיגע קויל, אַלץ טיעפֿער און טיעפֿער אַראָב, דער אָבענד פֿאַלט צו — שטעלט ער זיך „שיר־השירים“ זאָגען, און געהט, שיר־השירים זאָגענדיג, אין וואַלד אַרום, האַלט זיך נאָר פֿון וועגעלע נישט ווײַט, און פֿון פֿערד, וואָס פּאַשעט זיך... און שטיל רוישט, בײַ'ם אָבענד־ווינדטעל, דער וואַלד, גלײַך ער וואָלט איהם „שיר השירים“ נאָכגעזאָגט... און שטיל ווערט און טונקעלער, און פּלוצלונג פֿלאַמט צווישען די בוימער אַ פֿענסטער'ל אויף, לויפֿט ער צו מיט פֿרייד און קלאַפּט אָן:

— וואוינט דאָ אַ יוד?

— אַ יוד!

אַ יוד קומט פֿון שטיבעלע אַרויס, בעוויײַזט זיך אויף דער שוועל:

— שלום עליכם, אַ יוד!

— עליכם שלום, ענטפֿערט דער יונגער־מאַן — קאָן מען האַלטען שבּת בײַ אײַך?

— האַלטען יאָ, — ענטפֿערט מיט אַ טרויעריגען שמײכעל דער יוד — נאָר עסען האָב איך נישט וואָס...

— עסען האָב איך, — ענטפערט דער יונגער־מאַן — און טרינ־קען אויך — קומט מיט מיר צום וועגעלע צו, פון אַלעם גוטען אָנ־געגרייט...

אין אַ שעה אַרום נאָך קבלת שבת זיצען זיי שוין ביידע נאָך קדוש ביים טיש... און זינגען זמירות, און עסען... זעהט דער יונגער־מאַן, ווי פון יעדען מאכל נעהמט דער אַלטער און איז קוים וואָס טועם אַ ביסעל, און טראָגט באלד די רעשט פאַר דער טהיר אַרויס, מיינט ער, פאַר אַ קעלבעל צי אַנ׳עוף... איז ער דאָך נישט אַזוי אָרעם דער יוד, פאַר וואָס האָט ער קיין שבת נישט געמאַכט... אַ יונגער־מאַן, פרעגט ער איהם.

זאָגט דער אַלטער: ניין, אַנ׳אָרעמער קוילען־ברענער בין איך... קיין קאַלב, קיין עופות פערמאָג איך נישט... נאָר אַ זיס טעכטער׳ל האָב איך, באָרוועס געהט זי, נעבּיך, שעמט זי זיך באָרוועסערהייד אין שטוב אַריינצוקומען... זיצט זי און עסט פאַר דער טהיר...

נעהמט דער יונגער־מאַן מיט האַרץ־קלאַפעניש די גאָלדענע פאַנ־טאָפעלעך פון בוזעם אַרויס און גיט זיי דעם אַלטען איבער: געהט, מעסט זיי אייער טאָכטער אָן... צי זיי פאַסען, זעהט...

קומט דער אַלטער צוריק: זיי פאַסען...

4.

און ביים רייכען שוויגער איז אַ חתונה געווען... ער האָט מיט׳ן קוילען־ברענער אַ שידוך געטהון, און די חופּה האָט מען אין שטאָדט געשטעלט, און אַז מען איז פון דער חופּה געגאַנגען, האָט זיך פּלוצלונג אַ געשטאַלט בעוויזען, אין אַ הויב אַ הויבע, אין אַ טערקישער שאַל, אַ פּנים אַנ׳אַלטס, נאָר אויגען לייטועליגע און יונגע, און האָט קעגען חתן־כלה מיט אַ קוילי׳טש געטאַנצט...

און נישט אַלע האָבען געוואוסט, ווער דאָס איז...

VII.

פּדיון שבוים.

שעהנקייט, מיינט איהר, האָט איהר אויסגעטראַכט, די פריהערדיגע דורות האָבען פון שעהנקייט גאָר נישט געוואוסט? אַנ׳ איינרעדעניש! מען האָט פון אייביג אָן געוואוסט, אַז די וועלט איז אויך אַ וועלט, אָבער נישט יעדערער איז זוכה צו ביידע וועלטען, און אַ גרויסער נסיון איז עס; מען געהט אויף אַ גליטש...

אָט איז אַמאָל געווען איינער צמח, נאָך גאָר אַ יונגער־מאַן, האָט ער בעקומען אַ גרויסע ירושה — האָט ער טאַקי געפיהרט אַ הויז, אויף אַלע יודען געזאָגט! אַ פּאַלאַץ אויפגעשטעלט, געמאָלטע דירות, פּריציש מעבעל, מיט סאַמעט און זייד געבעט. דילען, ווי שפּיגלען רויטע, עס האָט געבלענדט! און קריסטאָלענע הענג־לייכטער, און קונציג־געבויגענע העסעם אויף די ווענד, און מזוזות אויף די טהירען אין זילבערנע, עכט־זילבערנע שיידלעך מיט גאָלד בעפּוצט... און אַ סוכה האָט ער זיך געשטעלט אַ געשניצטע, מען האָט געזאָגט: פון פּימסענהאָלץ. אַרום אויף די ווענד — יריעות געהאַפטענע, און אויסגעהאָנגענע מיט אתרוגים, לולבים, גראַנאַטען... און אַלע יאָהר, לכבוד יום־טוב, פּרישע. אַ הויז — אַ גן־עדן.
און אַ ווייב האָט ער געהאַט אַנ׳ אמת׳ע יפה־פיה, אַ יפת־תואר, פּאָרטרעטען צו מאָלען... האָט מען אָבער אָן יענער וועלט אויך נישט פאַרגעסען: האָט די יפת־תואר געהאַט איהר גרויסע שטוב בעזונדער, האָט זי די שפּיגעל־שטוב געהייסען, גרויסע געשליפענע שפּיגלען אַרום אויף אַלע ווענד, און אין שטוב זענען געשטאַנען רעדלעך צום שפּינען, און רעמען צום שטיקען און העפטען; פאַרזאַמעלט זי ביי זיך אין שטוב, אַ פּאָר שעה אין טאָג, אויסער שבתים און ימים־טובים, די יתומות פון שטעדטעל און לערנט זיי שפּינען פון וואָל און פלאַקס, העפטען און שטיקען מיט זילבער און גאָלד. זי האָט דערצו אַ געבענשטע האַנד געהאַט, אַ בריה נפלאה געווען, און דערביי אַ חכמה נפלאה און אַנ׳ אמת׳ע צנועה, פלעגט זי זיי

בינו לערנען אויך מדריך זיין, גוטע רעד רעדען און קלוגע רעד, ווי אַזוי אַ יודישע טאָכטער דאַרף זיך אויפפיהרען, וכדומה. דאָס איז איהר מצוה געוועזען. און דער מאַן צמח האָט זיין מצוה געהאַט: אין קרוין פּוילען איז געוועזען אַ צייט פון תהו ובהו, איין מלך האָט מען אַרויסגעטריבען, דעם צווייטען — נאָך נישט אויסגעקליבען, און בין מלכא למלכא איז „איש הישר בעיניו" — איז יעדער שלאַכטאַן געוועזען אַ גרענעץ, יעדער „מאַיאָנטעק" — אַ בעזונדער מלוכה און יעדער פּריץ אַ קייזער, וואָס האָט זיך זיין חיל און זיינע תפיסות געהאַט. פעהלען דאָך, מן הסתם, קיין שלעכטע פּריצים, ווילדעוועט זיי — און אויסגעלאָזט האָט זיך ווי דער סדר עולם איז, צו זרע אַברהם יצחק ויעקב... האָבען געליטען די ישובניק'עס, די פּאַכטער מיט אַרענדאַרען. פאַר אַ שלעכט וואָרט — שמיץ, פאַר נישט צאָהלען אַ ראַטע צו דער צייט — תפיסה, אָנגעטהון דיבעס און אַריינגעוואָרפען אין אַ נאַסע הייל מיט ווייב און קינד... האָט זיך דער צמח פערנומען מיט פדיון שבוים און פלעגט אַרומפאָהרען אין די דערפער מיט אַ ביטעל מיט רענדלעך און אויסליזען.

איינמאָל, ווינטער צייט איז עס געוועזען, אַ גרויסער שניי אָנגעפאַלען, פאַלט אַריין צום גביר צמח אַ מלמד פון אַ דאָרף, וואו ער האָט ביים אַרענדאַר געקנעלט, אָטהעמט קוים פאַר שרעק, די אויגען קריכען איהם פון אונטערן שטערן אַרויס, און מיט שוים איבער די ליפען דערצעהלט ער, אַז היינט פאַר-טאָג איז מען פון פּריץ בעפאַלען דעם אַרענדאַר, אָנגעטהון דיבעס איהם מיט'ן ווייב און דעם גאַנצען בני בית, פערנומען און אַריינגעוואָרפען אין תפיסה אַריין, און ער אַליין, דער מלמד, איז קוים אַנטלאָפען מיט'ן לעבען; מען האָט איהם אויך געוואָלט פערנעהמען, נאָר ער האָט אַ פענסטער אויסגעהאַקט, אַרויסגעשפּרונגען און איבער'ן פעלד אַנטלאָפען. אַ פויער האָט איהם נאָכגעוואָרפען אַ קלאָניצע, אין פּוס אַריין געטראָפען, און אָט בלוטיגט נאָך דער פוס... שיקט מען צום מלמד נאָכ'ן רופא, און צמח הייסט איינשפּאַנען דעם שליטען, וואַרפט זיך אַריין אין ביבער-פעלץ, פערגעסט נישט מיטצונעהמען אַ ביטעל מיט רענדלעך, זאָגט אַ תפלה קצרה פאַר'ן וועג און פאָהרט... וואָס רעכענט ער, צמח? דער אַרענדאַר האָט קיין ראַטע נישט בעצאָהלט! פאַלט ער אַריין צום פּריץ — אַריין לאָזט מען איהם, ער איז דאָך צמח, האָט עסקים מיט'ן פּריץ — לאַנג בריען וויל ער נישט, דער אַרענדאַר מיט'ן בני בית קאָנען דערוויל געפרוירען ווערען

אין תפיסה, דער פראָסט קנאַקט, פערשמירטע שויבען! פרעגט ער נאָר: יאַסני פּאַניע, וויפיעל קומט פון אָרענדאַר?

שמייכעלט דער פריץ פון אונטער די וואָנסען און שלעכטע פייער־לעך שלענגעלט זיך איהם אין די אויגאָעגנס: עס קומט איהם ביים אָרענדאַר גאָר נישט... פאַר א חוב וואָלט ער איהם אין תפיסה אַריינגעוואָרפען? ענטפאַלט ביי צמח'ן דאָס האַרץ. פרעגט ער: יאַסני פּאַניע, ער האָט דיך בעליידיגט, אַ שלעכט וואָרט געזאָגט?

— וואָלט ער שוין לאַנג געהאַנגען!

— וואָס דען, יאַסני פּאַניע, וואָס דען? און דאָס האַרץ ביי צמח'ן קלאַפּט, ווי ביי אַ גזלן.

— גאָר נישט, זאָגט דער פריץ. נאָר איך ווייס, זאָגט ער, אַז איהר האָט אַ גרויסע תורה מיט תרי"ג מצות און אַלע קאָנט איהר נישט מקיים זיין, נעהמט זיך יעדער יוד צו איין מצוה, צו זיין מצוה פאַר וועלכער ער איז זיך מקריב, און מען האָט מיר דערצעהלט, אַז דו האָסט אויף דיר גע־נומען פדיון שבוים און דו האָסט אַ ווייב אַ יפה־פיה, אַנ' אמת'ע יפת־תואר, שעהנער ווי אַלע פּריצות, וויל איך דו זאָלסט מקיים זיין פדיון שבוים... פאַר איין שעה יחוד מיט דיין ווייב! — מאַגס זיין וועל איך זי נישט.

חאַפּט צמח און אַנטלויפט, און פערגעסט אָן שליטען און לויפט צו פוס. לויפט ער פאַרביי פאַר'ן פריץ'ס תפיסה, געהען גוים מיט קאָסעס אַרום דער תפיסה אויף דער וואַך, און פון תפיסה הערט זיך אַ גרויסע יללה, און איין פויער לעגט איבער די קאָסע פון דער רעכטער אין דער לינקער האַנד און ווישט זיך מיט'ן רעכטען אַרבעל די אויגען אויס. „פּאַניע צמח, זאָגט ער, אַ ביטערער רחמנות, איין קינד איז שוין דער־פרוירען געוואָרען"...

חאַפּט עס צמח'ן אָן ביים האַרץ, לויפט ער צוריק צום פריץ: אַז נישט מאַגס זיין, איז ער ביי גאָט אין די הענד — און דער שליטען איז נאָך איינגעשפּאַנט. חאַפּט אויף זיך דער פריץ אַ בערן־פּעלץ, לויפט אַרויס, צמח שטרויכעלט נאָך, דער פריץ זיצט שוין אויבען אָן, חאַפּט אָן צמח'ן, וואָס ווייגערט זיך אין דעו' העלפט, הויבט איהם אויף ווי אַ קינד און זעצט איהם נעבען זיך, און גיט אַ זעץ דעם שמייסער אין די פלייצעס אַריין: פּאָהר! און די אָבגעקיהלטע פערד רייסען אויס מיט אַמאָל

און מען פערשווינדט אין אַ שטויב פון שניי, גלייך שדים וואָלטען געפלויגען...

געקומען, לאָזט צמח דעם פריץ אַריין אין אַ בעזונדער חדר אַריין, און געהט איבער'ן קאָרידאָר צום ווייבס חדר, שטעהט די טהיר אָפען, שטעהט דאָס ווייב זיינס צווישען יתומות און רעדט מיט זיי האַרציגע דבורים און לערנט זיי. רופט ער זי אַרויס און דערצעהלט מיט גרויס געוויין און האַרץ־וועהטאָג, וואָס עס איז געשעהן, און ווייזט איהר אָן אויפ'ן חדר, וואו דער פריץ וואַרט אויף איהר. און איידער ער הערט איהר תשובה, ווערט איהם, נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט גוט, פאַלט ער אַנידער אויף אַ שטוהל און בלייבט חלשות... און אַז ער חאַפּט זיך אויף, פערשטעהט ער נישט, וואָס דאָ איז געשעהן, וואָס ער זיצט אין פאָדער־הויז אויף אַ שטוהל און איז אַזוי מאַט און בעגאָסען מיט שווייס. עפענט ער אויגען און אויערן, דערהערט ער דעם פריץ'ס קול פון אַ שטוב. דערמאָהנט ער זיך אַל'ץ מיט אַמאָל, שפּרינגט אויף, לויפט צו צו דער טהיר, די טהיר איז פערמאַכט; בויגט ער זיך איין, קוקט דורכ'ן לאָך פון שליסעל, זעהט ער, ווי זי זיצט אויף דער סאָפע, ער נעבען איהר אויף אַ פאָטער־שטוהל, אויפ'ן טיש — כבוד, און ער האַלט איהרע הענד אין זיינע הענד, און אָט נעהמט ער איהרע הענד צו זיין מויל, — חאַפּט צמח'ן אָן אַ שרעק, הויבט ער אָן לויפען איבער'ן פאָדער־הויז, לויפט ער פאַרביי דער שטוב, וואו די מיידלעך זיצען, די טהיר איז אָפען, זעהט ער גאָר, אַז זיין ווייב זיצט צווישען די מיידלעך און לערנט זיי, און איהר פנים שטראַהלט מיט חכמה און צניעות — וואָס איז? אַ פערבלענדעניש? לויפט ער צוריק צום לאָך פון שליסעל אין יענעם חדר זיצט זי שוין איבערגעבויגען צום פריץ, איהר קאָפּ אויף זיין אַקסעל, און ער נעהמט זי אַרום און בויגט צו די יצר־הרע־פער'שכור'טע אויגען צו'ן איהר בלאַס פנים, די וואָנסען צו די ליפען, האַפּט צמח'ן ווייטער אָן אַ גרויל, לויפט ער צו יענער שטוב, זיין ווייב איז פאָרט צווישען די מיידלעך, ער זעהט זי בעשיינפערליך, און ער הערט איהר קול און טרינקט מיט דאָרשט איהרע קלוגע רעד:

— אַ יודישע טאָכטער — לערנט זי די יתומות — מוז זיין ריין, ווי אַ קריסטאַל, ווי אַ ריינקייט.

דערהערט ער אָבער אַ גערודער פון יענעם חדר, חאַפּט עס איהם אָן און וואַרפט איהם אַהין, זי זיצט שוין אינגאַנצען אויף זיין שויס,

נעהמט אַרום מיט ווײַסע נאַקעטע הענד זײַן רויטען האַלז, און מויל גענעהנט זיך צו מויל, ליפּען — צו ליפּען, אַז עס קלינגט... פּאַקט עס איהם, ווי אַ שגעון, לויפט ער צוריק. דערהערט ער שוין אויפ'ן וועג איהר זיס־קלינגענדיג קול פון דער שפּיגעל־שטוב אַרוים:

— אַ יודישע טאָכטער דאַרף זײַן שטיל, ווי אַ טויב, און ריין, ווי אַ שפּיגעל אָהן אַ הויך... פערדרעהט זיך שוין דעם אָרעמען צמח אין קאָפּ, פאַלט ער, אַ שווײַס־בעגאָסענער, אויף דעם שטוהל און פערגעסט זיך אײַנגאַנצען...

און אַז די שעה פון יחוד איז אַריבער, חאַפּט ער זיך פון זיך אַליין אויף. דער פריץ געהט אַרוים פון פאָדער־הויז, ער זעהט נאָך זײַן רויטען קאַרק אין טהיר. ווי ער פערשווינדט, דערמאָהנט ער זיך אַלץ, וויל אויפשפּרינגען, קומט אָבער זײַן ווײַב, זיס און צניעות'דיג־שטראַהלענדיג, פון שפּיגעל־שטוב אַרוים, געהט צו איהם שטיל צו, לעגט די האַנד אויף זײַן שטערן און זאָגט איהם:

— אין זכות פון פדיון שבוים!

ענטפערט ער איהר:

— אין זכות, וואָס דו לערנסט די יתומות...

ער האָט פערשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אַ סיעתא דשמיא — אויפ'ן יצר־הרע'דיגען פריץ אַ פערבלענדעניש. —

VIII.

לְבָנָה־פֶּערל און אַלְטוואַרְג.

אַמאָל איז געווען אַ „בת־מלכּה״...

איך וויל אייך אָבער נישט גענאַרען; עס איז קיין עכטע בת־מלכּה נישט געווען...

דער פאָטער, אויב ער איז זיכער, איז אַ פער'מרה־שחורה'טער שוסטער געווען, די מוטער — אַ מאַרק־יודענע, וואָס האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּען... נאָר אויגען האָט זי געהאַט פון אַ בת־מלכּה, מען האָט זיך טועה געווען...

און פערליעבט אין די אויגען האָבען זיך צוויי אָרעמע יונגע לייט, ווי האָבען זי פאַר אַ ווירקליכע בת־מלכּה געהאַלטען, און ביידע, חאָטש יעדערער בעזונדער, האָבען געזאָגט: „זי, אָדער — אַ שטריק אויפ'ן האַלז״, די אייגענע ווערטער, חאָטש איינער האָט פון צווייטען נישט געוואוסט, ווי האָבען זי גאָר אפשר נישט געקענט.

און ביידע, חאָטש יעדערער בעזונדער, האָבען זיך בעשלאָסען די בת־מלכּה צו בעקומען.

נאָר ווי אַזוי?

מען גערט דאָך נישט צו קיין בת־מלכּה — בפרט, ווי זיי האָבען געמיינט, צו אַן אמת'ער, מיט לעדיגע הענד, האָבען זיי ביידע אָנגע־הויבען צו זוכען מיטלען, מיט וואָס נושא־חן צו זיין אין איהרע אויגען.

און ביידע האָבען געזוכט, נאָר יעדערער אויף זיין אופן:

איינער האָט אָנגעהויבען אַרומגעהן גאַנצע טעג מיט די אויגען אַראָב, דער צווייטער גאַנצע נעכט — מיט די אויגען אַרויף.

דער „מיט די אויגען אַרויף״ איז געווען אַ ראָמאַנטישע נאַטור׳ ער

האָט זײַן גליק נישט געוואָלט אויפהויבען פון מיסט אין גאַס. ער האָט זײַן גליק אין הימעל געזוכט; דערהויפט — אין אויסגעשטערנטע לײַטועליג־פערחלומטע נעכט...

און גאַנצע נעכט האָט ער אונטער דער שטאָדט, אין וואַלד, אין פעלד, צי בײַם טײַכעל פערבּרענגט אָדער אָבגעשטאַנען בײַם קלײַנעם פענסטער׳ל אין דאַך־שטיבעל בײַ זיך, און אַלץ מיט די אויגען אין דער הויך, אַלץ צום הימעל אַרויף, צו דער בּלאָהער הויך, צו לבנה און שטערען. מיט האַרציג־פײַכטע אויגען האָט ער זיך פאַר זײ אויף זײַן מזל געקלאָגט, מיט ציטעריגע ליפּען פון זײַן ליבּע דערצעהלט און אַלץ אין אײנעם געבּעטען זיך: שענקט מיר, הימעלשע לײַט, פון אײַערע גוטע זאַכען עפּיס רײַנס און גוטס פאַר אַ מתנה פאַר דער שעהנער בת־מלכּה; זאָל איך נושא חן זײַן אין איהרע אויגען, זאָל זיך איהר האַרץ ווענדען צו מיר, זאָל זי מיר איהר ליבּע שענקען, וואָרום אַ'ניט, וואָס איז מײַן לעבּען ווערטה?

דער ערשטער אָבער, דער „מיט די אויגען אַראָבּ”, האָט אַנדערש געטהון! ער ווײסט, אַז עס וואַלגערן זיך אַרום אויף דער ערד אַלערלײ אויעק־געוואָרפענע און פערלוירענע זאַכען. מען וואַרפט אַרויס פון אַ הויז אַ שטיקעל אַלטווארג; עס גליטשט זיך אויס פון אַ האַנד אַ צו־גלאַטער גראָשען; אַ פערד פערליערט אַמאָל אַ פּאָדקאָווע; עס וואַלגערן זיך אויסגעקרימטע נעגעל, עס טרעפען זיך אַמאָל אויך כּשר׳ע מציאות — און אַז מען האָט געדולד און אַ גוט אויג, און מען קלויבּט לאַנג, קאָן מען צו עפּיס קומען: פון גאָר נישט מיט גאָר נישט ווערט עפּיס, פון עפּיס און עפּיס — אַ פּאָר גראָשען; און די גרעסטע פערמעגען׳ס בּעשטעהען אויך נאָר פון גראָשען, — און בּײַ׳ן אַ פערמעגען ווערען בת מלכּה׳ס הערצער ווײך ווי אַ וואַקס...

הויבּט ער אָן זוכען אין גאַס...

דאָס זענען געוועזען די צוויי אופנים פון די צוויי ליבּהאָבּער...

און פון וועלכען זאָל איך אײַך דערצעהלען פריהער? אין גאַס, אין געשעפט, ווען איהר זוכט שדוכים פאַר אײַערע טעכטער, זענט איהר, געוויס, פּראַקטישע מענשען, איז דער „מיט די אויגען אַראָבּ” וואָלט אײַך מעהר אינטערעסירט; צווישען טאָג און נאַכט אָבער, ווען איהר נעהמט אײַך צום לײַענען, ווערט איהר סאַמע רוחניות, סאַמע נשמה, און אײַער מיטגעפיהל איז אַודאי אויף דער זײַט פון דעם „מיט די אויגען אַרויף”, לאָז איך איבּער, אויף אַ ווײַלע, דעם „מיט די אויגען אַראָבּ”

און וועל איך פֿריִהער דערצעהלען, ווי אַזוי עס איז געגאַנגען דעם פֿון „די אויגען אַרויף“...

ער קוקט אין הימעל אַריין, און ער האָט אַזוי לאַנג געקוקט און געקוקט, און געקלאָגט זיך אַזוי האַרציג אויף זיין מזל, און אַזוי ריהרענד דערצעהלט פֿון זיין אָרעם לעבען און רייכער ליבע; ער האָט אַזוי פֿיעל שעהנע און האַרציגע ווערטער געהאַט פֿאַר זיין איינזאַמקייט, בענקשאַפֿט און דעם פֿלאַם, וואָס ברענט איהם אין האַרצען, — ביז די גוטע שטערענדלעך מיט די קינדערש־ריינע הערצעלעך האָבען אויף איהם אַ רחמנות בעקומען, און געמיהט זיך פֿאַר איהם ביי דער קאַלטער לבנה! — נישט איין שטערענדעל, האָט געזאָגט, אַז עס געהט אוים פֿאַר צער! — — אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט ביז די לבנה האָט אויך אויף איהם רחמנות בעקומען, און איינמאָל אין אַ שעהנעם העלען ענדע נאַכט, עס האָט נאָר וואָס געזאָלט אָנהויבען גראָהען דער טאָג, האָט זי אויף איהם אַ לייטזעליג אויג געוואָרפֿען און אין דאַך־שטיבעל אַריין, דורכ'ן קליינעם פֿענסטער, אויף אַ לאַנגע זילבערנע שטראַהל — נישט מעהר און נישט וועניגער, נאָר אַ שנירעל לבנה־פּערל דערלאַנגט!

דער אָרעם־בחור ווערט שיער נישט משוגע פֿאַר פֿרייד, און חאַפּט תיכף ומיד, און לויפֿט צו דער בת־מלכה און קלאַפּט אָן אין טהיר.

— ווער איז דאָרט? — הערט זיך דער בת־מלכה'ס זים קול, נאָר אַ ביסעל פֿערשלאָפֿען און דערשראָקען — ווער וועקט עס מיך פֿון שלאָף? ווער האָט מיר מיינע שעהנע טויבען, די געפֿליגעלטע חלומות פֿעריאָגט? —

— איך! איך! — ענטפֿערט ער מיט אַ פֿערציטערט קול, — בת־מלכה! איך האָב דיר אַ הימלישע מתנה געבראַכט, אַזוינע, וואָס קיין שררה שענקט זיין ווייב, און אפילו זיין געליעבטער נישט, וואָס יענע האָבען אין זייערע אוצרות נישט, וואָס די וועלט, די גאַנצע וועלט פֿערמאָגט נישט, און איך האָב פֿון הימעל בעקומען און איך פֿערלאַנג דיין ליעבע דערפֿאַר...

„פֿון הימעל?“ וואונדערט זיך די בת־מלכה און שפּרינגט אַראָב פֿון בעט און שליסט אויף די טהיר און עפֿענט אַ שמאָלע שפּאַרע, און שטעקט אַרוים די ווייסע מאַרמאָרנע האַנד נאָך דער מתנה.

און אַז דער יונגער מאַן דערמאָהנט נאָך אַמאָל זיין בעדינג, הייסט זי איהם קומען פֿאַר נאַכט אַז די זון וועט אונטערגעהן נאָך אַ תשובה...

איז ער, דער ליעבהאָבער מיט די אויגען אַרויף, דערפֿרעהט

געוואָרען און איז זינגענדיג און אונטערטאַנצענדיג פון שטאָדט אַרויס, צום פעלד, צום טײַך, צום וואַלד. אין די אויגען — די ווײַסע מאַרמאָרנע האַנד, אין אויער — דאָס זיסע קול... ער לויפט. די זאַנגען אין פעלד, דאַכט זיך איהם, ווינשען איהם גליק, דאָס טײַכעל רוישט: מזל-טוב! מזל-טוב! די בוימער שאָקלען צו מיט די קעפּ: יאָ, יאָ, עס קומט דיר, דו לבנה-פרײַנד! און די פויגעל, די בעזינגען איהם שוין די כלה...

נישט געגעסען און נישט געטרונקען, איז ער אַזוי, זינגענדיג און טאַנצענדיג, אַרומגעלאָפען אונטער דער שטאָדט. נאָר אָט לאָזט זיך די פלאַמענדיגע זון אַראָב, ווײַכע קיהלע שאָטען לעגען זיך איבער טײַך און פעלד, די בוימער-שטאַמען גילדטען זיך, אַ שטיל ווינדטעל צולאָזט די פליגעל און עפּיס אַן' אויסטערלישער פויגעל קלאַפּט מיט'ן שנאָבעל אין בוים אַרײַן, און רופט: צײַט! צײַט! און ער לויפט אין שטאָדט אַרײַן נאָך אַ תשובה...

ער קלאַפּט נאָך אַ מאָל אָן אין דער בת-מלכה'ס טהיר, נאָר שוין זיכערער.

— ווער איז דאָרט? פרעגט די בת-מלכה שאַרף און אומגעדולדיג.

— איך, דער וואָס האָט דיר פון דער לבנה'ס פערל געבראַכט — נאָך אַ תשובה בין איך געקומען...

און עס הערען זיך לײַכטע טריט, און אויף אַ שמאָלע שפּאַרע עפענט זיך נאָך אַמאָל די טהיר, און ווי אין דער פריה שטעקט זיך אַן' אַלאַבאַסטער-האַנד, נאָר שוין נישט קײן נאַקעטע, אַרויס...

— „איך האָב דײַנע פערל צו אַלע גאָלדשמידען געטראָגען — קײנער וויל זיי אין האַנד אַרײַן נישט נעהמען: נישט קויפען, נישט טוישען... עפּיס פרעמדע שטײנדלעך, זאָגען זיי, נאָר דאָ אָהן אַ ווערטה. איך בין אין אַ שניט-קראָם געלאָפען, געוואָלט האָטש אַ ציצען קלײדעל דערפאַר, — מען האָט מיך אויסגעלאַכט. מיעד און הונגעריג בין איך צו אַ שפּײַז-געוועלבעל געקומען, און האָב פאַר'ן גאַנצען שנירעל לבנה-פערל אַ קלײן שטיקעל קעז געבעטען, האָט מען מיך, ווי אַ ווילד-משוגענע, אַרויסגעטריבען". —

און די מאַרמאָרנע האַנד וואַרפט איהם די פערל צו די פיס און ציהט זיך צוריק און פערוואַרפט די טהיר, און הײזעריג דרעהט זיך איבער דער שליסעל אין שלאָס...

גאַר אַנדערש איז צוגעגאַנגען מיט'ן צווייטען, מיט דעם פון „די אויגען אַראָב".

ער האָט געקליבען און געקליבען: טעג, חדשים, יאָהרען...

אַ קורצע צייט אַרום, אַז ער האָט שוין אַ פולע קאַמער שטיקלעך און אַלטוואַרג געהאַט, האָט עס אַ געהער פאַר קליין געלד אָבגעקויפט, דער „קלויבער" האָט דאָס געלד אין אַ שפּאָרקאַסע געלעגט און ווייטער געקליבען און ווייטער פערקויפט... אַמאָל האָט זיך איהם אויך אַ כשר'ע מציאה געטראָפען... אַז מען זוכט, געפינט מען; גאָט העלפט... פון גאָרנישט מיט גאָרנישט ווערט עפּיס, פון עפּיס און עפּיס — אַ דרייער און ווי געזאָגט, דאָס גרעסטע פערמעגען בעשטעהט פון דרייער. איז ער טאַקי צו אַ פערמעגען געקומען, צו כבוד אויך. אָנפאַנגס האָט מען זיך פון איהם אָבגערוקט: אַ מענש זוכט אין דער בלאָטע!.. דערנאָך גוטיג צוגעשמייכעלט... שפּעטער — ערנסט בעטראַכט, און גאָר דערנאָך, אַז ער איז שוין רייך געוואָרען, בעוואונדערט און פאַר אַ מוסטער געשטעלט!...

און אַז ער איז שוין רייך געוואָרען, האָט ער זיך אַ פּאַלאַץ געקויפט ביי'ן אַ שררה'ס אַ געליעבטער, אַלט נאָר גרויסאַרטיג מעבעל אָבגעהאַנדעלט און דאָס פּאַלאַצעל אויסגעציערט; אין דער שעהנסטער שטוב האָט ער אַ גאָלדען בעט, מיט אַטלאַס און סאַמעטען בעטגעוואַנד געשטעלט און האָט פון פּאַלאַץ דעם גאָלדענעם שליסעל גענומען און איז צו דער בת מלכה געגאַנגען און געפרעגט זי, צי וויל זי מיט איהם צוזאַמען וואוינען אין פּאַלאַץ און שלאָפען אין גאָלדענעם בעט? און זי האָט געענטפערט: יאָ.

און אין ח נד־טאָג איז ביי דער אָרעמע סעודה, דער „מיט די אויגען אַרויף" צווי ען ד, אָרעמע לייט געזעסען און געגעסען און מיט שלעכטען בראַנכע זיך אָנגעשכורט... און ביי נאַכט, אַז מען האָט דאָס פּאָר פּאָלק לײ ן געפ ־רט, איז ער אַנטלאָפען אין וואַלד אַריין און — האָט זיך אויפ'ן ער ש גן בעסטען בוים, — אויפגעהאָנגען...

IX.

צוריק אין דער אלטער היים.

I.

קענסט דו דאס ארט, וואו חלומות בליהען, ווי רויזען
וואו די שטערען טריפען סודות אריין אין דער נאכט;
וואו העלע געזיכטער מיט שטראהלענדיגע אויגען
שפינען ליעבליכע נעצען ארום דער נשמה,
ארום הארץ?

וואו דער טאג-גערויש ווערט איינגעזאפט מיט פרייד,
און ליעב און בעקאנט איז יעדע מויער, יעדער שטיין
און יעדער שאטען, וואס בויגט זיך ארויס
צווישען טאג און נאכט פון יעדעם שפאלט
דערצעהלט זיס-שוידערהאפטע זאכען
אזוי ליעב?

דאס איז די היים,
די אלטע היים.

II.

אונשולדיג-שטיל-היימישע נאכט,
ד'וויל מיך וואשען ריין
אין דיינע שטיל-ציטעריגע וועלען;
אין דיין שטיל-ציטעריגער זילבער-נעץ
היל מיך איין.

ד'ווּיל צוריק זײַן דײַן אמאָליג קינד־
דײַן אמאָליג ריין גלויביג קינד —
דערצעהל עפּיס, דערצעהל...

III.

דאָ בּין איך, מאַמע,
צוריק דײַן קינד,
דײַן ריין, אוּנשוּלדיג, גלויביג קינד —
ד'ווּיל פערגעסען די גאַנצע צײַט
פוּן אָפּגעריסענקײַט פוּן דיר —

אוּנטער דײַן טהיר
האָבּ איך זי געלאָזען...
אין דײַן שוּים, מאַמע, ווײַל איך אַלץ פערגעסען:
די בּלומען, וואָס האָבּען פערבּליהט,
די דערנער, וואָס האָבּען געשטאָכען...
די שלאַכטען, וואו איך האָבּ געזיגט
און די וואונדען, וואָס בּלוטיגען, בּלוטיגען...

ניין,
עס טהוּט גאָר נישט, גאָר נישט וועה...
אויף מײַן קאָפּ ליגט דײַן האַנד, און ער טהוּט נישט וועה...
ניין, ער איז נישט גראָה...
קרײַזעל מיר די לאָקען, מאַמע...
שוואַרצע לאָקען האָבּ איך, זעהסט?
און די רויטע בּעקלעך בּליהען,
און ווי קליין איך בּין,
און ווי ריין מײַן שטימע קלינגט —
אַ זילבּער־גלעקעל, וואָס?

IV.

געשלאָסען אויפ'ן אַלטען, מעכטיגען שלאָס,
איז דער געשמידעטער אײַזען־טויער פון שול.
אויף געבּלענדטע, האַלבּ־קײַלעכדיג גרויסע שפּאַקולען

קוקט זי מיט א שווערען אומעט
אין דער נאכט אריין.
פערשטומט די קינדער-פרייד,
די רוישענדיגע שוואלבען-שאר.
וואס שלאגט זיך גאנצע טעג
אין די אלטע, גרין-פערגאלדטע שויבען-שטיקער,
און פלאנטעט זיך אין רעגענבויגען-פארביגען שפינוועבס,
רוהען אין די נעסטען,
איינגעהילט אין שאטען...
די שול איז מיט מתים פערנומען,
מיט מתים פון מיין צייט און געשלעכט...

V.

אין דער שטילער נאכט
געה איך איינער אליין
אויפ'ן אלטען מארק ארום.

ניין, נישט אליין!
עס געהט מיין גאנץ געשלעכט...
שאטען ריהרען מיך אן,
ווישענדיג זיך אן מיינע קליידער,
פון פארנט און פון הינטען,
און פון יעדער זייט.

עס געהט מיט מיר מיין גאנץ געשלעכט...
און אלץ, וואס עס האט איבערגעלעבט
פלאטערט און שוועבט
ארום אין דער לופט, ווי שאטען
פון לאנג איינגעפאלענע מויערן,
וואס האבען זיך פערבלאנקעט און פערוויקעלט
און ציטערן אויסער דער צייט...

. . . .

VI.

אנ׳ עולם געהט...
א גרויסער, פרעהליכער עולם:
מענער, פרויען, קינדער...
גלאנצענדיגע קלײדער טראָגען זײ, די מענער;
אַטלאַס, זײַד, שפּאָגעל נײַע קלײדער ——
בענדער, העל־פּאַרביג־לוסטיגע בענדער
איבער ווײַבער־קעפּ!
פון אונטער ברעמען, שפּראָצען, שפּריצען
בליקען שטראַהלענדיג־פרישע...

רויטע פאָהנען טראָגען פרײד־געװײנטעלטע קינדער ——
הײנט איז — שמחת תורה!

בײַ מיר, אין פערבאָרגענעם
הײליגען ווינקעל, אין הארץ,
אין קינדערישען קדשי־קדשים,
בליהט דאָס הײליגע גליק
מיט הײליגען ווײה־רויך לײַכט פערנעפעלט...

ד׳זעה!
צופלאָסען גאָלד, א שטראָם צופלאָסען גאָלד
זענען איהרע לאָקען ——
פאַר איהרע בליקען בלײַכען זיך די פלאַמען
פון פאַקעל און הבדלות —
ווי א פלאַמענדיגער מאָן אין פעלד
איבער אַלע זאנגען שיסט
מײַן ליעב ארויס,
איבער אַלע קעפּ!

. . . .

VII.

עה, נײַן, כלי־זמר שפּיעלען,
עס וואַקעלט זיך דער עולם ——

פורים שפּיעלער, שטעלצען־געהער,
אלערליי שלח מנות טרעגער
ווימלען רעכטס און לינקס.

הער, יונגעלע,
שטעל דיך, אָרעם יונגעלע
פון אחשורש שפּיעל!
נאַ דיר, נאַ, אַ צעהנערל,
טרעט מיר נאָר דיין מאַסקע אָב
מיט דער רויטער נאָז...

— דאָס בין איך, מלכה'לע,
שרעק זיך נישט...
געגעהן דיך נאָר,
זעה, ווי גוט איך שפּיעל...

. . . .

VIII.

עס מישען זיך די שאָטען דורך...
אח, ווי שטיל דער עולם טרעט,
ווי גייסטערהאַפט עס קלינגט:
צדקה תציל ממות...

ווייּן נישט, קינד...
זעה, איך וועל דיר טאַטע זיין,
מאַמע זיין...

IX.

שטיל האָט דורכגעשוועבט די נאַכט,
און שוועבענדיג,
אַ פענסטער נאָך אַ פענסטער פערלאָשען...

אַ פער'חלומ'ט זילבער־גרוי
שוועבט, קוים־קוים הערינווידיג,
איבערן סקווער...

אין די צווייַגען
האָבען די מידע פויגעלעך
די קעפּלעך אונטער די פליגעל
בעהאַלטען . . .
טס . . .
יערעס אָרעם גרעזעל האָט זיין שלאָפגעטראַנק בעקומען —
זיין טראָפּען טוי . . .

אין פער'חלום'ט זילבער־גרוי
טריפט די לבנה שטיל
איהר ליכט אַריין . . .

אויף פייַכטע, שטילע אָבענד־פליגעל
שווימען די זכרונות אָן:
קינדער־טעג,
בעפעלדיגע קינדער־שאָטען.

X.

ביסט אַליין?
אין דער פינסטער אַליין?
איך האָב עס געוואוסט,
און דעריבער געקומען.

צינד נישט אָן קיין ליכט . . .
ניין, ניין!
זעה מיך נישט, און גלויב,
אַז איך בין דער זעלבער —
וואָס אַמאָל . . .

נישט געזעגענט איז דער שטערן,
גראָה — איז קיין איינציגע האָר . . .
און דאָס האַרץ איז ווי אַ מאָל —
זיי דו אויך אַזוי . . .
דו ביסט אַזוי? וואָס, ניין?

דאָ,
וואו מיר זענען אַ מאָל געזעסען,
און צום לעצטען מאָל...
גיב מיר דיין האַנד,
דיין ווייסע שמאָלע האַנד...

דו רויטעלסט זיך?
איך זעה נישט, קינד,
פיהלען פיהל איך עס...

און — וואָס קלאַפּט אַזוי?
שלאָגט אַ זייגער וואו?
פּיקט אַ פויגעלע אָן שטיין?
אָדער דיין האַרץ שלאָגט?
אָדער — מיינס?

XI.

אין שאָטען פון אַלטען הויז,
שטעהט אַן' אַלטע באַנק...
איך זיץ, זי — נעבען מיר.
איהר ווייס קלייד בליצט מיר פאַר די אויגען,
דער הייסער מאָן אין די שוואַרצע האָר...
און, ווי פון ווייטע, ווייטע וועלטען,
איהר שטימע קלינגט:
—„איך וועל שוין לאַנג נישט לעבען..."
און אויף מיין האַנד טריפט
אַ טרעהר נאָך אַ טרעהר...

. . . .

XII.

זייט געזונד!
טרוימען רופט מען נישט צוריק...
און פערהילכט אַ טאָן,
קען ער נישט איבערקלינגען...
צוויי מאָל פליהט דער זעלבער שאָטען נישט אַ דורך!..

X.

טרויער.

I.

זיסע נאַכטיגאַל, נאָך וואָס?
נאָך וואָס זינגסט דו?
וועמען קלינגסט דו
פון קליינעם האַרץ אַרויס, וואָס גליהט
דײַן ליעבעס־ליעד, דײַן לעבענס־ליעד? —
נאָך וואָס?
פאַר וועמען גיסט דו דײַנע טרערען?
פאַר'ן נידריג־שטומען גראָז,
פאַר די גוסס'דיגע בלעטער,
טויבע מענשען, שטאַלצע געטער?
וועמען שענקסט דו דײַנע פערל,
דײַנע טרערען?

II.

און דו, וואַסער, נאָך וואָס קוועלען?
וועמען ניצט דײַן ווילדער טאַנץ
אין אָבענד־גלאַנץ,
איבער שטײַן און בײַן?

נאָך וואָס נעקען?
נאָך וואָס וועקען?
נאָך וואָס רוישען, איבערשרעקען

וואַלד און טהאָל
און דאָס מידע גראָז?
און דו, שטיל בעהאַלטענע פלאַנץ,
פלאַנץ אָהן נאָמען,
פלאַנץ אָהן קראַפט,
נאַקעט און גאָל...

ווענען טויג דיין גאַנץ בעמיהען,
נאָך וואָס ציהען
פון דער ערד אַרויס דעם זאַפט
און פערשפּרייטען זאָמען?

III.

אין דער בלאָהער שטילער הויך,
פון ליעבעס־קוואַל און לעבענס־קוואַל
ציטערט בלייך
אַ הימליש אויג —
און עס ציטערט, און עס שוועבט,
און עס פליסט, און שפּינט, און וועבט
פון האַרץ אַרויס אַ גאָלדענער שטראַהל — —
מען האָט דערפון אַ סך?
פון דעם אַלעם וועט נישט זיין —
אויף אַ הייזעל — ניט אַ שטיין!
און קיין שינדעל אויף אַ דאַך!
פאַר דעם, וואָס וואַנדערט אין דער פרעמד,
אָבגעמאַטערט, נאַקעט און גאָל!
און קיין פאָדעם אויף אַ העמד.
אויף תכריכים נישט צו מאָל!
און קיין קערנדיל אויף ברויט,
קיין אַרבעס־שויט!

IV.

ציטער, זיסע פלאַנצען־שוים!

פלאַם און פלאַטער, ווילדע רויז!
גאָר אײל דיך, אײל!
עס שטעקט זיך שוין אַ האַנד אַרויס
דיך אָבצופליקען!

זילבער־גלעקעל, טײַכעל־מײַן!
וואָס טאַנצסט אין אָבענד־גלאַנץ אַלײַן...
זינג נאָר, קלינג נאָר, און דערצעהל
אַלע סודות, וואָס דו האָסט —
נאָר געשווינד!
עס געהט דער ווינד,
ער עטהעמט קעלט, ער הויכט מיט פראָסט,
ער וועט דיך דערשטיקען!

פערזײַע וויפיעל גאָלד דו האָסט,
שטערנדיל־רײַן, שטערנדיל־פײַן,
אין גאָלדענעם האַרץ!
נאָר היט דיך, היט,
אַ וואָלקען ציהט,
גרימיג־שוואַרץ
און שלינגט דיך אײַן —
און אַ סוף פון אַלע גליקען!

V.

נאַכט. אַ הוילער בוים אין פעלד,
אײנזאַם, שטום און בלינד!
און אַ קלאָג־ליעד אויף דער וועלט
בלאָזט אויף איהם דער ווינד!
און אויפ'ן בוים אַ שוואַרצע קראָה,
זיצט און ראַכט,
און דאָס אַלץ זאַפט אין זיך אײַן
די גראָהע נאַכט!